STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02161

ANNA KARENINA

Leo Tolstoy

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ווילנער פארלאג
ב. קלעצקין

לעוו טאָלסטאָי

אַלע קינסטלערישע ווערק

ווילנע — 1929

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

לעוו טאָלסטאָי

אַננאַ קאַרענינאַ

ראָמאַן אין אַכט טיילן

יידיש שלמה שיינבערג

ערשטער באַנד

דריטער און פערטער טייל

ווילנע — 1929
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

איבערגעזעצט מיט די אַלע צוגאָבן און אויס־
בעסערונגען לויט דער לעצטער אַקאַדעמישער
אויסגאַבע פון רוסלענדישן מלוכה־פאַרלאַג פון 1928.

PRINTED IN POLAND

Lew Tołstoj — „Anna Karenina"
Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno

דריטער טייל

I.

סערגיי איוואַנאָוויטש קאָזנישעוו האָט זיך געוואָלט אָפּרוען פון דער גייסטיקער אַרבעט און דעריבער איז ער, אָנשטאָט צו פאָרן ווי געוויינלעך קיין אויסלאַנד, געקומען צו פאָרן סוף מאַי אין דאָרף אַריין צום ברודער. לויט זיינע איבערצייגונגען, איז דאָס סאַמע בעסטע לעבן געווען דאָס דאָרפס-לעבן. ער איז געקומען אַצינד צום ברודער זיך קוויקן מיט דעמדאָזיקן לעבן. קאָנסטאַנטין לעווין איז געווען באַזונדער צופרידן, ווייל עי האָט דאָס יאָר זיך שוין נישט געריכט אויפן ברודער ניקאָלאַי. אָבער, נישט געקוקט אויף זיין ליבע און אַכטונג צו סערגיי איוואַנאָוויטשן, איז קאָנסטאַנטין לעווינען געווען אין דאָרף אומבאַקוועם מיטן ברודער. אים איז אומבאַקוועם, אפילו נישט אָנגענעם געווען דעם ברודערס באַציונגען צום דאָרף. פאַר קאָנסטאַנטין לעווינען איז דאָס דאָרף געווען אַן אָרט פון לעבן, דאָס הייסט פון פריידן, פון ליידן, פון אַרבעט; פאַר סערגיי איוואַנאָוויטשן איז דאָס דאָרף געווען, פון איין זייט, אַן אָפּרו פון דער אַויבעט, פון דער צווייטער — אַ נוצלעכער קעגנגיפט צו דער פאַרדאָרבנקייט, וועלכן ער האָט מיט פאַרגעניגן און אָנערקענונג פון זיין נוצן איינגענומען. פאַר קאָסטאַנטין לעווינען איז דאָס דאָרף מיט דעם געווען גוט, וואָס עס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ געביט פאַר, אָן ספק, נוצלעכער אַויבעט; פאַר סערגיי איוואַנאָוויטשן איז דאָס דאָרף באַזונדערס גוט געווען דערמיט, וואָס דאָרט קאָן מען און מען דאַרף גאָרנישט טון. חוצדעם, האָט אויך סערגיי איוואַנאָוויטשס באַציונג צום פאָלק אַ ביסל געאַרט קאָנסטאַנטינען. סערגיי איוואַנאָוויטש האָט געזאָגט, אַז ער האָט ליב און קען דאָס פאָלק, ער פלעגט אָפט שמועסן מיט די פויערן, וואָס ער

האט געקאנט טון גוט, אן אנשטעלן, אן קונצן, און האט פון יעדן שמועס אזעלכן ארויסגעדרונגען אלגעמיינע אויספירן לטובת דעם פאלק און אלס באוויז, אז ער קען דאסדאזיקע פאלק. אזא באציונג צום פאלק איז נישט געפעלן געווארן קאנסטאנטין לעווינען. פאר קאנסטאנטינען איז דאס פאלק געווען בלויז דער הויפט-באטייליקטער אין דער אלגעמיינער אר-בעט און, נישט געקוקט אויף דער גאנצער אכטונג און אזיווי בלוט-ליבשאפט צום פויער, וועלכע איז דורך אים איינגעזויגן געווארן, ווי ער האט אליין געזאגט, מסתמא, מיט דער מילך פון דער פויערישער אם, פלעגט ער, — אלס באטייליקטער מיט אים אין דער געמיינזאמער זאך, קומענדיק נישט איינמאל אין התפעלות פון דער קראפט, זאנפטקייט און ערלעכקייט פון דידאזיקע מענטשן, — זייער אפט ווערן אין כעס אויפן פאלק פאר זיין אפגעלאזטקייט, אומריינקייט, שיכרות, ליגנט. קאנסטאנטין לעווין, ווען מען זאל בא אים פרעגן צי ער האט ליב דאס פאלק, וואלט לחלוטין נישט געוווסט, ווי אזוי צו ענטפערן אויף דעם. ער האט ליב געהאט און נישט ליב געהאט דאס פאלק פונקט אזוי, ווי בכלל מענטשן. פארשטייט זיך, ווי א גוטער מענטש, האט ער מער ליב געהאט, ווי נישט ליב געהאט מענטשן, און דעריבער אויך דאס פאלק. אבער ליב האבן אדער נישט ליב האבן דאס פאלק, ווי עפעס באזונדערס, האט ער נישט געקאנט, ווייל ער האט נישט בלויז געלעבט מיטן פאלק, נישט בלויז אלע זיינע אינטערעסן זענען פארבונדן געווען מיטן פאלק, נאר ער האט אויך זיך אליין געהאלטן פאר א טייל פון פאלק, נישט געזעען אין זיך און אין פאלק קיין שום באזונדערע מעלות און חסרונות און נישט גע-קאנט זיך שטעלן אין פארגלייך צום פאלק. חוצדעם, הגם ער האט לאנג געלעבט אין די סאמע נאענטסטע באציונגען מיט די פויערן, ווי א בא-לעבאס און פארמיטלער, און דער עיקר, ווי אן עצה-געבער (די פויערן האבן אים געגלייבט און פלעגן פון פערציק ווי ארסט א-זום קומען צו אים עצות פרעגן), האט ער נישט געהאט קיין שום באשטימטע מיינונג וועגן פאלק, און אויף דער פראגע: צי ער קען דאס פאלק, וואלט אים געווען פונקט אזוי שווער צו ענטפערן, ווי אויף דער פראגע: צי ער האט ליב דאס פאלק? זאגן, אז ער קען דאס פאלק, וואלט געווען פאר אים דאס אייגענע, וואס זאגן, אז ער קען די מענטשן. ער האט כסדר אבסערווירט און דערקענט כלערליי מענטשן און דערונטער מענטשן-פויערן, וועלכע ער האט געהאלטן פאר גוטע און אינטערעסאנטע מענטשן, און האט אומ-אויפהערלעך באמערקט אין זיי נייע שטריכן, געענדערט וועגן זיי די

פריערדיקע מיינונגען און זיך געשאַפן נייע. סערגיי איוואַנאָוויטש — פאַרקערט. פונקט אַזוי ווי ער האָט ליב געהאַט און געלויבט דאָס דאָרפישע לעבן אַלס היפוך פון יענעם, וואָס ער האָט נישט ליב געהאַט, פונקט אַזוי האָט ער אויך ליב געהאַט דאָס פאָלק אַלס היפוך צו יענעם קלאַס מענטשן, וועלכן ער האָט נישט ליב געהאַט. און פונקט אַזוי האָט ער געקענט דאָס פאָלק, ווי עפּעס קעגנזעצלעכס בכלל צו מענטשן. אין זיין מעטאָדישן שכל האָבן זיך קלאָר צונויפגעלייגט באַשטימטע פאָרמען פון פאָלקס-לעבן, וועלכע זענען אַרויסגעדרונגען טיילווייז פון פאָלקס-לעבן גופא, אָבער דערהויפּט פון דעם קעגנשטעלן. ער האָט קיינמאָל נישט געביטן זיין מיינונג און זיין מיטפילנדע באַציונג צום פאָלק.

אין די פאָרגעקומענע מיינונגס פאַרשידנהייטן צווישן די ברידער בעת די שמועסן וועגן פאָלק פלעגט סערגיי איוואַנאָוויטש שטענדיק ביי-קומען דעם ברודער טאַקע דערמיט, וואָס סערגיי איוואַנאָוויטש האָט געהאַט באַשטימטע באַגריפן וועגן פאָלק, וועגן זיין כאַראַקטער, אייגנשאַפן און געשמאַקן; קאָנסטאַנטין לעווין אָבער האָט קיין באַשטימטן און אומגעענדערטן באַגריף נישט געהאַט, אַזוי אַז אין דידאָזיקע וויכוחים איז קאָנסטאַנטין געשטעמפּלט געוואָרן אין סותר זיין זיך אַליין.

פאַר סערגיי איוואַנאָוויטשן איז דער קלענערער ברודער זיינער געווען אַ ווילער בחור, מיט אַ האַרץ, וואָס איז *גוט אַוועקגעשטעלט געוואָרן* (ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט אויף פראַנצויזיש), אָבער מיט אַ שכל, הגם אַ גאַנץ פלינקן, דאָך אונטערגעוואָרפן די איינדריקן פון דער מינוט און דעריבער איבערגעפולטן מיט סתירות. מיט דעם אייגזעען פון אַן עלטערן ברודער האָט ער אים טיילמאָל דערקלערט די באַדייטונג פון זאַכן, אָבער נישט געפונען קיין פאַרגעניגן זיך מתווכח צו זיין מיט אים, ווייל ער האָט אים צו לייכט צעקלאַפּט.

קאָנסטאַנטין לעווין האָט געקוקט אויפן ברודער, ווי אויף אַ מענטש פון אומגעהייערן שכל און בילדונג, אַן איידעלן אין העכסטן זינען פון דעם וואָרט און באַשענקטן מיט דער פעיקייט צו אַרבעטן לטובת הכלל. אָבער טיף אין זיין נשמה, וואָס עלטער ער איז געוואָרן און וואָס נענטער ער האָט דערקענט זיין ברודער, אַלץ אָפטער און אָפטער איז אים געקומען אין קאָפּ אַריין, אַז דידאָזיקע פעיקייט פון טעטיקייט לטובת הכלל, וועלכע ער האָט אינגאַנצן נישט געפילט בא זיך, איז, אפשר, גאָרנישט

קיין מעלה, נאָר, פאַרקערט, אַ חסרון פון עפּעס, נישט קיין חסרון פון גוטע, ערלעכע, איידעלע פאַרלאַנגען און געשמאַקן, נאָר אַ חסרון פון לעבנס-קראַפט, פון דעם, וואָס מען רופט אָן האַרץ, פון יענער שטרע- בונג, וואָס גייט דעם מענטש פון אַלע אומצייליבאַרע מעגלעכע לעבנס- וועגן אויסצוקלויבן איינעם און וועלן דעם איינעם. וואָס מער ער האָט דערקענט דעם ברודער, אַלץ מער האָט ער באַמערקט, אַז אי סערגיי אי- וואַנאָוויטש אי אַ סך אַנדערע כּלל-טוער זענען נישט דורכן האַרץ דער- פירט געוואָרן צו דערדאָזיקער ליבע לטובת הכּלל, נאָר האָבן מיטן שכל באַשלאָסן, אַז ס'איז גוט זיך צו פאַרנעמען מיט דעם, און בלויז דערפאַר זיך פאַרנומען מיט דעם. אין דערדאָזיקער השערה האָט לעווינען באַפעס- טיקט אויך נאָך די באַמערקונג, וואָס דער ברודער זיינער האָט גאָרנישט מער זיך גענומען צום האַרץ די פראַגן וועגן טובת הכּלל און וועגן דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה, ווי וועגן אַ שאָך-פּאַרטיע אָדער וועגן דער שאַרפזיניקער איינריכטונג פון אַ נייער מאַשין.

חוץ דעם, איז קאָנסטאַנטין לעווינען אין דאָרף נישט אָנגענעם גע- ווען מיטן ברודער נאָך דערפאַר, וואָס אין דאָרף, באַזונדערס זומער, פלעגט לעווין תמיד זיין פאַרנומען מיטן באַלעבאַטישקייט און דער לאַנגער זומער-טאָג פלעגט אים נישט קלעקן, כּדי אָפּצוטון אַלץ, וואָס מען האָט געדאַרפט, — און סערגיי איוואַנאָוויטש האָט אָפּגערוט. אָבער, הגם ער האָט אַצינד אָפּגערוט, דאָס הייסט נישט געאַרבעט איבער זיין ווערק, איז ער אַזוי געוווינט געווען צו גייסטיקער טעטיקייט, אַז ער האָט ליב געהאַט אַרויסצוזאָגן אין אַ שיינער געפּרעסטער פאָרם די געדאַנקען, וואָס זענען אים איינגעפאַלן, און ליב געהאַט, אַז ס'זאָל אים ווער הערן. דער סאַמע געוויינלעכסטער און נאַטירלעכסטער הערער אָבער זיינער איז געווען דער ברודער. און דעריבער, נישט געקוקט אויף דער פריינטלעכער פּשוטקייט פון זייערע באַציונגען, איז קאָנסטאַנטינען נישט אָנגענעם געווען איבערצו- לאָזן אים אַליין. סערגיי איוואַנאָוויטש האָט זיך ליב געהאַט אַריינצולייגן אין גראָז אויף דער זון און ליגן אַזוי, ברענען זיך און פויל פּלוידערן.

— דו וועסט נישט גלייבן, — פלעגט ער זאָגן דעם ברודער, — וואָסער תענוג עס איז פאַר מיר דידאָזיקע כאַכלישע פוילקייט. קיין איין געדאַנק נישט אין קאָפּ, אפילו אויף קיין רפואה נישט.

אָבער קאָנסטאַנטין לעווינען איז לאַנגווייליק געווען צו זיצן און הערן אים באַזונדערס דערפאַר, וואָס ער האָט געוווּסט, אַז אָן אים פירט מען מיסט אויפן נישט איבערגעאַקערטן פעלד אַרויף און מען וועט אָנ-

וואַרפן גאָט ווייסט ווי אַזוי, אויב ער וועט נישט אַ קוק טון, און די ציין אין די אַקערס וועט מען נישט צושרויפן, נאָר זיי אַראָפּנעמען און דערנאָך זאָגן, אַז די אַקערס — דאָס איז אַ נאַרישער אויפטו און גאָר עפּעס אַנדערש איז אַ פּשוטע סאָכע און דגל.

— וועסט שוין געניג האָבן אויף דער היץ זיך אַרומצודרייען, — פלעגט אים סערגיי איוואַנאָוויטש זאָגן.

— ניין, איך דאַרף בלויז אויף אַ מינוט אין קאַנטאָר אַריינלויפן, — פלעגט לעווין זאָגן און אין פעלד אַריין אַוועקלויפן.

II.

אין די ערשטע טעג פון יוני האָט די ניאַניע און די עקאָנאָמקע אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונאַ אַראָפּגעטראָגן אין קעלער אַריין אַ סלאָי מיט נאָר־וואָס דורך איר איינגעזאַלצענע שוועמלעך, האָט זיך אויסגעגליטשט, איז געפאַלן און זיך אויסגעלענגט אַ האַנט. עס איז געקומען צו פאָרן דער יונגער, באַרעדעוודיקער, נאָר־וואָס געענדיקטער סטודענט, דער זעמסקי דאָקטאָר. ער האָט באַטראַכט די האַנט, געזאָגט, אַז זי איז נישט אויסגעלענגט, האָט צוגעלייגט אַ קאָמפּרעס, און, פאַרבלייבנדיק צום מיטאָג, באַשיינפּערלעך הנאה געהאַט פון אַ שמועס מיט דעם באַרימטן סערגיי איוואַנאָוויטש קאָזנישעוו און אים דערציילט, כדי אַרויסצווייזן זיין פּראָגרעסיוון בליק אויף זאַכן, אַלע רכילות פון קרייז, באַקלאָגנדיק זיך אויף דער שלעכטער לאַגע פון דער זעמסטוואָ. סערגיי איוואַנאָוויטש האָט אויפמערקזאַם געהערט, אויסגעפרעגט און, אָנגערעגט פונם נייעם הערער, האָט ער זיך צערעדט, אַרויסגעזאָגט עטלעכע טרעפלעכע און וואָגיקע באַמערקונגען, וואָס זענען דרך־ארצדיק אָפּגעשאַצט געוואָרן דורכן יונגן דאָקטאָר, און געקומען אין זיין אויפגעלעבטן, דעם ברודער באַקאַנטן, געמיטס־צושטאַנד, אין וועלכן ער פלעגט געוויינלעך אַריינקומען נאָך אַ גלענצענדן און לעבהאַפטן געשפּרעך. נאָך דעם דאָקטאָרס אַוועקפאָרן האָט זיך אים פאַרגלוסט צו פאָרן מיט דער ווענטקע צום טייך. סערגיי איוואַנאָוויטש האָט ליב געהאַט צו פאַנגען פיש און האָט אַזוי ווי שטאָלצירט מיט דעם, וואָס ער קאָן ליב האָבן אַזאַ נאַרישע באַשעפטיקונג.

קאָנסטאַנטין לעווין, וועלכן ס׳איז נייטיק געווען אויף די פעלדער

און לאַנקעס אַרויף, האָט זיך אַרויסגערופן צוגייערן דעם ברודער אין קאַבריאָלעט.

עס איז געווען די צייט, שוין טיף אין זומער, ווען דאָס גערעטע-ניש פונם היינטיקן יאָר האָט זיך שוין געלאָזט באַשטימען; ווען מען הייבט שוין אָן זאָרגן וועגן דעם זייען אויפן קינפטיקן יאָר און ס'איז אויך אָנגעקומען שניט-צייט; ווען דאָס קאָרן איז שוין אויפגעוואַקסן און מיט גרוי-גרינע, נישט אָנגעגאָסענע, נאָך לייכטע זאַנגען פאַליעט עס זיך אויפן ווינט; ווען דער גרינער האָבער מיט די צעוואָרפענע איבער אים קוסטעס פון געלן גראָז הייבט אָן אַרויסקריכן איבער די שפעט פאַרזייעטע פעלדער; ווען די פריע גריקע פאַרלירט שוין דאָס בליעכץ, באַדעקנדיק די ערד; ווען די פעלדער, וואָס זענען איבערגעלאָזט געוואָרן צום אויס-בעסערן אומפאַראַקערט און זענען אַזוי האַרט ווי שטיין איינגעטרעטן גע-וואָרן דורך די בהמות, אַז דער אַקער נעמט זיי נישט, זענען שוין האַלב צעאַקערט; ווען די אויסגעטרוקנטע אַרויסגעפירטע קופּקעלעך מיסט שמעקן אין די באַגינענס צוזאַמען מיט די האָניק-גרעזער, און אין די טאָלן, וואַרטנדיק אויף דער קאָסע, שטייען ווי אַן אומענדלעכער ים אָפּגעהיטענע לאָנקעס מיט זיך שוואַרצנדיקע קופּעס שטענגלעך פון אויסגעריסענעם שטשאַוו.

עס איז געווען די צייט, ווען אין דאָרפס-לעבן טרעט אַריין אַ קורצער אָפּרו פאַר דעם אָנהייבן אַראָפּנעמען פון די פעלדער, וואָס חזרט זיך איבער איטלעכעס יאָר און רופט איטלעכעס יאָר אַרויס אַלע כוחות פון פאָלק. דאָס גערעטעניש איז געווען אויסגעצייכנט, און עס זענען געשטאַנען ליטערע, הייסע זומער-טעג מיט טויאיקע קורצע נעכט.

די ברידער האָבן געדאַרפט דורכפאָרן דעם וואַלד, כדי צוצופאָרן צו די לאָנקעס. סערגיי איוואַנאָוויטש האָט זיך די גאַנצע צייט געקוויקט מיט דער שיינקייט פון דעם פון בלעטער פאַרהילטן וואַלד. אָנווייזנדיק דעם ברודער דאָ אויף אַן אַלטער ליפּע, אַ פינצטערער פון דער שאָטנ-דיקער זייט, אַ שימערירנדיקער מיט געלע שפּראָצלעך, וואָס האָט זיך געגרייט צום בליען, דאָ אויף די שמאַראַגדן-גלאַנציקע יונגע היי-יע-ריקע צווייגלעך פון דיביימער. קאָנסטאַנטין לעווין האָט נישט ליב גע-האַט צו רעדן און הערן וועגן דער שיינקייט פון דער נאַטור. די ווערטער האָבן אַראָפּגענומען פאַר אים די שיינקייט פון דעם, וואָס ער האָט גע-זען. ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ דעם ברודער, אָבער נישווילנדיק אָנגעהויבן טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש. ווען זיי זענען דורכגעפאָרן דעם

וואַלד, איז זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פאַרשלונגען געוואָרן פונם אַני־ביק פון דעם נישט באַאַרבעטן פעלד אויפן באַרג, וואָס האָט וווּ־נישט־ווו זיך געגעלט מיט גראָז, איז ווו־נישט־ווו צעשניטן געווען אין קראַט־לעך, ווו נישט ווו פאַרלייגט געווען מיט קופּעס, און ווו־נישט־ווו אויך צעאַקערט. איבערן פעלד איז געפאָרן אַ שרענגע פורן. לעווין האָט אי־בערגעציילט די פורן און איז געבליבן צופרידן מיט דעם, וואָס מען וועט אַרויספירן אַלץ, וואָס מען דאַרף, און זיינע געדאַנקען זענען באַם אַנבליק פון די לאָנקעס אַריבער אויף דער פראַגע וועגן שניט. ער האָט שטענדיק איבערגעלעבט עפּעס באַזונדער שטאַרקס באַם אַראָפּנעמען דאָס היי. צו־פאָרנדיק צו דער לאָנקע, האָט לעווין אָפּגעשטעלט דאָס פערד.

דער פרימאָרגנדיקער טוי איז נאָך געבליבן אונטן אין דעם געדיכטן יונגן גראָז, און סערגיי איוואַנאָוויטש, כדי נישט נאַס צו מאַכן די פיס, האָט געבעטן צוצופירן אים איבער דער לאָנקע אין קאַבריאָלעט צו יענעם ראָקיטע־קוסט, באַ וועלכן מ'האָט געכאַפּט אָקונעס. ווי אַ שאָד עס איז נישט געווען קאָנסטאַנטין לעווינען צו צעקנייטשן זיין גראָז, איז ער אַריינגעפאָרן אין דער לאָנקע. דאָס הויכע גראָז האָט זיך ווייך געוויקלט אַרום די רעדער און די פיס פון פערד, איבערלאָזנדיק זיינע זאָמען אויף די נאַסע ספּיכעס און בלאָקן פון די רעדער.

דער ברודער האָט זיך געזעצט הינטערן קוסט, האָט צענומען די ווענטקעס, און לעווין האָט אָוועקגעפירט דאָס פערד, צוגעבונדן עס און אַריינגעגאַנגען אין אומבאַוועגטן דורכן ווינט, ריזיקן, גרוי־גרינעם ים פון דער לאָנקע. דאָס זיידן־ווייכע גראָז מיט די רייפנדיקע זאָמען האָט גע־גרייכט כמעט ביז צום גאַרטל אויף די פייכטע ערטער.

אַריבערגייענדיק די לאָנקע אין קווער, איז קאָנסטאַנטין לעווין אַרויס־געקומען אויפן וועג און געטראָפן אַ פויער מיט אַ געשוואָלן אויג, וואָס האָט געטראָגן אַ קויש מיט בינען.

— וואָס ? האָסט געכאַפּט, פאָמיטש ? — האָט ער געפרעגט.

— וואָסער געכאַפּט, קאָנסטאַנטין דמיטריטש ! הלוואי איך זאָל מיינע דערהיטן. שוין דאָס צווייטע מאָל אַוועק. אַ גליק די קינדער זענען געקומען צו לויפן. באַ אייך פאַשען זיי. זיי האָבן אויסגעשפּאַנט אַ פערד, געקומען צו לויפן...

— נו, ווי מיינסטו, פאָמיטש, — שניידן אָדער צוּוואַרטן ?

— מילא ! לויט אונז, דאַרף מען ביזן פּעטראָוו־טאָג צוּוואַרטן.

אָבער איך שניידט שטענדיק פריער. וואַס-זשע, וועט דאָס גוט זיין מיט גאָטס הילף. די בהמות וועלן אַ רחבה האָבן.

— און דאָס וועטער, ווי מיינסטו?

— אַ גאָטס-זאַך. אפשר וועט אויך שיין וועטער זיין.

לעווין איז צוגעגאַנגען צום ברודער.

עס האָט זיך גאָרנישט געכאַפּט, אָבער סערגיי איוואַנאָוויטש האָט זיך נישט געלאַנגווײַלט און האָט אויסגעזעען אין בעסטן געמיטס-צושטאַנד. לעווין האָט געזען, אַז אָנגערעגט דורכן געשפּרעך מיטן דאָקטאָר, האָט ער געוואָלט אַ ביסל שמועסן. לעווינען ווידער, פאַרקערט, האָט זיך געגלוסט וואָס גיכער אַהיים, כּדי צו פאַראָרדענען וועגן דעם אַרויסרופן די שניטערס אויף מאָרגן און אַנטשיידן די פראַגע וועגן שניט, וועלכע האָט אים שטאַרק פאַרנומען.

— וואָס-זשע, מיר וועלן פאָרן, — האָט ער געזאָגט.

— וווהין-זשע איילן זיך? מיר וועלן זיצן אַ ביסל. ווי נאַס דו ביסט עס געוואָרן! כאָטש עס כאַפּט זיך נישט, אָבער ס'איז גוט. איטלעכע יאַגד איז מיט דעם גוט, וואָס מען האָט צו טון מיט דער נאַטור. נו, וואָסער פּראַכט דאָסדאָזיקע שטאָלערנע וואַסער איז! — האָט ער געזאָגט. — דידאָזיקע לאָנקע-ברעגן, — האָט ער פאָרגעזעצט, — דערמאָנען מיר שטענדיק דאָס רעטעניש. — ווייסט? דאָס גראָז זאָגט דעם וואַסער: און מיר וועלן זיך צושאָקלען.

— מיר איז נישט באַקענט דאָסדאָזיקע רעטעניש, — האָט לעווין אומעטיק געענטפערט.

III.

— און ווייסט, איך האָב געטראַכט וועגן דיר, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט. — דאָס האָט קיין זינען נישט, וואָס עס טוט זיך בײַ אייך אין קרייז, ווי דערדאָזיקער דאָקטאָר האָט מיר דערציילט; ער איז גאָרנישט קיין נאַרישער יונגערמאַן. און איך האָב דיר געזאָגט און זאָג: עס איז נישט גוט, וואָס דו פאָרסט נישט אויף די פאַרזאַמלונגען און האָסט דיך בכלל אָפּגערוקט פון דער זעמסטווע. אויב אָנשטענדיקע מענטשן וועלן

זיך דערווייטערן, וועט, פאַרשטייט זיך, אַלץ גיין גאָט ווייסט ווי אַזוי. געלט צאָלן מיר, עס גייט אויף פּענסיעס, און עס איז נישטאָ ניט קיין שולן, נישט קיין פעלדשערס, נישט קיין היבאַמס, נישט קיין אַפּטייקן, — עס איז גאָרנישטאָ.

— איך האָב דאָך געפּרוווט, — האָט שטיל און נישט גערן לעווין געענטפערט, — איך קאָן נישט! נו, וואָס־זשע זאָל איך טון!

— וואָס קאָנסטו נישט? איך בין מיך מודה, איך פאַרשטיי נישט. גלייכגילטיקייט, נישט קענען — אָנערקען איך ניעט; זאָל עס פשוט זיין פוילקייט?

— נישט דאָס, נישט דאָס צווייטע, נישט דאָס דריטע. איך האָב געפּרוווט, און זע, אַז איך קאָן גאָרנישט טון, — האָט לעווין געזאָגט.

ער האָט ווייניק זיך איינגעהערט אין דעם, וואָס דער ברודער האָט געזאָגט. איינקוקנדיק זיך אין דער לאָנקע נאָכן טייך, האָט ער באַמערקט עפּעס שוואַרצס, אָבער נישט געקאָנט אונטערשיידן, צי דאָס איז אַ פערד אָדער דער פאַרוואַלטער אויף אַ פערד.

— פאַרוואָס־זשע קאָנסטו גאָרנישט טון? דו האָסט געמאַכט אַ פּרוווו, און עס איז נישט געלונגען, ווי דו האָסט געוואָלט, און דו גיסט דיך אונטער. ווי אַזוי האָט מען נישט קיין איינגליבע?

— איינגליבע, — האָט לעווין געזאָגט, פילנדיק זיך געטראָפן פון ברודערס ווערטער, — איך פאַרשטיי נישט. ווען מען וואָלט מיר אין אוניווערזיטעט געזאָגט, אַז אַנדערע פאַרשטייען אַן אינטעגראַלע אויסרעכנונג, און איך פאַרשטיי נישט, דאָ איז איינגליבע. נאָר דאָ דאַרף מען זיין איבערצייגט פריער, אַז מען מוז האָבן געוויסע פעיקייטן פאַר דידאָזיקע זאַכן, און דער עיקר אין דעם, אַז דידאָזיקע אַלע זאַכן זענען זייער וויכטיק.

— איז וואָס־זשע! דאָס איז דען נישט וויכטיק? — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט, פילנדיק זיך געטראָפן אויך פון דעם, וואָס זיין ברודער האַלט פאַר נישט וויכטיק דאָס, וואָס אינטערעסירט אים, און באַזונדערס פון דעם, וואָס ער האָט אים, משמעות, כמעט נישט געהערט.

— מיר זעט דאָס נישט אויס וויכטיק, עס נעמט מיך נישט, וואָס־זשע ווילסטו?... — האָט לעווין געענטפערט, באַמערקנדיק, אַז דאָס, וואָס ער האָט געזעען, איז געווען דער פאַרוואַלטער, און אַז דער פאַרוואַלטער האָט, מסתמא, אָפּגעלאָזט די פויערן פון אַקערן. זיי האָבן איבערגעדריי

די אַקעראַייזנס. „צי האָבן זיי שוין אָפּגעאַקערט ?" האָט ער אַ קלער געטון.

— נו, הער פּונדעסטווען, — האָט, אָנכמורענדיק זיין שיין, קלוג פּנים, דער עלטערער ברודער געזאָגט, — עס זענען דאָ גרענעצן פאַר אַלץ. דאָס איז זייער פיין צו זיין אַן אויסטערלישער און אויפריכטיקער מענטש און נישט ליב צו האָבן קיין פאַלשקייט, — איך ווייס דאָס אַלץ; אָבער דאָס, וואָס דו זאָגסט, אָדער עס האָט נישט קיין זינען, אָדער עס האָט זייער אַ שלעכטן זינען. ווי אַזוי האַלטסטו פאַר נישט וויכטיק, וואָס דאָס פאָלק, וועלכעס דו האָסט ליב, ווי דו פאַרזיכערסט...

„איך האָב קיינמאָל נישט פאַרזיכערט", האָט קאָנסטאַנטין לעווין אַ קלער געטון.

— ...שטאַרבט אָן הילף ? די גראָבע הייבאַמען ברענגען אום די קינדער, און דאָס פאָלק זינקט אין אומוויסנהייט און בלייבט אין דער מאַכט פון יעדן שרייבערל, און דיר איז געגעבן געוואָרן אין די הענט אַריין אַ מיטל צו העלפן צו דעם, און דו העלפסט נישט, ווייל לויט דיר איז דאָס נישט וויכטיק.

און סערגיי איוואַנאָוויטש האָט אים געשטעלט די דילעמע : אָדער דו ביסט אַזוי נישט אַנטוויקלט, אַז דו קאָנסט נישט זעען אַלץ, וואָס דו קאָנסט טון, אָדער דו ווילסט זיך נישט אָפּזאָגן פון דיין רויקייט, גאווה, איך ווייס נישט וואָס, כדי דאָס צו טון.

קאָנסטאַנטין לעווין האָט געפילט, אַז עס בלייבט אים בלויז זיך אונטערצוגעבן אָדער זיך מודה צו זיין אין מאַנגל פון ליבע צו כלל-ענינים. און דאָס האָט אים באַליידיקט און מצער געווען.

— אי דאָס, אי יענץ, — האָט ער אַנטשלאָסן געזאָגט, — איך זע נישט, אַז מען זאָל קאָנען...

— ווי ? מען קאָן נישט, גוט פונאַנדערטיילנדיק דאָס געלט, געבן מעדיצינישע הילף ?

— מען קאָן נישט, ווי מיר דאַכט זיך... אויף פיר טויזנט קוואַדראַט-ווייאָרסט פון אונזער קרייז, מיט אונזערע זומפּן, שניי-שטורעמס, אַרבעט-צייט, זע איך נישט קיין מעגלעכקייט צו געבן אומעטום מעדיצינישע הילף. און איך גלייב בכלל נישט אין דער מעדיצין.

— נו, דערלויב, דאָס איז נישט גערעכטיק... איך וועל דיר טויזנט ביישפּילן ברענגען... נו, און שולן ?

— נאָכוואָס שולן ?

וואָס רעדסטו! צי קאָן דען זיין א ספק אין דעם נוצן פון בילדונג? אויב זי איז גוט פאַר דיר, איז אויך פאַר יעדן.

קאָנסטאַנטין לעווין האָט זיך געפילט מאָראַליש צוגעשטופּט צו דער וואַנט און דעריבער זיך צעהיצט אין נישט ווילנדיק אַרויסגעזאָגט די הויפּט-סיבה פון זיין גלייכגילטיקייט צו כלל-ענינים.

— אפשר איז דאָס אַלץ גוט; אָבער וואָס האָב איך צו זאָרגן וועגן גרינדן מעדיצינישע פּונקטן, מיט וועלכע איך באַנוץ מיך קיינמאָל נישט, און שולן, וווהין איך וועל מיינע קינדער נישט שיקן. וווהין אויך די פּויערן וועלן די קינדער נישט שיקן, און איך גלייב נאָך נישט פעסט, אַז מען דאַרף זיי שיקן? — האָט ער געזאָגט.

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט אויף אַ מינוט פאַרווּנדערט דערדאָזיקער אומגעריכטער בליק אויף דער זאַך; אָבער ער האָט גלייך געשאַפן אַ נייעם פּלאַן פון אַנגריף.

ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע, אַרויסגענומען איין ווענטקעלע, אַריבערגעוואָרפן אין שמייכלענדיק זיך געווענדט צום ברודער:

— נו, דערלויב... ערשטנס, איז דער מעדיצינישער פּונקט צונוץ געקומען. אָט האָבן מיר פאַר אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונעס וועגן געשיקט נאָכן זעמסקי דאָקטאָר.

— נו, איך מיין, פונדעסטוועגן, אַז די האַנט וועט בלייבן קרום.

— דאָס איז נאָך אַ פראַגע... חוצדעם איז דאָך אַ פּויער, אַן אַרבעטער, וואָס קאָן לייענען און שרייבן אויך פאַר דיר נייטיקער און טייערער.

— ניין, פרעג באַ וועמען דו ווילסט, — האָט קאָנסטאַנטין לעווין אַנטשלאָסן געענטפערט, — אַזעלכער, וואָס קאָן לייענען און שרייבן, איז אַלס אַרבעטער אַ סך ערגער. און די וועגן פאַרריכטן קאָן מען נישט; און די בריקן, ווי מען שטעלט זיי נאָר, ווערן זיי צעגנבעט.

— איבעריקנס, — האָט אָנכמורענדיק זיך געזאָגט סערגיי איוואַנאָוויטש, וואָס האָט נישט ליב געהאַט קיין דערווידערונגען און באַזונדערס אַזעלכע, וואָס זענען כסדר אַריבערגעשפּרונגען פון איין זאַך אויף דער צווייטער און האָבן אָן מינדסטן צוזאַמענהאַנג אַריינגעפירט נייע באַווייזן, אַזוי אַז מען האָט נישט געקאָנט וויסן, אויף וואָס צו ענטפערן, — איבעריקנס, נישט אין דעם האַנדלט זיך. דערלויב. צי אָנערקענסטו, אַז בילדונג איז אַ ברכה פאַרן פאָלק?

— איך אָנערקען, — האָט לעווין צופעליק געזאָגט און גלייך אַ

קלער געטון, אַז ער האָט נישט געזאָגט דאָס, וואָס ער טראַכט. ער האָט געפילט, אַז אויב ער וועט דאָס אָנערקענען, וועט אים דערוויזן ווערן, אַז ער רעדט נאַרישקייטן, וואָס האָבן נישט קיין שום זינען. ווי אַזוי דאָס וועט אים דערוויזן ווערן, האָט ער נישט געוווסט, נאָר געוווסט, אַז דאָס וועט אומצווייפלהאַפט לאָגיש אים דערוויזן ווערן, און ער האָט געוואַרט אויף דידאָזיקע באַווייזן.

דאָס דערווייזן איז אַרויסגעקומען אַ סך איינפאַכער, ווי קאָנסטאַנטין לעווין האָט זיך גערעכנט אויף דעם.

— אויב דו אָנערקענסט דאָס אַלס ברכה, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט, — איז, ווי אַן ערלעכער מאַן, קאָנסטו נישט ליב האָבן און נישט מיטפילן אַזאַ זאַך און דעריבער נישט וועלן אַרבעטן פאַר איר.

— אָבער איך אָנערקען נאָך נישט דידאָזיקע זאַך פאַר גוט, — האָט קאָנסטאַנטין לעווין רויט ווערנדיק געזאָגט.

— ווי? דו האָסט דאָך ערשט געזאָגט...

— דאָס הייסט, איך אָנערקען זי נישט פאַר גוט און נישט פאַר מעגלעך.

— דאָך קאָנסטו נישט וויסן, נישט האָבנדיק געמאַכט קיין אָנשטרענגונגען.

— נו, לאָמיר אָננעמען, — האָט לעווין געזאָגט, הגם ער האָט דאָס גאָרנישט געמיינט, — לאָמיר אָננעמען, אַז דאָס איז אַזוי; נאָר איך זע פונדעסטוועגן נישט, פאַרוואָס איך זאָל וועגן דעם זאָרגן.

— דאָס הייסט ווי אַזוי?

— ניין, אויב מיר האָבן זיך שוין דעררעדט, איז דערקלער מיר פון פילאָזאָפישן שטאַנדפונקט, — האָט לעווין געזאָגט.

— איך פאַרשטיי נישט, צוואָס מען דאַרף דאָ פילאָזאָפיע, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט, ווי לעווינען האָט זיך געדאַכט, מיט אַזאַ טאָן, ווי ער וואָלט נישט אָנערקענט דעם ברודערס רעכט צו רעדן וועגן פילאָזאָפיע. און דאָס האָט צערייצט לעווינען.

— אָט צוואָס! — האָט ער זיך היציק צערעדט. — איך מיין, אַז די טרייב-קראַפט פון אַלע אונזערע מעשים איז פונדעסטוועגן דאָס פערזענלעכע גליק. איך, ווי אַן אַדלמאַן, זע נישט אַצינד אין די זעמסקע אינסטיטוציעס גאָרנישט, וואָס זאָל מיטווירקן צו מיין וווילשטאַנד. די וועגן זענען נישט בעסער און קאָנען נישט זיין בעסער; מיינע פערד פירן מיך אויך

איבער די שלעכטע. די דאָקטוירים און די פּונקטן זענען מיר נישט נייטיק. דער פּרידנס-ריכטער איז מיר נישט נייטיק, — איך וועל מיך קיינמאָל נישט צו אים און וועל מיך נישט ווענדן. די שולן זענען מיר נישט בלויז נישט נייטיק, נאָר אַפילו שעדלעך, ווי איך האָב דיר געזאָגט. פאַר מיר זענען די זעמסקע אינסטיטוציעס פּשוט אַ חוב צו צאָלן אַכצען קאָפּיקעס פון דיעסאַטין, פאָרן אין שטאָט אַריין, שלאָפן מיט וואַנצן און אויסהערן כלערליי נאַרישקייטן און מיאוסקייטן, און דער פּערזענלעכער אינטערעס רעגט מיך נישט אָן דערצו.

— דערלויב, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש מיט אַ שמייכל איבערגעשלאָגן, — דער פּערזענלעכער אינטערעס האָט אונז נישט אָנגערעגט צו אַרבעטן פאַר דער באַפרייונג פון די פּויערן, און מיר האָבן געאַרבעט.

— ניין! — האָט, אַלץ מער זיך היצנדיק, קאָנסטאַנטין איבערגעשלאָגן. — די באַפרייונג פון די פּויערן איז געווען עפּעס אַנדערש. דאָ איז געווען אַ פּערזענלעכער אינטערעס. עס האָט זיך געגלוסט אַראָפּוואַרפן פון זיך דעמדאָזיקן יאָך, וועלכער האָט אונז, אַלע גוטע מענטשן, געדריקט. אָבער זיין אַ ראַטמאַן, דיסקוטירן וועגן דעם, וויפיל אַסטריטרייניקער עס איז נייטיק און ווי אַזוי די רערן דורכצופירן — אין אַ שטאָט, ווו איך וווין נישט; זיין אַ געשוואָרענער און משפּטן אַ פּויער, וואָס האָט געגנבעט חזיר-פלייש, און זעקס שעה אויסהערן אַלע נאַרישקייטן, וואָס ס'פּלוידערן די פאַרטיידיקער און די פּראָקוראָרן, און ווי דער פאָרזיצער פרעגט בײַ מיין אַלטן אַליאָשקען, דעם נאַר: „צי אָנערקענט איר, הער באַשולדיקטער, דעם פאַקט פון צונעמען דאָס חזיר-פלייש?“ — „הא?“

קאָנסטאַנטין לעווין איז שוין אַראָפּ פון דער טעמע, האָט אָנגעהויבן פאָרצושטעלן דעם פאָרזיצנדן און אַליאָשקען, דעם שוטה; אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס אַלץ געהער זיך אָן מיטן ענין.

אָבער סערגיי איוואַנאָוויטש האָט אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס.

— נו, איז וואָס ווילסטו זאָגן?

— איך וויל בלויז זאָגן, אַז די רעכט, וועלכע רירן אָן מיך... מיין אינטערעס, וועל איך שטענדיק פאַרטיידיקן מיט אַלע כוחות; אַז ווען מען האָט בײַ אונז, בײַ די סטודענטן, געמאַכט אַ רעוויזיע און אונזערע בריוו האָבן געלייענט זשאַנדאַרן, בין איך גרייט מיט אַלע כוחות צו פאַרטיידיקן דידאָזיקע רעכט, פאַרטיידיקן מיינע רעכט פון בילדונג, פרייהייט. איך פאַרשטיי מיליטער-דינסט, וועלכע רירט אָן דעם גורל פון מיינע

קינדער, מיינע ברידער און פון מיר אַליין; איך בין גרייט צו דיספוטירן וועגן דעם, וואָס איז נוגע מיר; אָבער משפטן, ווי אַהינצוטון די פערציק טויזנט רובל פון זעמסקע געלט אָדער אַליאָשען דעם נאַר משפטן, פאַרשטיי איך נישט און וויל נישט.

קאָנסטאַנטין לעווין האָט גערעדט אַזוי, ווי ס'וואָלט דורכגעריסן געוואָרן די גרעבליע פון זיינע ווערטער. סערגיי איוואַנאָוויטש האָט אַ שמייכל געטון.

— אָבער מאָרגן וועסטו אַליין געמשפט ווערן: וואָס־זשע, וואָלט דיר אָנגענעמער געווען, מען זאָל דיך משפטן אין דער אַלטער קרימינעלער פּאַלאַטע?

— איך וועל מיך נישט משפטן. איך וועל קיינעם נישט דערשעכטן, און איך דאַרף דאָס נישט. נו, שוין! — האָט ער פאָרגעזעצט, ווידער איבערשפרינגענדיק אויף עפּעס, וואָס האָט נישט געפּאַסט צום ענין, — אונזערע זעמסקע אינסטיטוציעס און דאָס אַלץ איז ענלעך צו בערעזעלעך, וועלכע מיר האָבן, ווי אין טראָיצין־טאָג, אַריינגעשטעקט, כדי ס'זאָל ענלעך זיין צום וואַלד, וואָס איז אין אייראָפּע אַליין אַרויסגעוואַקסן, און איך קאָן נישט מיטן גאַנצן האַרץ אונטערגיסן און גלייבן אין דידאָזיקע בערעזעלעך.

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט בלויז אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס, אויסדריקנדיק מיט דעם זשעסט פאַרוואונדערונג דערויף, פונוואַנען עס האָבן זיך אַצינד דערנומען אין זייער וויכוח דידאָזיקע בערעזעלעך, הגם ער האָט גלייך פאַרשטאַנען דאָס, וואָס זיין ברודער האָט געוואָלט זאָגן מיט דעם.

— דערלויב, אַזוי קאָן מען דאָך נישט רעדן, — האָט ער באַמערקט. אָבער קאָנסטאַנטין לעווין האָט זיך געוואָלט פאַרענטפערן פאַרן חסרון, וועלכן ער האָט געקענט בא זיך, — פאַר זיין גלייכגילטיקייט צום אַלגעמיינעם וווילזיין, און ער האָט ווייטער גערעדט:

- איך מיין, — האָט קאָנסטאַנטין געזאָגט, אַז קיין שום טעטיקייט קאָן נישט האָבן קיין האַפט, אויב זי שטיצט זיך נישט אויף פערזענלעכן אינטערעס. דאָס איז אַן אַלגעמיינער אמת, אַ פילאָזאָפישער, — האָט ער געזאָגט מיט אַנטשלאָסנקייט, איבערחזרנדיק דאָס וואָרט פילאָזאָפישער, ווי וועלנדיק באַווייזן, אַז ער האָט אויך דאָס רעכט, ווי איטלעכער, צו רעדן וועגן פילאָזאָפיע.

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט נאָכאַמאָל אַ שמייכל געטון. „און ער

האָט איך דאַרט עפּעס אַן אייגענע פילאָזאָפיע אין דינסט פון זיינע נייגונגען", האָט ער אַ קלער געטון.

— נו, וועגן פילאָזאָפיע לאָז שוין בעסער צו רו, — האָט ער געזאָגט. די הויפּט-אויפגאַבע פון דער פילאָזאָפיע פון אַלע דורות באַשטייט טאַקע אין דעם, אַז מען זאָל געפינען די נויטווענדיקע פאַרבינדונג, וועלכע עקזיסטירט צווישן דעם פּערזענלעכן אינטערעס און דעם אַלגעמיינעם. אָבער נישט אין דעם האַנדלט זיך, נאָר ס'האַנדלט זיך דעריין, אַז איך דאַרף בלויז אויסבעסערן דיין פאַרגלייך. די בערעזעלעך זענען נישט אַריינגעשטעקט, נאָר טייל זענען פאַרפלאַנצט, טייל פאַרזייעט, און מיט זיי דאַרף מען זיך באַגיין פאָרזיכטיקער. בלויז יענע פעלקער האָבן אַ צוקונפט, בלויז יענע פעלקער קענען אָנגערופן ווערן היסטאָרישע, וועלכע האָבן אַ חוש פאַר דעם, וואָס איז וויכטיק און ווערטפול אין זייערע איינריכטונגען, און האַלטן זיי טייער.

און סערגיי איוואַנאָוויטש האָט איבערגעטראָגן די פראַגע אויפן פילאָזאָפיש-געשיכטלעכן געביט, וואָס איז נישט צוטריטלעך געווען פאַר קאָנסטאַנטין לעווינען, און אויפגעוויזן אים די גאַנצע נישט ריכטיקייט פון זיין בליק.

— וואָס שייך אָבער דעם, וואָס דיר געפעלט דאָס נישט, איז דאָס, זאָלסט מיר מוחל זיין, אונזער רוסישע פוילקייט און פּריצישקייט, און איך בין זיכער, אַז דאָס איז בײַ דיר אַ צייטווייליקע פאַרבלאָנזשעטקייט און דאָס וועט איבערגיין.

קאָנסטאַנטין האָט געשוויגן. ער האָט געפילט, אַז ער איז צעקלאַפּט פון אַלע זייטן, נאָר ער האָט אייניציטיק געפילט, אַז דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן, איז נישט פאַרשטאַנען געוואָרן דורך זיין ברודער. ער האָט בלויז נישט געוווסט, פאַרוואָס דאָס איז נישט פאַרשטאַנען געוואָרן: צי דערפאַר, וואָס ער האָט נישט געקאָנט דייטלעך אַרויסזאָגן דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט, צי דערפאַר, וואָס דער ברודער האָט נישט געוואָלט אָדער נישט געקאָנט אים פאַרשטיין. אָבער ער האָט זיך נישט פאַרטיפט אין דידאָזיקע געדאַנקען און, נישט דערווידערנדיק דעם ברודער, זיך פאַרטראַכט וועגן גאָר אַן אַנדערן, זיינס אַ פּערזענלעכן ענין.

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט פאַרוויקלט די לעצטע ווענדקע, האָט אָפּגעבונדן דאָס פערד, און זיי זענען אוועקגעפאָרן.

IV.

דער פערזענלעכער ענין, וואָס האָט פאַרנומען לעווינען בעת זיין געשפּרעך מיטן ברודער, איז געווען פאָלגנדער: אין פאַרגאַנגענעם יאָר, קומענדיק איינמאָל צום שניט און אָנבייזערנדיק זיך אויפן פאַרוואַלטער, האָט לעווין באַנוצט זיין באַרויקונגס-מיטל — גענומען בײַ אַ פּויער די קאָסע און אָנגעהויבן צו שניידן.

דידאָזיקע אַרבעט איז אים אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז ער האָט עטלעכע מאָל זיך גענומען שניידן; ער האָט אויסגעקאָשעט די גאַנצע לאָנקע פאַרן הויז, און דאָס הײַנטיקע יאָר שוין אין פרילינג זיך צונויפגעשטעלט אַ פּלאַן — צו קאָשען מיט די פּויערן גאַנצע טעג. זינט דעם ברודערס קומען האָט ער זיך געשלאָגן מיט דער דעה: קאָשען אָדער נישט? אים איז איבער דער טבע געווען איבערצולאָזן דעם ברודער איינעם אַליין גאַנצע טעג, און ער האָט מורא געהאַט, אַז דער ברודער זאָל אים נישט אויסלאַכן פאַר דעם. אָבער, דורכגייענדיק זיך איבערן פעלד, דערמאָנענדיק זיך דעם איינדרוק פון קאָשען, האָט ער שוין כמעט באַשלאָסן, אַז ער וועט קאָשען. נאָך דעם אויפגערעגטן שמועס מיטן ברודער האָט ער זיך ווידער דערמאָנט דעמדאָזיקן באַשלוס.

„מען דאַרף פיזישע באַוועגונג, אַנדערש ווערט מיין כאַראַקטער איינגאַנצן קאַליע“, האָט ער אַ קלער געטון און זיך אַנטשלאָסן צו קאָשען, ווי נישט אָנגענעם דאָס זאָל אים נישט זיין פאַרן ברודער און פאַר די מענטשן.

אָוונט-צייט איז קאָנסטאַנטין לעווין אַרייַנגעגאַנגען אין קאַנטאָר, האָט פאַראָרדנט וועגן דער אַרבעט און געשיקט איבער די דערפער אַרויסרופן אויף מאָרגן שניטערס, כדי צו קאָשען די ק אַ ל י נ אָ װ ע ר לאָנקע, די סאַמע גרעסטע און בעסטע.

— און מיין קאָסע שיקט, איך בעט אייך, צו טיטן, ער זאָל זי אויסשאַרפן און אַרויסברענגען מאָרגן: איך וועל, אפשר, אַליין אויך קאָשען, — האָט ער געזאָגט, באַמיענדיק זיך נישט צו זשענירן זיך.

דער פאַרוואַלטער האָט אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— איך הער אייך.

אינאָוונט באַ דער טיי האָט לעווין אויך געזאָגט דעם ברודער.

— דאַכט זיך, עס האָט זיך געשטעלט אַ וועטער, — האָט ער געזאָגט. — מאָרגן הייב איך אָן צו קאָשען.

— איך האָב זייער ליב דידאָזיקע אַרבעט, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט.

— איך האָב שרעקלעך ליב. איך אַליין פלעג טיילמאָל קאָשען מיט די פויערן און מאָרגן וויל איך אַ גאַנצן טאָג קאָשען.

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיט נייגיריקייט אַ קוק געטון אויפן ברודער.

— דאָס הייסט ווי אַזוי? גלייך מיט די פויערן, אַ גאַנצן טאָג?

— יאָ, דאָס איז זייער אָנגענעם, — האָט לעווין געזאָגט.

— דאָס איז הערלעך, ווי אַ פיזישע איבונג, אָבער ווער ווייסט צי דו וועסט דאָס אויסהאַלטן, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש אָן דער מינדסטער איראָניע געזאָגט.

— איך האָב געפּרוווט. אין אָנהייב איז שווער, דערנאָך גייט מען אַריין אין דער אַרבעט. איך מיין, אַז איך וועל נישט אָפּשטיין...

— אַזוי! נאָר זאָג, ווי אַזוי קוקן די פויערן אויף דעם? זיי לאַכן, משמעות, וואָס דער פּריץ שפּילט זיך.

— ניין, איך רעכן נישט, נאָר דאָס איז אַזאַ פריילעכע און אייגנאַרטיקע שווערע אַרבעט, אַז ס'איז נישטאָ קיין צייט צו טראַכטן.

— נאָר ווי אַזוי וועסטו עסן מיטאָג מיט זיי? אַהין לאַפיט און אַ געבראָטענע אינדיטשקע דיר שיקן איז שוין נישט אָנגענעם.

— ניין, איך וועל בלויז אין דער צייט פון זייער אָפּרו קומען אַהיים.

צומאָרגנס איז קאָנסטאַנטין לעווין אויפגעשטאַנען פריער ווי געוויינלעך, אָבער די באַלעבאַטישע פאַראָרדנונגען האָבן אים פאַרהאַלטן, און ווען ער איז געקומען צום שניט, זענען שוין די שניטערס געגאַנגען איבער דער צווייטער רייע.

נאָך אויפן באַרג האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט די שאָטנדיקע, שוין אָפּגעקאָשעטע טייל פון דער לאָנקע מיט די גרויע רייען און שוואַרצע קופּקעלעך פון די קאַפּטנס, וואָס די שניטערס האָבן אויסגעטון, אויף יענעם אָרט, פונוואַנען זיי האָבן די ערשטע רייע אָנגעהויבן.

וואָס מער ער איז צוגעפאָרן, אַלץ מער האָבן זיך אים אַנטפּלעקט די פויערן, וואָס זענען געגאַנגען איינער נאָכן צווייטן אין אַ צעצויגענער

שרענגע און פארשידן געפּאַכעט מיט די קאַסעס ווער אַנגעטאָן אין אַ קאַפּטן, ווער אין בלויזן העמד. ער האָט זיי אָפּגעציילט צוויי און פערציק מאַן.

זיי האָבן זיך פּאַמעלעך באַוועגט איבער דעם נישט גלייכן טאָל פון דער לאָנקע, ווו עס איז געווען אַ אַלטע גרעבליע. עטלעכע אייגענע פויערן האָט לעווין דערקענט. דאָ איז געווען דער אַלטער יערמעל אין זייער אַ לאַנג ווייס העמד, וואָס האָט איינגעבויגענערהייט געפּאָכעט מיט דער קאָסע; דאָ איז געווען דער קליינער יאַט וואַסקאַ, לעווינס געוועזענער קוטשער, וואָס האָט איינס־צוויי גענומען יעדע רייע. דאָ איז אויך געווען טיט, לעווינס לערער פון קאָשען, אַ קליין דאַר פויערל. ער איז, נישט איינבייגנדיק זיך, געגאַנגען פאָרויס, ווי שפּילנדיק זיך מיט דער קאָסע, אָפּשניידנדיק זיין ברייטע רייע.

לעווין איז אַראָפּגעגאַנגען פון פערד, אַנגעבונדן עס באַם וועג און זיך צונויפגעגאַנגען מיט טיטן, וועלכער האָט אַרויסגענומען פון אַ קוסט אַ צווייטע קאָסע און זי אים דערלאַנגט.

— פאַרטיק, הער, זי גאָלט. זי קאָשעט אַליין, — האָט טיט געזאָגט, מיט אַ שמייכל אַראָפּנעמענדיק דאָס היטל און דערלאַנגענדיק אים די קאָסע.

לעווין האָט גענומען די קאָסע און אָנגעהויבן צו פאַרמעסטן זיך די שניטערס, וואָס האָבן פאַרענדיקט זייערע רייען, זענען דערשוויצטע און פריילעכע, איינער נאָכן צווייטן אַרויסגעגאַנגען אויפן וועג און לאַכנדיק באַגריסט דעם פּריץ. זיי האָבן אַלע געקוקט אויף אים. אָבער קיינער האָט גאָרנישט גערעדט אַזוי לאַנג, ביז דער אַרויסגעגאַנגענער אויפן וועג הויכער אַלטער מיטן געראָנצלטן און בערדיקן פּנים, אין דער שעפּסענער קורטקע, האָט זיך נישט געווענדט צו אים:

— געדענק־זשע, פּריץ, זיך אונטערגענומען, זאָלסטו נישט אָפּשטיין, — האָט ער געזאָגט, און לעווין האָט דערהערט אַ איינגעהאַלטן געלעכטער צווישן די שניטערס.

— איך וועל מיך באַמיען נישט אָפּצושטיין, — האָט ער געזאָגט, שטעלנדיק זיך הינטער טיטן און וואַרטנדיק ביז מען וועט אָנהייבן.

— געדענק־זשע, — האָט דער אַלטער איבערגעחזרט.

טיט האָט פריי געמאַכט אַן אָרט, און לעווין האָט זיך געלאָזט גיין נאָך אים. דאָס גראָז איז געווען נידעריק, אַזוינס, וואָס וואַקסט באַם וועג, און לעווין, וואָס האָט שוין לאַנג נישט געקאָשעט און איז געווען אין פאַרלעגנהייט פון די אויף אים געווענדטע בליקן, האָט די ערשטע מינוטן געקאָשעט

שלעכט, הגם ער האָט שטאַרק געפּאַכעט. הינטער אים האָבן זיך דערהערט שטימען:

— זי איז נישט גוט אַרויפגעזעצט, דאָס הענטל איז הויך, — קוקסט, ווי ער בייגט זיך, — האָט איינער געזאָגט.

— מיט דער פּיענטע שפּאַר דיך מער אָן, — האָט אַ צווייטער געזאָגט.

— עס שאַדט נישט, גוט, ער וועט זיך איינאַרבעטן, — האָט דער אַלטער ווייטער גערעדט. — קוקסט, ווי ס'גייט בא אים... אַ צו ברייטע רייע נעמסטו, וועסט מיד ווערן... אַ באַלעבאָס, פּלייסט זיך פאַר זיך אַליין. און זע נאָר די אונטערשטע רייע. פאַר דעם האָט אונזערער אַ ברודער איבערן הויקער געקריגן.

דאָס גראָז איז געוואָרן ווייכער, און לעווין, וואָס האָט געהערט, אָבער נישט געענטפערט און זיך באַמיט צו קאָשען ווי מעגלעך בעסער, איז געגאַנגען נאָך טיטן. זיי זענען אָפּגעגאַנגען אַ הונדערט טריט. טיט איז אַלץ געגאַנגען, נישט אָפּגעשטעלט זיך, נישט אַרויסגעוויזן די מינדסטע מידקייט; אָבער לעווינען האָט שוין אָנגעהויבן שרעקן, אַז ער וועט נישט אויסהאַלטן: אַזוי מיד איז ער געוואָרן.

ער האָט געפילט, אַז ער פאַכעט מיט די לעצטע כּוחות און באַשלאָסן צו בעטן טיטן זיך אָפּצושטעלן. נאָר אין דער זעלבער צייט האָט טיט אַליין זיך אָפּגעשטעלט און, אַראָפּבייגנדיק זיך, גענומען גראָז, אָפּגעווישט די קאָסע און אָנגעהויבן שאַרפן זי. לעווין האָט זיך אויסגעגלייכט און, אָפּזיפצנדיק, זיך אומגעקוקט. הינטער אים איז געגאַנגען אַ פויער און איז, משמעות, אויך מיד געוואָרן, ווייל ער האָט גלייך, נישט צוגייענדיק ביז צו לעווינען, זיך אָפּגעשטעלט און זיך גענומען שאַרפן. טיט האָט אָנגעשאַרפט זיין קאָסע און לעווינס קאָסע, און זיי האָבן זיך געלאָזט גיין ווייטער.

באַם צווייטן מאָל גיין איז געווען דאָס אייגענע. טיט איז געגאַנגען, האָט כּסדר געשניטן, זיך נישט אָפּשטעלנדיק און נישט מיד ווערנדיק. לעווין איז אים נאָכגעגאַנגען. באַמיענדיק זיך נישט הינטערשטעליק צו בלייבן, און אים איז געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער. עס איז אָנגעקומען אַ מינוט, ווען ער האָט געפילט, עס בלייבן אים נישט מער קיין כּוחות, נאָר אין דער זעלבער צייט פלעגט טיט זיך אָפּשטעלן און שאַרפן.

אַזוי זענען זיי דורכגעגאַנגען די ערשטע רייע. און דידאָזיקע לאַנ-

גע רייע האָט אויסגעזעען באַזונדער שווער לעווינען: נאָר דערפאַר, ווען די רייע איז דערגאַנגען געוואָרן ביזן סוף, מיט האָט אַרויפגעוואָרפן אויפן אַקסל די קאָסע, מיט אַ לאַנגזאַמען טריט אָנגעהויבן צוריקגיין איבער די צייכנס, וואָס זיינע אַפּצאַסן האָבן איבערגעלאָזט אויף דעם אָפּגעשניטענעם פעלד, און לעווין איז אויך פונקט אַזוי געגאַנגען איבער זיין אָפּגעשניטן פעלד, נישט געקוקט דערויף, וואָס דער שווייס האָט זיך טייכנווייז בעגאָסן פון זיין פּנים, האָט געטריפט פון דער נאָז און דער גאַנצער רוקן זיינער איז געווען נאַס, ווי אָפּגעטינקט אין וואַסער, — איז אים געווען זייער גוט. באַזונדערס האָט אים געפרייט דאָס, וואָס ער האָט געוווסט אַצינד, אַז ער וועט אויסהאַלטן.

זיין פאַרגעניגן איז בלויז פאַרסמט געוואָרן פון דעם, וואָס זיין רייע איז געווען נישט גוט. „איך וועל ווייניקער פאָכען מיט דער האַנט, מער מיטן גאַנצן קערפּער", האָט ער געטראַכט, פאַרגלייכנדיק טיטס אויף דער האָר גלייך אָפּגעשניטענע רייע מיט זיין צעוואָרפענער און נישט גלייך ליגנדיקער רייע.

די ערשטע ריי, ווי לעווין האָט באַמערקט, איז טיט געגאַנגען באַזונדערס שנעל, מסתמא, ווילנדיק אויספּרוּוון דעם פריץ, און די רייע איז אויסגעפאַלן אַ לאַנגע. די ווייטערע רייען זענען שוין געווען גרינגער, אָבער לעווין האָט פונדעסטוועגן געמוזט אָנשטרענגען אַלע זיינע כּוחות, כּדי נישט אָפּצושטיין פון די פויערן.

ער האָט גאָרנישט געקלערט, גאָרנישט פאַרלאַנגט, אַ חוץ נישט אָפּצושטיין פון די פויערן און אָפּצואַרבעטן וואָס בעסער. ער האָט געהערט בלויז דאָס קלינגען פון די קאָסעס און געזעען פאַר זיך טיטס גלייכע זיך דערווייטערנדיקע פיגור, דעם אויסגעבויגענעם האַלב־קרייז פון דער אָפּגעשניטענער לאָנקע, די גראָזן און בלומען־קעפּעלעך, וואָס האָבן זיך פאַמעלעך און פאַליענדיק געבויגן לעבן דער שאַרף פון זיין קאָסע און פאַר זיך דעם עק פון דער רייע, וווּ מען וועט זיך אָפּרוען.

נישט פאַרשטייענדיק, וואָס דאָס איז און פונוואַנען עס קומט, האָט ער אינמיטן דער אַרבעט פּלוצלינג דערשפּירט אַן אָנגענעמע קילקייט איבער די הייסע פאַרשוויצטע פּלייצעס. ער האָט אַ קוק געטון אויפן הימל בעתן שאַרפן פון דער קאָסע. עס איז אָנגעלאָפן אַ נידעריקער, שווערער וואָלקן, און ס'איז געגאַנגען אַ געדיכטער רעגן. טייל פויערן זענען געגאַנגען צו די קאַפטנס און זיי אָנגעטון; אַנדערע, פונקט

ווי לעווין, האָבן בלויז פריידיק געדרייט מיט די פּלייצעס אונטער דער אָנגענעמער אויפפרישונג.

זיי זענען דורכגעגאַנגען נאָך אַ רייע און נאָך אַ רייע. עס זענען דורכגעגאַנגען רייען לאַנגע, קורצע, מיט גוטן, מיט שלעכטן גראָז. לעווין האָט פאַרלוירן יעדן באַגריף פון דער צייט און לחלוטין נישט געוווּסט, צי ס'איז שפּעט אָדער פרי אַצינד. אין זיין אַרבעט האָט אַצינד אָנגעהויבן פאָרקומען אַן ענדערונג, וואָס האָט אים פאַרשאַפט גרויס הנאה. אינמיטן זיין אַרבעט פלעגן אים באַפאַלן מינוטן, בעת וועלכע ער האָט פאַרגעסן, וואָס ער טוט, אים איז געוואָרן לייכט, און אין די אָזיקע מינוטן טאַקע איז זיין רייע אויסגעקומען כמעט פּונקט אַזוי גלייך און שיין, ווי באַ טיטן. ווי נאָר אָבער ער פלעגט זיך דערמאַנען, וואָס ער טוט, און פלעגט אָנהייבן זיך פלייסן צו מאַכן בעסער, האָט ער גלייך אָנגעהויבן שפּירן די גאַנצע שווערקייט פון דער אַרבעט, און די גאַנצע רייע איז אַרויסגעקומען שלעכט.

דורכגייענדיק נאָך איין רייע, האָט ער געוואָלט ווידער צוריקגיין אָנהייבן, אָבער טיט האָט זיך אָפּגעשטעלט און, צוגייענדיק צום אַלטן, האָט ער אים עפּעס שטיל געזאָגט. זיי האָבן ביידע אַ קוק געטון אויף דער זון. „וועגן וואָס רעדן זיי דאָס און פאַרוואָס הייבט ער נישט אָן אַ נייע רייע?“ האָט לעווין אַ קלער געטון, זיך נישט אָנשטויסנדיק, אַז די פּויערן האָבן אָן אויפהער שוין געמאָשעט נישט ווייניקער פון פיר שעה און ס'איז צייט פאַר זיי פרישטיק צו עסן.

— פרישטיק, פריץ, — האָט דער אַלטער געזאָגט.

— ס'איז שוין דען צייט? נו, איז פרישטיק.

לעווין האָט אַוועקגעגעבן די קאָסע טיטן און צוזאַמען מיט די פּויערן, וואָס זענען געגאַנגען צו די קאַפטנס נאָכן ברויט איבער די פון רעגן לייכט פאַרשפּריצטע רייען פון דעם לאַנגן אָפּגעקאָשעטן שטח, איז ער געגאַנגען צום פערד. דאָ ערשט האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער האָט נישט געטראָפן מיטן וועטער, און דער רעגן האָט נאַס געמאַכט זיין היי.

— עס וועט קאַליע מאַכן דאָס היי, — האָט ער געזאָגט.

— עס שאַדט נישט, הער, עס איז גוט אין רעגן צו קאָשען און אין שיינעם וועטער צו גראַביען! — האָט דער אַלטער געזאָגט.

לעווין האָט אָפּגעבונדן דאָס פערד און איז אַהיימגעריטן טרינקען קאַווע.

סערגי איוואנאָוויטש איז נאָר־וואָס געהאַט אויפגעשטאַנען. נאָכן אויסטרינקען די קאַווע, איידער סערגיי איוואַנאָוויטש האָט באַוויזן זיך אָנ־צוטון און ארויסצוגיין אין עסצימער אריין, איז לעווין ווידער אַוועקגע־ריטן צום שניט.

V.

נאָכן פרישטיק איז לעווין אריינגעפאַלן אין דער רייע שוין נישט אויפן פריערדיקן אָרט, נאָר צווישן דעם וויצלער, דעם אַלטן, וועלכער האָט אים איינגעלאַדן אַלס שכן, און דעם יונגן פויער, וואָס האָט ערשט אין הארבסט חתונה געהאַט און איז געגאַנגען קאָשען דעם ערשטן זומער.

דער אַלטער, האַלטנדיק זיך גלייך, איז געגאַנגען פאָרויס, גלייך און ברייט איבערשטעלנדיק די אויסגעדרייטע פיס און מיט אַ פינקטלע־כער און רעגלמעסיקער באַוועגונג, וואָס האָט אים, קענטיק, נישט געקאָסט מער אַרבעט, ווי דאָס מאַכן מיט די הענט בעתן גיין, האָט ער, אַזוי ווי שפּילנדיק זיך, אַוועקגעלייגט אַ גלייכע, הויכע רייע. גלייך ווי נישט ער, נאָר די שאַרפע קאָסע אַליין האָט זיך געוויגט איבער דעם זאַפטיקן גראָז.

הינטער לעווינען איז געגאַנגען דער יונגער מישקאַ. דאָס באַחנטע, יונגע פנים זיינס, ארומגעבונדן איבער די האָר מיט אַ בינטל פריש גראָז, האָט אינגאַנצן געאַרבעט פון אָנשטרענגונג; אָבער ווי נאָר מען האָט אַ קוק געטון אויף אים, האָט ער געשמייכלט. ער איז אַפּנים גיכער גרייט געווען צו שטאַרבן, איידער זיך מודה זיין, אַז ס'איז אים שווער.

לעווין איז געגאַנגען צווישן זיי. אין דער סאַמע היץ האָט אים דאָס קאָשען אויסגעזעען נישט אַזוי שווער. דער שווייס, וואָס האָט אים באַ־גאָסן, האָט אים געקילט, און די זון, וואָס האָט געבריט דעם רוקן, דעם קאָפּ און די פאַרשאַרצטע האַנט ביז איבערן עלנבויגן, האָט צוגעגעבן שטאַרקייט און עקשנות אין דער אַרבעט; און אָפטער און אָפטער זענען געקומען די מינוטן פון באַוווסטלאָזן צושטאַנד, ווען מען האָט געקאָנט נישט קלערן וועגן דעם, וואָס מען טוט, די קאָסע האָט געשניטן אַליין פון זיך. דאָס זענען געווען גליקלעכע מינוטן. נאָך פריידיקער זענען געווען די מינוטן, ווען, צוקומענדיק צום טייך, האָט דער אַלטער אָפּגעווישט מיט

נאָסן, געדיכטן גראָז די קאָסע, האָט אָפּגעשווענקט איר שטאָל אין דעם פרישן וואַסער פון טייך, האָט אָנגעשעפּט מיט דער קוואָרט און מכבד געווען לעווינען.

— פאַרזוכט מיין קוואַס! — אַ, ער איז גוט? — האָט ער געזאָגט צווינקענדיק.

און ווירקלעך, לעווין האָט קיינמאָל נישט געטרונקען אַזאַ געטראַנק, ווי דאָסדאָזיקע וואַרעמע וואַסער מיטן אַרומשווימענדיקן גרינס און זשאַווערדיקן טעם פון דער בלעכערנער קוואָרט. און גלייך נאָכדעם איז אָנגעקומען א גליקזעליקער, פאַמעלעכער שפּאַציר מיט דער האַנט אויף דער קאָסע, בעת וועלכן מען האָט געקאָנט אָפּווישן דעם שווייס, וואָס האָט זיך געגאָסן, אָפּזיפן מיט דער פולער ברוסט און באַטראַכטן די גאַנצע זיך ציענדיקע שרענגע שניטערס און דאָס, וואָס ס׳קומט פאָר אַרום, אין וואַלד און אין פעלד.

וואָס לענגער לעווין האָט געקאָשעט, אַלץ אָפטער און אָפטער האָט ער געפילט מינוטן פון פאַרגעסונג, ווען שוין נישט די הענט האָבן געפאָכעט מיט דער קאָסע, נאָר די קאָסע אַליין האָט נאָכגעצויגן נאָך זיך דעם גאַנצן לעבנספולן קערפּער זיינעם, און, ווי דורך א כישוף, אָן שום טראַכטן וועגן איר, האָט די אַרבעט פון זיך אַליין זיך געטון פּינקטלעך און גוט. דאָס זענען געווען די סאַמע גליקלעכסטע מינוטן.

עס איז שווער געווען בלויז דעמאָלט, ווען מען האָט געמוזט איבעררייסן דידאָזיקע אומבאַוווסטזיניקע באַוועגונג, און טראַכטן; ווען מען האָט געדאַרפט אַרומקאָשען א קעמפּעלע אָדער נישט אויסגעקליבענעם שטשאַוו. דער אַלטער האָט דאָס געטון לייכט. עס איז אונטערגעקומען א קעמפּעלע, פלעגט ער ענדערן די באַוועגונג און ערטערווייז מיט דער פּיענטע, ערטערווייז מיטן שפּיץ פון דער קאָסע — אַרומהאַקן דאָס קעמפּעלע פון ביידע זייטן מיט קורצינקע קלעפּ. און, טוענדיק דאָס, האָט ער אַלץ באַטראַכט און באַמערקט, וואָס ס׳איז געווען פאַר אים; דאָ האָט ער אָפּגעריסן א הייפּעטלע קרויט, אויפגעגעסן עס אָדער מכבד געווען לעווינען, דאָ האָט ער אַוועקגעוואָרפן מיטן שפּיץ פון דער קאָסע א צווייגל, דאָ האָט ער באַטראַכט א נעסט פון פּשעפּיורקעס, פונוואַנען ס׳איז פון אונטער דער סאַמע קאָסע אַפער צו׳יסגעפלויגן די זי, דאָ האָט ער געכאַפּט אַן עגדיש, וואָס ער האָט אָנ׳עטראָפן אויפן וועג, און, ווי מיט א גאָפּל אויפהייבנדיק אים מיט דער קאָסע, האָט ער אים געוויזן לעווינען און אַוועקגעוואָרפן.

סיי לעווינען, סיי דעם יונגן יאַש הינטער אים זענען ידאָזיקע ענדערונגען פון די באַוועגונגען שווער געווען. זיי ביידע, איינגעאַרבעט אין איין אָנגעשטרענגטער באַוועגונג, האָבן זיך געפונען אין אַזאַרט פון דער אַרבעט און זענען נישט בכוח געווען צו ענדערן די באַוועגונג און איינצייטיק צו באַאָבאַכטן, וואָס ס'איז געווען פאַר זיי.

לעווין האָט נישט באַמערקט, ווי די צייט איז דורכגעגאַנגען. ווען מען וואָלט אים געפרעגט, ווי לאַנג ער קאָשעט, וואָלט ער געזאָגט, אַז אַ האַלבע שעה, — און עס האָט זיך שוין צוגערוקט די צייט פון מיטאָג. פאַרענדיקט אַ רייע, האָט דער אַלטער אויפמערקזאַם געמאַכט לעווינען אויף די מיידלעך און יינגלעך, וועלכע זענען פון פאַרשידענע זייטן, קוים אָנזעעוודיקע, געגאַנגען איבערן הויכן גראָז און איבערן וועג צו די שניטערס, טראָגנדיק טלומיקלעך מיט ברויט, וואָס האָבן זיי די הענטלעך אַראָפּגעשווערט און קריגלעך מיט קוואַס, פאַרשטאָפּטע מיט טיכלעך.

— קוקסט, די ווערמלעך קריכן, — האָט ער געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף זיי, און פון אונטער דער האַנט אַפּער אַ קוק געטון אויף דער זון.

זיי זענען דורכגעגאַנגען נאָך צוויי רייען, דער אַלטער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— נו, פּריץ, מיטאָג עסן! — האָט ער אַנטשלאָסן געזאָגט. און צוגייענדיק צום טייך, האָבן די שניטערס זיך אַוועקגעלאָזט איבער די רייען צו די קאַפּטנס, בײַ וועלכע די קינדער, וואָס האָבן געברענגט דאָס מיטאָג, זענען געזעסן און געוואַרט אויף זיי. די פּויערן האָבן זיך צונויפגעקליבן — די ווייטערע אונטער די פורן, די נענטערע — אונטער ראַקיטע־קוסט, אויף וועלכן זיי האָבן אָנגעוואָרפן גראָז.

לעווין האָט זיך צוגעזעצט צו זיי; אים האָט זיך נישט געגלוסט אַוועקצופאָרן.

יעדע זשעגירונג פאַרן באַלעבאָס איז שוין לאַנג פאַרשוווּנדן. די די פּויערן האָבן זיך צוגעגרייט צו עסן מיטאָג. טייל האָבן זיך געוואַשן, די יונגע חברה־לייט האָבן זיך געבאָדן אין טייך, אַנדערע האָבן צוגעגרייט אַן אָרט אויף אָפּצורוען זיך, האָבן צעבונדן די טאָרבעלעך מיט ברויט און אָפּגעדעקט די קריגעלעך מיטן קוואַס. דער אַלטער האָט אָנגעבראָקט ברויט אין טעפּל אַריין, האָט עס צעריבן מיט דער שטול פון לעפל, האָט אָנגעגאָסן וואַסער פון דער קוואַרט, נאָך אָנגעשניטן ברויט און, באַשיטנדיק מיט זאַלץ, האָט ער אָנגעהויבן מתפּלל זיין אויף מורח.

— נו, פּריק, פאַרזוך נאָר מיין מאכל, — האָט ער געזאָגט, אַראָפּ־זעצנדיק זיך אויף די קניען פאַרן טעפּל.

דאָס מאכל איז געווען אַזוי באַטעמט, אַז לעווין האָט הרטה גע־קריגן צו פאָרן אהיים אויף מיטאָג. ער האָט געגעסן מיטאָג מיטן אַלטן און זיך צערעדט מיט אים וועגן אַלטנס שטוב־ענינים, געמענדיק אין זי־דעם לעבעדיקסטן אַנטייל, און אים מיטגעטיילט אַלע זיינע ענינים און אומשטענדן, וועלכע האָבן געקאָנט אינטערעסירן דעם אַלטן. ער האָט זיך געפילט נעענטער צו אים, ווי צום ברודער, און נישט ווילנדיק געשמייכלט פון דער צערטלעכקייט, וועלכע ער האָט געפילט צו דעמדאָזיקן מענטש. ווען דער אַלטער איז ווידער אויפגעשטאַנען, אָפּגעזאָגט אַ תפילה און זיך געלייגט דאָ טאַקע אונטערן קוסט, אונטערלייגנדיק זיך אונטערן קאָפּ גראָז, האָט לעווין אויך דאָס אייגענע געטון און, נישט געקוקט אויף די זלידנע פאַרעקשנטע פליגן און ווערמלעך, וואָס האָבן געשטאָכן זיין פאַרשוויצט פּנים און דעם קערפּער, איז ער גלייך איינגעשלאָפן און האָט אויפגעוואַכט ערשט, ווען די זון איז שוין געהאַט אַריבערגעגאַנגען אויף דער צווייטער זייט קיסט און אָנגעהויבן דערלאַנגען צו אים. דער אַלטער איז שוין לאַנג נישט געשלאָפן און געזעסן, שאַרפנדיק די קאָסעס פון די יונגע יאַטן.

לעווין האָט זיך צרומגעקוקט און נישט דערקענט דאָס אָרט: אַזוי האָט אַלץ זיך געענדערט. אַן אומגעהייער גרויסער שכח פון דער לאָנקע איז געווען אָפּגעקאָשעט און האָט געגלאַנצט מיט אַ באַזונדערן, נייעם גלאַנץ, מיט אירע שוין שמעקעדיקע רייען, אונטער די קרומע פאַרנאַכ־טיקע שטראַלן פון דער זון. אי די אַרומגעקאָשעטע קוסטעס באַם טייך, אי דער טייך אַליין, וואָס האָט זיך פריער נישט געזען, און האָט אַצינד געגלאַנצט מיט שטאָל אין זיינע אויסבויגן, אי די מענטשן, וואָס האָבן זיך באַוועגט און אויפגעהויבן, אי די משופּעדיקע גראָז־וואַנט פון דעם נישט צוגעקאָשעטן אָרט פון דער לאָנקע, אי די שפּאַרבערס, וואָס האָבן זיך געדרייט איבער דער אָפּגעליידיקטער לאָנקע, — דאָס אַלץ איז גע־ווען גאָר ניי. אויפוואַכנדיק, האָט לעווין אָנגעהויבן באַרעכענען, וויפיל ס'איז אָפּגעקאָשעט און וויפיל מען קאָן נאָך מאַכן היינט.

עס איז אָפּגעאַרבעט געווען זייער אַ סך אויף צווי און פערציק מענטשן. די גאַנצע גרויסע לאָנקע, וועלכע מען האָט בא דער פּאַנשטשיז־נע גע־אָשעט צוויי טעג אין דרייסיק קאָסעס, איז שוין געווען אָפּגעקאָ־שעט. נישט אָפּגעקאָשעט זענען געבליבן די ווינקלען מיט קורצע רייען.

אָבער לעווינען האָט זיך דעם טאָג געגלוסט וואָס מער אַפקאָשען, און עס האָט פארדראָסן אויף דער זון, וועלכע האָט זיך אזוי גיך אראָפּגעלאָזט. ער האָט נישט געשפּירט קיין שום מידעקייט; אים האָט זיך בלויז גע־גלוסט נאָך און נאָך גיכער און וואָס מעגלעך מער אָפּצואַרבעטן.

— ווי זשע מיינסטו, מיר וועלן נאָך אָבקאָשען דעם מאשקין היערד? — האָט ער געזאָגט דעם אַלטן.

— ווי גאָט וועט געבן, די זון איז נישט הויך. און קיין ביסעלע בראָנפן פאר דער חברה וועט נישט זיין?

אין דער צייט פון פאָרנאַכטיקן מאָלצייט, ווען מען האָט זיך ווידער אַנידערגעזעצט און די רייכערדיקע האָבן פארריכערט, האָט דער אַלטער דערקלערט דער חברה, אַז „מ'וועט מאשקין ווירערך אָפשניידן — וועט זיין בראָנפן".

— אָבער נאָך ווי אָפשניידן! הייב אָן, טיט! מיר וועלן גיך אָפּ־פּאָרטיקן! וועסט דיך אָנעסן באַנאַכט. הייב אָן! — האָבן זיך דערהערט שטימען. און, צועסנדיק דאָס ברויט, זענען די שניטערס אַוועק אויפסניי צו דער אַרבעט.

— נו, חברה, האַלט זיך! — האָט טיט געזאָגט און איז כמעט לויפנדיק אַוועק דער ערשטער.

— גיי, גיי! — האָט דער אַלטער געזאָגט, נאָכאיילנדיק און לייכט דעריאָגנדיק אים, — כ'וועל א שניט געבן! היט דיך!

סיי די יונגע, סיי די אַלטע האָבן אזוי ווי אויף געיעג געשניטן. אָבער, ווי זיי האָבן זיך נישט געאיילט, האָבן זיי נישט קאַליע געמאַכט דאָס גראָז, און די רייען האָבן זיך ווידער אויסגעלייגט אַזוי ריין און פּינקטלעך. דאָס געבליבענע ווינקל אין עק איז אָפּגעשניטן געוואָרן אין פינף מינוט. די לעצטע שניטערס האָבן נאָך נישט געהאַט פארענדיקט זייערע רייען, ווי די פעדערשטע האָבן שוין געכאַפּט די קאַפּטאַנס אויף די אַקסלען און זיך געלאָזט גיין איבערן וועג צו מאשקין ווערך.

די זון האָט זיך שוין אראָפּגעלאָזט צו די ביימער, ווען זיי זענען, צוקלינגענדיק מיט די קוואַרטן, אריינגעגאַנגען אין וואַלדיקן ראָוו פון מאשקין ווערך. דאָס גראָז אין מיטן טאָל האָט געגרייכט ביזן גאַרטל, ס'איז געווען צאַרט און ווייך און האָט ווו־נישט־ווו איבערן וואַלד געשימערט מיט פעלד־פּאַלקעס.

נאָך א קורצער באַראַטונג — צי צו גיין לענגאויס, צי אין קווער — איז פראָכאָר יערמילין, אויך א באַוווּסטער שניטער, א ריזיקער, שוואַרצ־

לעכער פויער, צוועק דער ערשטער. ער איז דורכגעגאַנגען אַ רייע פאַראויס, זיך אויסגעדרייט צוריק און אַוועקגעשאַרט, — און אַלע האָבן זיך אָנגעהויבן אויסגלייכן נאָך אים, גייענדיק באַרג-אַראָפּ איבערן טאָל און באַרג-אַרויף, ביז צום סאַמע ברעג פון וואַלד. די זון איז פאַרגאַנגען הינטערן וואַלד. דער טוי איז שוין געפאַלן; די שניטערס זענען בלויז אויפן בערגל געווען אויף דער זון, אָבער אין טאָל, איבער וועלכן עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ פאַרע, און אויף דער צווייטער זייט, זענען זיי געגאַנגען אין פרישן, טויאיקן שאָטן. די אַרבעט האָט געקאָכט.

דאָס גראָז, וואָס איז אונטערגעשניטן געוואָרן מיט אַ זאַפטיק קלינגען און האָט שאַרף געשמעקט, האָט זיך אויסגעלייגט אין הויכע רייען. די שניטערס, וואָס האָבן פון אַלע זייטן זיך געשטופּט איבער די קורצע רייען, קלימפּערנדיק מיט די קוועטלעך און קלינגענדיק דאָ מיט די פאַרטשעפּעטע קאָסעס, דאָ מיטן סיקען פון שאַרפשטיין איבער דער געשליפטער קאָסע, דאָ מיט פריילעכע געשרייען, האָבן אונטערגעטריבן איינער דעם צווייטן.

לעווין איז נאָך אַלץ אַזוי געגאַנגען צווישן דעם יונגן יאַט און דעם אַלטן. דער אַלטער, וואָס האָט אָנגעטון זיין שעפּסענע קורטקע, איז נאָך אַלץ געווען אַזוי פריילעך, וויציק און פריי אין די באַוועגונגען. אין וואַלד האָט מען כסדר אָנגעטראָפן בערעזענע, אויפגעדראָלענע שוואָמען אין זאַפטיקן גראָז, וועלכע זענען צעשניטן געוואָרן פון די קאָסעס. נאָר דער אַלטער, אָנטרעפנדיק אַ שוואָם, האָט זיך איטלעכעס מאָל אַראָפּגעבויגן, אויפגעהויבן און אַריינגעלייגט אין בוזעם. „נאָך דער אַלטער אַ מתנה", האָט ער צוגעמורמלט.

ווי לייכט עס איז נישט געווען צו שניידן דאָס נאַסע און שוואַכע גראָז, איז דאָך שווער געווען זיך אַראָפּצולאָזן און אויפצוהייבן איבער די קרומע בערגלעך פון טאָל. אָבער דעם אַלטן האָט דאָס נישט געקווילט. ער האָט נאָך אַלץ אַזוי געפאָכעט מיט דער קאָסע, איז מיט דעם קליינעם, פעסטן געגנגל פון זיינע פיס, אָנגעטועצנע אין גרויסע לאַפּטשעס, פאַמעלעך אַרויפגעקראָכן אויף דעם שפּוע און, הגם ער האָט זיך געטרייסלט מיטן גאַנצן קערפּער און מיט די אַראָפּהענגענדיקע הויזן בידעריקער פון העמד, האָט ער דאָך נישט דורכגעלאָזט אויפן וועג קיין איין גרעזעלע, קיין איין שוואָם און ווייטער אַזוי געשפּאַסט מיט די פויערן און מיט לעווינען. לעווין איז געגאַנגען הינטער אים און אָפט געטראַכט, אַז ער וועט אומבאַדינגט פאַלן, אויפהייבנדיק זיך מיט דער קאָסע אויף אַזאַ

קרומען באַרג, וווהין עס איז אויך אָן דער קיסע שווער אַרויפצוקריכן און האָט געטון, האָס מען דאַרף. ער האָט געפילט, אַז עפּעס אַן אויסערלע־כער כּוח באַוועגט אים.

VI.

דעם מאַשקין־ווייערך האָט מען אָפּגעקאָשעט, פאַרענדיקט די לעצטע רייען, אָנגעטון די קאַפּאָנס און פריילעך געגאַנגען אַהיים. לעווין איז אויפגעזעסן אויפן פערד, מיט באַדויערונג זיך געזעגנט מיט די פויערן און אַהיימגעריטן. פון באַרג האָט ער זיך אומגעקוקט: מען האָט זיי נישט געזעען אין נעפּל, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן פון טאָל; עס האָבן זיך געהערט בלויז פריילעכע גראָבע קולות, אַ לאַכן און אַ קלינגען פון פאַרטשעפּעטע קאָסעס.

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט שוין לאַנג געהאַט אָפּגעגעסן מיטאָג און האָט געטרונקען וואַסער מיט ציטרין און מיט אייז אין זיין צימער, אי־בערקוקנדיק די נאָר־וואָס פון דער פּאָסט דערהאַלטענע צייטונגען און זשורנאַלן, ווען לעווין, מיט פאַרפלאָנטערטע צום שטערן צוגעקלעפּטע האָר און מיט אַ שוואַרץ געוואָרענער נאַסער פּלייצע און ברוסט, האָט מיט אַ פריילעכער שטימע זיך אַריינגעריסן צו אים אין צימער.

— און מיר האָבן אָפּגעאַרבעט די גאַנצע לאָנקע! אַך, ווי גוט, וווּנדערבאַר. און דו ווי האָסט פאַרבראַכט? — האָט לעווין געזאָגט, גאָר פאַרגעסנדיק דעם נעכטיקן אומאָנגענעמען געשפּרעך.

— טאַטעלעך! ווי דו זעסט אויס! — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט, אין דער ערשטער מינוט אומצופרידן זיך אומקוקנדיק אויפן ברודער. — אָבער די טיר, די טיר פאַרמאַך! — האָט ער אויסגעשריגן. — אומבאַדינגט אַ גאַנצן צענדליק אַריינגעלאָזט.

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט נישט געקענט ליידן קיין פליגן און האָט אין זיין צימער געעפנט די פענצטער בלויז בײַנאַכט און פלייסיק פאַרמאַכט די טיר.

— ערן־וואָרט, קיין איינע נישט. און אויב איך האָב אַריינגעלאָזט, וועל איך זיי כאַפּן. דו וועסט נישט גלייבן, וואָסער תּענוג דאָס איז! ווי אַזוי האָסטו פאַרבראַכט דעם טאָג?

— איך גוט. אָבער צי האָסטו טאַקע א גאַנצן טאָג געקאָשעט? דו, מיין איך, ביסט הונגעריק ווי א וואָלף. קוזמא האָט דיר אַלץ צוגעגרייט.

— ניין, עס גלוסט זיך מיר אפילו נישט צו עסן. איך האָב דאָרט געגעסן. נאָר אָט וועל איך מיך גיין צאַפּוואַשן.

— נו, גיי, גיי, און איך וועל באַלד קומען צו דיר, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ אין קוקנדיק אויפן ברודער. — גיי־זשע, גיי, גיכער, — האָט ער צוגעגעבן שמייכלענדיק און, צונויפנעמענדיק זיינע ביכער, האָט ער זיך פאַרנומען צו גיין. אים אַליין איז פּלוצלינג געוואָרן פריילעך און עס האָט זיך נישט געגלוסט צו שיידן זיך מיטן ברודער. — נו, און ווען ס'האָט גערעגנט, וווּ ביסטו געווען?

— וואָסער רעגן? עס האָט קוים א טריף געטון. כ'וועל באַלד קומען. האָסטו גוט פאַרבראַכט דעם טאָג? נו, איז אויסגעצייכנט. — און לעווין איז געגאַנגען זיך אָנטון.

אין פינף מינוט אַרום זענען זיך די ברידער צונויפגעקומען אין עסצימער. הגם לעווינען האָט זיך געדאַכט, אַז עס גלוסט זיך אים נישט עסן, און ער האָט זיך געזעצט צום מיטאָג בלויז, כדי נישט צו באַליידיקן קוזמען, האָט אים דאָך דאָס מיטאָג, ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן צו עסן, אויסגעזעען אומגעוויינלעך באַטעמט. סערגיי איוואַנאָוויטש האָט שמייכלענדיק געקוקט אויף אים.

— אַך יאָ, ס'איז דאָ א בריוו פאַר דיר, — האָט ער געזאָגט. — קוזמאַ, ברענג אַרויף, איך בעט דיך, פון אונטן. אָבער געדענק, די טיר פאַרמאַך.

דער בריוו איז געווען פון אָבלאָנסקין. לעווין האָט אים אויפן קול איבערגעלייענט. אָבלאָנסקי האָט געשריבן פון פּעטערבורג: „איך האָב דערהאַלטן א בריוו פון דאָלין, זי איז אין יערגושאָוו, און בא איר איז אַלץ נישט אין אָרדנונג. פאָר־צו, איך בעט דיך, צו איר, העלף איר מיט אַן עצה, דו ווייסט אַלץ. עס וועט זי אַזוי פרייען דיך צו זען. זי איז גאָר אַליין, די אָרימע. די שוויגער מיט אַלע איז נאָך אין אויסלאַנד".

— אָט איז אויסגעצייכנט. איך וועל אומבאַדינגט צופאָרן צו זיי, — האָט לעווין געזאָגט. — אָדער לאָמיר פאָרן צוזאַמען. זי איז אַזאַ ווילע. נישט אמת?

— זיי זענען נישט ווייט פונדאַנען?

— א וויאָרסט דרייסיק. אפשר וועט זיין פערציק. אָבער אן אויס־געצייכנטער וועג. אויסגעצייכנט צוזאַמענגעפּאָרן.

— עס פרייט מיך זייער. — האָט אַלץ שמייכלענדיק געזאָגט סערגיי איוואַנאָוויטש.

דאָס אויסזעען פונם ייִנגערן ברודער האָט אים אוממיטלבאַר גע־שטימט צו פריילעכקייט.

— נו, אן אַפּעטיט האָסטו! — האָט ער געזאָגט, קוקנדיק אויף זיין טונקל־רויט־אָפּגעבריטן פנים און האַלז, וואָס זענען אָנגעבויגן געווען איבערן טעלער.

— אויסגעצייכנט! דו וועסט נישט גלייבן, וואָסער נוצלעכער רע־זשים דאָס איז קעגן יעדער נאַרישקייט. איך וויל באַרייכערן די מעדיצין מיט א נייעם טערמין: Arbeitscur.

— נו, דיר איז דאָס נישט נייטיק, דאַכט זיך.

— יאָ, נאָר פאַרשידענע נערוועזע קראַנקע.

— יאָ, דאָס דאַרף מען פּרווון. און איך האָב דאָך געוואָלט צוקו־מען צום שניט אַ קוק טון אויף דיר, נאָר די היץ איז געווען אזוי אומ־דערטרעגלעך, אַז איך בין טאַקע נישט געגאַנגען ווייטער פון וואַלד. איך בין געזעסן א ביסל און בין מיטן וואַלד געגאַנגען אין דאָרף אריין, האָב געטראָפן דיין אַם און זאַנדירט זי וועגן דעם בליק פון די פויערן אויף דיר. ווי איך האָב פאַרשטאַנען, געפעלט דאָס זיי נישט. זי האָט געזאָגט: „נישט קיין פּריצישע זאַך". בכלל דאַכט זיך מיר, אַז אין דעם באַגריף פון פאָלק זענען זייער פעסט באַצייכנט די פאָדערונגען צו אַ געוויסער, ווי זיי רופן עס אָן, „פּריצישער" טעטיקייט. און זיי דערלאָזן נישט, אַז די פּריצים זאָלן אַרויסגיין פון דעם ראַמל, וואָס איז אין זייער באַ־גריף באַשטימט געוואָרן.

— אפשר; נאָר דאָס איז דאָך אַזאַ פאַרגעניגן, וואָס איך האָב נאָך אין מיין לעבן נישט איבערגעלעבט. און קיין שום שלעכטס איז דאָס דאָך אויך נישט. נישט אמת? — האָט לעווין געזאָגט. — וואָס־זשע קאָן מען טון, ווען זיי געפעלט נישט. און איבעריקנס, איך מיין, אַז עס שאַדט נישט. האָ?

— בכלל, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש פאָרגעזעצט, — ביסטו, ווי איך זע, צופרידן מיט דיין טאָג.

— זייער צופרידן. מיר האָבן אָפּגעקאָשעט די גאַנצע לאָנקע. און

מיט וואָסער אַלטן איך האָב מיך דאָרט באַפריינדעט! דאָס קאָנסטו דיר נישט פאָרשטעלן, וואָסער פראַכט.

— נו, ביסטו צופרידן מיט דיין טאָג. און איך אויך. צווייטנס, האָב איך געלייזט צוויי שאַכמאַט-אויפגאַבן, און איינע איז זייער אַ פיינע, — זי עפנט זיך מיט אַ פענדל, איך וועל דיר ווייזן. און נאָכדעם — האָב איך געטראַכט וועגן אונזער נעכטיקן שמועס.

— וואָס? וועגן נעכטיקן שמועס? — האָט לעווין געזאָגט. ער האָט גליקזעליק געשמורעט די אויגן, אָפּגעבלאָזן זיך נאָכן פאַרענדיקטן מיטאָג און לחלוטין נישט אימשטאַנד געווען זיך צו דערמאָנען, וואָסער שמועס עס איז נעכטן געווען.

— איך האַלט, אַז דו ביסט טיילווייז גערעכט. אונזער מיינונגס-פאַרשידנהייט באַשטייט אין דעם, וואָס דו שטעלסט אַרויס אַלס טרייב-קראַפט דעם פערזענלעכן אינטערעס, און איך האַלט, אַז דער אינטערעס פונם אַלגעמיינעם ווילשטאַנד מוז זיין בײַ איטלעכן מענטש, וואָס שטייט אויף אַ געוויסער שטופע פון אַנטוויקלונג. אפשר ביסטו טאַקע גערעכט, אַז עס וואָלט געווינטשענער געווען אַ פאַראינטערעסירטע מאַטעריעלע טעטיקייט. בכלל ביסטו אַ נאַטור אַ צופיל prime-sautière, ווי די פראַנצויזן זאָגן; דו ווילסט אַ ליידנשאַפטלעכע, ענערגישע טעטיקייט אָדער גאָרנישט.

לעווין האָט געהערט דעם ברודער און האָט לחלוטין גאָרנישט פאַרשטאַנען און נישט געוואָלט פאַרשטיין. ער האָט בלויז מורא געהאַט, אַז דער ברודער זאָל אים אַמאָל נישט פרעגן אַזאַ פראַגע, פון וועלכער עס וועט קענטיק זיין, אַז ער האָט גאָרנישט געהערט.

— אַזוי, מיין פריינט, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט, גלעטנדיק אים איבער'ן אַקסל.

— יאָ, פאַרשטייט זיך. מילא! איך האַלט מיך נישט דווקא בײַ מיינס, — האָט לעווין געענטפערט מיט אַ קינדערישן, שולדיקן שמייכל. „וועגן וואָס האָב איך עס זיך געשפּאַרט? — האָט ער געקלערט. — פאַרשטייט זיך, אי איך בין גערעכט, אי ער איז גערעכט, אי אַלץ איז הערלעך. מען דאַרף בלויז אַריינגיין אין קאַנטאָר פאַראָרדנען“. ער איז אויפגעשטאַנען, אויסציענדיק זיך און שמייכלענדיק.

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט אויך אַ שמייכל געטון.

— ווילסט זיך דורכגיין, קום צוזאַמען, — האָט ער געזאָגט, נישט ווילנדיק זיך צעשיידן מיטן ברודער, פון וועלכן עס האָט אַזוי געאָטעמט

מיט פרישקייט און מונטערקייט. — קום, מיר וועלן אויך אַריינגיין אין קאָנטאָר, אויב דיר איז נייטיק.

— אַך, טאַטעלעך! — האָט לעווין אַ געשריי געטון אַזוי הויך, אַז סערגיי איוואַנאָוויטש האָט זיך דערשראָקן.

— וואָס, וואָס איז דיר?

— וואָס איז מיט אַגאַפיאַ מיכאַילאָווענעס האַנט? — האָט לעווין געזאָגט, אַ קלאַפ געבנדיק זיך אין קאָפ אַריין. איך האָב גאָר פאַרגעסן אָן איר.

— אַ סך בעסער.

— נו, פונדעסטוועגן וועל איך אַריינלויפן צו איר. דו וועסט נישט באַוויזן דעם הוט צו נעמען, וועל איך שוין זיין צוריק.

און ער האָט, ווי אַ קלעפערל, גענומען קלאַפן מיט די אַפּצאַסן, אַראָפּלויפנדיק פון די טרעפּ.

VII.

אין דער צייט, וואָס סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש איז אַרויסגעפאָרן קיין פעטערבורג, כדי צו דערפילן די — אומפאַרשטענדלעכע פאַר נישט־באַאַמטע, אָבער העכסט נאַטירלעכע און פאַר אַלע באַאַמטע באַקאַנטע, נייטיקע פליכט, אָן וועלכער עס איז נישט מעגלעך צו דינען, — דערמאָנען וועגן זיך אין מיניסטעריום, — און מיטנעמענדיק כמעט דאָס גאַנצע געלט פון דערהיים, האָט ער בשעתן דערפילן דיזאָזיקע פליכט, פריילעך און אָנגענעם פאַרברענגט די צייט, סיי אויף די געיעגן, סיי אויף די דאַטשעס — איז דאָלי מיט די קינדער אַרויסגעפאָרן אויפן דאָרף, כדי ווי ווייט מעגלעך צו פאַרקלענערן די הוצאות. זי איז אַרויסגעפאָרן אין איר נדן־דאָרף יערגושאָוואָ, דאָס זעלבע, ווו עס איז אין פרילינג פאַרקויפט געוואָרן דער וואַלד, און וועלכעס האָט זיך געפונען פינפציק וויאָרסט ווייט פון לעווינס פּאָקראָווסקאָיע.

אין יערגושאָוואָ איז דאָס גרויסע אַלטע הויז שוין געווען לאַנג צעבראָכן, און נאָך דורכן פירשט איז רעמאָנטירט און פאַרבעסערט געוואָרן די אַפיצינע. די אַפיצינע איז מיט

אַ צוואַנציק יאָר צוריק, ווען דאָלי איז געווען אַ קינד, געווען גערוים און באַקוועם, הגם זי איז געשטאַנען, ווי אַלע אָפּיצינעס, מיט אַ זייט צו דער אַרויספאָר־אַלעע און צו דרום. אָבער איצט איז דידאָזיקע אָפּיצינע געווען אַלט און פאַרפוילט. ווען סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש איז נאָך אין פרילינג געפאָרן פאַרקויפן דעם וואַלד, האָט דאָלי אים געבעטן צו באַקוקן דאָס הויז און הייסן פאַרריכטן, וואָס מען דאַרף. סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש, ווי אַלע שולדיקע מענער, וואָס זאָרגן זייער פאַרן ווייבס באַקוועמלעכ־קייטן, האָט אַליין באַקוקט דאָס הויז און פאַראָרדנט וועגן אַלעם, וואָס איז לויט זיין השגה נייטיק געווען. לויט זיין השגה האָט מען געדאַרפט איבערציִען דאָס גאַנצע מעבל מיט קרעטאָן, אויפ־הענגען גאַרדינען, אויסרייניקן דעם סאָד, מאַכן אַ בריקל בײַם טייך און פאַרזעצן בלומען; אָבער ער האָט פאַרגעסן אַ סך אַנ־דערע נייטיקע זאַכן, וואָס זייער פעלן האָט דערנאָך פאַרמאַטערט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונען.

ווי סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט זיך נישט באַמיט צו זיין אַ זאָרגעוודיקער פאָטער און מאַן, האָט ער בשום אופן נישט געקאָנט געדענקען, אַז ער האָט אַ ווייב מיט קינדער. ער האָט געהאַט בחורישע געשמאַקן, און בלויז לויט זיי זיך אָריענטירט. צוריקקומענדיק קיין מאָסקווע, האָט ער מיט שטאָלץ דערקלערט דער פרוי, אַז אַלץ איז צוגעגרייט, אַז דאָס הויז וועט זיין אַ צאַצקע און אַז ער ראַט איר זייער צו פאָרן. סטעפּאַן אַרקאַ־דיעוויטשן איז דעם ווייבס אַוועקפאָרן אין דאָרף אַריין געווען אָנגענעם אין אַלע הינזיכטן; אי פאַר די קינדער וועט געזונט זיין, אי די הוצאות וועלן זיין קלענער, אי ער וועט זיין פרייער. דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ אָבער האָט געהאַלטן דאָס אַריבערפאָרן אין דאָרף אַריין אויפן זומער אַלס נייטיק פאַר די קינדער, באַ־זונדערס פאַרן מיידעלע, וואָס האָט נישט געקאָנט קומען צו זיך נאָך דער שקאַרלאַטינע, און ענדלעך, כדי צו באַפרייען זיך פון די קליינע דערנידערונגען, די קליינע חובות דעם האָלץ־הענד־לער, דעם פישער, דעם שוסטער, וועלכע האָבן זי פאַרמאַטערט. חוצדעם, איז איר דאָס אַוועקפאָרן געווען אָנגענעם אויך דער־פאַר, וואָס זי האָט געטרוימט אַראָפּצונעמען צו זיך אין דאָרף אַריין די שוועסטער קיטי, וועלכע האָט געדאַרפט צוריקקומען

פון אויסלאַנד אין מיטן זומער און ס'איז איר רעקאָמענדירט געוואָרן צו באָדן זיך. קיטי האָט געשריבן פון די בערער, אַז קיין שום זאַך שמייכלט איר נישט אַזוי, ווי צו פאַרברענגען דעם זומער מיט דאָלין אין יערגושאָוואָ, וואָס איז פול מיט קינדערישע זכרונות פאַר זיי ביידע.

די ערשטע צייט פון וווינען אין דאָרף איז געווען פאַר דאָלין זייער אַ שווערע. זי האָט געלעבט אין דאָרף אין דער קינדהייט, ווען בא איר איז געבליבן אַן איינדרוק, אַז דאָס דאָרף ראַטעווע פון אַלע שטאָטישע אומאָנגענעמלעכקייטן, און הגם דאָס לעבן איז דאָרט נישט שיין (מיט דעם האָט דאָלי לייכט שלום געשלאָסן), איז עס דערפאַר ביליק און באַקוועם: אַלץ איז דאָ, אַלץ איז ביליק, אַלץ קאָן מען קריגן, און ס'איז גוט פאַר די קינדער. אָבער איצט, קומענדיק אַלס באַלעבאָסטע אין דאָרף אַריין, האָט זי דערזען, אַז דאָס אַלץ איז גאָרנישט אַזוי, ווי זי האָט געקלערט.

אויפן צווייטן טאָג נאָך זייער קומען איז געגאַנגען אַ שלאַקסרעגן, און בא נאַכט האָט אַריינגערעגנט אין קאָרידאָר און אין שלאָפצימער, אַזוי אַז מען האָט די בעטלעך אַריבערגע־טראָגן אין גאַסטצימער אַריין. קיי קעכן צווישן דער דינער־שאַפט איז נישט געווען; פון די ניין קי האָבן זיך אַרויסגעוויזן, ווי די בהמות־טרייבערין האָט געזאָגט, טייל קעלביק, אַנדערע מיטן ערשטן קאַלב, די דריטע אַלט, די פערטע — קראַנק. און מילך האָט אפילו פאַר די קינדער נישט געקלעקט. קיין אייער איז נישט געווען. קיין הון האָט מען נישט געקאָנט קריגן; מען האָט געבראָטן און געקאָכט די אַלטע, בלויע, האַרטע הע־נער. מען האָט נישט געקאָנט קריגן קיין פויערטעס די פאָדלאָ־געס אָפצוואַשן, — אַלע זענען געווען בא די קאַרטאָפלעס. פאָרן שפּאַצירן האָט מען נישט געקאָנט, ווייל איין פערד איז געווען נאַראָווע און האָט געריסן אינם דישל. צו באָדן זיך איז נישט געווען וווּ, — דער גאַנצער טייך־ברעג איז געווען צעטרעטן פון די בהמות און אָפן אויפן וועג אַרויס; אפילו גיין שפּאַצירן האָט מען נישט געקאָנט, ווייל די בהמות זענען אַריין אין סאָד דורך דעם צעבראָכענעם פּלויט און ס'איז געווען איין שרעקלעכער אָקס, וועלכער האָט געברוועט און מסתמא דערפאַר געבאָדזשעט.

קיין שענק אויף מלבושים איז נישט געווען. די, וואָס זענען געווען, האָבן זיך נישט פאַרמאַכט און אַליין זיך געעפנט, ווען מען איז דורכגעגאַנגען פאַרביי זיי. קיין אייזערנע און ערדערנע טעפּ איז נישט געווען; קיין קעסל אויף דער וועש און אפילו קיין ברעט צום פּרעסן איז נישט געווען.

די ערשטע צייט איז דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ געווען אין פאַרצווייפלונג. אָנשטאָט רו און אָפּרו איז זי דאָ אַריינגעפאַלן אין שרעקלעכע, פון איר שטאַנדפּונקט, צרות. זי האָט זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע כוחות, געפילט די אומאויסגענגלעכקייט פון דער לאַגע און אַלע מינוט איינגעהאַלטן די טרערן, וואָס זענען איר געקומען אין די אויגן. דער געוועזענער וואַכמייסטער, וועלכן סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט ליב געקריגן און פאַר זיין שיינער און בכבודיקער אויסערלעכקייט אים באַשטימט פון אַ שווייצער אַלס פאַרוואַלטער, האָט נישט גענומען קיין שום אַנטייל אין דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונעס צרות, האָט דרך־ארצדיק געזאָגט: „עס איז בשום אופן נישט מעגלעך, אַזאַ מיאוס פאָלק איז דאָס", און האָט אין גאָרנישט געהאָלפן.

די לאַגע האָט אויסגעזען אָן אַן אויסגאַנג. אָבער אין הויז פון די אָבלאָנסקיס, ווי אין אַלע פאַמיליען־הייזער, איז געווען איין נישט אָנזעעודיקע, אָבער העכסט וויכטיקע און נוצלעכע פּערזאָן מאַטרענאַ פילימאָנאָוונאַ. זי האָט באַרויקט די פּריצה, זי פאַרזיכערט, אַז אַלץ וועט זיך אויסהיילן... (דאָס איז געווען איר וואָרט און מאַטוויי האָט עס איבערגענומען פון איר), און איז אַליין, אָן איילעניש און אָן אויפרעגונג, געווען טעטיק.

זי איז זיך גלייך צונויפגעגאַנגען מיט דער פאַרוואַלטערין און באַלד אין ערשטן טאָג געטרונקען טיי מיט איר און מיטן פאַרוואַלטער אונטער די אַקאַציעס און אַרומגערעדט אַלע ענינים. אינגיכן האָט אונטער די אַקאַציעס זיך געשאַפן מאַטרענאַ פילימאָנאָוונאַס אַ קלוב, וואָס איז באַשטאַנען פון דער פאַרוואַלטערין, דעם סטאַראָסטאַ און דעם בוכפירער, האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן אויסצוגלייכן די שוועריקייטן פון לעבן, און אין אַ וואָך אַרום האָט טאַקע אַלץ זיך אויסגעהיילט.

דעם דאַך האָט מען פאַרראָכטן, אַ קעכין האָט מען

געפונען — דער סטאַראָסטעכעס אַ קומאַ, היינער האָט מען גע־קויפט, די קי האָבן אָנגעהויבן צו געבן מילך, דעם סאָד האָט מען פאַרצוימט מיט ריטער, אַ וואַלעק האָט געמאַכט דער טשעסליאַר, צו די שענק האָט מען צוגעמאַכט קייטעלעך, און זיי האָבן זיך שוין אַליין ניט געעפנט, אַ ברעט צום פרעסן, אַרומגעוויקלט מיט זעלבערישן געוואַנט, האָט זיך געצויגן פון דעם הענטל פון אַ פאָטעל ביז צו דער קאָמאָדע, און אין צי־מער פון דער דינערשאַפט האָט אָנגעהויבן צו שמעקן מיט פרעסאייזן.

— נו, זעט איר! און איר זענט אַלץ פאַרצווייפלט גע־ווען, האָט מאַטרענאַ פילימאָנאָוונאַ געזאָגט, אָנווייזנדיק אויפן ברעט.

מען האָט אַפילו געמאַכט פון שטרוי אַ ביידל צום באָדן זיך. ליליי האָט אָנגעהויבן זיך צו באָדן, און פאַר דאַריאַ אַלעק־סאַנדראָוונען זענען כאָטש טיילווייז מקוים געוואָרן אירע דער־וואַרטונגען, אמת, נישט פון קיין רויק, אָבער באַקוועם דאָרפס־לעבן. רויק זיין מיט זעקס קינדער האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ נישט געקאָנט. איינס איז קראַנק געוואָרן, אַ צווייטס האָט גע־קאָנט קראַנק ווערן, אַ דריטן האָט עפּעס געפעלט, אַ פערטס האָט אַרויסגעוויזן סמנים פון אַ שלעכטן כאַראַקטער א.אַז.וו. א.אַז.וו. זעלטן־זעלטן האָבן זיך געמאַכט קורצע רויקע פעריאָדן. אָבער די דאָזיקע דאגות און אומרויקייטן זענען געווען פאַר דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונען דאָס איינציקע מעגלעכע גליק. ווען דאָס וואָלט נישט געווען, וואָלט זי געבליבן אַליין מיט אירע מחשבות וועגן מאַן, וועלכער האָט זי נישט ליב געהאַט. אָבער, אַ חוץ דעם, ווי שווער עס זענען נישט געווען פאַר דער מו־טער די מורא פאַר די קראַנקהייטן, די קראַנקהייטן גופא און די צרות אין צוזאַמענהאַנג מיט די שלעכטע נייגונגען באַ די קינדער, — פלעגן די קינדער אַליין איר שוין איצט אָפּצאָלן מיט קליינע פריידן פאַר אירע צרות. די דאָזיקע פריידן זענען געווען אַזעלכע קליינע, אַז זיי האָבן זיך נישט אָנגעזעען, ווי גאָלד אין זאַמד, און אין שלעכטע מינוטן האָט זי געזען בלויז צרות, בלויז זאַמד; אָבער עס זענען געווען אויך גוטע מינוטן, ווען זי האָט געזען בלויז פריידן, בלויז גאָלד.

איצט אין דער איינזאַמקייט פון דאָרף האָט זי אַלץ אָפטער און אָפטער אָנגעהויבן אָנערקענען די דאָזיקע פריידן.

אָפּט קוקנדיק אויף זיי, האָט זי געמאַכט אַלע מעגלעכסטע אָנ־שטרענגונגען זיך איבערצוצייגן, אַז זי האָט אַ כעות, אַז זי איז ווי אַ מוטער, איינזייטיק צו אירע קינדער; פונדעסטוועגן האָט זי נישט געקאָנט נישט זאָגן זיך, אַז זי האָט הנרלעכע קינדער, אַלע זעקס, יעדעס אויף אַן אַנדערן אופן, אָבער אַזעלכע, ווי מען טרעפט זעלטן, — און זי איז געווען גליקלעך מיט זיי און האָט שטאָלצירט מיט זיי.

VIII

סוף מאַי, ווען אַלץ האָט זיך מער ווייניקער געהאַט שוין איינגעאָרדנט, האָט זי דערהאַלטן אַן ענטפער פון מאַן אויף אירע אָנקלאַגעס וועגן די דאָרפישע איינאָרדנונגען. ער האָט איר געשריבן, בעטנדיק אַנטשולדיקונג אין דעם, וואָס ער האָט נישט אַלץ באַטראַכט, און איר פאַרשפּראָכן צו קומען באַ ערשטער מעגלעכקייט. די דאָזיקע מעגלעכקייט האָט זיך נישט געמאַכט, און ביז אָנהייב יוני האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ געוואוינט אַליין אין דאָרף.

אין פּעטראָווקי, זונטיק, איז דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ געפאָרן צו דער מיטאָג־תּפילה און מיטגענומען אַלע אירע קינדער צו דער קאָמוניע. דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ פלעגט אין אירע אינטימע, פילאָזאָפישע געשפּרעכן מיט דער שוועסטער, מיט דער מוטער, מיט די פריינט זייער אָפט זיי פאַרוווּנדערן מיט איר פרייידענקערישקייט בנוגע דער רעליגיע. זי האָט געהאַט אַן אייגענע אויסטערלישע רעליגיע פון אַ מעטעמפּסיכאָזע, אין וועלכער זי האָט פעסט געגלייבט, ווייניק זאָרגנדיק וועגן די דאָגמאַטן פון דער קירכע. אָבער אין דער פאַמיליע האָט זי — און נישט בלויז, כדי צו ווייזן אַ ביישפּיל, נאָר מיטן גאַנצן האַרץ — שטרענג אויסגעפירט אַלע קירכלעכע פאָדערונגען, און דאָס, וואָס די קינדער זענען אַן ערך אַ יאָר נישט געווען באַ דער קאָ־מוניע, האָט זי זייער באַאומרויקט, און מיט דער פולער איינ־שטימיקייט און מיטגעפיל פון מאַטרענאַ פילימאָנאָוונאַ, האָט זי באַשלאָסן דאָס דורכצופירן אַצינד, זומער.

דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט מיט עטלעכע טעג פריער

דורכגעטראַכט, ווי אַזוי אָנצוטון אַלע קינדער. עס זענען אויפגענייט געוואָרן, איבערגעמאַכט און אויסגעוואַשן געוואָרן די מלבושים, אַרויסגעלאָזט געוואָרן די נעט און פאַלבן, ס׳זענען צוגענייט געוואָרן די קנעפּלעך און צוגעגרייט געוואָרן בענדער. איין קלייד פאַר טאַניען, וואָס די ענגלענדערין האָט זיך אונטערגענומען אויפצונייען, האָט קאַליע געמאַכט אַ סך בלוט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונען. די ענגלענדערין האָט בײַם איבערנייען געמאַכט די אויסשניטן נישט אויפן אָרט, צופיל אַרויסגענומען די אַרבל און שיער נישט קאַליע געמאַכט דאָס קלייד. עס האָט טאַניען אַזוי צונויפגעצויגן די פּלייצע, אַז ס׳איז געווען אַ ווייטיק צו זען. אָבער מאַטרענאַ פּילימאָנאָוונאַ איז געפאַלן אויף אַן עצה אַרײַנצוזעצן קלינעס און מאַכן אַ פּעלערינקע. די זאַך איז פאַרראַכטן געוואָרן, נאָר מיט דער ענגלענדערין איז שיער נישט געקומען כמעט צו אַ קריג. אויף אינדערפרי האָט, פונדעסטוועגן, אַלץ זיך אײַנגעאָרדנט, און נײַן אַ זייגער — די צייט, ביז וועלכער מען האָט געבעטן דעם גלח צוצוואַרטן מיטן אָפּריכטן די תפילה — זענען די פריידיק שײַנענדיקע, אויסגעפּוצטע קינדער געשטאַנען בײַם גאַניק פאַר דער קאַטש, וואַרטנדיק אויף דער מוטער.

אויף מאַטרענאַ פּילימאָנאָוונאַס פּראָטעקציע האָט מען אין דער קאַטש אײַנגעשפּאַנט דעם פאַרוואַלטערס ברוינעם, אַנשטאָט דעם נאַראָוונעם קאַרע, און דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, וואָס האָט זיך פאַרהאַלטן צוליב דעם פּאָרן זיך אַרום איר טואַלעט, אָנגעטון אין אַ ווײַס מושלין־קלייד, איז אַרויסגעגאַנגען אויפזיצן.

דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט זיך פאַרקעמט און אָנגעטון מיט זאָרגעוודיקייט און אויפרעגונג. פריער פלעגט זי זיך אָנטון פאַר זיך, כדי צו זײַן שיין און געפעלן צו ווערן; דערנאָך, וואָס מער זי האָט זיך געעלטערט, אַלץ אומאָנגענעמער איז איר געוואָרן זיך אָנצוטון. זי האָט געזען, ווי מיאוסער זי איז געוואָרן. אָבער איצט האָט זי זיך ווידער אָנגעטון מיט פאַרגעניגן און אויפרעגונג. איצט האָט זי זיך אָנגעטון נישט פאַר זיך, נישט פאַר איר שיינקייט וועגן, נאָר צוליב דעם, כדי זי זאָל, ווי די מוטער פון די דאָזיקע הערלעכקייטן, נישט קאַליע מאַכן דעם אַלגעמיינעם אײַנדרוק. און, אָנ־

קוקנדיק זיך דאָס לעצטע מאָל אין שפּיגל, איז זי געבליבן צופרידן מיט זיך. זי איז געװען שײן. נישט אַזױ שײן, װי זי פּלעגט װעלן זײן אויף אַ באַל, נאָר שײן פאַר דעם ציל, װעלכן זי האָט איצט אין זינען געהאַט.

אין קירכע איז קײנער, אַ חוץ פּויערן, הויזװעכטער און זײערע װײבער, נישט געװען. אָבער דאַריאַ אַלעקסאַנדראָװנאַ האָט געזעען, אָדער איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי זעט, די באַגײסטערונג, װאָס אירע קינדער און זי האָבן אַרויסגערופן. די קינדער זענען נישט בלויז געװען שײן אין זײערע יומטובֿדיקע מלבושימלעך, נאָר זײ זענען געװען באַחנט מיט דעם, װי שײן זײ האָבן זיך געהאַלטן. אמת, אַז אַליאָשאַ איז געשטאַנען נישט אינגאַנצן גוט: ער האָט זיך אַלץ אויסגעדרײט און געװאָלט זען פון הינטן זײן קורטקעלע; נאָר פונדעסטװעגן איז ער געװען אומגעװײנלעך באַחנט. טאַניאַ איז געשטאַנען װי אַ גרויסע און האָט אַכטונג געטון אויף די קלײנע, נאָר די קלענערע, לילי, איז געװען הערלעך מיט איר נאַיװ װוּנדערן זיך אויף אַלץ, און ס'איז שװער געװען נישט קײן שמײכל צו טון, װי זי האָט, נעמענדיק די קאָמוניע, געזאָגט: „please some more“.

צוריקקומענדיק אַהײם, האָבן די קינדער געפילט, אַז ס'איז פאָרגעקומען עפּעס פײַערלעכס, און זענען געװען זײער רויק.

אַלץ איז צוגעגאַנגען גוט אויך אין דער הײם; אָבער בײַם פרישטיק האָט גרישאַ אָנגעהויבן צו פײַפן און, װאָס ס'איז געװען ערגער פון אַלעם, ער האָט נישט געהאָרכט די ענגלענדערין, און איז איבערגעלאָזט געװאָרן אָן אַ זיסן פּאַשטעט. דאַריאַ אַלעקסאַנדראָװנאַ װאָלט נישט דערלאָזט אין אַזאַ טאָג צו אַ באַשטראָפונג, װען זי װאָלט געװען דערבײַ; אָבער מען האָט געמוזט אונטערהאַלטן דער ענגלענדערינס פאַראָרדנונג, און זי האָט באַשטעטיקט איר באַשלוס, אַז גרישאַ װעט נישט באַקומען קײן זיסן פּאַשטעט. דאָס האָט אַ ביסל קאַליע געמאַכט די אַלגעמײנע פרײד.

גרישאַ האָט געװײנט, זאָגנדיק, אַז ניקאָלענקאַ האָט געפײַפט, אים האָט מען נישט באַשטראָפט, און אַז ער װײנט

נישט איבערן פּאשטעט, — אים איז אלץ איינס, — נאר איבער דעם, וואס מען איז נישט גערעכטיק צו אים. דאס איז געווען שוין צו טרויע־ריק, און דאריא אלעקסאנדראוונא האט באשלאסן איבערצושמועסן זיך מיט דער ענגלענדערין וועגן מוחל זיין גרישען און זי איז אוועקגעגאנגען צו איר. אבער דא, דורכגייענדיק דעם זאל, האט זי דערזעען א סצענע, וואס האט אנגעפילט מיט אזא פרייד איר הארץ, אז טרערן זענען איר גע־קומען אין די אויגן אריין און זי האט אליין מוחל געווען דעם פאר־ברעכער.

דער באשטראפטער איז געזעסן אין זאל אויפן ווינקלדיקן פענצ־טער; לעבן אים איז געשטאנען טאניא מיט א טעלער. אונטערן אויסרייד, אז די ליאלקעס ווילן מיטאג, האט זי געבעטן די ענגלענדערין א דער־לויבניש אריינצוטראגן איר פארציע פּאשטעט אין קינדער־צימער און, אנשטאט די ליאלקעס, זי געגעבן דעם ברודער. ווייטער וויינענדיק וועגן דער אומגערעכטיקייט פון זיין שטראף, האט ער געגעסן דעם געבראנגטן פאשטעט און דורך שלוכצן געמורמלט: „עס אליין, לאמירביידע עסן... ביידע“.

אויף טאניען האט תחילת געווירקט דאס רחמנות צו גרישען, דער־נאך דאס אנערקענען די אייגענע פיינע האנדלונג, און בא איר זענען אויך געשטאנען טרערן אין די אויגן; אבער זי האט, נישט אפזאגנדיק זיך, געגעסן איר חלק.

דערזעען די מוטער, האבן זיי זיך דערשראקן, אבער ווען זיי האבן זיך איינגעקוקט אין איר פנים און פארשטאנען, אז זיי טון גוט, האבן זיי זיך צעלאכט און מיט פולע מיילער מיט פאשטעט אנגעהויבן אפווישן די שמייכלענדיקע ליפן מיט די הענט און זיך אויסגעשמירט זייערע גאנצע שיינענדיקע פנימער מיט טרערן און איינגעמאכטס.

— מאמעלעך!! דאס נייע ווייסע קלייד! טאניא, גרישא! — האט די מוטער געזאגט, באמיענדיק זיך צו ראטעווען דאס קלייד, אבער מיט טרערן אין די אויגן שמייכלענדיק מיט א גליקזעליקן, באגייסטערטן שמייכל.

די נייע מלבושים האט מען אויסגעטון, געהייסן אנטון די מיידלעך בלוזקעס און די יינגלעך די אלטע קורטקעס און געהייסן איינשפאנען די לאנגע בריטשקע — ווידער, צום פארוואלטערס עגמת־נפש, דעם ברוינעם אין דישעל — כדי צו פארן נאך שוואמען און צום טייך־

בעדל זיך באָדן. אַ ליאַרם פֿון באַגייסטערטע אויסגעשרייען האָט אויס־געבראָכן אין קינדער־צימער און איז נישט שטיל געוואָרן ביז צום סאַמע אָפּפאָרן זיך באָדן.

שוואָמען האָט מען אָנגעקליבן אַ גאַנץ קײשל, אפילו לילי האָט געפֿונען אַ בערעזענע שוואָם. פֿריער פֿלעגט פּאַרקומען אַזוי, אַז מיס גול פֿלעגט געפֿינען און איר ווייזן; אָבער אַצינד האָט זי אַליין געפֿונען אַ גרויסע בערעזענע שוואָם, און אַלע האָבן באַגייסטערט געשריגן: „לילי האָט געפֿונען אַ שוואָם!".

דערנאָך איז מען צוגעפֿאָרן צום טײַך, געלאָזט שטיין די פֿערד אונטער די בעריאָזקעלעך און אַרײַנגעגאַנגען אין בעדל זיך באָדן. דער קוטשער טערענטי האָט צוגעבונדן צו אַ בוים די פֿערד, וואָס האָבן כּסדר זיך אָפּגעיאָגט פֿון די בייסנדיקע פֿליגן, האָט זיך אַנידערגעלייגט, פֿאַר־קנייטשנדיק דאָס גראָז, אין שאָטן פֿון אַ בערעזע און גערייכערט טיטון און פֿון בעדל האָט זיך כּסדר דערטראָגן צו אים אַן אומאויפֿהערלעך פֿריילעך געקוויטשערײַ פֿון די קינדער.

הגם עס איז געווען אַן אָנשטרענגונג אַכטונג צו געבן אויף אַלע קינדער און אָפּהאַלטן זייערע שטיפֿערייען, הגם עס איז שווער געווען צו געדענקען און נישט אויסמישן דידאָזיקע אַלע זעקע־לעך, הייזעלעך, שיכעלעך פֿון פֿאַרשידענע פֿיס און אויפֿבינדן, אויפֿ־קנעפּלען און פֿאַרבינדן די בענדלעך און קנעפּלעך, האָט דאַריאַ אַלעקסאַנ־דראָוונאַ, וואָס האָט פֿאַר זיך אַליין תּמיד ליב געהאַט דאָס באָדן, האַלטנ־דיק עס נוצלעך פֿאַר די קינדער, פֿון גאָרנישט אַזוי הנאה געהאַט, ווי פֿון דעמדאָזיקן באָדן זיך מיט אַלע קינדער. איבערקלויבן דידאָזיקע אַלע פּוכיקע פֿיסלעך, אָרויפֿציען אויף זיי די זעקלעך, נעמען אין די הענט אַריין און אַרומהילן דידאָזיקע נאַקעטע קערפּערלעך און הערן דאָ פֿריידיקע, דאָ דערשראָקענע אויסגעשרייען. זעען דידאָזיקע פֿאַרסאַפּעטע פּנימלעך, מיט אָפֿענע, צעשראָקענע און פֿריילעכע אויגן, דידאָזיקע זיך פּליושקענדיקע מלאכימלעך אירע — איז געווען פֿאַר איר אַ גרויסער תּענוג.

ווען אַ העלפֿט קינדער זענען שוין געווען אָנגעטון, זענען צום בעדל צוגעקומען און נישט דרייסט זיך אָפּגעשטעלט אויסגעשלייערטע פּויער־טעס, וואָס זענען געגאַנגען נאָך ה"ל־קרייטעכצער. מאַטרענאַ פֿילימאָנאָווי־נאַ האָט אַ רוף געטון איינע, כּדי צו געבן איר אויסצוטריקענען אַ לייַ־לעך און אַ העמדל, וואָס זי האָט אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער אַריין, און

דאריא אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט זיך צערעדט מיט די פּויערטעס. די פּויערטעס, וואָס האָבן אין אָנהייב געלאַכט אין די הענט אַריין און נישט פאַרשטאַנען, וואָס מען פרעגט זיי, זענען באַלד דרייסט געוואָרן און האָבן זיך צערעדט, באַלד געווינענדיק דאריא אַלעקסאַנדראָוונען מיט דער אויפריכטיקער באַוואונדערונג פּאַר די קינדער, וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן.

— קוקסט, אַ שיינהייט, אַ ווייסינקע, ווי צוקער, — האָט איינע געזאָגט, אַנקוועלנדיק פון טאַנעטשקען און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ. — אָבער אַ דאַרע...

— יאָ, זי איז קראַנק געווען.

— קוקסט, מסתמא אויך געבאָדן, — האָט אַ צווייטע געזאָגט וועגן דעם זייג-קינד.

— ניין, ער איז ערשט אַלט דריי חדשים, — האָט מיט שטאָלץ געענטפערט דאריא אַלעקסאַנדראָוונאַ.

— אַזוי!

— און דו האָסט קינדער?

— עס זענען געווען פיר, זענען צוויי געבליבן: אַ יינגל און אַ מיידל. ערשט דאָ אין די פאַרגאַנגענע פליישטעג זי אַנטוויינט.

— און ווי אַלט איז זי?

— אין צווייטן יאָר.

— וואָס זשע האָסטו אַזוי לאַנג געזייגט?

— מיר זענען זיך נוהג דריי פאַסטצייטן...

און דער געשפּרעך איז געוואָרן דער אינטערעסאַנטסטער פאַר דאריא אַלעקסאַנדראָוונען: ווי אַזוי זי האָט געבוירן? אויף וואָס ער איז קראַנק געווען? וווּ דער מאַן איז? צי ער קומט אָפּט?

דאריא אַלעקסאַנדראָוונען האָט זיך נישט געגלוסט אָוועקצוגיין פון די פּויערטעס: אַזוי אינטערעסאַנט איז איר געווען דער שמועס מיט זיי, אַזוי אינגאַנצן די אייגענע זענען געווען זייערע אינטערעסן. אָבער אַנגענעמער פון אַלעם איז דאריא אַלעקסאַנדראָוונען געווען דאָס, וואָס זי האָט קלאָר געזעען, ווי די דאָזיקע אַלע פרויען זענען מער פון אַלץ נתפּעל געווען דערפון, וואָס זי האָט אַזוי פיל קינדער און זיי זענען אַזוי שיין. די פּויערטעס האָבן אי לאַכעדיק געמאַכט דאריא אַלעקסאַנדראָוונען, אי באַליידיקט די ענגלענדערין דערמיט, וואָס זי איז געווען די סיבה פון דעמדאָזיקן פאַר איר אומפאַרשטענדלעכן געלעכטער. איינע פון די יונגע פּויערטעס האָט זיך צוגעקוקט צו דער ענגלענדערין, וואָס האָט זיך אָנ-

געטון נאָך אַלע, און ווען יענע האָט אָנגעטון אויף זיך דאָס דריטע קלייד, האָט זי זיך נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פון דער באַמערקונג: „קוקסט, זי שלעפּט אויף זיך, שלעפּט, הערט גאָרנישט אויף אַרויסצושלעפּן!“ האָט זי געזאָגט, און אַלע האָבן צעזעצט זיך מיט אַ געלעכטער.

IX.

צוזאַמענגערינגלט פון אַלע אויסגעבאָדענע קינדער מיט די נאַסע קעפּלעך, אַליין מיט אַ טיכל אויפן קאָפּ, איז דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ שוין פאַרפאָרן צום הויז, ווען דער קוטשער האָט אַ זאָג געטון:

„עפּעס אַ פּריץ גייט; דאַכט זיך, פון פּאָקראָווסקאָיע“.

דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט אַ קוק געטון פאָרויס און זיך דערפרייט, דערזעענדיק אין דעם גרויען הוט און גרויען מאַנטל די באַקאַנטע פיגור פון לעווינען, וואָס איז זיי אַקעגנגעגאַנגען. זי איז שטענדיק צופרידן געווען פון אים, אָבער אַצינד איז זי באַזונדערס צופרידן געווען, וואָס ער זעט זי אין איר גאַנצן רום. קיינער האָט בעסער פון לעווינען נישט געקאָנט פאַרשטיין איר גרויסקייט.

דערזעענדיק זי, האָט ער זיך געפונען פאַר איינעם פון די בילדער פון זיין אין דער צוקונפט אויסגעטרוימטן פאַמיליען־לעבן.

— איר זענט פּונקט ווי אַ קוואָקע, דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ.

— אַך, ווי עס פרייט מיך! — האָט זי געזאָגט, אויסשטרעקנדיק אים די האַנט.

— עס פרייט אייך, און איר האָט נישט געגעבן צו וויסן. בײַ מיר וווינט דער ברודער. איך האָב ערשט פון סטיוואַן דערהאַלטן אַ בריוול, אַז איר געפינט זיך דאָ.

— פון סטיוואַן? — האָט מיט פאַרוווּנדערונג געפרעגט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ.

— יאָ, ער שרייבט, אַז איר זענט אַריבערגעפאָרן, און מיינט, אַז איר וועט מיר דערלויבן אייך בײַהילפיק צו זיין מיט עפּעס, — האָט לעווין געזאָגט און, זאָגנדיק דאָס, האָט ער זיך פּלוצלינג פאַרלוירן, האָט איבערגעריסן דאָס רעדן, און שווייגנדיק ווייטער געגאַנגען לעבן דער

ברישקע, רייסנדיק ליפּע־שפּראָצלעך און איבעררייסנדיק זיי. ער האָט זיך פאַרלוירן דערפאַר, וואָס ער האָט געמיינט, אַז דאַריאַ אַלעקסאַנדראָווגען וועט נישט אָנגענעם זיין די הילף פון אַ זייטיקן מענטש אין דער זאַך, וואָס האָט געדאַרפט געטון ווערן דורך איר מאַן. דאַריאַ אַלעקסאַנדראָווגען איז טאַקע נישט געפעלן געוואָרן דידאָזיקע סטעפאַן אַרקאַדיעוויטשעס מאַניר — אָנצוּוואַרפן זיינע פאַמיליען־עסקים פרעמדע. און זי האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז לעווין פאַרשטייט דאָס. אָט פאַר דעמדאָזיקן איידעלן פאַרשטיין, פאַר דערדאָזיקער סובטעלקייט האָט טאַקע דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ ליב געהאַט לעווינען.

— איך האָב, פאַרשטייט זיך, פאַרשטאַנען, — האָט לעווין געזאָגט, — אַז דאָס באַדייט בלויז, אַז איר ווילט מיך זען, און עס פרייט מיך זייער. פאַרשטייט זיך, איך שטעל מיר פאָר, אַז איך, אַ שטאָטישער באַלעבאָסטע, זעט דאָ אַלץ אויס ווילד, און אויב איר דאַרפט עפּעס, בין איך אינגאַנצן צו אייער דינסט.

— אָ, ניין! — האָט דאָללי געזאָגט. — די ערשטע צייט איז געווען אומבאַקוועם, און אַצינד האָט זיך אַלץ הערלעך איינגעאָרדנט, אַ דאַנק מיין אַלטער ניאַניע, — האָט זי געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף מאַטרענאַ פילימאָנאָוונאַ, וואָס האָט פאַרשטאַנען, אַז מען רעדט וועגן איר און האָט פריילעך און פריינטלעך געשמייכלט צו לעווינען. זי האָט אים געקענט און געוווּסט, אַז דאָס איז אַ גוטער חתן פאַר דעם פריילין, און געוואָלט, אַז די זאַך זאָל מקוים ווערן.

— באַוויליקט אויפצוזיצן, מיר וועלן זיך צונויפרוקן, — האָט זי אים געזאָגט.

— ניין, איך וועל מיך דורכגיין.

די קינדער האָבן געקענט לעווינען זייער ווייניק, נישט געדענקט, ווען זיי האָבן אים געזען, אָבער נישט אַרויסגעוויזן אין דער באַציִונג צו אים יענע מאָדנע געפיל פון שעמעוודיקייט און אָפּשטויס, וועלכעס קינדער פילן אַזוי אָפט צו דערוואַקסענע, געקינצלטע מענטשן, און פאַר וואָס זיי ווערן אַזוי אָפט און שמערצלעך באַשטראָפט. געקינצלטקייט אין וואָס עס זאָל נישט זיין קאָן אָפּנאַרן דעם סאַמע קלוגסטן, דורכדרינגלעכסטן מענטש. אָבער ווי קונציק זי זאָל נישט פאַרבאָרגן ווערן, וועט דאָס סאַמע באַגרענעצסטע קינד זי דערקענען און זיך אָפּקערן פון איר. וואָסערע חסרונות לעווין זאָל נישט געווען האָבן, איז פון קיין געקינצלטקייט נישט געווען אפילו קיין סימן אין אים, און דעריבער האָבן אים די

קינדער אַרויסגעוויזן פּונקט אַזאַ פרייַנטלעכקייט, ווי זיי האָבן געזעען אויף דער מוטערס פּנים. אויף זיין איינלאַדונג זענען די צוויי עלטערע גלייך אַראָפּגעשפּרונגען צו אים און זיך געלאָזט לויפן מיט אים אַקוראַט אַזוי אייַנפאַך, ווי זיי וואָלטן זיך געלאָזט לויפן מיט דער ניאַניע, מיט מיס גול אָדער מיט דער מוטער. לילי האָט זיך אויך אָנגעהויבן בעטן צו אים, און די מוטער האָט זי אים איבערגעגעבן; ער האָט זי אַרויפגעזעצט אויפן אַקסל.

— האָט נישט מורא, האָט נישט מורא, דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ! — האָט ער געזאָגט, פריילעך שמייכלענדיק צו דער מוטער, — עס איז אוממעגלעך, איך זאָל איר אַ קלאַפּ טון אָדער זי אַראָפּלאָזן.

און, קוקנדיק אויף זיינע פלינקע, שטאַרקע, פאָרזיכטיק זאָרגעוודיקע און צופיל אָנגעשטרענגטע באַוועגונגען, האָט די מוטער זיך באַרויקט און פריילעך און צופרידן געשמייכלט, קוקנדיק אויף אים.

דאָ, אין דאָרף, מיט די קינדער און מיט דער אים סימפּאַטישער דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, איז לעווין באַהערשט געוואָרן פון יענעם קינדיש-פריילעכן געמיטס-צושטאַנד, וועלכער פלעגט אים אָפט באַהערשן און וועלכן דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט באַזונדערס ליב געהאַט אין אים. לויפנדיק מיט זיי, האָט ער זיי געלערנט גימנאַסטיק, לאַכעדיק געמאַכט די מיס גול מיט זיין שלעכטן ענגליש און דערציילט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונען וועגן זיינע באַשעפטיקונגען אין דאָרף.

נאָכן מיטאָג, זיצנדיק מיט אים אַליין אויפן באַלקאָן, האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ אָנגעהויבן צו רעדן וועגן קיטין.

— איר ווייסט? קיטי וועט קומען אַהער און וועט פאַרברענגען מיט מיר דעם זומער.

— טאַקע? — האָט ער געזאָגט, רויט ווערנדיק, און גלייך, כדי צו ענדערן דעם שמועס, געזאָגט: — איז זאָל איך אייך שיקן צוויי קי? אויב איר ווילט זיך רעכענען, וועט איר באַווילִיקן מיר צו באַצאָלן צו פינף רובל אַ חודש, אויב עס וועט אייך נישט זיין קיין בושה.

— ניין, אַ דאַנק. בא אונז האָט זיך איינגעאָרדנט.

— נו, וועל איך אייערע קי באַקוקן. און אויב איר וועט דערלויבן, וועל איך פאַראָרדנען, ווי אַזוי זיי עסן צו געבן. אַלץ איז געווענדט אָן עסן.

און כדי בלויז אָפּצווענדן דעם געשפּרעך, האָט לעווין דערקלערט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונען די טעאָריע פון מילך-ווירטשאַפט, וואָס באַ-

שטייט אין דעם, אַז די קו איז בלויז אַ מאַשין צום איבעראַרבעטן דאָס עסן אויף מילך, א. אַז. וו.

ער האָט גערעדט דאָס און לײַדנשאַפטלעך געוואָלט הערן די פּרטים וועגן קיטין און אײַנצײַטיק מורא געהאַט פאַר דעם. ער האָט זיך געשראָקן, אַז עס וועט צעשטערט ווערן די רויקייט, וועלכע ער האָט זיך מיט אַזוי פיל מי דערוואָרבן.

— יאָ, נאָר, איבעריקנס, אויף דעם אַלעם דאַרף מען אַכטונג געבן; און ווער־זשע וועט דאָס טון? — האָט נישט גערן געענטפערט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָווּנאַ.

זי האָט אַצינד אַזוי געהאַט אײַנגעאָרדנט איר באַלעבאַטישקייט דורך מאַטרענאַ פילימאָנאָווּנאַ, אַז איר האָט זיך גאָרנישט געגלוסט צו ענדערן דערין; און זי האָט אויך נישט געגלייבט אין לעווינס קענטענישן און לאַנדווירטשאַפט. די באַהויפּטונגען וועגן דעם, אַז אַ קו איז אַ מאַשין אויף צו מאַכן מילך, זענען איר געווען פאַרדעכטיק. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַזעלכע מינים באַהויפּטונגען קאָנען בלויז שטערן אין דער באַלעבאַטישקייט. איר האָט דאָס אַלץ אויסגעזעען אַ סך אײַנפאַכער: אַז מען דאַרף בלויז, ווי מאַטרענאַ פילימאָנאָווּנאַ האָט דערקלערט, צו געבן דער פּ י ע ס ט ר ו כ ע ר און דער ב י ע ל אָ פּ אַ כ ע ר מער עסן און טרינקען, און אַז דער קוכער זאָל נישט אוועקטראָגן די פּאָמיעס פון דער קיך פאַר דער וועשינס קו. דאָס איז געווען קלאָר. און די באַהויפּטונגען וועגן מעליקן און גראָזיקן עסן זענען געווען צווייפלהאַפט און נישט קלאָר. דער עיקר אָבער — האָט זיך איר געגלוסט צו רעדן וועגן קיטין.

X.

— קיטי שרײַבט מיר, אַז זי וויל קיין שום זאַך נישט אַזוי, ווי אײַנזאַמקייט און רויקייט, — האָט דאָלי געזאָגט נאָך אַ קורצן שטילשווייגן.

— און וואָס מאַכט זי אין געזונט, בעסער? — האָט לעווין אויפגערעגט געפרעגט.

— דאַנקען גאָט, איר איז אינגאַנצן בעסער. איך האָב קיינמאָל נישט געגלייבט, אַז זי זאָל קראַנק זיין אויפן האַרץ.

— אַך, עס פרייט מיך זייער! — האָט לעווין געזאָגט, און דאַללין האָט זיך געדאַכט, אַז זיין פּנים זעט אויס עפּעס רירנד און הילפלאָז, בשעת ער האָט דאָס געזאָגט און שווייגנדיק געקוקט אויף איר.

— הערט נאָר, קאָנסטאַנטין דמיטריטש, — האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ געזאָגט, שמייכלענדיק מיט איר גוטן און עטוואָס איראָנישן שמייכל, — פאַרוואָס זענט איר בייז אויף קיטין?

— איך? איך בין נישט בייז, — האָט לעווין געזאָגט.

— ניין, איר זענט בייז. פאַרוואָס זענט איר נישט געקומען נישט צו אונז, נישט צו זיי, ווען איר פלעגט זיין אין מאָסקווע?

— דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, — האָט ער געזאָגט, רויט ווערנדיק ביז די האָר-וואָרצלען, — איך וואונדער מיך אפילו, וואָס איר, מיט אייער גוטסקייט, פילט דאָס נישט. ווי איז אייך פּשוט נישט קיין רחמנות אויף מיר, ווען איר ווייסט...

— וואָס ווייס איך?

— איר ווייסט, אַז איך האָב געמאַכט אַ פאָרשלאַג און מען האָט מיר אָפּגעזאָגט, — האָט לעווין אַ זאָג געטון, און די דיזיקע גאַנצע צערטלעכקייט, וועלכע ער האָט מיט אַ מינוט צוריק געפילט צו קיטין, האָט אין זיין האַרץ זיך פאַרוואַנדלט אין אַ געפיל פון כעס פאַר דער באַליידיקונג.

— פאַרוואָס-זשע מיינט איר, אַז איך ווייס?

— דערפאַר וואָס אַלע ווייסן דאָס.

— אָט אין דעם זענט איר זיך שוין טועה; איך האָב דאָס נישט געוווּסט, הגם איך האָב מיך משער געווען.

— אַ! נו, ווייסט איר איצט.

— איך האָב געוווּסט בלויז דאָס, אַז עפּעס איז געווען, וואָס האָט זי שרעקלעך געפּייניקט, און אַז זי האָט מיך געבעטן קיינמאָל נישט צו רעדן וועגן דעם. און אויב זי האָט מיר נישט געזאָגט, האָט זי קיינעם נישט געזאָגט. נאָר וואָס-זשע איז בא אייך געווען? זאָגט מיר.

— איך האָב אייך געזאָגט, וואָס ס'איז געווען.

— ווען?

— ווען איך בין געווען דאָס לעצטע מאָל בא אייך.

— און איר ווייסט, וואָס איך וועל אייך זאָגן, — האָט דאַריאַ

אלעקסאנדראָוונאַ געזאָגט: — איך האָב אויף איר שרעקלעך, שרעקלעך רחמנות. איר ליידט בלויז פון שטאָלצקייט.

— אפשר, — האָט לעווין געזאָגט, — אָבער...

זי האָט אים איבערגעשלאָגן.

— אָבער אויף איר, נעבעך, האָב איך שרעקלעך און שרעקלעך רחמנות. אַצינד פאַרשטיי איך אַלץ.

— נו, דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, איר אַנטשולדיקט מיר, — האָט ער געזאָגט אויפשטייענדיק. — זייט געזונט, דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, צום ווידערזען.

— ניין, וואַרט־צו, — האָט זי געזאָגט, אָנכאַפּנדיק אים בײַם אָרבל. — וואַרט־צו, זעצט אייך.

— איך בעט אייך, איך בעט אייך, לאָמיר נישט רעדן וועגן דעם, — האָט ער געזאָגט, זיך זעצנדיק און אײַנצייטיק פילנדיק, אַז אין זיין האַרץ שטייט אויף און באַוועגט זיך אַ האָפנונג, וואָס האָט אים אויסגעזען באַגראָבן.

— ווען איך וואָלט אייך נישט ליב געהאַט, — האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ געזאָגט, און טרערן האָבן זיך באַוויזן אין אירע אויגן, — ווען איך וואָלט אייך נישט געקענט, ווי איך קען אייך...

דאָס געפיל, וואָס האָט אויסגעזען טויט, האָט אויפגעלעבט אַלץ מער און מער, זיך אויפגעהויבן און באַהערשט לעווינס האַרץ.

— יאָ, איך האָב אַצינד אַלץ פאַרשטאַנען — האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ פאָרגעזעצט. — איר קאָנט דאָס נישט פאַרשטיין; אייך, מענער, די פרייע און אויסקלייבער, איז שטענדיק קלאָר, וועמען איר האָט ליב. אָבער אַ פרײַלין אין דער לאַגע פון אָפּוואַרטן, מיט דערדאָזיקער פרויאישער, מיידלישער שעמעוודיקייט, אַ פרײַלין, וועלכע זעט אייך, מענער, פונוויטנס, גלייבט אַלץ אויפן וואָרט, — בײַ אַ פרײַלין איז דאָ און קאָן זיין אַזאַ געפיל, אַז זי ווייסט נישט, וואָס צו זאָגן.

— יאָ, אויב דאָס האַרץ זאָגט נישט...

— ניין, דאָס האַרץ זאָגט יאָ, אָבער איר באַקלערט נאָר: איר, מענער, האָט אַן אויסקוק אויף אַ פרײַלין, איר פאָרט אין הויז אַרײַן, איר דערנעענטערט זיך, פאָרשט אויס, וואַרט אויס, צי וועט איר געפינען דאָס, וואָס איר האָט ליב, און דערנאָך, ווען איר זענט איבערצייגט, אַז איר האָט ליב, מאַכט איר אַ פאָרשלאָג...

— אַלץ איינס, איר מאַכט אַ פאָרשלאַג, ווען אייער ליבע איז רייף געוואָרן אָדער ווען בא אייך איז צווישן צוויי אויסוואַלן פאָרגעקומען אַן איבערגעוויכט. אָבער די פרײלין פרעגט מען נישט. מען וויל, אַז זי אליין זאָל אויסקלויבן, אָבער זי קאָן נישט אויסקלויבן און ענטפערט בלויז: „יאָ“ און „ניין“.

„יאָ, דער אויסוואַל צווישן מיר און ווראָנסקין“, האָט לעווין אַ קלער געטון, און דער אויפגעלעבטער בר-מינן אין זיין נשמה איז ווידער געשטאָרבן און האָט בלויז פּיינלעך געדריקט זיין האַרץ.

— דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, — האָט ער געזאָגט, — אַזוי קלויבט מען אויס אַ מלבוש אָדער, איך ווייס נישט, וואָסער קניה, און נישט קיין ליבע. דער אויסוואַל איז געמאַכט, און גלייכער אַזוי... און קיין איבער-חזרונג קאָן נישט זיין.

— אַך, שטאָלצקייט און שטאָלצקייט! — האָט דאַריאַ אַלעקסאַנ-דראָוונאַ געזאָגט, אַזוי ווי פאַראַכטנדיק אים פאַר דעמדאָזיקן נידעריקן געפיל אין פאַרגלייך מיט יענעם אַנדערן געפיל, וואָס עס קענען בלויז די פרויען. — אין דער צייט, וואָס איר האָט געמאַכט אייער פאָרשלאַג, איז קיטי טאַקע געווען אין דער לאַגע, ווען זי האָט נישט געקאָנט ענט-פערן. אין איר איז פאָרגעקומען אַ וואַקלעניש. אַ וואַקלעניש: איר אָדער ווראָנסקי. אים האָט זי געזעען יעדן טאָג, אייך האָט זי שוין לאַנג נישט געהאַט געזעען. עלעהיי, ווען זי וואָלט געווען עלטער... פאַר מיר, למשל, אויף איר אָרט, וואָלט נישט געקאָנט זיין קיין וואַקלעניש. ער איז מיר שטענדיק דערווידער געווען, און אַזוי האָט עס זיך געענדיקט.

לעווין האָט זיך דערמאָנט קיטיס ענטפער. זי האָט געזאָגט: נ י י ן, ד אָ ס ק אָ ן נ י ש ט ז י י ן...

— דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, — האָט ער שטיל געזאָגט, — איך שעץ אייער צוטרוי צו מיר; איך מיין, אַז איר זענט אייך טועה. נאָר צי איך בין גערעכט אָדער נישט גערעכט, מאַכט דידאָזיקע שטאָלצקייט, וועלכע איר פאַראַכטעט אַזוי, יעדן געדאַנק וועגן קאַטערינאַ אַלעקסאַנ-דראָוונאַ פאַר מיר אוממעגלעך... איר פאַרשטייט, פולשטענדיק אומ-מעגלעך.

— איך וועל בלויז נאָך איינס זאָגן: איר פאַרשטייט, אַז איך רעד וועגן דער שוועסטער, וועלכע איך האָב ליב, ווי מיינע אייגענע קינדער. איך זאָג נישט, אַז זי האָט אייך ליב, נאָר איך האָב בלויז געוואָלט זאָגן, אַז איר אָפּזאָג אין יענער מינוט באַדייט גאָרנישט.

— איך ווייס נישט ! — האָט לעווין געזאָגט אויפשפּרינגענדיק. — ווען איר וואָלט געוווסט, וויפיל ווייטיק איר פאַרשאַפט מיר ? ! אַלצאיינס, ווי אייך וואָלט געשטאָרבן אַ קינד, און מען וואָלט אייך געזאָגט: אָט וואָלט עס געווען אַזוינס, אַזוינס און וואָלט געקאָנט לעבן, און איר וואָלט געהאַט נחת דערפון. און עס איז געשטאָרבן, געשטאָרבן, געשטאָרבן...

— ווי קאָמיש איר זענט, — האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ געזאָגט, מיט אַ טרויעריקן שמייכל קוקנדיק אויף לעווינס אויפרעגונג. — יאָ, איך פאַרשטיי אַצינד אַלץ מער און מער, — האָט זי פאַרקלערט פאַרגעזעצט. — וועט איר נישט קומען צו אונז, ווען קיטי וועט זיין ?

— ניין, איך וועל נישט קומען. פאַרשטייט זיך, איך וועל נישט אויסמיידן קאַטערינאַ אַלעקסאַנדראָוונען, אָבער — ווו איך וועל קאָנען — וועל איך מיך באַמיען צו באַפרייען זי פון מיין אומאַנגענעמער אַנוועזנהייט.

— איר זענט זייער, זייער קאָמיש, — האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ איבערגעחזרט, מיט צערטלעכקייט זיך איינקוקנדיק אין זיין פּנים. — נו, גוט, איז ווי מיר וואָלטן גאָרנישט גערעדט וועגן דעם. נאָכוואָס ביסטו געקומען, טאַניאַ ? — האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ אויף פראַנצויזיש געזאָגט דעם אַריינגעקומענעם מיידעלע.

— ווו איז מיין לאָפּעטקעלע, מאַמאַ ?

— איך רעד אויף פראַנצויזיש, און דו רעד אויך אַזוי.

דאָס מיידל האָט געוואָלט זאָגן, אָבער פאַרגעסן, ווי אַזוי אַ לאָפּעטקעלע איז אויף פראַנצויזיש ; די מוטער האָט איר אונטערגעזאָגט און דערנאָך אויך אויף פראַנצויזיש איר געזאָגט, ווו אָפּצוזוכן דאָס לאָפּעטקעלע. און דאָס האָט אויסגעזעען לעווינען נישט אָנגענעם.

אַלץ אין דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונעס הויז און אין אירע קינדער האָט אים אַצינד אויסגעזעען שוין גאָרנישט אַזוי ליבלעך, ווי פריער.

„און צוליב וואָס רעדט זי פראַנצויזיש מיט די קינדער ? — האָט ער אַ קלער געטון. — ווי נישט נאַטירלעך און פאַלש דאָס איז ! און די קינדער פילן דאָס. אויסלערנען פראַנצויזיש און אָפּגעוויינען פון אויפריכטיקייט", האָט ער פאַר זיך אַליין געטראַכט, נישט וויסנדיק, אַז דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט דאָס אַלץ שוין צוואַנציק מאָל איבערגעטראַכט און, הגם צום שאָדן פון דער אויפריכטיקייט, דאָך געפונען פאַר נייטיק אויף דעם וועג צו לערנען אירע קינדער.

— אָבער וווהין-זשע האָט איר צו פאָרן ? זיצט אַ ביסל.

לעווין איז געבליבן ביז צו דער טיי, אָבער זיין גאַנצע פריילעכקייט איז פאַרשוואונדן, און אים איז געווען אומבאַקוועם.

נאָך דער טיי איז ער אַרויסגעגאַנגען אין פאָרצימער אַריין הייסן צופאָרן די פערד און, ווען ער האָט זיך אומגעקערט, האָט ער געטראָפן דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונען אויפגערעגט, מיט אַ צערודערט פנים און טרערן אין די אויגן. אין דער צייט, וואָס לעווין איז אַרויסגעגאַנגען, איז פאָרגעקומען פאַר דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונען אַ געשעעניש, וואָס האָט פלוצלינג צעשטערט איר גאַנץ היינטיק גליק און שטאָלץ מיט די קינדער: גרישאַ און טאַניאַ האָבן זיך געשלאָגן איבערן באַלעם. דערהערט שרייען אין קינדער-צימער, איז דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ אַריינגעלאָפן און זיי בעטראָפן אין אַ שרעקלעכער פאָזע: טאַניאַ האָט געהאַלטן גרישען באַ די האָר, און ער, מיט אַ צעקרומט פנים פון כעס, האָט זי געשלאָגן מיט די פויסטן, ווו ער האָט געטראָפן. אין דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונעס האַרץ האָט זיך עפעס אָפגעריסן, ווען זי האָט דאָס דערזעען. אַזוי ווי אַ פינצטערניש האָלט זיך אַנגערוקט אויף איר לעבן: זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דידאָזיקע קינדער אירע, מיט וועלכע זי האָט שטאָלצירט, זענען נישט בלויז די סאַמע געוויינלעכסטע, נאָר אפילו נישט גוטע, שלעכט דערצויגענע קינדער, מיט גראָבע, חיהשע נייגונגען, שלעכטע קינדער.

זי האָט וועגן קיין שום אַנדערער זאַך נישט געקאָנט רעדן און טראַכטן און נישט געקאָנט דערציילן לעווינען איר אומגליק.

לעווין האָט געזעען, אַז זי איז אומגליקלעך, און זיך באַמיט צו טרייסטן זי, זאָגנדיק, אַז דאָס באַווייזט קיין שום שלעכטס נישט, אַז אַלע קינדער שלאָגן זיך; נאָר, זאָגנדיק דאָס, האָט לעווין אין זיין האַרץ געטראַכט: „ניין, איך וועל נישט מאַכן קיין קונצן און רעדן פראַנצויזיש מיט מיינע קינדער; נאָר איך וועל האָבן נישט אַזעלכע קינדער; מען דאַרף בלויז נישט קאַליע מאַכן, נישט פאַרקריפלען די קינדער, און זיי וועלן זיין הערלעך. יאָ, באַ מיר וועלן נישט זיין אַזעלכע קינדער".

ער האָט זיך געזעגנט און איז אַוועקגעפאָרן, און זי האָט אים נישט אָפגעהאַלטן.

XI.

אין האַלבן יולי איז צו לעווינען געקומען דער סטאַראָסטע פון דער שוועסטערס דאָרף, וואָס האָט זיך געפונען צוואַנציק וויאָרסט ווייט פון פּאָקראָווסקאָיע, מיט אַ באַריכט וועגן גאַנג פון די געשעפטן און וועגן דעם שניט. די הויפּט-הכנסה פון דער שוועסטערס גוט איז געווען פון די זומפּיקע לאָנקעס. אין די פריערדיקע יאָרן זענען די לאָנקעס צעגומען געוואָרן דורך די פויערן צו צוואַנציק רובל פאַר אַ דיעסאַטין. ווען לעווין האָט איבערגענומען דאָס גוט צום פאַרוואַלטן, איז ער, באַטראַכטנדיק די לאָנקעס, געקומען צום באַשלוס, אַז זיי זענען ווערט טייערער, און באַשטימט אַ פּרייז צו פינף און צוואַנציק רובל פאַר אַ דיעסאַטין. די פויערן האָבן נישט געגעבן דעם פּרייז און האָבן, ווי לעווין האָט חושד געווען, אָפּגעשלאָגן די אַנדערע קויפער. דעמאָלט איז לעווין אַהינגעפאָרן דאָרט אַליין און פאַראָרדנט אָראָפּצונעמען פון די לאָנקעס טיילווייז מיט געדונגענע מענטשן, טיילווייז אין שותפות מיט די פויערן. די אייגענע פויערן האָבן מיט אַלע מיטלען געשטערט דיזאָזיקע נייע איינפירונג, נאָר די זאַך איז אַוועק, און באַלד אין ערשטן יאָר האָבן די לאָנקעס געגעבן כמעט טאָפּלט. אין דריטן און אין פאַרגאַנגענעם יאָר איז פאָרגעקומען די זעלבע קעגנווירקונג פון די פויערן, און דאָס אַראָפּנעמען פון די לאָנקעס איז פאָרגעקומען אויפן זעלבן שטייגער. אין היינטיקן יאָר האָבן די פויערן גענומען דעם גאַנצן שניט און אַ צענד און דער סטאַראָסטע געקומען מעלדן, אַז דער שניט איז שוין אַראָפּגענומען און אַז, מורא האָבנדיק פאַר אַ רעגן, האָט ער איינגעלאַדן דעם בוכהאַלטער, אין זיין אַנוועזנהייט צעטיילט און אַראָפּגענומען שוין עלף פּריצישע סטויגן. לויט די אומבאַשטימטע ענטפערס אויף דער פראַגע, וויפיל היי ס'איז געווען אויף דער הויפּט-לאָנקע, לויט דעם סטאַראָסטעס איילעקייט, וואָס האָט צעטיילט דאָס היי נישט אָנפרעגנדיק זיך, לויט דעם פויערס גאַנצן טאָן האָט לעווין פאַרשטאַנען, אַז אין דערדאָזיקער חליקה פון דעם היי איז עפּעס נישט אין אָרדנונג, און האָט באַשלאָסן צוציפאָרן אַליין קאָנטראָלירן דעם ענין.

געקומען מיטאָג-צייט אין דאָרף אַריין און איבערגעלאָזט דאָס פערד באַם אַלטן פריינט, דעם מאַן פון ברודערס אַם. איז לעווין אַריינגע-

גאַנגען צום אַלטן אין גאָרטן פון די בינשטאָקן, מיט דער דעה געוויר צו ווערן בא אים די פּרטים וועגן דעם אַראָפּנעמען פונם שניט. דער באַריידעווודיקער, סימפּאַטישער אַלטער פּאַמעניטש האָט פריידיק אויפגענומען לעווינען, אים געוויזן זיין גאַנצע באַלעבאַטישקייט, דערציילט אַלע איינצלהייטן וועגן זיינע בינען און נייע בינשטאָקן אין הייַנטיקן יאָר; אָבער אויף לעווינס פראַגן וועגן היי-שניט האָט ער גערעדט אומבאַשטימט און נישט גערן. דאָס האָט נאָך מער איבערצייגט לעווינען אין זיינע השערות. ער איז געגאַנגען אויף דער לאָנקע און באַטראַכט די סטויגן. אין די סטויגן האָט נישט געקאָנט זיין צו פינפציק פורן, און, כדי איבערצוצייגן די פויערן, האָט לעווין געהייסן גלייך אַרויסרופן די פורן, וואָס האָבן געפירט דאָס היי, פאַרנעמען איין סטויג און איבערפירן אין שייער אַריין. פון סטויג איז אַרויס בלויז צוויי און דרייסיק פורן. נישט געקוקט אויפן סטאַראָסטעס פאַרזיכערונגען וועגן דער אויפגעשוואָלנקייט פונם היי און וועגן דעם, ווי אַזוי עס האָט זיך איינגעלייגט אין די סטויגן, טראָץ זיין שווערן זיך, אַז אַלץ איז געווען ערלעך, האָט לעווין זיך געהאַלטן בא זיינס, אַז דאָס היי האָט מען געטיילט אָן זיין באַפעל און אַז ער נעמט דערפאַר נישט אָן דאָסדאָזיקע היי פאַר פינפציק פורן אין אַ סטויג. נאָך לאַנגע וויכוחים האָט מען דעם ענין אַנטשיידט אַזוי, אַז די פויערן זאָלן צונעמען דידאָזיקע עלף סטויגן, רעכנענדיק צו פינפציק פורן, אויף זייער חלק, און אויפן פּריצס חלק זאָל מען אויסטיילן אויפסניי. דידאָזיקע אונטערהאַנדלונגען און דאָס טיילן די סטויגן האָט געדויערט ביזן האַלבן טאָג אַריין. ווען דאָס לעצטע היי איז שוין געווען איינגעטיילט, האָט לעווין איבערגעגעבן דעם ביכפירער די רעשט אַכטונג צו געבן און אַליין האָט ער זיך צוועקגעזעצט אויף אַ סטויג, אַ באַצייכנטן מיט אַ ראַקיטעצווייגל, שעפּנדיק נחת פון דער לאָנקע, וואָס האָט געשווימלט מיט מענטשן.

פאַר אים, אין אויסבויג פון טייך נאָכן זומפּ, פריילעך קנאַקנדיק מיט די קלינגענדיקע שטימען, האָט זיך באַוועגט אַ בונטע שרענגע פויערטעס, און פון דעם אויסגעטרייסלטן היי האָבן איבער דעם העל-גרינעם גראָז שנעל זיך אויסגעצויגן גרויע געשלענגלטע וואַלן. הינטער די פויערטעס זענען געגאַנגען פויערן מיט היי-גאָפּלען, און פון די וואַלן זענען אויסגעוואַקסן ברייטע, הויכע, פּוכיקע סטויגן. לינקס איבער דער שוין אָפּגעליידיקטער לאָנקע זענען געפאָרן פורן, און איינער נאָכן צווייטן, דערלאַנגטע דורך ריזיקע היי-גאָפּלען, זענען פאַרשוווּנדן די סטויגן און

אויף זייער אָרט זענען אָנגעלאָדנט געוואָרן שווערע פּורן מיט שמעקע־
דיק היי, וואָס איז אַראָפּגעהאָנגען איבער די הינטנס פון די פערד.

— באַ שיין וועטער אַראָפּצונעמען! עס וועט שוין איינמאָל זיין
היי! — האָט דער אַלטער געזאָגט, זיך זעצנדיק לעבן לעווינען. —
טיי — נישט קיין היי! ווי זיי וואַלטן קאַטשקעלעך געוועז און אויסגע־
שאָטענע קערנדלעך אויפגעקליבן! — האָט ער צוגעגעבן, אָנווייזנדיק אויף
די אויפגעלאָדנטע סטויגן. — פון מיטאָג אָן האָבן זיי אַ גוטע העלפט
אָפּגעפירט.

— דעם לעצטן? — האָט ער אַ געשריי געטון צו אַ חברה־מאַן,
וועלכער איז געשטאַנען אין פאָדערטייל פון וואָגן און פאָכענדיק מיט די
עקן פון די קאָנאָפּיע־לייצן, איז ער פאַרבייגעפאָרן.

— דעם לעצטן, פאָטערל! — האָט דער חברה־מאַן אַ געשריי גע־
טון, פאַרהאַלטן דאָס פערד, שמייכלענדיק זיך אומגעקוקט צו דער פריי־
לעכער, אויך שמייכלענדיקער, ראָזער פּויערטע, וואָס איז געזעסן אין
וואָגן, און אַ טרייב געטון ווייטער.

— ווער־זשע איז דאָס? אַ זון? — האָט לעווין געפרעגט.

— מיין קלענסטער, — האָט דער אַלטער געזאָגט מיט אַ ליבלעכן
שמייכל.

— סאַראַ כוואַט!

— נישקשה פון אַ חברה־מאַן.

— ער האָט שוין חתונה געהאַט?

— יאָ, שוין דאָס דריטע יאָר.

— וואָס־זשע, קינדער אויך שוין?

— וואָסערע קינדער! אַ גאַנץ יאָר האָט ער גאָרנישט פאַרשטאַנען,
און ער איז אויך שעמעוודיק — האָט דער אַלטער געענטפערט. — נו,
היי! אמתע טיי, — האָט ער איבערגעחזרט, וועלנדיק ענדערן דעם
שמועס.

לעווין האָט זיך אויפמערקזאַמער צוגעקוקט צו וואַנקאַ פאַרמענאָוון
און צו זיין ווייב. זיי האָבן נישט ווייט פון אים אויפגעלאָדנט אַ סטויג.
איוואַן פאַרמענאָוו איז געשטאַנען אויף דער פור. ער האָט צוגענומען,
אויסגעגלייכט און אַראָפּגעטרעטן די גרויסע קופּעס היי, וועלכע עס האָט
אים אין אָנהייב מיט די אָרעמס און דערנאָך מיטן היי־גאָפּל פלינק דער־
לאַנגט זיין יונגע שיינע באַלעבאָסטע. די יונגע פּויערטע האָט געאַרבעט
לייכט, פריילעך און געשיקט. דאָס געדיכטע איינגעלעגענע היי האָט זיך

נישט באַלד געלאָזט אָננעמען מיטן היי־גאָפּל. זי האָט עס פריער צעשפּרייט, אַריינגערוקט דעם היי־גאָפּל, דערנאָך מיט אַ שטייפער און שנעלער באַוועגונג זיך אָנגעשפּאַרט אויף אים מיט דער גאַנצער שווערקייט פון איר קערפּער און איבערבייגנדיק דעם אַרומגעגאַרטלטן רוקן מיט אַ רויטער גאַרטל, האָט זי זיך באַלד אויסגעגלייכט און, אַרויסשטעלנדיק די פולע ברוסט פון הינטערן ווייסן פאַרהענגל, האָט זי מיט אַ שנעלן פאַרמעסט אַ כאַפּ געטאָן מיט די הענט דעם היי־גאָפּל און אַרויפגעוואָרפן די קופּע הויך אויפן וואָגן אַרויף. איוואַן, אַפּנים, באַמיענדיק זיך צו באַפרייען זי פון יעדער איבעריקער מינוט אַרבעט, האָט מיט צעשפּרייטע הענט אונטערגעכאַפּט די דערלאַנגטע קופּע און זי צעשפּרייט איבערן וואָגן. דערלאַנגט דאָס לעצטע היי מיט דער גראַביע, האָט די פויערטע אָפּגעטרייסלט די הייעלעך, וואָס זענען איר אונטערן האַלדז אַרונטערגעפאַלן, פאַרראַכטן דאָס רויטע טיכל, וואָס האָט זיך איר איבערן ווייסן, נישט אָפּגעברענטן שטערן אַראָפּגערוקט און אַרונטערגעקראָכן צובינדן דעם וואָגן. איוואַן האָט זי געלערנט, ווי אַזוי אָנצושטעפּן דעם וואָגן, און זיך הויך צעלאַכט פון עפּעס, וואָס זי האָט געזאָגט. אין דעם אויפדרוק פון ביידע פּנימער איז קענטיק געווען אַ שטאַרקע, יונגע, נישט לאַנג אויפגעוואַכטע ליבע.

XII.

דער וואָגן איז געווען אָנגעבונדן. איוואַן איז אַראָפּגעשפּרונגען און אָנגעהויבן פירן בײַ דער צוים דאָס גוטע, זאַטע פערד. די פויערטע האָט אַרויפגעוואָרפן אויפן וואָגן די גראַביע און איז מיט אַ מונטערן גאַנג, פאָכענדיק מיט די הענט, אַוועקגעגאַנגען צו די פויערטעס, וואָס האָבן זיך צונויפגענומען אין אַ קאַראַהאָד. אַרויספאָרנדיק אויפן וועג, איז איוואַן אַריין אין אָבאָז פון די איבעריקע פורן. די פויערטעס, מיט גראַביעס אויף די אַקסל, בלישטשענדיק מיט העלע בלומען און קנאַקנדיק מיט קלינגענדיקע, פריילעכע שטימען, זענען געגאַנגען הינטער די פורן. איין גראָב, ווילד קול פון אַ פויערטע האָט אָנגעהויבן אַ ליד און עס אויסגעזונגען ביז צום איבערחזרן, און אַלע צוזאַמען, אויף איין מאָל, האָבן

אונטערגעכאַפּט ווידער פֿון אָנהייב דאָס זעלבע ליד אַ האַלבער הונדערט פֿאַרשידענע, גראָבע און דינע, געזונטע שטימען.

די פֿויערטעס האָבן מיט דעם ליד זיך דערנענטערט צו לעווינען, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז אַ וואָלקן מיט אַ דונער פֿון פֿריילעכקייט רוקט זיך אָן אויף אים. דער וואָלקן האָט זיך אָנגערוקט, פֿאַרכאַפּט אים און דעם סטויג, אויף וועלכן ער איז געלעגן, און די איבעריקע סטויגן און די וועגן, און די גאַנצע לאַנקע מיטן ווייטן פֿעלד — אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן דרייען און באַוועגן צום טאַקט פֿון דעם דאָזיקן ווילדן פֿריילעכן ליד מיט די אויסגעשרייען, פֿייפֿערייען און אַכצערייען. לעווין האָט אָנגעהויבן זיי מקנא זיין פֿאַר דער דאָזיקער געזונטער פֿריילעכקייט, עס האָט זיך געגלוסט אָנטייל נעמען אין דער דאָזיקער אויסגעדריקטער לעבנספֿרייד. אָבער ער האָט גאָרנישט געקאָנט טון און געמוזט ליגן און קוקן און הערן. ווען די מחנה מיטן ליד איז פֿאַרשוווּנדן פֿון אויג און געהער, האָט אַ שווער געפֿיל פֿון אומעט פֿאַר זיין איינזאַמקייט, פֿאַר זיין קערפּערלעכן פּוסט און פּאַסקייט, פֿאַר זיין פֿיינדלעכקייט צו דער דאָזיקער וועלט אַרומגעכאַפּט לעווינען.

טייל פֿון די אייגענע פֿויערן, וועלכע האָבן מער פֿון אַלע זיך מתווכּח געווען מיט אים איבערן היי, די, וועלכע ער האָט באַליידיקט, אָדער די, וועלכע האָבן אים געוואָלט אָפּנאַרן, — די דאָזיקע אייגענע פֿויערן האָבן זיך פֿריינטלעך געגריסט צו אים און האָבן, משמעות, נישט געהאַט און נישט געקאָנט האָבן קיין שום תּרעומות אויף אים און נישט בלויז קיין שום חרטה, נאָר אַפֿילו קיין דערינערונג וועגן דעם, אַז זיי האָבן אים געוואָלט אָפּנאַרן. דאָס אַלץ איז דערטרונקען געוואָרן אין דעם ים פֿון פֿריילעכער בשותּפֿותדיקער אַרבעט. גאָט האָט געגעבן אַ טאָג, גאָט האָט געגעבן כּוחות. און דער טאָג און די כּוחות זענען געהייליקט דער אַרבעט, און אין איר טאַקע איז די באַלוינונג. און פֿאַר וועמען די אַרבעט איז? וואָסערע פּירות עס וועלן זיין פֿון דער אַרבעט? דאָס — זענען געדאַנקען זייטיקע און נישטיקע.

לעווין האָט אָפֿט אָנגעקוואָלן פֿונם דאָזיקן לעבן, האָט אָפֿט איבערגעלעבט אַ געפֿיל פֿון קנאה צו די מענטשן, וואָס לעבן מיט דעם דאָזיקן לעבן, אָבער היינט איז אים צום ערשטן מאָל, באַזונדערס אונטערן איינדרוק פֿון דעם, וואָס ער האָט געזען אין די באַציונגען פֿון איוואַן פּאַרמענאָוון צו זיין יונג ווייב, היינט איז לעווינען צום ערשטן מאָל איינגע-

אַלץ אַ קלאָרער געדאַנק וועגן דעם, אַז פון אים הענגט אָפּ איבערצובייטן דאָסדאָזיקע אַזוי לעסטיקע, ליידיקגייערישע, געקינצלטע און פּערזענלעכע לעבן, מיט וועלכן ער לעבט, אויף דעמדאָזיקן מיזאַמען, ריינעם און בשותּפותדיקן, הערלעכן לעבן.

דער אַלטער, וואָס איז געזעסן מיט אים, איז שוין לאַנג געהאַט אַהיימגעגאַנגען; דער גאַנצער עולם איז זיך שוין געהאַט פונאַנדערגעגאַנגען. די נאָענטע זענען אַוועקגעפאָרן אַהיים, און די ווייטע האָבן זיך פאַרזאַמלט צום נאַכטעסן און נאַכטלעגער אויף דער לאָנקע. לעווין, אומבאַמערקט פון עולם, איז ווייטער געלעגן אויפן סטויג און געקוקט, געהערט און געטראַכט. דער עולם, וואָס איז געבליבן נעכטיקן אויף דער לאָנקע, איז נישט געשלאָפן כמעט די גאַנצע קורצע זומער-נאַכט. אין אָנהייב האָט זיך געהערט אַן אַלגעמיין פריילעך גערעדעריי און געלעכטער באַם נאַכטעסן, דערנאָך ווידער לידער און געלעכטער.

דער גאַנצער לאַנגער אַרבעטס-טאָג האָט נישט איבערגעלאָזט אויף זיי קיין אַנדערן שפּור, אַ חוץ פריילעכקייט. פאַר זון-אויפגאַנג איז אַלץ שטיל געוואָרן. עס האָבן זיך געהערט בלויז די באַנאַכטיקע קלאַנגען פון די זשאַבעס, וואָס זענען נישט שטיל געוואָרן אין זומפּ, און פון די פערד, וואָס האָבן געפאָרסקעט איבער דער לאָנקע אין נעפּל, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן פאַרן באַגינען. אויפוואַכנדיק, איז לעווין אויפגעשטאַנען פון סטויג און, באַטראַכטנדיק די שטערן, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז די נאַכט איז אַריבער.

„נו, איז וואָס-זשע וועל איך טון? ווי אַזוי וועל איך דאָס טון?"

האָט ער זיך געזאָגט, באַמיענדיק זיך אויסצודריקן פאַר זיך אַליין דאָס אַלץ, וואָס ער האָט דורכגעטראַכט און דורכגעפילט אין דערדאָזיקער קורצער נאַכט. אַלץ, וואָס ער האָט דורכגעטראַכט און דורכגעפילט, האָט זיך איינגעטיילט אויף דריי באַזונדערע געדאַנקען-גענג. איינער — דאָס איז געווען אָפּצוזאָגן זיך פון זיין אַלט לעבן, פון זיין צו גאָרנישט נוצלעכער בילדונג. דאָסדאָזיקע אָפּזאָגן זיך האָט אים פאַרשאַפט תענוג און איז געווען פאַר אים לייכט און איינפאַך. די אַנדערע געדאַנקען און פאָרשטעלונגען האָבן זיך באַצויגן צו דעם לעבן, מיט וועלכן ער האָט געוואָלט לעבן אַצינד. די איינפאַכקייט, ריינקייט, געזעצלעכקייט פון דעמדאָזיקן לעבן האָט ער קלאָר געפילט און איז געווען איבערצייגט, אַז ער וועט געפינען דערין די באַפרידיקונג, באַרויקונג און ווירדע, וואָס זייער אָפּוועזנקייט האָט ער אַזוי קרענקלעך געפילט. נאָר די דריטע רייע גע-

דאַנקען האָט זיך געדרייט אַרום דער פֿראַגע וועגן דעם, ווי אַזוי ער וועט מאַכן דעמדאָזיקן איבערגאַנג פֿון דעם אַלטן לעבן צום נייעם. אין דאָ האָט זיך אים קיין שום קלאָרס נישט פֿאָרגעשטעלט. „האָבן אַ ווייב. האָבן אַרבעט און זיין געניִיט צו אַרבעטן. פֿאַרלאָזן פּאָקראָווסקאָיע? קויפֿן ערד? פֿאַרשרייבן זיך אין אַ געזעלשאַפֿט? חתונה האָבן מיט אַ פּויערטע? ווי אַזוי־זשע וועל איך דאָס טון? — האָט ער זיך ווידער געפֿרעגט און נישט געפֿונען קיין ענטפֿער. — איבעריקנס, איך בין נישט געשלאָפֿן די גאַנצע נאַכט, און איך קאָן מיר נישט אָפּגעבן קיין קלאָרן חשבון, — האָט ער זיך געזאָגט. — איך וועל מיר דערנאָך קלאָר מאַכן. איינס איז זיכער, אַז די דאָזיקע נאַכט האָט אַנטשיידט מיין גורל. אַלע מיינע פֿריערדיקע טרוימען וועגן פֿאַמיליען־לעבן זענען נאַרישקייטן, נישט דאָס, — האָט ער זיך געזאָגט. — דאָס אַלץ איז אַ סך איינפֿאַכער און בעסער...“

„ווי שיין! — האָט ער אַ קלער געטון, קוקנדיק אויף דעם אויסטערלישן, גלייך ווי פּערל־מוטערנעם, מושעל פֿון ווייסע געקרייזלטע וואָלקנדלעך, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט פּונקט איבער זיין קאָפּ אינמיטן הימל. — ווי אַלץ איז הערלעך אין דערדאָזיקער הערלעכער נאַכט! און ווען האָט באַוויזן צו שאַפֿן זיך דערדאָזיקער מושעל? נישט לאַנג האָב איך געקוקט אויפֿן הימל, און אויף אים איז גאָרנישט געווען, אַ דוק בלויז צוויי ווייסע שטרייפֿן. יאָ, אָט אַזוי אומבאַמערקט האָבן זיך אויך געענדערט מיינע בליקן אויפֿן לעבן!“

ער איז אַראָפּגעגאַנגען פֿון דער לאָנקע און זיך געלאָזט גיין איבערן ברייטן וועג צום דאָרף. עס האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ ווינטעלע, און ס'איז געוואָרן גרוי, טונקל. עס איז אָנגעקומען די כמורנע מינוט, וואָס זאָגט געוויינלעך אָן דעם זון־אויפֿגאַנג, דעם פֿולן נצחון פֿון דער ליכטיקייט איבער דער פֿינצטערניש.

קורטשענדיק זיך פֿון קעלט, איז לעווין געגאַנגען שנעל, קוקנדיק אויף דער ערד. „וואָס איז דאָס? עמעצער פֿאָרט“, האָט ער אַ קלער געטון, דערהערנדיק גלעקעלעך, און אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ. אויף פֿערציק טריט פֿון אים, אַקעגן אים איבערן גרויסן גראָזיקן וועג, איבער וועלכן ער איז געגאַנגען, איז געפֿאָרן מיט פֿיר פֿערד געשפּאַנט אַ קאַטש מיט קופֿערטס. די דישל־פֿערד האָבן זיך געשטופּט פֿון דער קאָליע אויפֿן דישל אַרויף, אָבער דער געשיקטער קוטשער, וואָס איז זייטיק געזעסן אויף דער קעלניע, האָט געהאַלטן דעם דישל איבער דער קאָליע, אַזוי, אַז די רעדער זענען געלאָפֿן איבערן גלאַטן וועג.

בלויז דאָס האָט לעװין באַמערקט און, נישט טראַכטנדיק װעגן דעם, װער עס קאָן דאָס פאָרן, האָט ער צעשטרײט אַ קוק געטון אין דער קאַטש אַרײַן.

אין דער קאַטש האָט געדרימלט אין װינקל אַ זקנה, און בײַם פענצטער, אַפּנים נאָר־װאָס אױפגעװאַכט, איז געזעסן אַ יונגע פרײלין, האַלטנדיק זיך מיט בײדע הענט בײַ די בענדלעך פון װײסן הײבל. אַ ליכטיקע און פאַרטראַכטע, אינגאַנצן איבערפולטע מיט אַ הערלעך און קאָמפליצירט אינערלעך לעבן, װאָס איז פרעמד געװען לעװינען, האָט זי געקוקט איבער אים אויפן זון־אויפגאַנג.

אין דעם זעלבן אויגנבליק, װען דידאָזיקע זעונג איז שוין פאַרשװונדן, האָבן די ערלעכע אויגן אַ בליק געטון אויף אים. זי האָט אים דערקענט, און אַ פאַרװוּנדערטע פרייד האָט באַלויכטן איר פּנים.

ער האָט זיך נישט געקאָנט טועה זײַן. בלויז אײנציקע אויף דער װעלט זענען געװען דידאָזיקע אויגן. בלויז אײן װעזן איז געװען אויף דער װעלט, װאָס איז פעיק געװען צו קאָנצענטרירן פאַר אים די גאַנצע װעלט און דעם זינען פון לעבן. דאָס איז געװען זי. דאָס איז געװען קיטי. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי פאָרט קײן יערגושאָװאָ פון דער באַן־סטאַציע. און דאָס אַלץ, װאָס האָט באַאומרויקט לעװינען אין דערדאָזיקער שלאָפלאָזער נאַכט, די אַלע באַשלוסן, װעלכע זענען דורך אים אָנגענו־מען געװאָרן, — אַלץ איז פלוצלינג פאַרשװונדן. ער האָט מיט פאַראַכ־טונג זיך דערמאַנט זײנע פאַנטאַזיעס װעגן חתונה האָבן מיט אַ פויערטע. בלויז דאָרט, אין דערדאָזיקער קאַטש, װאָס האָט זיך שנעל דערװײטערט און איז אַריבערגעפאָרן אויף דער צװײטער זײט װעג, — בלויז דאָרט איז געװען די מעגלעכקײט צו לײזן דאָס רעטעניש פון זײן לעבן, װאָס האָט אים די לעצטע צײט אַזוי פײנלעך געמאַטערט.

זי האָט מער נישט אַרויסגעקוקט. דער קלאַנג פון די רעסאָרן האָט זיך מער נישט געהערט, קוים הערבאַר זענען געװאָרן די גלעקעלעך. דאָס בילן פון די הינט האָט געװיזן, אַז די קאַטש איז שוין דורכגעפאָרן אויך דאָס דאָרף, — און עס זענען געבליבן אַרום די ליידיקע פעלדער, דאָס דאָרף פאָרויס און ער אַלײן, אַן אײנזאַמער און פרעמדער צו אַלעם, װאָס גײט אײנזאַם איבער אַ פאַרװאָרפענעם װײטן װעג.

ער האָט אַ קוק געטון אויפן הימל, מיט דער האָפנונג צו געפינען דאָרט יענעם מושעל, װעלכן ער האָט באַװוּנדערט און װעלכער האָט פאַרקערפּערט פאַר אים דעם גאַנצן גאַנג פון די געדאַנקען און געפילן

פון דער הייגטיקער נאכט. אויפן הימל איז שוין נישט געווען קיין שום ענלעכס צו א מושעל. דארט, אין דער אומדערגרייכבארער הייך, איז שוין פארגעקומען א געהיימע ענדערונג. עס איז נישט געווען אפילו קיין שפור פון דעם מושעל, נאר עס איז געווען א גלייכער טעפיך פון אלץ קלענער און קלענער ווערנדיקע קרייזעלעך, וואס האט זיך אויסגעשפרייט איבער דער גאנצער העלפט פון הימל. דער הימל איז בלוי געווארן און ליכטיק געווארן און האט מיט דער זעלבער צערטלעכקייט, אבער אויך מיט דער זעלבער אומדערגרייכבארקייט געענטפערט אויף זיין פרעגנדיקן בליק.

„ניין, — האט ער זיך געזאגט, — ווי גוט עס איז נישט דאס דאזיקע לעבן, דאס איינפאכע און מיזאמע, קאן איך מיך נישט אומקערן צו דעם. איך האב ליב זי".

XIII.

קיינער, חוץ די סאמע נאענטסטע מענטשן צו אלעקסיי אלעקסאנדראוויטשן, האט נישט געוווסט, אז דערדאזיקער, אין פלוג העכסט קאלטער און מיושבדיקער מענטש, האט איין שוואכקייט, וואס איז סותר דעם אלגעמיינעם סדר פון זיין כאראקטער: אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האט נישט געקאנט גלייכגילטיק הערן און זעען קיין טרערן פון א קינד אדער א פרוי. דער אנבליק פון טרערן האט אים אריינגעברענגט אין א צערודערטן צושטאנד, און ער האט אינגאנצן פארלוירן די פעיקייט פון טראכטן. דער פירער פון זיין קאנצעלאריע און דער סעקרעטאר האבן דאס געוווסט און פלעגן מתרה זיין די בעטעריגס, אז זיי זאלן בשום אופן נישט וויינען, אויב זיי ווילן נישט קאליע מאכן זייער ענין. „ער וועט בייז ווערן און וועט אייך נישט אויסהערן", האבן זיי געזאגט. און באמת, די גייסטיקע צערודערונג, וואס פלעגט אין אזעלכע פאלן ארויסגערופן ווערן בא אלעקסיי אלעקסאנדראוויטשן דורך טרערן, פלעגט זיך אויסדריקן דורך א שנעל בייז ווערן. „איך קאן גארנישט טון. באוויליקט ארויסצוגיין!" האט ער געווייגלעך אין אזעלכע פאלן געשריגן.

ווען, אומקערנדיק זיך פון די געיעגן, האט אים אננא דערקלערט וועגן אירע באציונגען צו ווראנסקין און גלייך נאכדעם זיך פארדעקט

דאָס פנים מיט די הענט און זיך צעוויינט, האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, נישט געקוקט אויף דעם אין זיך אַרויסגערופענעם כעס צו איר, דערפילט דעם צופלוס פון יענער גייסטיקער צערודערטקייט, וועלכע ס'האָבן בײַ אים שטענדיק אַרויסגערופן טרערן. וויסנדיק דאָס און וויסנדיק, אַז דאָס אויסדריקן אין דער מינוט זײַנע געפילן וואָלט נישט אַנטשפּראָכן דער לאַגע, האָט ער זיך באַמיט אָפּצוהאַלטן אין זיך יעדן אויסדרוק פון לעבן און דערפאַר זיך נישט קיין ריר געטון און נישט געקוקט אויף איר. דערפון האָט דאָס טאַקע געשטאַמט דער אויסטערלישער אויסדרוק פון טויטקייט אויף זײַן פנים, וועלכער האָט אַננען אַזוי איבערראַשט.

ווען זיי זענען צוגעפאָרן צום הויז, האָט ער איר געהאָלפן אַראָפּגיין פון דער קאָטש און, מאַכנדיק אַן אָנשטרענגונג איבער זיך, האָט ער מיט דער געוויינלעכער העפלעכקייט זיך געזעגנט מיט איר און אַרויסגערעדט די ווערטער, וועלכע האָבן אים צו גאָרנישט מתחייב געווען; ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט איר מאָרגן מיטטיילן זײַן באַשלוס.

דעם ווײַבס ווערטער, וואָס האָבן באַשטעטיקט זײַנע ערגסטע ספקות האָבן אַרויסגערופן אַ פּײַנלעכן ווייטיק אין אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס האַרץ. דערדאָזיקער ווייטיק איז נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך יענעם אויסטערלישן געפיל פון פיזישן מיטלייד צו איר, וואָס עס האָבן אַרויסגערופן אירע טרערן, אָבער, בלײַבנדיק אַליין אין דער קאָטש, האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, צו זײַן פאַרוווּנדערונג און פרייד, דערפילט אַ פולשטענדיקע באַפרײַונג סיי פון דעמדאָזיקן מיטלייד, סיי פון די ספקות און לײַדן פון אייפערזוכט, וואָס האָבן אים די לעצטע צײַט געפּײַניקט.

ער האָט איבערגעלעבט דאָס געפיל פון אַ מענטש, וועלכער האָט זיך אַרויסגעריסן אַ צאָן, וואָס האָט אים לאַנג וויי געטון. נאָך דעם שרעקלעכן ווייטיק און דעם געפיל פון עפעס ריזיקס, גרעסערס פון קאָפּ אַליין, וואָס איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון מויל, דערפילט פּלוצלינג דער קראַנקער, נאָך נישט גלייבנדיק אין זײַן גליק, אַז עס עקזיסטירט נישט מער דאָס, וואָס האָט אַזוי לאַנג פאַרסמט זײַן לעבן, צוגעשמידט צו זיך די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, און אַז ער קאָן ווידער לעבן און זיך אינטערעסירן נישט בלויז מיט זײַן צאָן אַליין. דאָסדאָזיקע געפיל האָט איבערגעלעבט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש. דער ווייטיק איז געווען אַן אויסטערלישער און שרעקלעכער, אָבער אַצינד איז ער איבערגעגאַנגען; ער

האט געפילט, אז ער קאן ווידער לעבן און טראכטן בלויז וועגן ווייב אליין.

„אן ערע און אן הארץ, אן רעליגיע, א פארדארבענע פרוי! דאס האב איך שטענדיק געוויסט און שטענדיק געזעען, הגם איך האב מיך באמיט, האבנדיק רחמנות אויף איר, זיך אפצונארן", האט ער זיך געזאגט. און אים האט זיך טאקע געדאכט, אז ער האט דאס שטענדיק געזעען: ער האט זיך דערמאנט די פרטים פון זייער פארגאנגן לעבן, וועלכע האבן אים פריער נישט אויסגעזעען ווי עפעס שלעכטס; אצינד האבן די־דאזיקע פרטים דייטלעך באוויזן, אז זי איז שטענדיק געווען פארדארבן. „איך האב מיך טועה געווען מיט דעם, וואס איך האב פארבונדן מיין לעבן מיט אירן; אבער אין מיין טעות איז נישטא קיין שום שלעכטס, און דעריבער קאן איך נישט זיין אומגליקלעך. שולדיק בין נישט איך, — האט ער זיך געזאגט, — נאר זי. אבער זי גייט מיך נישט אן. זי עקזיסטירט נישט פאר מיר".

אלץ, וואס ס'וועט טרעפן זי און דעם זון, צו וועלכן עס האבן, פונקט ווי צו איר, זיך געענדערט זיינע געפילן, האט אים אויפגעהערט צו אינטערעסירן. דאס איינציקע, וואס האט אים איצט אינטערעסירט, איז געווען די פראגע וועגן דעם, ווי אזוי אויפן בעסטן, אנשטענדיקסטן, באקוועמסטן פאר זיך און דערפאר ערלעכסטן אופן זיך אפצוטרייסלען פון דעם שמוץ, מיט וועלכן זי האט אים פארשפריצט בא איר פאלן, און ווייטער גיין אויף זיין וועג פון טעטיקן, ערלעכן און נוצלעכן לעבן.

„איך קאן נישט זיין אומגליקלעך פון דעם, וואס א נידערטרעכטיקע פרוי איז באגאנגען א פארברעך; איך דארף בלויז געפינען דעם בעסטן אויסגאנג פון דער שווערער לאגע, אין וועלכער זי שטעלט מיך. און איך וועל אים געפינען, — האט ער זיך געזאגט, אלץ מער און מער כמורעדיק זיך. — נישט איך בין דער ערשטער, נישט איך בין דער לעצטער". און, נישט רעדנדיק וועגן היסטארישע ביישפילן, אנהייבנדיק פון דעם אויפגעפרישטן אין אלעמענס זכרון דורך דער הערלעכער העלענע פון מענעלאי — איז אין אלעקסיי אלעקסאנדראוויטשס דמיון אויפגעקומען א גאנצע רייע פאלן פון מאדערנע אומטרייע פרויען צו מענער פון דער הויכער געזעלשאפט. „דאריאלאוו, פאלטאווסקי, דער פירשט קאריבאנאוו, דער גראף פאסקודין, דראם... יא, אויך דראם... אזא ערלעכער, טיכטיקער מענטש... סעמיאנאוו, טשיגין, סיגאנין, — האט זיך אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש דערמאנט. — עלעהיי, עפעס אן אומפארשטענדלעכער

ridicule פאַלט אויף דידאָזיקע מענטשן, נאָר איך האָב קיינמאָל נישט געזעען אין דעם גאָרנישט, אַ חוק אומגליק, און האָב עס שטענדיק מיט־געפילט", האָט זיך אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געזאָגט, הגם דאָס איז געווען נישט אמת און ער האָט קיינמאָל נישט מיטגעפילט אַזעלכע שטיי־גער אומגליקן, נאָר אַלץ העכער געשעצט זיך, וואָס אָפטער עס זענען געווען ביישפילן פון פרויען, וואָס האָבן פאַרראַטן זייערע מענער. „דאָס איז אַן אומגליק, וואָס קאָן טרעפן איטלעכן. און דאָסדאָזיקע אומגליק האָט אויך מיך געטראָפן. עס גייט בלויז אין דעם, ווי אַזוי אויפן בעסטן אופן איבערצוטראָגן דידאָזיקע לאַגע". און ער האָט אָנגעהויבן איבערקלייבן די פרטים פון דעם, ווי אַזוי עס האָבן געהאַנדלט די מענטשן, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער זעלבער לאַגע, וואָס ער.

„דאַריאַלאָוו האָט זיך געשלאָגן אויף אַ דועל..."

דער דועל האָט אין דער יוגנט באַזונדערס צוגעצויגן אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס געדאַנק דווקא דערפאַר, וואָס ער איז געווען פיזיש אַ נישט דרייסטער מענטש און האָט דאָס גוט געוווּסט. אַלעקסיי אַלעקסאַנ־דראָוויטש האָט אָן שרעק נישט געקאָנט אַ קלער טון וועגן אַ פּיסטאָ־לעט, וואָס איז אָנגעשטעלט אויף אים, און האָט קיינמאָל אין לעבן נישט באַנוצט קיין שום געווער. דידאָזיקע שרעק האָט אים אין דער יוגנט אָפט געבייט צו טראַכטן וועגן דועל און זיך צופּאַסן צו אַ לאַגע, אין וועלכער מען מוז אויסשטעלן דאָס אייגענע לעבן אויף געפאַר. דערגרייכט דערפאָלג און אַ פעסטע שטעלונג אין לעבן, האָט ער שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן אָן דעמדאָזיקן געפיל: אָבער דאָס געוווינטע געפיל האָט טריומ־פירט, און די מורא פאַר זיין פּחדנות האָט אויך אַצינד זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַזוי שטאַרק, אַז אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט לאַנג און פון אַלע זייטן באַטראַכט און מיטן געדאַנק געצערטלט די פראַגע וועגן דועל, הגם ער האָט פאָרויס געוווּסט, אַז ער וועט בשום אופן זיך נישט שלאָגן.

„אָן ספק, איז אונזער געזעלשאַפט נאָך אַזוי ווילד (נישט אַזוי ווי אין ענגלאַנד), אַז זייער אַ סך, — און צווישן דידאָזיקע זייער אַ סך זענען געווען די, וואָס זייער מיינונג האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש באַזונדערס טייער געהאַלטן, — וועלן קוקן אויף אַ דועל פון דער גוטער זייט; אָבער וואָסער רעזולטאַט וועט דערגרייכט ווערן? לאָמיר אָננעמען, איך וועל אַרויסרופן אויף אַ דועל, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש פאַר זיך פאָרגעזעצט און, ווען ער האָט זיך לעבעדיק פאָרגעשטעלט די נאַכט, וועלכע ער וועט פאַרברענגען נאָך דעם אַרויסרוף, און דעם פּיס־

שאָליעס, וואָס איז אויף אים אָנגעשטעלט, האָט ער אַ ביטער געטון און פֿאַרשטאַנען, אַז ער וועט דאָס קיינמאָל נישט טון, — לאָמיר אָננעמען, איך וועל אים אַרויסרופֿן אויף אַ דועל. לאָמיר אָננעמען, מען וועט מיך אויסלערנען, — האָט ער ווייטער געטראַכט, — מען וועט מיך אַוועקשטעלן, איך וועל אַ דריק טון דאָס צינגל, — האָט ער זיך געזאָגט, פֿאַרמאַכנדיק די אויגן, — און עס וועט זיך אַרויסדרייען, אַז איך האָב אים דערהרגעט, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש זיך געזאָגט און אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ, כּדי צו פֿאַרטרייבן פֿון זיך דידאָזיקע נאַרישע געדאַנקען. — וואָסער זינען האָט דאָס דערהרגענען אַ מענטש צוליב דעם, כּדי צו באַשטימען די אייגענע באַציִונג צו אַ פֿאַרברעכערישער פֿרוי און אַ זון? איך וועל ווייטער פּונקט אַזוי מוזן באַשליסן, וואָס צו טון מיט איר. אָבער נאָך וואָרשיינלעכער און אומצווייפֿלהאַפֿטער איז דאָס, אַז איך וועל דערהרגעט ווערן אָדער פֿאַרוווּנדעט ווערן. איך, אַן אומשולדיקער מענטש. אַ קרבן. דערהרגעט אָדער פֿאַרוווּנדעט. דאָס איז נאָך אומזיניקער. אָבער דאָס איז נאָך ווייניק: דאָס אַרויסרופֿן אויף אַ דועל פֿון מיין זייט וועט זיין אַ נישט ערלעכע האַנדלונג. צי ווייס איך דען נישט פֿאַרויס, אַז מיינע פֿריינט וועלן מיך קיינמאָל נישט דערלאָזן צו אַ דועל, — וועלן נישט דערלאָזן, אַז דאָס לעבן פֿון אַ מלוכה-מאַן, וואָס איז נייטיק פֿאַר רוסלאַנד, זאָל אונטערגעוואָרפֿן ווערן אַ סכּנה? וואָס-זשע וועט זיין? עס וועט זיין דאָס, אַז איך, וויסנדיק פֿאַרויס, אַז די זאַך וועט קיינמאָל נישט דערגיין צו אַ סכּנה, האָב געוואָלט בלויז צוגעבן זיך מיט דעמדאָזיקן אַרויסרוף אַ געוויסן פֿאַלשן גלאַנץ. דאָס איז נישט ערלעך, דאָס איז פֿאַלש, דאָס הייסט אָפּנאַרן אַנדערע און זיך אַליין. אַ דועל איז אַן אומזיניקייט, און קיינער וואַרט אים נישט פֿון מיר. מיין ציל באַשטייט אין דעם, אַז איך זאָל פֿאַרזיכערן מיין רעפּוטאַציע, וואָס איז מיר נייטיק פֿאַר אַן אומגעשטערטער פֿאָרזעצונג פֿון מיין טעטיקייט”. די אַמטלעכע טעטיקייט, וואָס האָט אויך פֿריער אין אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס אויגן געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג, האָט אים איצטער אויסגעזען באַזונדערס וויכטיק.

נאָכדעם ווי ער האָט באַהאַנדלט און אָפּגעוואָרפֿן דעם דועל, האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש זיך געווענדט צום גט — דעם צווייטן אויסגאַנג, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן דורך טייל פֿון די מענער, וועלכע ער האָט זיך דערמאָנט. איבערקלייבנדיק אין זכּרון אַלע באַקאַנטע פֿאַלן פֿון גט (זיי זענען געווען זייער אַ סך אין דער סאַמע העכסטער, אים גוט באַ-

קאָנטער געזעלשאַפט), האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש נישט געפונען קיין איינעם, ווי דער ציל פון גט זאָל זיין דער, וועלכן ער האָט געהאַט אין אַכט. אין די אַלע פאַלן האָט דער מאַן אָפּגעטרעטן אָדער פאַרקויפט דאָס אונטרייע ווייב, און דער זעלבער צד, וועלכער האָט פאַר דער שולד נישט געהאַט קיין רעכט חתונה צו האָבן, איז אַריינגעטרעטן אין אויסגע־טראַכטע, כלומרשט געזעצלעכע באַציונגען מיט אַ כלומרשטן מאַן. אין זיין פאַל אָבער, האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געזעען, אַז דאָס דער־גרייכן אַ געזעצלעכן, ד. ה. אַזאַ גט, ווי עס זאָל בלויז באַזייטיקט ווערן די שולדיקע פרוי, איז אוממעגלעך. ער האָט געזעען, אַז די פאַרוויקלטע לעבנס־באַציונגען, אין וועלכע ער געפינט זיך. דערלאָזן נישט די מעגלעכ־קייטן פון די גראָבע באַווייזן, וועלכע עס פאַדערט דאָס געזעץ צדער דאָס אויפדעקן די פאַרברעכערישקייט פון ווייב; ער האָט געזעען, אַז אַ געוויסע איידלקייט פון דעמדאָזיקן לעבן דערלאָזט אויך נישט באַנוצן דידאָזיקע באַווייזן, ווען זיי וואָלטן אפילו געווען, אַז דאָס באַנוצן דידאָזי־קע באַווייזן, וואָלט אים קלענער געמאַכט אין דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג מער, ווי זי.

אַ פרווו פון אַ גט וואָלט געקאָנט דערפירן בלויז צו אַ סקאַנדאַ־ליעזן פּראָצעס, וועלכער וואָלט געווען אַ מציאה פאַר די שונאים, פאַר רכילות און פאַר אַ דערנידעריקונג פון זיין הויכער שטעלונג אין דער געזעלשאַפט. דער עיקר ציל אָבער — דאָס באַשטימען די לאַגע מיט דער קלענסטער צערודערונג — איז נישט דערגרייכט געוואָרן אויך דורך קיין גט. חוצדעם, איז בײַ אַ גט, אפילו בײַ אַ פרווו פון אַ גט, באַשיינפער־לעך געווען, אַז דאָס ווייב רייסט איבער די באַציונגען מיטן מאַן און פאַרייניקט זיך מיט איר געליבטן. און אין אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס נשמה, נישט געקוקט אויף דער גאַנצער, ווי אים האָט זיך געדאַכט, פאַר־אַכטנדיקער גלייכגילטיקייט אַצינד צום ווייב, איז געבליבן אין דער באַ־ציונג צו איר איין געפיל — אַן אומווילן פון דעם, אַז זי זאָל אומגע־שטערט זיך קאָנען פאַראייניקן מיט ווראָנסקין. אַז איר פאַרברעך זאָל זיין פאַר איר באַקווועם. דערדאָזיקער איינער געדאַנק האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנ־דראָוויטשן אַזוי אויפגערייצט, אַז, בלויז זיך פאָרשטעלנדיק דאָס, האָט ער אַ קרעכץ געטון פון איגערלעכן ווייטיק, זיך אויפגעהויבן, געביטן דאָס אָרט אין דער קאַטש און לאַנג נאָכדעם, אַן אָנגעכמורעטער, פאַרוויקלט זיינע געפרוירענע און ביינערנע פיס מיט דעם האָריקן פלעד.

„חוץ אַ פאָרמעלן גט, קאָן מען נאָך טון ווי קאַריבאַנאָוו, פּאַסקודין און דערדאָזיקער גוטער דראַם, דאָס הייסט צעפאָרן זיך מיטן ווייב, — האָט ער ווייטער געטראַכט. נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַרויקט: אָבער אויך דאָס מיטל האָט פאַרגעשטעלט די זעלבע אומבאַקוועמלעכקייטן פון בושה, ווי בײַ אַ גט, און דער עיקר — דאָס האָט, פּונקט ווי אַ פאָרמעלער גט, אַרײַנגעוואָרפן זײַן ווייב אין ווראָנסקיס אָרעמס. — ניין, דאָס איז אוממעגלעך. אוממעגלעך! — האָט ער הויך אַ זאָג געטון און ווידער זיך גענומען איבערדרייען זײַן פּלעד. איך קאָן נישט זײַן אומגליקלעך, אָבער אויך זי און ער דאַרפן נישט זײַן גליקלעך".

דאָס געפיל פון אײַפערזוכט, וואָס האָט אים געפּייניקט אין דער צײַט פון נישט וויסן, איז איבערגעגאַנגען אין דער מינוט, ווען עס איז אים מיט ווייטיק אַרויסגעריסן געוואָרן דער צאָן דורך דעם ווייבס רייד. אָבער דאָסדאָזיקע געפיל איז פאַרביטן געוואָרן דורך אַ צווייטס — דורך דעם ווילן, אַז זי זאָל נישט בלויז נישט טריומפירן, נאָר באַקומען אַ באַצאָלונג פאַר איר פאַרברעך. ער האָט נישט אָנערקענט דאָסדאָזיקע געפיל, אָבער טיף אין דער נשמה האָט זיך אים געוואָלט, אַז זי זאָל אַ ביסל לײַדן פאַר דעם צעשטערן זײַן רו און ערע. און ווידער איבערקלויבנדיק די באַדינגונגען פון דועל, פון גט, פון צעשיידונג און ווידער זיי אָפּוואַרפנדיק, האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש זיך איבערצייגט, אַז עס איז דאָ איין אויסגאַנג — פאַרהאַלטן זי לעבן זיך, פאַרבאַרגנדיק פאַר דער וועלט דאָס געשעענע און באַנוצן אַלע אָהענגיקע מיטלען, אַז זי זאָל איבעררייסן די פאַרבינדונג און דער עיקר — אין וואָס ער האָט זיך אַליין נישט געוואָלט מודה זײַן — צו באַשטראָפן זי. „איך בין מחויב צו דערקלערן מײַן באַשלוס, אַז, דורכטראַכטנדיק די שווערע לאַגע, אין וועלכער זי האָט געשטעלט די פאַמיליע, וועלן אַלע איבעריקע אויסגענג זײַן ערגער פאַר ביידע צדדים, ווי אַן אויסערלעכער Statu quo, און אַז אַזעלכן בין איך מסכים אָפּצוהיטן, נאָר אונטער דעם שטרענגן באַדינג פון אָפּהיטן מצד איר מײַן ווילן, דאָס הייסט איבעררייסן די באַציונגען מיטן געליבטן". אַלס באַשטעטיקונג פון דעמדאָזיקן באַשלוס, ווען ער איז שוין געווען ענדגילטיק אָנגענומען, איז אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן אײַנגעפאַלן נאָך איין וויכטיקער רעיון. „בלויז בײַ אַזאַ באַשלוס האַנדל איך אויך אין אײַנקלאַנג מיט דער רעליגיע, — האָט ער זיך געזאָגט, — בלויז בײַ דעם באַשלוס פאַרשטויס איך נישט פון מיר דאָס פאַרברעכערישע ווייב, נאָר גיב איר די מעגלעכקייט זיך אויסצובעסערן

און ווידמע אפילו — ווי שווער דאָס וועט מיר נישט זיין — אַ טייל פון מיינע כּוחות אויף אויסצובעסערן און ראַטעווען זי". הגם אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געוווּסט, אַז ער קאָן נישט האָבן אויף דער פרוי קיין מאָראַלישע השפּעה, אַז פון דעם גאַנצן פּרווו אויסצובעסערן זי וועט גאָרנישט אַרויסקומען, אַ חוץ ליגנט; הגם איבערלעבנדיק דידאָזיקע שווערע מינוטן, האָט ער אפילו קיין איין מאָל נישט קיין טראַכט געטון צו זוכן אַן אָנווייזונג אין דער רעליגיע, — אַצינד, ווען זיין באַשלוס איז צונויפגעפאַלן מיט די פאָדערונגען, ווי אים האָט זיך געדאַכט, פון דער רעליגיע, האָט דידאָזיקע רעליגיעזע סאַנקציע פון זיין באַשלוס אים געגעבן אַ פולע באַפרידיקונג און טיילווייזע באַרויקונג. אים איז געווען פריידיק צו טראַכטן, אַז אויך אין אַזאַ וויכטיקן לעבנס-ענין וועט קיינער נישט אימשטאַנד זיין צו זאָגן, אַז ער האָט נישט געהאַנדלט אין הסכם מיט די געזעצן פון דער רעליגיע, וואָס איר פאָן האָט ער שטענדיק געהאַלטן הויך אינמיטן פון דער אַלגעמיינער אָפּגעקילטקייט און גלייכגילטיקייט. דורכטראַכטנדיק די ווייטערע איינצלהייטן, האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש נישט געזען אפילו, פאַרוואָס זיינע באַציונגען צו דער פרוי קאָנען נישט בלייבן די זעלבע אפילו, ווי פריער. אָן ספק, וועט ער קיינמאָל נישט אימשטאַנד זיין איר אומצוקערן זיין אַכטונג; אָבער עס איז נישטאָ און עס קאָנען נישט זיין קיין שום סיבות ער זאָל זיך צעשטערן זיין לעבן און ליידן איבער דעם, וואָס זי איז אַ שלעכטע און אומטריי ווייב. „יאָ, עס וועט אַריבער אַ צייט, די אַלץ פאַרגלעטנדיקע צייט, און עס וועלן זיך צוריקשטעלן די פריערדיקע באַציונגען, — האָט זיך אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געזאָגט, — דאָס הייסט זיי וועלן זיך צוריקשטעלן אויף אַזאַ אופן, אַז איך וועל נישט פילן קיין צערודערונג אין מיין לעבן. זי מוז זיין אומגליקלעך, אָבער איך בין נישט שולדיק און דעריבער קאָן איך נישט זיין אומגליקלעך".

XIV.

צופאָרנדיק צו פעטערבורג, האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש נישט בלויז אינגאַנצן זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם באַשלוס, נאָר האָט אויך צונויפגעשטעלט אין זיין קאָפּ אַ בריוו, וועלכן ער וועט אָנשרייבן דער פרוי. אַריינקומענדיק אין שווייצער־צימער, האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אַ קוק געטון אויף די בריוו און פאַפירן, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן פון מיניסטעריום, און געהייסן זיי אַריינטראָגן זיך אין קאַבינעט אַריין.

— אַוועקלייגן און קיינעם נישט אויפנעמען, — האָט ער געזאָגט אויפן שווייצערס פראַגע, מיט אַ געוויסער הנאה, וואָס האָט געדינט אַלס סימן פון זיין גוטן געמיטס־צושטאַנד, אַקצענטירנדיק דאָס וואָרט „נישט אויפנעמען".

אין קאַבינעט איז אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש זיך דורכגעגאַנגען אַ צוויי מאָל און זיך אָפּגעשטעלט בײַם ריזיקן שרייבטיש, אויף וועלכן עס זענען שוין אָנגעצונדן געווען פיר ליכט דורך דעם פריער אַריינגעגאַנגענעם קאַמערדינער, ער האָט געקלאַפּט אַ ביסל מיט די פינגער און זיך געזעצט, איבערקלייבנדיק די שרייב־מכשירים. אַרויפגעלייגט די עלנבויגנס אויפן טיש, האָט ער אָנגעבויגן דעם קאָפּ אויף אַ זייט, געטראַכט אַ מינוט און אָנגעהויבן צו שרייבן קיין איין מינוט זיך נישט אָפּשטעלנדיק. ער האָט געשריבן אָן אַ ווענדונג צו איר און אויף פראַנצויזיש, באַנוצנדיק דאָס נאָמענס־וואָרט „איר", וואָס האָט נישט דעם כאַראַקטער פון קאַלטקייט, וועלכן עס האָט אויף רוסיש.

„בײַ אונזער לעצטן געשפּרעך האָב איך אייך אויסגעדריקט מיין כוונה מיטצוטיילן אייך מיין באַשלוס בנוגע דעם ענין פון דעמדאָזיקן געשפּרעך. אויפמערקזאַם צוטראַכטנדיק אַלץ, שרייב איך אַצינד מיטן ציל אויסצופירן דעמדאָזיקן צוזאָג. מיין באַשלוס איז פאָלגנדער: וואָסערע עס זאָלן נישט זיין אייערע האַנדלונגען, האַלט איך מיך נישט פאַר באַרעכטיקט איבערצורייסן די בענדער, מיט וועלכע מיר זענען פאַרבונדן דורך דער מאַכט פון אויבן. אַ פאַמיליע קאָן נישט צעשטערט ווערן לויטן קאַפּריז, ווילן אָדער אפילו פאַרברעכן פון איינעם פון די מאַן־און־ווייב, און אונזער לעבן דאַרף גיין, ווי עס איז געגאַנגען פריער. דאָס איז נייטיק

פאַר מיר, פאַר אייך, פאַר אונזער זון. איך בין פולשטענדיק איבערצייגט, אַז איר האָט חרטה געהאַט און האָט חרטה אויף דעם, וואָס דינט אַלס סיבה צו דעמדאָזיקן בריוו, און אַז איר וועט מיר מיטהעלפן אויסצורייסן מיטן וואָרצל די סיבה פון אונזער צעריסנקייט און פאַרגעסן דאָס פאַרגאַנגענע. אין קעגנפאַל קאָנט איר אַליין פאַרזעען דאָס, וואָס דערוואַרט אייך און אייער זון. וועגן דעם אַלעם האָף איך מער אויספירלעכער איבערצושמועסן זיך בײַ אַ פּערזענלעכער זעונג. אַזוי ווי די צייט פונם דאַטשע-סעזאָן ענדיקט זיך, וואָלט איך אייך געבעטן אַריבערצופאָרן קיין פעטערבורג ווי מעגלעך שנעלער, נישט שפּעטער פון דינסטיק. אַלע נייטיקע פאַראָרדנונגען פאַר אייער אַריבערפאָרן וועלן געמאַכט ווערן. איך בעט אייך צו באַמערקן, אַז איך שרייב צו אַ באַזונדערע וויכטיקייט דער אויספירונג פון דערדאָזיקער בקשה מײַנער".

א. קאַרענין".

פּ. ס. „צו דעמדאָזיקן בריוו איז בײַגעלייגט געלט, וואָס קאָן אייך נייטיק זיין אויף אייערע הוצאות".

ער האָט איבערגעלייענט דעם בריוו און געבליבן צופרידן פון אים, באַזונדערס פון דעם, וואָס ער האָט געדענקט צוצולייגן געלט; עס איז נישט געווען קיין האַרב וואָרט, קיין פאָרוואורף, אָבער עס איז אויך נישט געווען קיין מילדקייט. דער עיקר אָבער — עס איז געווען אַ גאָלדענע בריק זיך אומצוקערן. צונויפגעלייגט דעם בריוו, צוגעגלעט אים מיטן גרויסן מעסער פון העלפאַנט-ביין און אַוועקגעלייגט דעם קאָנווערט מיטן געלט, האָט ער מיט פאַרגעניגן, וואָס איז תמיד אַרויסגערופן געוואָרן אין אים דורך דעם באַגיין זיך מיט זיינע גוט איינגעאָרדנטע שרייב-מכשירים, אָנגעקלונגען.

— וועסט איבערגעבן דעם קוריער, ער זאָל מאָרגן צושטעלן אַננאַ אַרקאַדיעווען אויף דער דאַטשע, — האָט ער געזאָגט און איז אויפגעשטאַנען.

— איך הער אייך, עקסעלענץ; טיי אין קאַבינעט אַריין באַפעלט איר צו דערלאַנגען?

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געהייסן דערלאַנגען טיי אין קאַבינעט אַריין און, שפּילנדיק זיך מיטן מאַסיוון מעסער, איז ער צוגעגאַנגען צום פאָטעל, בײַ וועלכן עס איז צוגעגרייט געווען אַ לאָמפּ און דאָס אָנגעהויבענע פראַנצויזישע בוך וועגן די עוגובישע אויפשריפטן. איבערן פאָטעל איז געהאָנגען אין אַ גאָלדענער ראַם, הערלעך געמאַכט דורך אַ

באַרימטן קינסטלער, אַן אַוואַל-פּאָרטרעט פון אַנען. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אַ בליק געטון אויף אים. די נישט דורכדרינגלעכע אויגן האָבן איראָניש און עזותדיק געקוקט אויף אים, ווי אין יענעם לעצטן אָוונט פון זייער דורכשמועסן זיך. אומדערטרעגלעך עזותדיק און אַרויסרופנד האָט געווירקט אויף אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן דער אָנבליק פון די שוואַרצע שפּיצן, וואָס זענען דורכן קינסטלער אויסגעצייכנט געמאַכט געוואָרן אויפן קאָפּ, אויף די שוואַרצע האָר און אויף דער ווייסער האַנט מיטן מיטלסטן פינגער, באַדעקטן מיט רינגלעך. קוקנדיק אַ מינוט אויפן פּאָרטרעט, האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אַזוי אַ ציטער געטון, אַז זיינע ליפּן האָבן זיך אַ טרייסל געטון און אַרויסגעברענגט דעם קלאַנג „ברר", און ער האָט זיך אָוועקגעדרייט. אײַליק זיך אַריינזעצנדיק אין פאָטעל, האָט ער צעעפנט דאָס בוך. ער האָט אַ פּרוּוו געטון לייענען, אָבער בשום אופן נישט געקאָנט צוריק אויפשטעלן אין זיך דעם פריער גאָר לעבעדיקן אינטערעס צו די עוגובישע אויפשריפטן. ער האָט געקוקט אין בוך אַריין און געטראַכט וועגן עפּעס אַנדערש. ער האָט געטראַכט נישט וועגן ווייב, נאָר וועגן אַ געוויסער אין דער לעצטער צייט אַנטשטאַנענער קאָמפּליקאַציע אין זיין מלוכישער טעטיקייט, וואָס האָט אין דער צייט געבילדעט דעם הויפּט-אינטערעס אין זיין דינסט. ער האָט געפילט, אַז ער דרינגט אַצינד טיפער, ווי ווען עס איז, אַריין אין דערדאָזיקער קאָמפּליקאַציע און אַז אין זיין קאָפּ ווערט געבוירן — ער האָט אָן זעלבסט-חניפה געקאָנט זאָגן — אַ קאַפּיטאַלער געדאַנק, וואָס איז מחויב אויפצופּלאָנטערן דעמדאָזיקן גאַנצן עניין, דערהייבן אים אין דער אַמטלעכער קאַריערע, דערנידעריקן זיינע שונאים און דעריבער ברענגען דעם גרעסטן נוצן דער מלוכה. ווי נאָר דער מענטש איז, נאָכן אָוועקשטעלן די טיי, אַרויסגעגאַנגען פון צימער, איז אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צום שרייב-טיש. אַ רוק טוענדיק אין מיטן אַריין דעם פּאָרטפעל מיט די לויפנדע ענינים, האָט ער מיט אַ קוים באַמערקבאַרן שמייכל פון זעלבסטצופרידנקייט אַרויסגענומען פון פעדערגעשטעל דעם בליישטיפט און זיך פאַרטיפט אין לייענען דעם אַרויסגעפאָדערטן דורך אים פאַרוויקלטן עניין, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו יענער קאָמפּליקאַציע.

די קאָמפּליקאַציע איז געווען אַזאַ: די באַזונדערקייט פון אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן, ווי פון אַ מלוכה-מאַן, דער, אים אַליין געאייגנטער, כאַראַקטער-שטריך, וועלכן עס פאַרמאָגט איטלעכער אַרויסגערוקטער באַ-

אַמטער, דער שטריך, וואָס צוזאַמען מיט זיין עקשנותדיקער אייגנליבע, איינגעהאַלטנקייט, ערלעכקייט און זעלבסטזיכערקייט, האָט ער געשאַפן זיין קאַריערע, איז באַשטאַנען אין דעם גרינגשעצן די פּאַפּירענע אָפּיציעלקייט, אין דעם פאַרקירצן די קאָרעספּאָנדענץ און דער גלייכער, אויף וויפיל ס'איז מעגלעך, באַציונג צום לעבעדיקן ענין און אין דער עקאָנאָמישקייט. עס איז אָבער געשען, אַז אין דער באַרימטער קאָמיסיע פון 2-טן יוני איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן דער ענין פון באַוואַסערן די פעלדער פון דער זאַראַיסקער גובערניע, וואָס האָט זיך געפונען אין אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס גובערניע און האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ שאַרפן ביישפּיל פון אומפּרוכטבאַרע הוצאות און פּאַפּירענער באַציונג צום ענין. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געוווסט, אַז דאָס איז אמת. דער ענין פון באַוואַסערן די פעלדער איז אָנגעהויבן געוואָרן דורך אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס פאָרגייער. און ווירקלעך, אויף דעמדאָזיקן ענין איז כסדר געפּטרט געוואָרן זייער אַ סך געלט און לחלוטין נישט פּרוכטבאַר, און דערדאָזיקער גאַנצער ענין האָט, משמעות, צו גאָרנישט געקאָנט פירעגגען. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, אַנקומענדיק אויפן אַמט, האָט דאָס גלייך פאַרשטאַנען און געוואָלט אַ סוף מאַכן צו דעמדאָזיקן ענין; אָבער אין דער ערשטער צייט, ווען ער האָט זיך נאָך נישט געפילט פעסט, האָט ער געוווסט, אַז דאָס רירט אָן צופיל אינטערעסן און ס'איז דעריבער נישט פאַרנונפטיק; דערנאָך ווידער, פאַרנעמענדיק זיך מיט אַנדערע ענינים, האָט ער פּשוט פאַרגעסן אָן דעם ענין. ווי אַלע ענינים, האָט דאָס אויך פון זיך אַליין זיך געפירט מיטן כוח פון אינערציע (אַ סך מענטשן האָבן פּרנסה געהאַט פון דעמדאָזיקן ענין, באַזונדערס איין זייער מאָראַלישע און מוזיקאַלישע פאַמיליע: אַלע טעכטער האָבן געשפּילט אויף סטרונע-אינסטרומענטן. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געקענט דידאָזיקע פאַמיליע און איז געווען צוגעזעצטער פאָטער בּאַ איינער פון די עלטערע טעכטער). דאָס אויפהייבן דעמדאָזיקן ענין דורך דעם פיינטלעכן מיניסטעריום איז געווען, לויט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס מיינונג, נישט ערלעך, ווייל אין יעדן מיניסטעריום זענען געווען נישט נאָר אַזעלכע ענינים, וועלכע קיינער האָט, איבער געוויסע אַמטלעכע העפלעכקייטן, נישט אויפגעהויבן. אַצינד אָבער, אויב מען האָט אים שוין געוואָרפן דידאָזיקע הענטשקע, האָט ער זי דרייסט אויפגעהויבן און בעפאָדערט צו באַשטימען אַ באַזונדערע קאָמיסיע צום אויספאָרשן און קאָנטראָלירן די אַרבעטן פון דער קאָמיסיע פאַר דער באַוואַסערונג פון

די פעלדער פון דער זאַראַיסקער גובערניע, אָבער דערפאַר האָט ער שוין נישט געגעבן קיין שום הנחה אויך יענע הערן. ער האָט געפאָדערט מען זאָל אויך באַשטימען אַ באַזונדערע קאָמיסיע צום ענין וועגן איינאָרדנען די פרעמדפאָלקישע. דער ענין וועגן איינאָרדנען די פרעמדפאָלקישע איז צופעליק אויפגעהויבן געוואָרן אין קאָמיטעט דעם 2-טן יוני און איז מיט ענערגיע אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורך אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן, ווי אַ זאַך, וואָס לאָזט זיך נישט אָפּלייגן, מחמת דעם קלעגלעכן צושטאַנד פון די פרעמדפאָלקישע. אין קאָמיטעט האָט דערדאָזיקער ענין געדינט אַלס סיבה צו חלוקי-דעות צווישן עטלעכע מיניסטאָרן. דאָס מיניסטעריום, וואָס איז פיינדלעך געווען צו אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן, האָט באַוויזן, אַז די לאַגע פון די פרעמדפאָלקישע איז אַ גאַנץ בליענדיקע און אַז די פאָרגעלייגטע איבערבויונג קאָן צעשטערן זייער אויפבלי, און אויב עס איז דאָ עפעס שלעכטס, איז אין דעם שולדיק בלויז אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס מיניסטעריום, וואָס פירט נישט אויס די דורכן געזעץ פאָרגעשריבענע מיטלען. אַצינד האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש בדעה געהאַט צו פאָדערן: ערשטנס, אַז עס זאָל געשאַפן ווערן אַ נייע קאָמיסיע, וועלכער עס זאָל איבערגעגעבן ווערן אויסצופאָרשן אויפן אָרט דעם צושטאַנד פון די פרעמדפאָלקישע; צווייטנס, אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז די לאַגע פון די פרעמדפאָלקישע איז טאַקע אַזעלכע, ווי זי שטעלט זיך פאָר פון די אָפיציעלע פאַקטן, וועלכע דער קאָמיטעט האָט אין דער האַנט, זאָל באַשטימט ווערן נאָך אַ צווייטע נייע קאָמיסיע פון געלערנטע אויסצופאָרשן די סיבות פון דערדאָזיקער נישט פריידיקער לאַגע פון די פרעמדפאָלקישע פון א) פאָליטישן, ב) אַדמיניסטראַטיוון, ג) עקאָנאָמישן, ד) עטנאָגראַפישן, ה) מאַטעריעלן און ו) רעליגיעזן שטאַנדפונקט; דריטנס, זאָלן אַרויסגעפאָדערט ווערן פון דעם פיינדלעכן מיניסטעריום ידיעות וועגן די מיטלען, וועלכע זענען אין לעצטן יאָרצענדליק אָנגענומען געוואָרן דורך דעמדאָזיקן מיניסטעריום צו באַזייטיקן די נישט גינסטיקע באַדינגונגען, אין וועלכע עס געפינען זיך היינט די פרעמדפאָלקישע, און, ענדלעך, פערטנס, עס זאָל אַרויסגעפאָדערט ווערן פונם מיניסטעריום אַ דערקלערונג וועגן דעם, פאַרוואָס, ווי עס איז צו זען פון די צוגעשטעלטע אין קאָמיטעט ידיעות אונטערן די נומערן 17015 און 18308 פון 5-טן און 7-טן יוני 1864, דאָס מיניסטעריום האָט געהאַנדלט פונקט להיפוך צום זינען פונם גרינדלעכן

און אָרגאַנישן געזעץ, ב... זייט 18, און באַמערקונג צום אַרט. 36. א לעבהאַפטע פאַרב האָט באַדעקט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס פּנים, ווען ער האָט זיך שנעל אויפגעשריבן דעם קאָנספּעקט פון דידאָזיקע געדאַנקען. נאָכדעם ווי ער האָט באַשריבן אַ בויגן פּאַפּיר, איז ער אויפגעשטאַנען, האָט אָנגעקלונגען און איבערגעגעבן אַ צעטעלע צום אָנפירער פון דער קאַנצעלאַריע וועגן צושטעלן אים די נייטיקע אינפאָרמאַציעס. אויפגעשטאַנען און דורכגעגאַנגען זיך איבערן צימער, האָט ער ווידער אַ קוק געטון אויפן פּאָרטרעט, זיך אָנגעכמורעט און ביטולדיק אַ שמייכל געטון. לייענענדיק נאָך אַ ביסל דאָס בוך וועגן די עוועגבישע אויפשריפטן און אויפפרישנדיק דעם אינטערעס צו זיי, איז אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש עלף אַ זייגער געגאַנגען שלאָפן. און ווען ער האָט, ליגנדיק אין בעט, זיך דערמאָנט וועגן דער געשעעניש מיטן ווייב, האָט זי אים אויסגעזען שוין גאָרנישט אַזוי שרעקלעך.

XV.

הגם אַננאַ האָט עקשנותדיק און מיט כּעס זיך אַקעגנגעשטעלט װראָנסקין, ווען ער האָט איר געזאָגט, אַז איר לאַגע איז אוממעגלעך, און זי צוגערעדט צו אַנטדעקן אַלץ דעם מאַן, האָט זי טיף אין דער נשמה געהאַלטן איר לאַגע אַלס פאַלשע, אוממגליקלעכע און מיטן גאַנצן הארץ געוואָלט זי ענדערן. ווען זי האָט זיך אומגעקערט מיטן מאַן פון די געיעגן, האָט זי אין אַ מינוט פון אויפרעגונג אים אַרויסגעזאָגט אַלץ, און נישט געקוקט אויף דעם ווייטיק, וואָס זי האָט בײַ דעם איבערגעלעבט, איז זי געווען צופרידן פון דעם. נאָכדעם, ווי דער מאַן האָט זי פאַרלאָזט, האָט זי זיך געזאָגט, אַז זי איז צופרידן, וואָס אַצינד וועט אַלץ באַשטימט ווערן און עס וועט, על כּל פּנים, נישט זיין קיין ליגנט און פאַלשקייט. איר האָט אויסגעזען אָן ספק, אַז אַצינד וועט איר לאַגע אויף שטענדיק באַשטימט ווערן. זי קאָן זיין שלעכט, דידאָזיקע נייע לאַגע, אָבער זי וועט זיין באַשטימט, אין איר וועט נישט זיין קיין אומקלאָרקייט און ליגנט. דערדאָזיקער ווייטיק, וועלכן זי האָט זיך און דעם מאַן פאַרשאַפט, מיט דעם, וואָס זי האָט אַרויסגעזאָגט דידאָזיקע ווערטער, וועט אַצינד באַלוינט ווערן דורך דעם, וואָס אַלץ וועט באַשטימט ווערן, האָט זי געטראַכט. אין

זעלבן אווגט האט זי זיך געזעען מיט וורא נסקין, אבער אים נישט דער־ציילט, וואס ס'איז פארגעקומען צווישן איר און דעם מאן, הגם צוליב דעם, אז די לאגע זאל באשטימט ווערן, האט מען אים געדארפט דער־ציילן.

ווען זי האט אויפגעוואכט צומארגנס, איז דאס ערשטע, וואס איר איז געקומען אויפן רעיון, געווען די ווערטער, וועלכע זי האט געזאגט דעם מאן, און דידאזיקע ווערטער האבן איר אויסגעזעען אזוי שרעקלעך, אז זי האט אצינד נישט געקאנט פארשטיין, ווי אזוי זי האט זיך געקאנט אנטשליסן ארויסצוברענגען דידאזיקע אויסטערלישע, גראבע ווערטער, און זי האט זיך נישט געקאנט פארשטעלן, וואס פון דעם וועט ארויסקומען. אבער די ווערטער זענען שוין געווען געזאגט, און אלעקסיי אלעקסאנ־דראוויטש איז אוועקגעפארן גארנישט זאגנדיק. „איך האב געזעען ווראנ־סקין און האב אים נישט געזאגט. באלד אין דער זעלבער מינוט, וואס ער איז אוועקגעגאנגען, האב איך אים געוואלט צוריקרופן און זאגן אים, אבער איך האב זיך מישב געווען, ווייל עס איז געווען מאדנע, פארוואס איך האב אים נישט געזאגט אין דער ערשטער מינוט. פארוואס האב איך געוואלט און אים נישט געזאגט?” און אלס ענטפער אויף דערדאזיקער פראגע האט א הייסע רויטקייט זיך צעגאסן איבער איר פנים. זי האט פאר־שטאנען דאס, וואס האט זי אפגעהאלטן פון דעם; זי האט פארשטאנען, אז איר איז געווען א בושה. איר לאגע, וואס האט אויסגעזעען קלאר בעכטן אינאוונט, האט איר פלוצלינג אצינד אויסגעזעען נישט בלויז נישט קלאר, נאר אן אן אויסגאנג. איר איז געווארן שרעקלעך פאר דער בושה, וועגן וועלכער זי האט פריער אפילו נישט געטראכט. ווען זי האט בלויז געטראכט וועגן דעם, וואס איר מאן וועט טון, זענען איר איינגעפאלן די שרעקלעכסטע געדאנקען. איר איז איינגעפאלן, אז באלד וועט קומען דער פארוואלטער זי ארויסטרייבן פון הויז, אז איר שאנד וועט באקאנט ווערן דער גאנצער וועלט. זי האט זיך געפרעגט, וווהין זי וועט פארן, ווען מען וועט זי ארויסטרייבן פון הויז, און נישט געפונען קיין ענטפער.

ווען זי האט געטראכט וועגן ווראנסקין, האט זיך איר פארגע־שטעלט, אז ער האט זי נישט ליב, אז זי הייבט אים שוין אן לעסטיק צו ווערן, אז זי קאן זיך אים נישט פארלייגן, און זי האט געפילט צו אים א פיינטשאפט פאר דעם. איר האט זיך געדאכט, אז די ווערטער, וועלכע זי האט געזאגט דעם מאן און וועלכע זי האט כסדר איבערגעחזרט אין איר דמיון, אז זי האט זיי געזאגט אלעמען און אז אלע האבן זיי גע־

הערט. זי האָט זיך נישט געקאָנט אַנטשליסן אַ בליק צו טון אין די אויגן אַרײַן די, מיט וועמען זי האָט געוווינט. זי האָט זיך נישט געקאָנט אַנטשליסן אַ רוף צו טון דאָס מיידל און נאָך ווינציקער אַראָפּצוגיין אונטן און זעען דעם זון און די גוווערנאַנטין.

דאָס מיידל, וואָס האָט זיך שוין לאַנג אונטערגעהערט בײַ איר טיר, איז אַליין אַרײַנגעגאַנגען צו איר אין צימער. אַננאַ האָט פֿרעגנדיק איר אַ קוק געטון אין די אויגן אַרײַן און איז צעשראָקן רויט געוואָרן. דאָס מיידל האָט זיך אַנטשולדיקט, וואָס זי איז אַרײַנגעגאַנגען, זאָגנדיק, אַז איר האָט זיך געדאַכט, אַז מען האָט אַ קלונג געטון. זי האָט אַרײַנגעבראַכט אַ קלייד און אַ צעטעלע. דאָס צעטעלע איז געווען פֿון בעטסי. בעטסי האָט זי דערמאַנט, אַז הײַנט וועלן זיך צונויפֿפֿאָרן צו איר ליזאַ מערקאַלאָווא און די באַראָנעסע שטאָלץ מיט זייערע פֿאַרערער, מיט קאַלוזשינסקין און מיטן אַלטן סטרעמאָוון, אויף אַ פּאַרטיע קראָקעט. „קומט צו פֿאָרן כאָטש אַ קוק טון, ווי צום קענען־לערנען די כאַראַקטערן, איך וואַרט אײַך“, האָט זי פֿאַרענדיקט.

אַננאַ האָט איבערגעלייענט דאָס צעטעלע און שווער אָפּגעזיפֿצט.

— גאָרנישט, מען דאַרף גאָרנישט, — האָט זי געזאָגט אַנושקען, וואָס האָט איבערגעשטעלט די פֿלאַקאָנען און איבערגעלייגט די בערשטלעך אויפֿן טואַלעט־טישל. — גיי, איך וועל מיך באַלד אָנטון און אַרויסקומען. גאָרנישט, מען דאַרף גאָרנישט.

אַנושקאַ איז אַרויסגעגאַנגען, אָבער אַננאַ האָט זיך נישט גענומען איבערטון, נאָר איז געזעסן אין דער זעלבער פּאָזע, דער קאָפּ און די הענט אַראָפּגעלאָזט. זי האָט פֿון צייט־צו־צייט אַ ציטער געטון מיטן גאַנצן קערפּער, ווי וועלנדיק מאַכן עפּעס אַ זשעסט, זאָגן עפּעס און איז ווידער פֿאַרגליווערט געוואָרן. זי האָט כּסדר איבערגעחזרט: „גאָט מײַנער! גאָט מײַנער!“ אָבער נישט „גאָט“, נישט „מײַנער“ האָבן נישט געהאַט פֿאַר איר קיין שום זינען. דער געדאַנק צו זוכן הילף פֿאַר איר לאַגע אין דער רעליגיע, איז געווען פֿאַר איר, נישט געקוקט דערויף, וואָס זי האָט קיינמאָל נישט געצווייפֿלט אין דער רעליגיע, אין וועלכער זי איז דערצויגן געוואָרן, פּונקט אַזוי פֿרעמד, ווי זוכן הילף בײַ אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן גופֿא. זי האָט פֿאָרויס געוווּסט, אַז הילף פֿון דער רעליגיע איז מעגלעך בלויז אונטערן באַדינג זיך אָפּצוזאָגן פֿון דעם, וואָס שאַפֿט פֿאַר איר דעם גאַנצן לעבנס־זינען. איר איז נישט בלויז געווען שווער, נאָר

זי האָט אָנגעהויבן שפּירן אַ שרעק פאַר דעם נייעם, דורך איר קיינמאָל נישט איבערגעלעבטן געמיטס-צושטאַנד. זי האָט געפילט, אַז אין איר נשמה הייבט זיך אַלץ אָן צווייען, ווי עס צווייען זיך טייל מאָל זאַכן אין מידע אויגן. זי האָט נישט געוווּסט טיילמאָל, פאַרוואָס זי האָט מורא, וואָס זי וויל. צי האָט זי מורא און צי וויל זי דאָס, וואָס ס'איז געווען, אָדער דאָס, וואָס ס'וועט זיין, און וואָס אייגנטלעך זי וויל, האָט זי נישט געוווּסט.

„אָך, וואָס טו איך!“ האָט זי זיך געזאָגט, דערפילנדיק פּלוצלינג אַ ווייטיק אין ביידע זייטן קאָפּ. ווען זי איז צו זיך געקומען, האָט זי געזעען, אַז זי האַלט מיט ביידע הענט אירע האָר בײַ די שלייפן און דריקט זיי. זי איז אויפגעשפּרונגען און אָנגעהויבן אַרומגיין.

— די קאַווע איז פאַרטיק און די מאַמזעל מיט סעריאָזשען וואַרטן, — האָט אַנושקאַ געזאָגט, ווען זי איז ווידער צוריקגעקומען און ווידער געטראָפן אַננען אין דער זעלבער לאַגע.

— סעריאָזשאַ? וואָס סעריאָזשאַ? — האָט אַננאַ, פּלוצלינג באַלעבט ווערנדיק, געפרעגט, דערמאַנענדיק זיך דאָס ערשטע מאָל אין דעם גאַנצן פרימאָרגן וועגן דער עקזיסטענץ פון איר זון.

— ער האָט זיך, דאַכט זיך, פאַרשולדיקט! — האָט אַנושקאַ שמייכלענדיק געענטפערט.

— אין וואָס פאַרשולדיקט?

— די פאַרזשעכעס זענען בײַ אייך געלעגן אין דער ווינקל-שאַנק, האָט ער, דאַכט זיך, איינע שטילינקערהייט אויפגעגעסן.

דאָס דערמאַנען זי אָן זון האָט פּלוצלינג אַרויסגעפירט אַננען פון דער אומאויסגעגלעכער לאַגע, אין וועלכער זי האָט זיך געפונען. זי האָט זיך דערמאָנט אָן דער, טיילווייז אויפריכטיקער, הגם שטאַרק איבערגעטריבענער, ראָלע פון אַ מוטער, וואָס לעבט פאַרן זון, וועלכע זי האָט גענומען אויף זיך אין די לעצטע יאָרן, און מיט פרייד דערפילט, אַז אין דעם צושטאַנד, אין וועלכן זי געפינט זיך, איז דאָ בײַ איר אָן אָנהאַלט, אומאָפּהענגיק פון דער לאַגע, אין וועלכער זי וועט זיך שטעלן צום מאַן און צו ווראָנסקין. דער דאָזיקער אָנהאַלט איז געווען דער זון. אין וואָסער לאַגע זי זאָל נישט שטיין בלייבן, קאָן זי נישט פאַרלאָזן דעם זון. זאָל דער מאַן זי צו שאַנד מאַכן און אַרויסטרייבן, זאָל ווראָנסקי צו איר קאַלט ווערן און ווייטער פירן זיין אומאָפּהענגיק לעבן (זי האָט ווידער מיט ביטערקייט און פאַרוואָרף אַ קלער געטון וועגן אים), קאָן זי נישט פאַרלאָזן

דעם זון. זי האָט אַ ציל אין לעבן. און זי דאַרף זיין טעטיק, טעטיק, כדי צו באַוואָרענען דידאָזיקע לאַגע מיטן זון, אַז מען זאָל אים נישט צונע־מען בײַ איר. אפילו שנעלער, ווי ווייט מעגלעך שנעלער, דאַרף מען אַקטיוו ווערן, כּל זמן מען האָט אים נישט צוגענומען בײַ איר. מען דאַרף נעמען דעם זון און אַוועקפֿאָרן. אָט איז דאָס איינציקע, וואָס זי דאַרף אַצינד טון. זי האָט געדאַרפֿט זיך באַרויקן און אַרויסגיין פֿון דערדאָ־זיקער פּיינלעכער לאַגע. דער געדאַנק וועגן דער איינפאַכער זאַך, וואָס איז פֿאַרבונדן געווען מיטן זון, און וועגן דעם, אַז זי זאָל גלייך מיט אים ערגעץ אַוועקפֿאָרן, האָט איר געגעבן דידאָזיקע באַרויקונג.

זי האָט זיך שנעל אָנגעטון, איז אַראָפּגעגאַנגען און מיט אַנטשלאָ־סענע טריט אַרײַנגעגאַנגען אין גאַסטצימער, ווו עס האָט זי געוויינטלעך געוואַרט קאַווע און סעריאָזשאַ מיט דער גוווערנאַנטין. סעריאָזשאַ, אינ־גאַנצן אין ווייסן, איז געשטאַנען בײַם טיש אונטערן שפּיגל און, אָנגע־בויגן מיטן רוקן און מיטן קאָפּ, מיט אַן אויסדרוק פֿון אָנגעשטרענגטער אויפֿמערקזאַמקייט, וועלכע זי האָט געקענט אין אים און מיט וועלכן ער איז ענלעך געווען צום פֿאָטער, האָט ער עפּעס געטון מיט די בלומען, וועלכע ער האָט געבראַכט.

די גוווערנאַנטין האָט געהאַט אַ באַזונדערס שטרענגע מינע. סע־ריאָזשאַ האָט הילכיק, ווי עס פֿלעגט אָפֿט געשען מיט אים, אויסגע־שריגן: „אַ, די מאַמאַ!" און איז שטיין געבליבן אין אומאַנטשלאָסנקייט: צי צוגיין צו דער מאַמען זיך באַגריסן און אַוועקוואַרפֿן די בלומען אָדער פֿאַרענדיקן דאָס קרענצל און מיט די בלומען גיין?

די גוווערנאַנטין, וואָס האָט זיך באַגריסט, האָט לאַנג און אויספֿיר־לעך אָנגעהויבן דערציילן דעם פֿאַרברעך, וואָס סעריאָזשאַ איז באַגאַנגען, אָבער אַננאַ האָט זי נישט געהערט; זי האָט געקלערט וועגן דעם, צי זי וועט זי מיטנעמען. „ניין, איך וועל נישט נעמען, — האָט זי באַשלאָסן. — איך וועל אַוועקפֿאָרן אַליין, מיטן זון".

— יאָ, דאָס איז זייער שלעכט, — האָט אַננאַ געזאָגט און, אָננע־מענדיק דעם זון בײַם אַקסל, האָט זי מיט נישט קיין שטרענגן, אָבער נישט דרייסטן בליק, וואָס האָט געקירט און דערפֿרייט דאָס יינגל, געקוקט אויף אים און אים אַ קוש געטון. — לאָזט אים מיט מיר, — האָט זי געזאָגט און, נישט אַרויסלאָזנדיק דעם זונס האַנט, האָט זי זיך געזעצט צום טיש, וואָס איז געגרייט געווען מיט קאַווע.

— מאַמאַ, איך... איך... האָב ני... — האָט ער געזאָגט, באַמיענדיק

זיך צו פארשטיין לויט איר אויסדרוק, וואס עס ווארט אים פאר דער פארזשעכע.

— סעריאָזשא, — האָט זי געזאָגט, ווי נאָר די גוווערנאַנטין איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער, — דאָס איז שלעכט, אָבער דו וועסט דאָס שוין קיינמאָל מער נישט טון?... דו האָסט מיך ליב?

זי האָט געפילט, אַז טרערן קומען איר אין די אויגן אַריין. „צי קאָן איך אים נישט ליב האָבן? — האָט זי זיך געזאָגט, אַריינדרינגענדיק אין זיין דערשראָקענעם און איינצייטיק דערפרייטן בליק. — און צי וועט ער זיין איינס מיטן פאָטער, כדי מיך צו באַשטראָפן?“ טרערן זענען שוין גערונען איבער איר פנים און, כדי צו פאַרבאָרגן זיי, איז זי האַסטיק אויפגעשטאַנען און כמעט אַרויסגעלאָפן אויף דער טעראַסע.

נאָך די שטורעמדיקע רעגנס פון די לעצטע טעג האָט זיך געשטעלט אַ קאַלט, לויטער וועטער. באַ דער העלער זון, וואָס האָט דורכגעדרונגען די אָפּגעוואַשענע בלעטער, איז אין דער לופט געווען קאַלט.

זי האָט אויפגעציטערט אי פון קעלט אי פון אינערלעכער שרעק, וואָס האָט זי מיט נייער קראַפט אַרומגעכאַפּט אויף דער ריינער לופט.

— גיי, גיי צו Mariette, — האָט זי געזאָגט סעריאָזשען, וואָס האָט איר געוואָלט נאָכגיין, און זי האָט אָנגעהויבן גיין איבערן שטרוידיוואַן פון דער טעראַסע. „צי וועלן זיי מיר נישט מוחל זיין, נישט פאַרשטיין, אַז דאָס אַלץ האָט נישט געקאָנט זיין אַנדערש?“ האָט זי זיך געזאָגט.

ווען זי איז געבליבן אַליין און האָט אַ קוק געטון אויף די שפּיצן פון די אַשיגעס מיט די אָפּגעוואַשענע, העל בלישטשענדיקע בלעטער אויף דער קאַלטער זון, וואָס האָבן זיך געוויגט פון ווינט, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז זיי וועלן נישט מוחל זיין, אַז אַלץ און אַלע וועלן אַצינד זיין צו איר אומרחמנותדיק, ווי דערדאָזיקער הימל, ווי דאָסדאָזיקע גרינס. און זי האָט ווידער דערפילט, אַז אין איר נשמה הייבט זיך אָן צו צווייען. „מען דאַרף נישט, מען דאַרף נישט טראַכטן, — האָט זי זיך געזאָגט. — מען דאַרף זיך פאַרנעמען. וווהין? ווען? וועמען נעמען מיט זיך? יאָ, קיין מאָסקווע, מיטן אָוונט-צוג. אַננושקאַ און סעריאָזשאַ, און בלויז די סאַמע נייטיקסטע זאַכן. נאָר פריער דאַרף מען אָנשרייבן זיי בײדע. זי איז שנעל אַריינגעגאַנגען אין הויז, אין איר קאַבינעט, זיך געזעצט צום טיש און אָנגעשריבן דעם מאַן:

„נאָכדעם, וואָס ס'איז פאַרגעקומען, קאָן איך נישט מער בלייבן אין

אייער הויז. איך פאַר אַוועק און נעם מיט דעם זון. איך קען נישט די געזעצן און דעריבער ווייס איך נישט, מיט וועמען פון די עלטערן דער זון דאַרף זיין; אָבער איך נעם אים מיט, ווייל אָן אים קאָן איך נישט לעבן. זייט גרויסמוטיק, לאָזט אים איבער בא מיר".

ביז אַצינד האָט זי געשריבן שנעל און נאַטירלעך, אָבער דער רוף צו זיין גרויסמוטיקייט, וועלכע זי האָט נישט אָנערקענט אין אים, און די נויטיקייט צו פאַרענדיקן דעם בריוו מיט עפּעס רירנדיקס האָבן זי אָפּגעשטעלט.

„רעדן וועגן מיין שולד און מיין חרטה קאָן איך נישט, ווייל..."

זי האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט, נישט געפינענדיק קיין צוזאַמענהאַנג אין אירע געדאַנקען. „ניין, — האָט זי זיך געזאָגט, — מען דאַרף גאָרנישט", און, צערייסנדיק דעם בריוו, האָט זי אים איבערגעשריבן, אַרויסנעמענדיק דאָס דערמאָנען וועגן גרויסמוטיקייט, און אים פאַרחתמעט.

דעם צווייטן בריוו האָט מען געדאַרפט שרייבן צו ווראָנסקין. „איך האָב דערקלערט דעם מאַן", האָט זי געשריבן, און איז לאַנג געזעסן, נישט זייענדיק בכוח צו שרייבן ווייטער. דאָס איז געווען אַזוי גראָב, אַזוי נישט פרויענהאַפט. „און דערביי, וואָס-זשע קאָן איך אים שרייבן?" האָט זי זיך געזאָגט. ווידער האָט אַ רויטקייט פון בושה באַדעקט איר פּנים, עס האָט זיך דערמאָנט זיין רויִקייט, און אַ געפיל פון פאַרדראָס צו אים האָט זי גענייט צו צערייסן אויף קליינע פיצעלעך דעם בריוו מיט דער אָנגעשריבענער פראַזע. „מען דאַרף גאָרנישט", האָט זי זיך געזאָגט און, צונויפלייגנדיק דעם ביוואַר, איז זי אַרויפגעגאַנגען אינדערהייך, דערקלערט דער גוווערנאַנטין און די מענטשן, אַז זי פאָרט היינט קיין מאָסקווע, און גלייך זיך גענומען פּאַקן די זאַכן.

XVI.

איבער אַלע צימערן פון דעם דאַטשע-הויז האָבן זיך געדרייט די הויז-וועכטער, גערטנער און לאַקייען, אַרויסטראָגנדיק די זאַכן. די שענק און קאָמאָדעס זענען געווען צעעפנט. צוויי מאָל איז מען געלאָפן אין געוועלבל אַריין נאָך גראָבע שטריק; אויף דער פּאָדלאָגע האָט זיך גע-וואַלגערט צייטונגס-פּאַפּיר. צוויי קאַסטנס, זעק און צונויפגעבונדענע פּלעדן זענען אַרויסגעטראָגן געוואָרן אין פּאָרצימער אַריין. אַ קאַטש און צוויי קאַטשערס זענען געשטאַנען באַם גאַנעק. אַננאַ, וואָס האָט פאַרגעסן באַ דער אַרבעט פון פּאַקן איר אינערלעכע צערודערטקייט, האָט, שטייענדיק באַם טיש אין איר קאַבינעט, איינגעפּאַקט איר וועג-זאַק, ווען אַנושקאַ האָט זי אויפמערקזאַם געמאַכט אויפן גערויש פון אַ צופאָרנדיקן עקיפּאַזש. אַננאַ האָט אַ קוק געטון אין פענצטער אַריין און דערזעען באַם גאַנעק אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס קוריער, וועלכער האָט געקלונגען באַ דער איינגאַנג-טיר.

— גיי ווער געוויר, וואָס עס איז אַזוינס, — האָט זי געזאָגט און מיט אַ רויקער גרייטקייט אויף אַלץ, מיט צונויפגעלייגטע הענט אויף די קני, זיך געזעצט אויף אַ פּאָטעל. דער לאַקיי האָט געבראַכט אַ דיקן פּאַקעט, וואָס איז באַשריבן געווען מיט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס האַנט.

— דעם קוריער איז באַפוילן געוואָרן צו ברענגען ענטפער, — האָט ער געזאָגט.

— גוט, — האָט זי געזאָגט און, ווי נאָר ער איז אַרויסגעגאַנגען, האָט זי מיט ציטערדיקע פינגער אויפגעריסן דעם בריוו. אַ פּעקל אין אַ באַנדעראָל פאַרקלעפּטע נישט פאַרבויגענע אַסיגנאַציעס איז אַרויסגעפאַלן פון אים. זי האָט אַרויסגענומען דעם בריוו און אָנגעהויבן לייענען פון סוף. „איך האָב געמאַכט די צוגרייטונגען צום אַריבערפאָרן, איך שרייב צו אַ וויכטיקייט דער אויספירונג פון מיין בקשה“, האָט זי איבערגעלייענט. זי איז דורכגעלאָפן ווייטער, צוריק, האָט איבערגעלייענט אַלץ און ווידער איבערגעלייענט דעם גאַנצן בריוו פון אָנהייב אָן. ווען זי האָט פאַרענ-

דיקט, האָט זי דערפילט, אַז איר איז קאַלט און אַז אויף איר האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַזאַ שרעקלעך אומגליק, וואָס זי האָט נישט דערוואַרט.

זי האָט אינדערפרי חרטה געהאַט אויף דעם, וואָס זי האָט געזאָגט דעם מאַן, און געוואָלט בלויז איינס, אַז דידאָזיקע ווערטער זאָלן זיין אַזוי ווי נישט געזאָגט. און אָט האָט דערדאָזיקער בריוו אָנערקענט דידאָזיקע ווערטער פאַר נישט געזאָגט און געגעבן איר דאָס, וואָס זי האָט פאַרלאַנגט. אָבער אַצינד האָט דערדאָזיקער בריוו זיך איר פאָרגעשטעלט ערגער פון אַלץ, וואָס נאָר זי האט זיך געקאָנט פאָרשטעלן. „ער איז גערעכט! גערעכט! — האָט זי אַ זאָג געטון. — פאַרשטייט זיך, אַז ער איז שטענדיק גערעכט, ער איז אַ קריסט, ער איז גרויסמוטיק? יאָ, אַ נידעריקער, מיאוסער מענטש! און דאָס פאַרשטייט קיינער נישט, אַ חוץ מיר, און איך קאָן דאָס נישט געבן צו פאַרשטיין. זיי זאָגן: אַ רעליגיעזער, מאָראַלישער, ערלעכער, קלוגער מענטש; נאָר זיי זעען נישט, וואָס איך האָב געזען. זיי ווייסן נישט, ווי אַזוי ער האָט אַכט יאָר געשטיקט מיין לעבן, געשטיקט אַלץ, וואָס איז געווען לעבעדיקס אין מיר. — אַז ער האָט אפילו קיין איין מאָל נישט אַ טראַכט געטון וועגן דעם, אַז איך בין אַ לעבעדיקע פרוי, וועלכע נייטיקט זיך אין ליבע. זיי ווייסן נישט, ווי אַזוי ער האָט אויף יעדן שריט מיך באַליידיקט און איז געבליבן צופרידן מיט זיך. צי האָב איך מיך נישט באַמיט, צו געפינען אַ באַרעכטיקונג פאַר מיין לעבן? צי האָב איך נישט געפרואווט אים ליב צו האָבן, ליב צו האָבן דעם זון, ווען מען האָט שוין נישט געקאָנט ליב האָבן דעם מאַן? אָבער עס איז געקומען די צייט, איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך קאָן מיך מער נישט אָפּנאַרן, אַז איך בין אַ לעבעדיקע, אַז איך בין נישט שולדיק, וואָס גאָט האָט מיך באַשאַפן אַזעלכע, אַז איך דאַרף ליב האָבן און לעבן. און וואָס זשע איז אַצינד? וואָלט ער מיך דערהרגעט, וואָלט ער אים דערהרגעט, — וואָלט איך אַלץ איבערגעטראָגן, וואָלט איך אַלץ מוחל געווען. אָבער ניין, ער...

„ווי אַזוי האָב איך נישט פאַרגעזען, וואָס ער וועט טון? ער וועט טון דאָס, וואָס איז אייגנטימלעך זיין נידעריקן כאַראַקטער. ער וועט בלייבן גערעכט, און איך, די פאַרלוירענע, וועט ער נאָך ערגער, נאָך נידעריקער לאָזן פאַרלוירן גיין...“ „איר אַליין קאָנט מאָרזען דאָס, וואָס דערוואַרט אייך און אייער זון“, האָט זי זיך דערמאָנט די ווערטער פון בריוו. „דאָס איז אַ דראָונג, אַז ער וועט צונעמען דעם זון, און, מסתמא, קאָן מען דאָס, לויט זייער נאַריש געזעץ. אָבער צי ווייס איך נישט נאָכ-

וואָס ער זאָגט דאָס? ער גלייבט אויך נישט אין מיין ליבע צום זון, אָדער פאַראַכטעט (ווי ער פלעגט שטענדיק חוזק מאַכן), פאַראַכטעט דאָסדאָזיקע געפיל מיינס. אָבער ער ווייסט, אַז איך וועל נישט אַוועקוואַרפן דעם זון, קאָן נישט אַוועקוואַרפן דעם זון, אַז אָן דעם זון קאָן נישט זיין פאַר מיר קיין לעבן אפילו מיט דעם, וועמען איך האָב ליב. אָבער ווען איך זאָל אַוועקוואַרפן דעם זון און אַנטלויפן פון אים, וואָלט איך געהאַנדלט ווי די נידערטרעכטיקסטע, עקלהאַפסטע פרוי, דאָס ווייסט ער און ווייסט, אַז איך וועל נישט בכוח זיין דאָס צו טון.

„אונזער לעבן דאַרף גיין ווי פריער", האָט זי זיך דערמאָנט די צווייטע פראַזע פון בריוו. „דאָסדאָזיקע לעבן איז געווען פייגלעך נאָך פריער, עס איז געווען שרעקלעך אין דער לעצטער צייט. וואָס־זשע וועט עס זיין אַצינד? און ער ווייסט דאָס אַלץ, ווייסט, אַז איך קאָן נישט חרטה האָבן אויף דעם, וואָס איך אָטעם, וואָס איך האָב ליב; ווייסט, אַז א חוץ ליגנט און פאַלשקייט, וועט פון דעם גאָרנישט אַרויסקומען; נאָר ער דאַרף מיך ווייטער פייניקן. איך קאָן אים, איך ווייס, אַז, ווי אַ פיש אין וואַסער, שווימט ער און קוויקט זיך מיט דער ליגנט. אָבער ניין, איך וועל אים נישט פאַרשאַפן דאָסדאָזיקע פאַרגעניגן, איך וועל צעררייסן דאָסדאָזיקע שפינוועבס פון ליגנט, אין וועלכן ער וויל מיך איינפלאָנטערן; זאָל זיין, וואָס ס'וועט זיין. אַלץ איז בעסער פון ליגנט און פאַלשקייט.

— אָבער ווי אַזוי? גאָט מיינער! גאָט מיינער! צי איז אַמאָל אַ פרוי געווען אַזוי אומגליקלעך, ווי איך!..."

— ניין, איך וועל צערייסן, צערייסן! — האָט זי אויסגעשריגן, אויפשפרינגענדיק און איינהאַלטנדיק די טרערן. און זי איז צוגעגאַנגען צום שרייבטיש, כדי אים אָנצושרייבן אַ נייעם בריוו. אָבער זי האָט טיף אין דער נשמה שוין געפילט, אַז זי וועט נישט בכוח זיין גאָרנישט צו צערייסן, וועט נישט בכוח זיין אַרויסצוגיין פון דערדאָזיקער פריערדיקער לאַגע, ווי פאַלש און נישט ערלעך זי זאָל נישט זיין.

זי האָט זיך געזעצט צום שרייבטיש, אָבער אַנשטאָט צו שרייבן, האָט זי צונויפגעלייגט די הענט אויפן טיש, אַרויפגעלייגט דעם קאָפ אויף זיי און זיך צעוויינט, שלוכצענדיק און הערשענדיק מיט דער גאַנצער ברוסט, ווי עס וויינען קינדער. זי האָט געוויינט איבער דעם, וואָס איר טרוים וועגן קלאָר מאַכן, באַשטימען איר לאַגע, איז צעשטערט אויף שטענדיק. זי האָט געוווסט פאָרויס, אַז אַלץ וועט בלייבן ווי פריער און אפילו אַ סך ערגער, ווי פריער. זי האָט געפילט, אַז די לאַגע אין דער הויכער

געזעלשאַפט, פון וועלכער זי האָט געגאַסן און וועלכע האָט איר אינדער־פרי אויסגעזעען אזוי נישטיק, אַז דידאַזיקע לאַגע איז איר טייער, אַז זי וועט נישט בכוח זיין אויסצובייטן זי אויף דער לאַגע פון אַ פרוי, וואָס האָט אוועקגעוואָרפן דעם מאַן און דעם זון און זיך פאַרייניקט מיט אַ געליבטן, אַז, וויפיל זי זאָל זיך נישט באַמיען, וועט זי נישט זיין שטאַר־קער פון זיך אַליין. זי וועט קיינמאָל נישט קאָנען פריי ליב האָבן, און וועט אויף שטענדיק בלייבן אַ פאַרברעכערישע פרוי, וועלכער מען קאָן יעדע מינוט פאַרוואַרפן, אַז זי נאַרט אָפּ דעם מאַן צוליב אַ שענדלעכער פאַרבינדונג מיט אַ מענטש אַ פרעמדן, אומאָפּהענגיקן, מיט וועלכן זי קאָן נישט לעבן מיט איין לעבן. זי האָט געוווסט, אַז דאָס איז אַזוי און וועט זיין, און איינצייטיק איז דאָס געווען אזוי שרעקלעך, אַז זי האָט זיך אפילו נישט געקאָנט פאַרשטעלן, מיט וואָס דאָס וועט זיך פאַרענדיקן. און זי האָט געוויינט, נישט איינגעהאַלטן זיך, ווי עס וויינען באַשטראָפטע קינדער.

דעם לאַקייס דערהערטע טריט האָבן זי גענייט צו זיך צו קומען און, באַהאַלטנדיק פון אים איר פנים, האָט זי זיך געמאַכט, אַז זי שרייבט.

— דער קוריער בעט ענטפער — האָט דער לאַקיי געמאָלדן.

— ענטפער? יאָ, — האָט אננא געזאָגט, — זאָל ער צוואַרטן. איך וועל אָנקלינגען.

„וואָס קאָן איך שרייבן? — האָט זי געקלערט. — וואָס קאָן איך באַשליסן אַליין? וואָס ווייס איך? וואָס וויל איך? וואָס האָב איך ליב?" ווידער האָט זי דערפילט, אַז אין איר נשמה הייבט זיך אָן צו צווייען. זי האָט זיך ווידער דערשראָקן פאַר דעמדאָזיקן געפיל און זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם ערשטן איר אונטערגעקומענעם אויסרייד פון טעטיקייט, וועלכער וואָלט זי געקאָנט אָפּציען פון טראַכטן וועגן זיך. „איך מוז זען אַלעק־סייען (אַזוי האָט זי אין געדאַנק אָנגערופן ווראָנסקין), ער איינער קאָן מיר זאָגן, וואָס איך דאַרף טון. איך וועל פאָרן צו בעטסי, אפשר וועל איך אים דאָרט זען", האָט זי זיך געזאָגט, אינגאַנצן פאַרגעסנדיק אָן דעם, אַז ערשט נעכטן, ווען זי האָט אים געזאָגט, אַז זי וועט נישט פאָרן צו דער פירשטין טווערסקאַיאַ, האָט ער געזאָגט, אַז דערפאַר וועט ער אויך נישט פאָרן. זי איז צוגעגאַנגען צום טיש, אָנגעשריבן דעם מאַן: „איך האָב דערהאַלטן אייער בריוו. אַ."
און זי האָט אָנגעקלונגען און אוועקגעגעבן דעם לאַקיי.

— מיר פארן נישט, — האט זי געזאגט דער אריינגעקומענע אננושקען.

— פארן אינגאנצן נישט?

— ניין, פאקט נישט אויף ביז מארגן, און די קוטש פארהאלטן. איך וועל פא־ן צו דער פירשטין.

— וואס־זשע פאר א קלייד צוגרייטן?

XVII.

די געזעלשאפט פון דער פארטיע קראקעט, אויף וועלכער די פירשטין טווערסקאיא האט איינגעלאדן אננען, האט געדארפט באשטיין פון צוויי דאמען מיט זייערע פארערער. דידאזיקע צוויי דאמען זענען געווען די הויפט־פארשטייערינס פון אן אויסדערוויילטן נייעם פעטערבורגער קרייז, וואס האבן אלס נאכאמונג פון עפעס א נאכאמונג געהייסן les sept merveilles du monde. דידאזיקע דאמען האבן, אמת, געהערט צום העכסטן קרייז, אבער פולשטענדיק פיינדלעכן צו יענעם קרייז, וועלכן אננא פלעגט באזוכן. חוצדעם, איז דער אלטער סטרעמאוו, איינער פון די איינפלוסרייכע מענטשן פון פעטערבורג, ליזא מערקאלאווס פארערער, געווען לויטן אמט אלעקסיי אלעקסאנדראוויטשס א שונא. צוליב די אלע טעמים האט אננא נישט געוואלט פארן, און צו דעמדאזיקן אפזאג אירן האבן זיך באציוגן די אנדייטונגען אין דער פירשטין טווערסקאיאס צעטעלע. אצינד אבער, אין דער האפנונג צו זען ווראנסקין, האט אננא געוואלט פארן.

אננא איז געקומען צו דער פירשטין טווערסקאיא פריער פאר די אנדערע געסט.

אין דער צייט, וואס זי איז אריינגעגאנגען, איז ווראנסקיס לאקיי מיט צעקעמטע באקנבערד, געגלעך צו א קאמער־יונקער, אויך אריינגעגאנגען. ער האט זיך אפגעשטעלט בא דער טיר און, אראפנעמענדיק דאס היטל, זי דורכגעלאזט. אננא האט אים דערקענט, און דא ערשט זיך דערמאנט, אז ווראנסקי האט נעכטן געזאגט, אז ער וועט נישט קומען. מסתמא האט ער וועגן דעם געשיקט א צעטעלע.

זי האט געהערט, אויסטועענדיק דאס אויבערמאנטל אין פארצימער,

ווי דער לאָקיי, וואָס האָט אַרויסגערעדט אפילו די „ר“ ווי אַ קאַמער־יונקער, האָט געזאָגט: „פון גראַף צו דער פירשטין“, און האָט איבער־געגעבן אַ צעטעלע.

איר האָט זיך געגלוסט צו פרעגן, ווו זיין הער איז. איר האָט זיך געגלוסט זיך אומצוקערן צוריק און אים שיקן אַ בריוו, אַז ער זאָל קומען צו איר, אָדער אַליין פאָרן צו אים. אָבער נישט דאָס, נישט דאָס צווייטע, נישט דאָס דריטע האָט זי געקאָנט טון; עס האָט זיך שוין פאַרויס גע־הערט דאָס מעלדנדיקע קלינגען פון די גלעקלעך וועגן איר קומען, און דער פירשטין טווערסקאַיאַס לאָקיי איז שוין געשטאַנען האַלב אויסגע־דרייט באַ דער געעפנטער טיר, אַפוואַרטנדיק איר דורכגיין אין די אי־נערלעכע צימערן אַריין.

— די פירשטין איז אין גאָרטן, מען וועט גלייך מעלדן. צי באַ־וויליקט איר נישט זיך מטריח צו זיין אין גאָרטן אַריין? — האָט גע־מאָלדן אַ צווייטער לאָקיי אין צווייטן צימער.

די לאַגע פון נישט אַנטשלאָסנקייט, נישט קלאָרקייט איז געווען די זעלבע, ווי אינדערהיים; נאָך ערגער, דערפאַר וואָס זי האָט גאָרנישט געקאָנט אונטערנעמען, נישט געקאָנט זען ווראָנסקין, נאָר האָט געמוזט בלייבן דאָ, אין אַ פרעמדער געזעלשאַפט, וואָס איז געווען אַזוי אין היפוך צו איר שטימונג; אָבער זי איז געווען אין אַ טואַלעט, וועלכער, זי האָט געוווסט, האָט איר געקליידט; זי איז געווען נישט אַליין: אַרום איז געווען דידאָזיקע געוויינלעכע פייערלעכע אומגעבונג פון ווילטאָג, און איר איז געווען לייכטער, ווי אינדערהיים; זי האָט נישט גענדאַרפט אַריינטראַכטן, וואָס צו טון. אַלץ האָט זיך געטון פון זיך אַליין. באַגעגנט בעטסין, וואָס איז געגאַנגען צו איר, אין ווייסן טואַלעט, וואָס האָט זי איבערראַשט מיט זיין עלעגאַנץ, האָט אַננאַ אַ שמייכל געטון צו איר, ווי שטענדיק. די פירשטין טווערסקאַיאַ איז געגאַנגען מיט טושקעוויטשן און מיט דער קרובה, אַ פריילין, וואָס האָט צום גרויסן גליק פון די פּראָווינ־ציעלע עלטערן, פאַרבריינגט דעם זומער באַ דער באַרימטער פירשטין.

מסתמא איז אין אַננען געווען עפּעס באַזונדערס, ווייל בעטסי האָט דאָס גלייך באַמערקט.

— איך בין שלעכט געשלאָפן, — האָט אַננאַ געענטפערט, זיך איינקוקנדיק אין לאָקיי, וועלכער איז זיי אַקעגנגעגאַנגען און, לויט איר סברא, געטראָגן ווראָנסקיס צעטעלע.

— ווי עס פרייט מיך, וואָס איר זענט געקומען, — האָט בעטסי

געזאָגט. — איך בין מיד געוואָרן און האָב נאָר וואָס געוואָלט אויסטרינקען אַ שעלעכל טיי, איידער זיי וועלן קומען. און איר וואָלט געגאַנגען, — האָט זי זיך געווענדט צו טושקעוויטשן, — מיט מאַשען פּרוּוון דעם קראָקעט-גראַונד, דאָרט ווו מען האָט אַרומגעשניטן. מיר וועלן באַוויַזן זיך האַרציק דורכצושמועסן באַ דער טיי, we'll have a cosy chat, נישט אמת? — האָט זי זיך געווענדט צו אַננען מיט אַ שמייכל, אַ דריק געבנדיק איר האַנט, וואָס האָט געהאַלטן דעם שירם.

— בפרט, אַז איך קאָן נישט פאַרברענגען באַ אייך לאַנג, איך מוז זיין באַ דער אַלטער ווראַדע. איך האָב שוין הונדערט יאָר צוגעזאָגט, — האָט אַננאַ געזאָגט, פאַר וועלכער ליגנס, וואָס איז פרעמד געווען איר נאַטור, איז געוואָרן נישט בלויז אַ פּשוטע און נאַטירלעכע זאַך אין געזעלשאַפט, נאָר האָט איר אַפילו פאַרשאַפט פאַרגעניגן. נאָכוואָס זי האָט געזאָגט דאָס, וואָס זי האָט מיט אַ סעקונדע צוריק נישט געטראַכט, וואָלט זי בשום אופן נישט געקאָנט דערקלערן. זי האָט דאָס געזאָגט בלויז צוליב דעם טעם, וואָס אַזוי ווי ווראָנסקי וועט נישט זיין, מוז זי פאַרזיכערן איר פרייהייט און פּרוּוון ווי ס'איז אים זעען. אָבער פאַרוואָס זי האָט דווקא געזאָגט וועגן דער אַלטער פריילין ווראַדע, צו וועלכער זי האָט געדאַרפט פּונקט אַזוי גוט, ווי צו אַ סך אַנדערע, וואָלט זי נישט געקאָנט דערקלערן, נאָר איינצייטיק, צוטראַכטנדיק די סאַמע כיטרעסטע מיטלען, כדי צו זעען זיך מיט ווראָנסקין, האָט זי, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, נישט געקאָנט צוטראַכטן קיין שום בעסערס.

— ניין, איך וועל אייך בשום אופן נישט אָפּלאָזן, — האָט בעטסי געענטפערט, אויפמערקזאַם זיך איינקוקנדיק אין אַננעס פּנים. — כ'לעבן, איך וואָלט מיך באַליידיקט, ווען איך וואָלט אייך נישט ליב געהאַט. פּונקט ווי איר וואָלט מורא געהאַט, אַז מיין געזעלשאַפט קאָן אייך קאָמפּראָמיטירן. איך בעט אייך, פאַר אונז טיי אין קליינעם סאַלאָנדל אַריין, — האָט זי געזאָגט, — ווי שטענדיק פאַרזשמורענדיק די אויגן באַם ווענדן זיך צום לאַקיי.

נעמענדיק באַ אים דאָס צעטעלע, האָט זי עס איבערגעלייענט.

— אַלעקסיי האָט אונז געמאַכט אַ פאַלשן שפּרונג, — האָט זי געזאָגט אויף פראַנצויזיש: — ער שרייבט, אַז ער קאָן נישט זיין. — האָט זי צוגעגעבן מיט אַזאַ נאַטירלעכן, פּשוטן טאָן, ווי עס וואָלט איר קיינמאָל נישט געקאָנט איינפאַלן, אַז ווראָנסקי זאָל האָבן פאַר אַננען עפּעס

אַן אַנדערע באַדייטונג, אַ חוץ דעם שפּילן אין קראָקעט. אַננאַ האָט גע-וווּסט, אַז בעטסי ווייסט אַלץ, אָבער, הערנדיק, ווי זי רעדט אין איר אָנוועזנהייט וועגן ווראָנסקין, האָט זי שטענדיק אויף אַ מינוט זיך איבער-צייגט, אַז זי ווייסט גאָרנישט.

— אַ! — האָט אַננאַ גלייכגילטיק געזאָגט, ווי זי וואָלט זיך ווי-ניק אינטערעסירט מיט דעם, און האָט ווייטער געשמייכלט: — ווי אַזוי קאָן אייער געזעלשאַפט קאָמפּראָמיטירן עמעצן?

דערדאָזיקער שפּיל פון ווערטער, דאָסדאָזיקע פאַרבאָרגן די גע-היימניש, האָט, אַזוי ווי פאַר אַלע פרויען, געהאַט אַ גרויסן צויבער פאַר אַננען. און נישט די נייטיקייט צו באַהאַלטן, נישט דער ציל, צוליב וועלכן זי האָט עס באַהאַלטן, נאָר דער פּראָצעס גופא פון באַהאַלטן האָט זי געוויילט.

— איך קאָן נישט זיין קאַטוילישער ווי דער פּויפּסט, — האָט זי געזאָגט. — סטרעמאָוו און ליזאַ מערקאַלאָוואַ — דאָס איז די סמעטענע פון דער סמעטענע אין דער געזעלשאַפט. הוצדעם ווערן זיי אומעטום אויפגענומען, און אי ך, — זי האָט באַזונדערס אַקצענטירט דעם אי ך, — בין קיינמאָל נישט געווען שטרענג און אומטאָלעראַנט. איך האָב פּשוט נישט קיין צייט. ניין, איר ווילט זיך, אפשר, נישט באַגעגענען מיט סטרע-מאָוון? זאָל ער מיט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן פירן מלחמה אין קאָ-מיטעט. — דאָס גייט אונז נישט אָן. אָבער אין געזעלשאַפט איז דאָס דער סאַמע ליבסטער מענטש, וועלכן איך קאָן נאָר, און אַ ליידנשאַפט-לעכער שפּילער אין קראָקעט. אָט וועט איר זעען. און, נישט געקוקט אויף זיין קאָמישער לאַגע פון אַן אַלטן פאַרליבטן אין ליזען, איז כדאי צו זעען, ווי אַזוי ער פּלאָנטערט זיך אַרויס פון דערדאָזיקער קאָמישער לאַגע! ער איז זייער ליבנסווירדיק. סאַפאָ שטאָלץ קאָנט איר נישט? דאָס איז — אַ נייער, גאָר אַ נייער טאָן.

בעטסי האָט גערעדט דאָס אַלץ, אָבער אַננאַ האָט לויט איר פריי-לעכן, קלוגן בליק געפילט, אַז זי פאַרשטייט טיילווייז איר לאַגע און קאָמ-בינירט עפּעס. זיי זענען געווען אין קליינעם קאַבינעט.

— פונדעסטוועגן דאַרף מען אָנשרייבן אַלעקסייען, — און בעטסי האָט זיך געזעצט צום טיש, אָנגעשריבן עטלעכע שורות און אַריינגעלייגט אין אַ קאָנווערט. — איך שרייב, ער זאָל קומען אויף מיטאָג. בא מיר בלייבט איין דאַמע צום מיטאָג אָן אַ הער. גיט אַ קוק, צי ס'איז גוט אַזוי? אַנטשולדיקט, איך וועל אייך אויף אַ מינוט איבערלאָזן. איר, איך

בעט איך, פאַרחתמעט און שיקט אַוועק, — האָט זי געזאָגט פון דער טיר, — און איך דאַרף מאַכן אַ פאַראָרדנונג.

קיין מינוט נישט טראַכטנדיק, האָט אַננאַ זיך אַוועקגעזעצט מיט בעטסיס בריוו צום טיש און, נישט לייענענדיק, צוגעשריבן אַ נטן: „מיר איז נייטיק איך צו זען. קומט צו ווריעדעס גאָרטן. איך וועל זיין דאָרט זעקס אַ זייגער". זי האָט פאַרחתמעט, און בעטסי, אומקערנדיק זיך, האָט אין איר אַנוועזנהייט אַוועקגעגעבן דעם בריוו.

ווירקלעך, בײַ דער טיי, וועלכע מען האָט זיי געבראַכט אויף אַ טאַץ־טישעלע אין קילן קליינעם סאַלאָנדל אַריין, האָט צווישן ביידע פרויען זיך פאַרבינדן אַ cosy chat, ווי די פירשטין טווערסקאַיאַ האָט טאַקע צוגעזאָגט ביזן קומען פון די געסט. זיי האָבן גערעדט וועגן די, אויף וועמען זיי האָבן געוואַרט, און דער שמועס האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף ליזאַ מערקאַלאָווע.

— זי איז זייער ליבנסווירדיק און איז מיר שטענדיק געווען סימפּאַטיש, — האָט אַננאַ געזאָגט.

— איר דאַרפט זי ליב האָבן. זי רעדט פסדר וועגן אײַך. נעכטן איז זי צוגעקומען צו מיר נאָך די געיעגן און איז געווען פאַרצווייפלט, וואָס זי האָט אײַך נישט געטראָפן. זי זאָגט, אַז איר זענט אַן אמתע העלדין פון אַ ראָמאַן און אַז, ווען זי זאָל זיין אַ מאַנסביל, וואָלט זי אָפּגעטאָן צוליב אײַך טויזנט נאַרישקייטן. סטרעמאָוו זאָגט איר, אַז זי טוט זיי אַזוי אויך צו.

— אָבער זאָגט, איך בעט אײַך, איך האָב קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרשטיין, — האָט אַננאַ געזאָגט, שווייגנדיק אַ ווײַלע און מיט אַזאַ טאָן, וועלכער האָט קלאָר געוויזן, אַז זי האָט געשטעלט נישט סתם אַ פראַגע, נאָר אַז דאָס, וואָס זי פרעגט, איז פאַר איר וויכטיקער, ווי עס וואָלט געדאַרפט זיין, — זאָגט, איך בעט אײַך, וואָס איז דאָס אַזוינס איר באַציונג צום פירשט קאַלוזשסקי, דעם אַזוי גערופענעם מישקאַ? איך האָב זיי ווייניק באַגעגנט. וואָס איז דאָס אַזוינס?

בעטסי האָט אַ שמייכל געטאָן מיט די אויגן און אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן אויף אַננען.

— אַ נייער מאַניר, — האָט זי געזאָגט. — זיי האָבן אַלע אויסגעקליבן דעמדאָזיקן מאַניר. מען שפּילט אין אָפענע קאָרטן. אָבער ס'איז אַ מאַניר און אַ מאַניר, ווי אַזוי דעם שפּיל צו פירן.

— יאָ, אָבער וואָסער באַציונג האָט זי צו קאַלוזשסקין?

בעטסי האָט אומגעריכט פריילעך און נישט איינגעהאַלטן זיך צעלאַכט, וואָס עס פלעגט זעלטן געשען מיט איר.

— דאָס פאַרכאַפּט איר שוין דאָס געביט פון דער פירשטין מיאַכקאַיאַ. דאָס איז אַ פראַגע פון אַ שרעקלעך קינד, — און בעטסי האָט קענטיק געוואָלט, אָבער נישט געקאָנט זיך איינהאַלטן און זיך פאַרגאַנגען אין יענעם אַנשטעקנדיקן געלעכטער, מיט וועלכן עס לאַכן זעלטן לאַכנדיקע מענטשן. — מען דאַרף זיי פרעגן, — האָט זי אַ זאָג געטון דורך טרערן פון געלעכטער.

— ניין, איר לאַכט, — האָט געזאָגט אַננאַ, וואָס האָט אויך נישט ווילנדיק זיך אָנגעשטעקט מיט דעם געלעכטער, — אָבער איך האָב קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרשטיין. איך פאַרשטיי דאָ נישט די ראָלע פון מאַן.

— דער מאַן? ליזאַ מערקאַלאָוואַס מאַן טראָגט איר נאָך די פלעדן און איז שטענדיק גרייט צו דינסט. און וואָס עס איז דאָרט ווייטער באמת, וויל קיינער נישט וויסן. ווייסט איר, אין אַ גוטער געזעלשאַפט רעדט מען נישט און מען קלערט אפילו נישט וועגן געוויסע טואַלעט-איינצלהייטן. דאָס איז אויך אַזוי.

— איר וועט זיין אויפן יום-טוב פון ראָלאַנדאַקי, — האָט אַננאַ געפרעגט, כדי צו ענדערן דעם געשפרעך.

— כ'האָב נישט בדעה, — האָט בעטסי געענטפערט און, נישט קוקנדיק אויף איר פריינדין, פאָרזיכטיק אָנגעהויבן אָנגיסן די קליינע דורכזיכטיקע שעלעכלעך מיט שמעקעדיקער טיי. זי האָט צוגערוקט אַ שעלעכל צו אַננען, גענומען אַ פּאַפּיראָסקע און, פאַרזעצנדיק זי אין זילבערנעם ציגאַרשפּיץ אַריין, האָט זי פאַררייכערט. — אָט זעט איר, איך בין אין אַ גליקלעכער לאַגע, — האָט זי שוין אָן געלעכטער אָנגעהויבן, נעמענדיק אין דער האַנט אַריין דאָס שעלעכל. — איך פאַרשטיי אייך און פאַרשטיי ליזען. ליזאַ — דאָס איז איינע פון יענע נאַיווע נאַטורן, וואָס פאַרשטייען נישט, ווי קינדער, וואָס ס'איז גוט און וואָס שלעכט. על כל פנים האָט זי נישט פאַרשטאַנען, ווען זי איז געווען זייער יונג. און אַצינד ווייסט זי, אַז דאָסדאָזיקע נישט פאַרשטיין פּאַסט איר. אַצינד פאַרשטייט זי אפשר בכיוון נישט, — האָט בעטסי געזאָגט מיט אַ דינעם שמייכל. — נאָר פונדעסטוועגן פּאַסט דאָס איר. זעט איר, אויף איינער און דער זעלבער זאַך קאָן מען קוקן טראַגיש און מאַכן פון איר אַ פּיין,

און קוקן איינפאַך און אפילו כריילעך. איר זענט אפשר גענייגט צו קוקן אויף זאַכן צו טראַגיש.

— ווי איך וואָלט געוואָלט קענען אַנדערע אַזוי, ווי איך קען זיך, — האָט אַננאַ געזאָגט ערנסט און פאַרטראַכט. — צי בין איך ערגער פאַר אַנדערע אָדער בעסער ? איך מיין, ערגער.

— אַ שרעקלעך קינד, אַ שרעקלעך קינד ! — האָט בעטסי איבערגעחזרט. — נאָר צאָט זענען זיי אויך שוין דאָ.

XVIII.

עס האָבן זיך דערהערט טריט, אַ מענער-קול, דערנאָך אַ פרויען-קול און אַ לאַכן, און גלייך נאָכדעם זענען אַריינגעקומען די אָפּגעוואַרטע געסט : סאַפאָ שטאָלץ און אַ יונגערמאַן, וואָס האָט געשיינט מיט איבערפלוס פון געזונט, דער אַזוי גערופענער וואַסקאַ. עס איז קענטיק געווען, אַז עס האָט אויף אים געהאַט אַ גוטע פעולה דאָס נערן זיך מיט רינדפליש, שוואָמען און בורגאָנישן וויין. וואַסקאַ האָט זיך פאַרנייגט פאַר די דאַמען און אַ קוק געטון אויף זיי, אָבער בלויז אויף איין סעקונדע. ער איז נאָכגעגאַנגען סאַפאָ אין גאַסטצימער אַריין און איבערן גאַסטצימער איר נאָכגעגאַנגען, ווי ער וואָלט געווען צו איר צוגעבונדן, און נישט אַראָפּגעלאָזט פון איר די גלאַנציקע אויגן, ווי ער וואָלט זי געוואָלט אויפעסן. סאַפאָ שטאָלץ איז געווען אַ בלאָנדינקע מיט שוואַרצע אויגן. זי איז אַריינגעקומען מיט קליינע האָפּערדיקע טריטעלעך אויף די הויכע קנאָפּלעס פון די שטיוועלעך, און פעסט, מעניש, געדריקט די הענט די דאַמען.

אַננאַ האָט קיין איין מאָל נאָך נישט געהאַט באַגעגנט די דאָזיקע באַרימטקייט און איז געווען איבערראַשט סיי פון איר שיינקייט, סיי פון דער ראַדיקאַלקייט, צו וועלכער עס איז דערפירט געווען איר טואַלעט, סיי פון דער דרייסטקייט פון אירע מאַנירן. אויף איר קאָפּ איז פון אייגענע און פרעמדע האָר פון צאַרט-גאָלדיקן קאָליר געמאַכט געווען אַזאַ עשאַפאָדאַזש פון דער פריזור, אַז איר קאָפּ האָט לויט דער גרייס זיך געגליכט מיט דעם האַרמאָניש בולטן און פון פאָרנט זייער דעקאָלטירטן ביוסט. די אימפולסיווקייט פאָרויס איז געווען אַזעלכע, אַז בא איטלעכער באַוועגונג האָבן זיך געצייכנט הינטערן קלייד די פאָרמען פון די קניען

און די אייבערשטע טיילן פונם פוס, און נישטווילנדיק האָט זיך געשטעלט די פראַגע: ווי ענדיקט זיך אין דעמדאָזיקן אויפגעבויטן זיך וויגנדיקן באַרג, איר אמתער, קליינער און שלאַנקער קערפּער, וואָס איז אַזוי אַנטבלויזט פון אויבן און אַזוי באַהאַלטן פון אונטן.

בעטסי האָט געאײַלט זי צו באַקענען מיט אַננען.

— איר קאָנט אײַך פאָרשטעלן, מיר האָבן שיער נישט צעקוועטשט צווייַ זעלנער, — האָט זי גלײַך אָנגעהויבן דערציילן, צווינקענדיק, שמייכלענדיק און אַ צי טוענדיק צוריק איר שלעפּ, וועלכע זי האָט מיט איינמאָל צופיל אַריבערגעוואָרפן אין איין זייט אַרײַן. — איך בין געפאָרן מיט וואַסקען... אָך, יאָ, איר זענט נישט באַקאַנט. — זי האָט אָנגערופן זײַן פאַמיליע־נאָמען, פאָרגעשטעלט דעם יונגנמאַן און, רויט ווערנדיק, זיך הילכיק צעלאַכט פון איר טעות, דאָס הייסט פון דעם, וואָס זי האָט פאַר אַן אומבאַקאַנטער אים אָנגערופן וואַסקאַ. וואַסקאַ האָט זיך נאָכאַמאָל פאַרנייגט פאַר אַננען, אָבער איר גאָרנישט געזאָגט. ער האָט זיך געווענדט צו סאַפאָ:

— דער געוועט איז פאַרשפּילט. מיר זענען פריער געקומען. באַצאָלט, — האָט ער שמייכלענדיק געזאָגט.

סאַפאָ האָט נאָך פריילעכער זיך צעלאַכט.

— אָבער נישט אַצינד, — האָט זי געזאָגט.

— אַלץ איינס, וועל איך קריגן דערנאָך.

— גוט, גוט. אָך, יאָ! — האָט זי זיך פּלוצלינג געווענדט צו דער באַלעבאָסטע, — איך בין ווויל... איך האָבן גאָר פאַרגעסן... איך האָב אײַך געבראַנגט אַ גאַסט. אָט איז ער.

דער אומדערוואַרטעטער יונגער גאַסט, וועלכן סאַפאָ האָט געבראַנגט און וועלכן זי האָט פאַרגעסן, איז געווען, פונדעסטוועגן, אַזאַ וויכטיקער גאַסט, וואָס, נישט געקוקט אויף זײַן יונגקייט, זענען ביידע דאַמען אויפגעשטאַנען, אויפנעמענדיק אים.

דאָס איז געווען סאַפאָס נײַער פאַרערער, ער איז אַצינד, ווי וואַסקאַ, איר יעדן טריט נאָכגעגאַנגען.

באַלד זענען געקומען דער פירשט קאַלוזשסקי און ליזאַ מערקאַלאָוו מיט סטרעמאָוון. ליזאַ מערקאַלאָווא איז געווען אַ דאַרע ברונעטין מיט אַ פּנים פון אַ פוילן מזרח־טיפּ און הערלעכע, ווי אַלע האָבן געזאָגט, ווונ־דערבאַרע אויגן. דער כאַראַקטער פון איר טונקעלן טואַלעט (אַננאַ האָט

דאָס גלייך באַמערקט און אָפּגעשאַצט) האָט פולשטענדיק אַנטשפּראָכן איר שיינקייט. אויף וויפיל סאָפאָ איז געווען שטרענג און געזעצט, אויף אַזוי פיל איז ליזאַ געווען ווייך און צעלאָזט.

אָבער ליזאַ איז לויט אַננעס געשמאַק געווען אַ סך אַנציענדער. בעטסי האָט וועגן איר געזאָגט אַננען, אַז זי האָט גענומען אויף זיך דעם טאָן פון אַן אומוויסנדיק קינד; אָבער ווען אַננאַ האָט זי דערזעען, האָט זי דערפילט, אַז דאָס איז נישט אמת. זי איז טאַקע געווען אַן אומוויסנדע, פאַרדאָרבענע, אָבער ליבנסווירדיקע און מילדע פרוי. אמת, אַז איר טאָן איז געווען דער אייגענער, ווי סאָפאָס טאָן; פונקט ווי סאָפאָן זענען איר נאָכגעגאַנגען, הי צוגעניייטע, און זי געפרעסן מיט די אויגן צוויי פאַרערער, איינער אַ יונגער, דער צווייטער אַן אַלטער; אָבער אין איר איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס איז געווען העכער פון דעם, וואָס האָט זי אַרומגערינגלט. — אין איר איז געווען דער גלאַנץ פון אַן עכטן וואַסערבריליאַנט צווישן גלעזלעך. דערדאָזיקער גלאַנץ האָט אַרויסגעלויכטן פון אירע הערלעכע טאַקע וווּנדערבאַרע אויגן. דער מידער און אייניציקער לײַדנשאַפטלעכער בליק פון דידאָזיקע מיט אַ טונקעלן קרייז אַרומגערינגלטע אויגן האָט איבערראַשט מיט זיין פולקאָמענער אויפריכטיקייט. אַ בליק געבנדיק אין דידאָזיקע אויגן צריין, האָט זיך איטלעכן געדאַכט, אַז ער האָט זי דערקענט אינגאַנצן און, דערקענענדיק, האָט ער נישט געקאָנט זי נישט ליב קריגן. בײַם זעען אַננען, איז איר גאַנץ פנים פלוצלינג באַלויכטן געוואָרן מיט אַ פריידיקן שמייכל.

— אַך, ווי עס פרייט מיך אייך צו זעען! — האָט זי געזאָגט, צוגייענדיק צו איר. — איך האָב נעכטן אויף די געיעגן געוואָלט צוגיין צו אייך, אָבער איר זענט אַוועקגעפאָרן. מיר האָט זיך אַזוי געוואָלט אייך זעען דווקא נעכטן. נישט אמת, דאָס איז געווען שרעקלעך? — האָט זי געזאָגט, קוקנדיק אויף אַננען מיט איר בליק, וואָס האָט, דאַכט זיך, אַנטפּלעקט די גאַנצע נשמה.

— יאָ, איך האָב מיך גאָרנישט גערעכט, אַז דאָס רעגט אַזוי אויף, — האָט אַננאַ געזאָגט רויט ווערנדיק.

די געזעלשאַפט האָט זיך אין דער צייט אויפגעהויבן, כּדי אַרײַנצוגיין אין גאָרטן.

— איך וועל נישט גיין, — האָט ליזאַ געזאָגט, שמייכלענדיק און צוזעצנדיק זיך צו אַננען. — איר וועט אויך נישט גיין? וואָסער חשק איז עס צו שפּילן אין קראָקעט!

— ניין, איך האָב ליב, — האָט אננאַ געזאָגט.

— אָט, אָט וואָס טוט איר, וואָס אייך איז נישט לאַנגווייליק ? עס איז פריילעך אויף אייך אַ קוק צו טון. איר לעבט, און איך לאַנגווייליק מיך.

— וואָס הייסט לאַנגווייליק ? איר זענט דאָך די פריילעכסטע געזעלשאַפט פון פעטערבורג, — האָט אננאַ געזאָגט.

— אפשר איז די, וואָס זענען נישט פון אונזער געזעלשאַפט, נאָך לאַנגווייליקער ; אָבער אונז, מיר אוודאי, איז נישט פריילעך, נאָר שרעקלעך, שרעקלעך לאַנגווייליק.

סאַפאָ האָט פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס און איז צוועקגעגאַנגען אין גאָרטן אריין מיט ביידע יונגעלייט. בעטסי און סטרעמאָוו זענען געבליבן בײַ דער טיי.

— ווי אַזוי לאַנגווייליק ! — האָט בעטסי געזאָגט. — סאַפאָ זאָגט, אַז זיי האָבן נעכטן זייער פריילעך פאַרבראַכט בײַ אייך.

— אַך, אַזאַ מרה־שחורה איז געווען ! — האָט ליזאַ מערקאַלאָוואַ געזאָגט. — מיר זענען אַלע געפאָרן צו איר נאָך די געיעגן. און אַלץ די אייגענע, און אַלץ די אייגענע ! אַלץ איינס און דאָס זעלבע. דעם גאַנצן אָוונט זיך צעגוואַלגערט אויף די סאָפעס. וואָס־זשע איז דאָ פריילעכס ? ניין, ווי אַזוי טוט איר, אַז עס זאָל אייך נישט זיין לאַנגווייליק ? — האָט זי זיך ווידער געווענדט צו אַננען. — עס איז גענוג אַ קוק צו טון אויף אייך, און מען זעט גלייך, — אָט איז אַ פרוי, וועלכע קאָן זיין גליקלעך, אומגליקלעך, אָבער זי לאַנגווײַלט זיך נישט. לערנט מיך אויס, ווי אַזוי טוט איר דאָס ?

— איך טו גאָרנישט, — האָט אננאַ געזאָגט, רויט ווערנדיק פון דידאָזיקע עקשנותדיקע פראַגן.

— אָט דאָס איז דער בעסטער מאַניר, — האָט זיך סטרעמאָוו אַריינגעמישט אין דעם געשפּרעך.

סטרעמאָוו איז געווען אַ מענטש פון אַ יאָר פופציק, אַ האַלב גרויער, נאָך פרישער, זייער נישט שיינער, אָבער מיט אַ כאַראַקטעריסטיש און קלוג פנים. ליזאַ מערקאַלאָוואַ איז געווען זיין ווייבס אַ קרובה, און ער האָט פאַרבראַכט אַלע זיינע פרייע שעהן מיט איר. באַגעגנט אננאַ קאַרענינאַ, האָט ער — לויטן אַמט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס אַ שונא — ווי אַ הויכוועלטישער און קלוגער מענטש, זיך באַמיט צו זיין מיט איר, מיט דער פרוי פון זיין שונא, באַזונדערס ליבלעך.

— לחלוטין נישט, — האָט ער אונטערגעכאַפּט. דין שמייכלענדיק. — דאָס איז דאָס בעסטע מיטל. איך האָב אייך שוין לאַנג געזאָגט, — האָט ער זיך געווענדט צו ליזאַ מערקאַלאָוואַ, — אַז כדי עס זאָל נישט זיין לאַנגווייליק, דאַרף מען נישט קלערן, אַז עס וועט זיין לאַנגווייליק. דאָס איז אַלץ איינס, ווי מען דאַרף נישט מורא האָבן, אַז מען וועט נישט אַנטשלאָפן ווערן, אויב מען האָט מורא פאַר שלאָפלאָזיקייט. דאָס אייגענע האָט אייך געזאָגט אַננאַ אַרקאַדיעוונאַ.

— עס וואָלט מיך זייער געפרייט, ווען איך וואָלט דאָס געזאָגט, ווייל דאָס איז נישט בלויז קלוג, — דאָס איז אמת, — האָט אַננאַ שמייכלענדיק געזאָגט.

— ניין, זאָגט, פאַרוואָס קאָן מען נישט אַנטשלאָפן ווערן און פאַרוואָס מוז מען זיך נישט לאַנגווייליז?

— כדי אַנטשלאָפן צו ווערן, דאַרף מען אַ ביסל אַרבעטן, און כדי צו קענען זיך פרייען, דאַרף מען אויך אַ ביסל אַרבעטן.

— צוואָס־זשע זאָל איך אַרבעטן, ווען מיין אַרבעט איז קיינעם נישט נייטיק? און אומישנע און מאַכן זיך קאָן איך נישט און וויל נישט.

— איר זענט נישט צום אויסבעסערן, — האָט סטרעמאָוו געזאָגט, נישט קוקנדיק אויף איר, און האָט זיך ווידער געווענדט צו אַננען.

זעלטן טרעפנדיק אַננען, האָט ער איר גאָרנישט געקאָנט זאָגן, אַחוץ באַנאַלקייטן, אָבער ער האָט גערעדט דידאָזיקע באַנאַלקייטן וועגן דעם, ווען זי פאָרט אַריבער קיין פעטערבורג, וועגן דעם, ווי עס האָט זי ליב די גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ, מיט אַזאַ אויסדרוק, וואָס האָט געוויזן, אַז ער וויל מיטן גאַנצן האַרץ איר זיין אָנגענעם און אַרויסווייזן זיין אַכטונג און אפילו מער.

עס איז אַריינגעקומען טושקעוויטש און מיטגעטיילט, אַז די גאַנצע געזעלשאַפט וואַרט אויף די קראָקעט־שפּילער.

— ניין, פאָרט נישט אַוועק, איך בעט אייך, — האָט ליזאַ מערקאַלאָוואַ געבעטן, געוואויר ווערנדיק, אַז אַננאַ פאָרט אַוועק. סטרעמאָוו האָט זיך פאַרייניקט מיט איר.

— אַ צו גרויסער קאָנטראַסט, — האָט ער געזאָגט, — צו פאָרן נאָך דערדאָזיקער געזעלשאַפט צו דער זקנה וורעדע. און חוץ דעם וועט איר פאַר איר דינען אַלס געלעגנהייט צו טרייבן אַ ביסל רכילות, און דאָ

ווען איר בלויז אַרויסרופן אַנדערע, די סאַמע בעסטע און צו רכילות קעגנזעצלעכע געפילן, — האָט ער איר געזאָגט.

אננאַ האָט אויף אַ מינוט זיך פאַרטראַכט אין אומאַנטשלאָסנקייט. די שמייכלהאַפטע רייד פונם דאָזיקן קלוגן מענטש, די נאַיווע, קינדישע סימפּאַטיע, וועלכע ליזאַ מערקאַלאָוואַ האָט איר אויסגעדריקט, און דידאָזיקע גאַנצע געוויינטע הויכוועלטישע אומגעבונג — דאָס אַלץ איז געווען אַזוי לייכט, און אָפּגעוואַרט האָט זי אַזאַ שווערס, אַז זי איז באַ אַ מינוט געווען אין אומאַנטשלאָסנקייט: צי זאָל זי נישט בלייבן, צי זאָל זי נישט נאָך דערווייטערן די שווערע מינוט פון דערקלערונג? אָבער, דערמאַנענדיק זיך, וואָס עס דערוואַרט זי איינע אַליין אינדערהיים, אויב זי וועט נישט אָננעמען קיין שום באַשלוס, דערמאַנענדיק זיך דעמדאָזיקן אפילו בלויז אין זכרון פאַר איר שרעקלעכן זשעסט, ווען זי האָט מיט בײדע הענט זיך אָנגענומען באַ די האָר, האָט זי זיך געזעגנט און איז אַוועקגעפאָרן.

XIX.

וראָנסקי, נישט געקוקט אויף זיין אין פלוג לייכטזיניק און הויכוועלטיש לעבן, איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט פיינט געהאַט אומאָרדענונג. נאָך אין דער יוגנט, זייענדיק אין קאָרפּוס, האָט ער איבערגעלעבט די דערנידערונג פון אַן אָפּזאָג, ווען ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט און געבעטן מען זאָל אים באָרגן געלט, און פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך קיינמאָל נישט געשטעלט אין אַזאַ לאַגע.

כדי תמיד צו פירן זיינע געשעפטן אין אָרדנונג, האָט ער, אָפּהענגיק פון די אומשטענדן, אָפטער אָדער זעלטענער, אַ פינף מאָל אין יאָר זיך אָפּגעזונדערט און קלאָר געמאַכט אַלע זיינע עסקים. ער האָט דאָס גערופן אָפּרעכענען זיך, אָדער faire la lessive.

אויפגעוואַכט שפּעט צומאָרגנס נאָך די געיעגן, האָט וראָנסקי זיך נישט ראַזירט און נישט געבאָדן, נאָר אָנגעטון דעם זומער־כאַלאַט, צעלייגט אויפן טיש דאָס געלט, די חשבונות, די בריוו און גענומען זיך צו דער אַרבעט. פּעטריצקי, וויסנדיק, אַז אין אַזאַ לאַגע איז ער געוויינלעך

פיין, האָט, אויפהאַכנדיק און דערזעענדיק דעם חבר באַם שרייבטיש, שטיל
זיך אָנגעטון און אַרויסגעגאַנגען נישט שטערנדיק אים.

איטלעכער מענטש, וואָס ווייסט ביז די קלענסטע פּרטים די גאַנ-
צע פאַרוויקלטקייט פון די באַדינגונגען, וואָס רינגלען אים אַרום, מיינט
נישט ווילנדיק, אַז די פאַרוויקלטקייט פון דידאָזיקע פּרטים און די שווער-
קייט פון דעם קלאָר מאַכן זיי איז בלויז זיינס אַ פּערזענלעכע, צופעליקע
באַזונדערקייט און טראַכט לגמרי נישט, אַז אַנדערע זענען אַרומגערינגלט
מיט דער זעלבער פאַרוויקלטקייט פון זייערע פּערזענלעכע באַדינגונגען,
ווי ער גופא. אַזוי האָט זיך אויך געדאַכט ווראָנסקין. און ער האָט נישט
אָן אינערלעכן שטאָלץ און נישט אָן גרונד געמיינט, אַז יעדער אַנדערער
וואָלט זיך שוין לאַנג פאַרפּלאָנטערט און וואָלט געניייט געווען צו האַנד-
לען נישט גוט, ווען ער וואָלט זיך אויך געפונען אין אַזעלכע שווערע
באַדינגונגען. אָבער ווראָנסקי האָט געפילט, אַז גראָד אַצינד איז אים נוי-
טיק זיך אָפּצורעכענען און קלאָר מאַכן זיין לאַגע, כדי זיך נישט צו
פאַרפּלאָנטערן.

דאָס ערשטע, צו וועלכן ווראָנסקי האָט זיך גענומען, ווי צום סאַ-
מע לייכטסטן, זענען געווען די געלט-ענינים. ער האָט אויפגעשריבן מיט
זיין דראָבנעם כתב אויף אַ פּאָסט-בויגעלע אַלץ, וואָס ער איז שולדיק,
אונטערגעפירט אַ סך הכל און איינגעפינען, אַז ער איז שולדיק זיבצען
טויזנט מיט עטלעכע הונדערט, וועלכע ער האָט צוליב קלאָרקייט אָפּגע-
וואָרפן. איבערגעציילט דאָס געלט און דאָס באַנק-ביכל, האָט ער איינגעפי-
נען, אַז עס בלייבט אים 1.800 רובל, און אַז ער זאָל נאָך עפּעס באַ-
קומען ביז נייעאָר זעט זיך נישט פאָר. באַחשבונט דעם צעטל פון די
חובות, האָט אים ווראָנסקי איבערגעשריבן, צעטיילנדיק אויף דריי קאַטע-
גאָריעס. צו דער ערשטער קאַטעגאָריע האָבן זיך באַצויגן די חובות, וועל-
כע מען האָט געדאַרפט גלייך באַצאָלן אָדער וואָס כדי צו באַצאָלן זיי
האָט מען יעדנפאַלס געדאַרפט האָבן גרייט געלט, אַז ווען מען וועט זיי
פאָדערן, זאָל מען נישט דאַרפן אויף קיין מינוט פאַרהאַלטן. אַזעלכע
חובות זענען געווען אויף אַ פיר טויזנט: 1.500 פאַרן פערד און 2.500,
וואָס ער האָט ערב געווען פאַר דעם יונגן חבר ווענישעווסקי, וועלכער
האָט אין ווראָנסקיס אַנוועזנהייט פאַרשפּילט דאָסדאָזיקע געלט באַ אַ שו-
לער. ווראָנסקי האָט דעמאָלט באַלד געוואָלט אָפּגעבן דאָס געלט (ער האָט
עס געהאַט באַ זיך). אָבער ווענישעווסקי און יאַשווין האָבן זיך איינגע-

שפּאַרט, אַז זיי וועלן באַצאָלן און נישט וראָנסקי, וועלכער האָט גאָר-
נישט געשפּילט. דאָס אַלץ איז געווען אויסגעצייכגט, אָבער וראָנסקי האָט
געוווסט, אַז הגם ער האָט אין דעמדאָזיקן שמוציקן עסק זיך באַטייליקט
בלויז מיט דעם, וואָס ער האָט מיטן וואָרט ערב געווען פאַר וועניעווסקין,
מוז ער דאָך האָבן דידאָזיקע 2.500 רובל, כדי זיי אַ וואָרף צו טון דעם
שווינדלער און נישט האָבן מיט אים מער קיין שום טענות. בכן, האָט
מען פאַר דערדאָזיקער ערשטער וויכטיקער אָפּטיילונג געדאַרפט האָבן
4.000 רובל. אין דער צווייטער אָפּטיילונג — אַכט טויזנט — זענען גע-
ווען וויכטיקערע חובות. דאָס זענען געווען חובות דער עיקר פון דער
רייט-שטאַל, דעם צושטעלער פון האָבער און היי, דעם ענגלענדער, דעם
רימער א. א. וו. אויף דידאָזיקע חובות האָט מען אויך געדאַרפט צע-
טיילן אַ צוויי טויזנט, כדי צו זיין אינגאַנצן רויק. די לעצטע אָפּטיילונג
פון די חובות — אין די מאַגאַזינען, אין די האָטעלן און דעם שניידער —
איז געווען אַזעלכע, וועגן וועלכער עס איז נישט געווען וואָס צו טראַכטן.
אַזוי אַז מען האָט געדאַרפט, על כל פנים, 6.000 רובל אויף די לויפנדע
הוצאות, און עס זענען געווען בלויז 1.800 רובל. פאַר אַ מענטש מיט
100.000 רובל הכנסה, ווי אַלע האָבן געשאַצט וראָנסקיס פאַרמעגן, וואָלטן
אַזעלכע חובות, דאַכט זיך, נישט געקאָנט זיין שווער; די זאַך איז אָבער,
וואָס ער האָט ווייט נישט געהאַט דידאָזיקע 100.000 רובל. דעם פאָטערס
ריזיקע פאַרמעגן, וואָס האָט אַליין געבראַנגט ביז 200.000 רובל יערלעכן
איינקונפט, איז געווען נישט צעטיילט צווישן די ברידער. בעת דער על-
טערער ברודער, האָבנדיק אַ קופּע חובות, האָט חתונה געהאַט מיט דער
פירשטין וואַריאַ טשערקאָוואַ, מיט דער טאָכטער פון אַ דעקאַבריסט, אָן
מינדסטן פאַרמעגן, האָט אַלעקסיי אָפּגעטרעטן דעם עלטערן ברודער די
גאַנצע הכנסה פונם פאָטערס גיטער, אויסרעדנדיק פאַר זיך בלויז 25.000
רובל יערלעך. אַלעקסיי האָט דעמאָלט געזאָגט דעם ברודער, אַז דאָס
געלט וועט זיין פאַר אים גענוג, כל זמן ער וועט נישט חתונה האָבן, וואָס
עס וועט, מסתמא, קיינמאָל נישט זיין. און דער ברודער, וואָס האָט קאָ-
מאַנדעוועט מיט איינעם פון די טייערסטע פּולקן און האָט נאָר וואָס גע-
האַט חתונה געהאַט, האָט נישט געקאָנט אָננעמען דידאָזיקע מתנה.
די מוטער, וואָס האָט געהאַט איר באַזונדער פאַרמעגן, האָט, אַ חוץ די
אויסגערעדטע 25.000 רובל, געגעבן יערלעך אַלעקסייען נאָך אַ צוואַנציק
טויזנט, און אַלעקסיי האָט זיי אינגאַנצן פאַרלעבט. די לעצטע צייט האָט
די מוטער, וואָס האָט זיך צעקריגט מיט אים פאַר זיין פאַרבינדונג און

אַוועקפאָרן פֿון מאָסקווע, אויפגעהערט צו שיקן אים געלט. און מחמת דעם האָט ווראָנסקי, וואָס איז שוין געוווינט געוואָרן צו לעבן פאַר 45.000 רובל, און האָט אין דעם יאָר באַקומען בלויז 25.000 רובל, זיך געפֿונען אַצינד אין אַ שווערער לאַגע. כּדי אַרויסצוגיין פֿון דער דאָזיקער שווערער לאַגע, האָט ער נישט געקאָנט בעטן קיין געלט בײַ דער מוטער. איר לעצטער בריוו, וואָס ער האָט דערהאַלטן מיט אַ טאָג פֿריער, האָט אים באַזונדערס צערייצט מיט דעם, וואָס אין אים איז אָנגעדייט געוואָרן, אַז זי איז גרייט צו העלפֿן אים צוליב דערפֿאָלג אין דער הויכער געזעלשאַפֿט און אין דער דינסט, אָבער נישט פֿאַר אַ לעבן, וועלכעס סקאַנדאַליזירט די גאַנצע פֿיינע געזעלשאַפֿט. דער מוטערס פֿאַרלאַנג צו קויפֿן אים האָט אים באַליידיקט ביז טיף אין דער נשמה און האָט אים נאָך מער אָפּגעקילט צו איר. אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּזאָגן פֿון דעם געזאָגטן גרויסמוטיקן וואָרט, הגם ער האָט אַצינד געפֿילט, נעפּלהאַפֿט פֿאַרזעענדיק געוויסע געשעענישן אין זיין פֿאַרבינדונג מיט דער קאַרענינאַ, אַז דאָס דאָזיקע גרויסמוטיקע וואָרט איז געזאָגט געוואָרן לייכטזיניק און אַז אים, אַ נישט פֿאַרהייראַטן, קאָנען נייטיק זיין די גאַנצע הונדערט טויזנט הכנסה. אָבער אָפּזאָגן זיך האָט מען נישט געקאָנט. פֿאַר אים איז גענוג געווען בלויז צו דערמאָנען זיך דעם ברודערס פֿרוי, צו דערמאָנען זיך, ווי די דאָזיקע ליבע, האַרציקע וואַריאַ האָט בײַ יעדער גינסטיקער געלעגנהייט אים דערמאָנט, אַז זי געדענקט זיין גרויסמוטיקייט און שעצט זי, כּדי צו פֿאַרשטיין די אוממעגלעכקייט צוריקצונעמען דאָס געגעבענע. דאָס איז געווען אַזוי אוממעגלעך, ווי צו דערהרגענען אַ פֿרוי, גנבענען אָדער ליגנט זאָגן. עס איז געווען מעגלעך און נייטיק איינס, אויף וואָס ווראָנסקי האָט זיך שנעל אַנטשלאָסן אָן אַ מינוט וואַקלעניש: באָרגן געלט בײַ אַ פּראָצענטניק, צען טויזנט, אין וואָס עס קאָן נישט זיין קיין שוועריקייט, פֿאַרקלענערן אין אַלגעמיין זיינע הוצאות און פֿאַרקויפֿן די רייט פֿערד. באַשליסנדיק דאָס, האָט ער גלייך אָנגעשריבן אַ צעטעלע צו ראָלאַנדקי, וואָס האָט געשיקט צו אים נישט איינמאָל מיט אַ פֿאָרשלאָג צו קויפֿן בײַ אים די פֿערד. דערנאָך האָט ער געשיקט נאָכן ענגלענדער און נאָכן פּראָצענטניק און צעטיילט לויט די חשבונות דאָס געלט, וואָס האָט זיך געפֿונען בײַ אים. פֿאַרענדיקט די דאָזיקע ענינים, האָט ער אָנגעשריבן אַ קאַלטן און שאַרפֿן ענטפֿער דער מוטער. דערנאָך, אַרויסנעמענדיק פֿון פּאָרטפֿעל אַננעס דריי צעטעלעך, האָט ער זיי איבערגעלייענט, פֿאַרברענט און, דערמאָנענדיק זיך זיין נעכטיקן שמועס מיט איר, האָט ער זיך פֿאַרטראַכט.

XX.

ווראָנסקיס לעבן איז מיט דעם געווען באַזונדערס גליקלעך, וואָס ער האָט געהאַט אַ תקנות־קאָדעקס, וואָס האָט אומצווייפלהאַפט באַשטימט אַלץ, וואָס מען מעג און מען טאָר נישט טון. דערדאָזיקער תקנות־קאָדעקס האָט אַרומגענומען אַ זייער קליינעם קרייז פון באַדינגונגען, נאָר דערפאַר זענען די תקנות געווען אומצווייפלהאַפט, און ווראָנסקי, וואָס איז קיינמאָל נישט אַרויסגעגאַנגען פון דעמדאָזיקן קרייז, האָט קיינמאָל אויף קיין מינוט זיך נישט געוואַקלט צו דערפילן דאָס, וואָס מען מוז. דידאָזיקע תקנות האָבן אָן ספק באַשטימט: אַז מען דאַרף באַצאָלן דעם שולער, און דעם שניידער נישט; אַז ליגנט זאָגן טאָר מען נישט פאַר מענער, אָבער פאַר פרויען מעג מען; אַז אָפּנאַרן טאָר מען נישט קיינעם, אָבער אַ מאַן מעג מען; אַז מען טאָר נישט מוחל זיין קיין באַליידיקונגען און מען מעג באַליידיקן א. א. וו. דידאָזיקע אַלע תקנות האָבן געמעגט זיין נישט פאַרנונפטיק, נישט גוט, אָבער זיי זענען געווען אומצווייפלהאַפט, און ווען ווראָנסקי האָט זיי אויסגעפירט, האָט ער געפילט, אַז ער איז רויק און מעג הויך טראָגן דעם קאָפּ. בלויז אין דער סאַמע לעצטער צייט, מחמת זיינע באַציונגען צו אַננען, האָט ווראָנסקי אָנגעהויבן פילן, אַז זיין תקנות־קאָדעקס באַשטימט נישט דורכויס אַלע באַדינגונגען און אין דער צוקונפט האָבן זיך פאָרגעשטעלט שוועריקייטן און ספקות, אין וועלכע ווראָנסקי האָט שוין נישט געפונען קיין ריכטליניע.

זיין איצטיקע באַציונג צו אַננען און צו איר מאַן איז געווען פאַר אים איינפאַך און קלאָר. זי איז געווען קלאָר און דייטלעך באַשטימט אין דעם תקנות־קאָדעקס, לויט וועלכן ער האָט זיך געריכטעט.

זי איז געווען אַן אָנשטענדיקע פרוי, וואָס האָט אים געשענקט איר ליבע, און ער האָט זי ליב געהאַט, און דערפאַר איז זי געווען פאַר אים אַ פרוי, וואָס איז ווערט פונקט אַזאַ אַכטונג און נאָך אַ גרעסערע, ווי אַ געזעצלעך ווייב. ער וואָלט זיך געלאָזט אָפּהאַקן אַ האַנט, איידער זיך צו דערלויבן מיט אַ וואָרט, מיט אַ רמז נישט בלויז צו באַליידיקן זי, נאָר איר נישט אַרויסצווייזן די אַכטונג, אויף וועלכער עס קאָן נאָר רעכענען אַ פרוי.

די באציונגען צו דער געזעלשאפט זענען אויך געווען קלאר. אלע האבן געמעגט וויסן, האבן געמעגט חושד זיין דאס. אבער קיינער האט נישט געטארט וואגן צו רעדן. אין קעגנפאל איז ער גרייט געווען צו נייטן די רעדערס צו שווייגן און צו שעצן די נישט עקזיסטירנדיקע ערע פון דער פרוי, וועלכע ער האט ליב געהאט.

די באציונגען צום מאן זענען געווען קלארער פון אלץ. פון דער מינוט אן, וואס אננא האט ליב געקריגן ווראנסקין, האט ער געהאלטן בלויז זיין רעכט אויף איר פאר נישט צווייפלדיק. דער מאן איז געווען בלויז אן איבעריקע און שטערנדיקע פערזאן. אן ספק, איז ער געווען אין א נעבעכדיקער לאגע, אבער וואס-זשע האט מען געקאנט טון. דאס איינציקע, אויף וואס דער מאן האט געהאט רעכט, איז געווען, צו פאדערן א באפרידיקונג מיט געווער אין דער האנט, און אויף דעם איז ווראנסקי גרייט געווען פון דער ערשטער מינוט אן.

אבער די לעצטע צייט האבן זיך געוויזן נייע, אינערלעכע באציונגען צווישן אים און איר, וואס האבן געשראקן ווראנסקין מיט זייער אומבאשטימטקייט. ערשט נעכטן האט זי אים דערקלערט, אז זי איז מעוברת. און ער האט דערפילט, אז דידאזיקע ידיעה און דאס, וואס זי האט דערווארט פון אים, האט געפאדערט עפעס אזוינס, וואס איז אינגאנצן נישט באשטימט געווען אין קאדעקס פון די תקנות, לויט וועלכע ער האט זיך געריכטעט אין לעבן. און ווירקלעך, איז ער איבערראשט געווארן אומגעריכט, און אין דער ערשטער מינוט, ווען זי האט דערקלערט וועגן איר לאגע, האט אים זיין הארץ אונטערגעזאגט די פאדערונג צו פארלאזן דעם מאן. ער האט דאס געזאגט, אבער אצינד, באטראכטנדיק, האט ער קלאר געזען, אז עס וואלט גלייכער געווען זיך צו באגיין אן דעם. און אייניציק, ווען ער האט זיך דאס געזאגט, האט ער מורא געהאט, צי דאס איז נישט שלעכט.

„אויב איך האב געהייסן פארלאזן דעם מאן, הייסט דאס זיך פאראייניקן מיט מיר: צי בין איך גרייט אויף דעם? ווי אזוי וועל איך זי אצינד אוועקפירן, ווען איך האב נישט קיין געלט? עלעהיי, איך וואלט דאס געקענט איינארדענען... אבער ווי אזוי וועל איך זי צוועקפירן, ווען איך בין אין דינסט? אויב איך האב דאס געזאגט, דארף מען זיין גרייט אויף דעם, וואס הייסט האבן געלט און אוועקגיין אין דעמיסיע".

און ער האט זיך פארטראכט. די פראגע וועגן דעם, צי אוועקגיין אדער נישט צוועקגיין אין דעמיסיע, האט אים דערפירט צו א צווייטן,

געהיימען, אים אליין באוווסטן, אויב נישט וויכטיקסטן, הגם פארבאָרגענעם אינטערעס פון זיין גאַנצן לעבן.

דאָס ליב האָבן כבוד איז געווען אַן אַלטער טרוים פון זיין קינדהייט און יוגנט, — אַ טרוים, אין וועלכן ער האָט זיך אַליין נישט מודה געווען, אָבער וועל-ער איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז אויך אַצינד האָט די דאָזיקע ליידנשאַפט געקעמפט מיט זיין ליבע. די ערשטע טריט זיינע אין דער הויכער געזעלשאַפט און אין דער דינסט זענען געווען געלונגען, אָבער מיט צוויי יאָר צוריק האָט ער געמאַכט אַ גראָבן טעות: וועלנדיק אַרויסווייזן זיין אומאָפּהענגיקייט און זיך אַרויסרוקן, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון פאַרגעלייגטן הויכן אַמט, אין דער האָפענונג, אַז דער דאָזיקער אָפּזאָג וועט אים צוגעבן אַ גרויסן ווערט; אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז געווען צו דרייסט, און מען האָט אים געלאָזט אין דער זייט; און, באין ברירה שאַפנדיק זיך אַ רעפּוטאַציע פון אַ מענטש אַן אומאָפּהענגיקן, האָט ער זי געטראָגן, גאָר פיין און קלוג האַלטנדיק זיך, אַזוי, ווי ער וואָלט אויף קיינעם נישט בייז געווען, זיך נישט געהאַלטן פון קיינעם באַליידיקט און וויל בלויז, אַז מען זאָל אים לאָזן צורו, ווייל אים איז פריילעך. אין אמתן אָבער האָט אים שוין פון פאַר אָרן אָן, ווען ער איז אוועקגעפאָרן פון מאָסקווע, אויפגעהערט צו זיין פריילעך. ער האָט געפילט, אַז דידאָזיקע אומאָפּהענגיקע לאַגע פון אַ מענטש, וועלכער וואָלט אַלץ געקאָנט, נאָר וויל גאָרנישט, הייבט שוין אָן פאַרגלעט ווערן, אַז אַ סך הייבן אָן שוין קלערן, אַז ער וואָלט טאַקע גאָרנישט געקאָנט, אַ חוץ זיין אַן ערלעכער און ווילער חברהמאַן. זיין פאַרבינדונג מיט דער קאַרעניגאַ, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַזוי פיל טומל און געצויגן אויף זיך די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט, האָט אים צוגעגעבן אַ נייעם גלאַנץ, האָט באַרויקט אויף אַ צייט דעם וואָרם פון ערגייציקייט, וואָס האָט אים געבראָכן, אָבער מיט אַ וואָך צוריק האָט דערדאָזיקער וואָרם אויפגעוואַכט מיט נייעם כוח. זיין חבר פון דער קינדהייט, פון איין קרייז, איין געזעלשאַפט און חבר לויטן קאָרפּוס, סערפּוכאָווסקי, וואָס איז געווען פון איין אַרויסלאָז מיט אים, מיט וועמען ער האָט ריוואַליזירט סיי אין קלאַס, סיי אין גימנאַסטיק, סיי אין שטיפעריי, סיי אין טרוימען וועגן כבוד, האָט די טעג זיך אומגעקערט פון מיטל-אַזיע, וווּ ער האָט באַקומען צוויי ראַנגען און אַן אויסצייכענונג, וואָס ווערט זעלטן געגעבן אַזעלכע יונגע גענעראַלן.

ווי נאָר ער איז געקומען קיין פּעטערבורג, האָט מען אָנגעהויבן

רעדן װעגן אים, װי װעגן א ניי אויפגייענדיקן שטערן פון ערשטער גרייס. אין איין עלטער מיט װראָנסקין און זיין מיטעסער, איז ער געװען געבעראַל און האָט געװאַרט אויף א באַשטימונג, װעלכע האָט געקאָנט האָבן אַן איינפלוס אויפן גאַנג פון די מלוכה-ענינים. און װראָנסקי איז געװען אי אַן אומטפּהענגיקער, אי גלענצנדער, אי געליבטער מענטש דורך א יונגער פרוי, אָבער פאָרט נאָר א ריטמייסטער, װעלכן מען האָט געלאָזט זיין אומאָפּהענגיק װיפיל זיין האַרץ גלוסט. „פאַרשטייט זיך, איך בין נישט מקנא און קאָן נישט מקנא זיין סערפּוכאָװסקין; אָבער זיין דערהייבונג באַװייזט מיר, אַז עס איז גענוג אויסצוװאַרטן די צייט, און די קאַריערע פון אַ מענטש, װי איך, קאָן זייער שנעל געמאַכט װערן. מיט דריי יאָר צוריק איז ער געװען אין דער זעלבער לאַגע, װי איך. אויב איך װעל אַװעקגיין אין דעמיסיע, װעל איך אונטערצינדן מיינע שיפן. מיט דעם, װאָס איך בלייב אין דינסט, פאַרליר איך גאָרנישט. זי האָט אַליין געזאָגט, אַז זי װיל נישט ענדערן איר לאַגע. און איך מיט איר ליבע קאָן נישט מקנא זיין סערפּוכאָװסקין". און, פאַרדרייענדיק זיך מיט אַ פּאַמעלעכער באַװעגונג די װאָנסעס, איז ער אויפגעשטאַנען פון טיש און זיך דורכגעגאַנגען איבערן צימער. זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט באַזונדערס העל, און ער האָט זיך געפילט אין דעם פעסטן רויקן און פריידיקן געמיטס-צושטאַנד, װעלכער פלעגט אים שטענדיק באַהערשן נאָכדעם, װי ער פלעגט זיך קלאָר מאַכן זיין לאַגע. אַלץ איז געװען, װי נאָך די פריערדיקע חשבונות, קלאָר און דייטלעך. ער האָט זיך אָפּראַזירט, זיך אָנגעטון, גענומען אַ קאַלטע װאַנע און איז אַרויסגעגאַנגען.

XXI.

— און איך גיי נאָך דיר. דיין װעש האָט היינט לאַנג געדויערט, — האָט פּעטריצקי געזאָגט. — װאָס-זשע, געענדיקט?

— געענדיקט, — האָט װראָנסקי געענטפערט, שמייכלענדיק בלויז מיט די אויגן און דרייענדיק די שפּיצלעך פון די װאָנסעס אַזוי פאָרזיכטיק, װי איטלעכע צו דרייסטע און האַסטיקע באַװעגונג װאָלט געקאָנט צעשטערן די אָרדנונג, אין װעלכער עס זענען געבראַכט געװאָרן זיינע געשעפטן.

— דו ביסט שטענדיק נאָכדעם, ווי פון באָד אַרויס, — האָט פעטריצקי געזאָגט. — איך קום פון גריצקין (אַזוי האָבן זיי גערופן דעם פּולק-קאָמאַנדיר), מען וואַרט אויף דיר.

ווראָנסקי האָט נישט געענטפערט, געקוקט אויפן חבר, טראַכטנדיק וועגן עפּעס אַנדערש.

— דאָס איז בא אים די מוזיק? — האָט ער געזאָגט, זיך צוהערנדיק צו די באַקאַנטע קלאַנגען פון די טרומייטן-בעסער, פּאָלקעס און וואַלסן, וואָס האָבן זיך דערטראָגן צו אים. — וואָס פאַר אַ יום טוב איז דאָס?

— סערפּוכאָווסקי איז געקומען.

— אַ-אַ! — האָט ווראָנסקי געזאָגט, — איך האָב גאָרנישט געוווּסט.

דער שמייכל פון זיינע אויגן האָט זיך נאָך העלער צעגלאַנצט.

האָבנדיק איינמאָל באַשלאָסן בא זיך, אַז ער איז גליקלעך מיט זיין ליבע, האָט ער איר געבראַכט אַלס קרבן זיין כבוד-זוכעניש, — בעטענדיק אויף זיך דיזאַזיקע ראָלע, — האָט ווראָנסקי יעדנפאַלס שוין נישט געקאָנט פילן נישט קיין קנאה צו סערפּוכאָווסקין, נישט קיין פאַרדראָס אויף אים דערפאַר, וואָס ער איז, קומענדיק אין פּולק אַריין, נישט געקומען צו אים דעם ערשטן. סערפּוכאָווסקי איז געווען אַ גוטער פריינט, און ער איז געווען צופרידן פון זיין דערפאָלג.

— אַ, עס פרייט מיך זייער.

דער פּולק-קאָמאַנדיר דעמין האָט פאַרנומען אַ גרויס פּריציש הויז. די גאַנצע געזעלשאַפט איז געווען אויפן גרוימען אונטערשטן באַלקאָן. דאָס ערשטע, וואָס האָט זיך איינגעוואָרפן ווראָנסקין אין די אויגן אַריין, זענען געווען די זינגערס אין די קיטלעס, וואָס זענען געשטאַנען לעבן אַ פעסעלע בראָנפן, און די געזונטע, פריילעכע פיגור פונם פּולק-קאָמאַנדיר, אַרומגערינגלט מיט אָפיצירן; אַרויסגעגאַנגען אויף דער ערשטער שטיג פון באַלקאָן, האָט ער הויך, איבערשרייענדיק די מוזיק, וואָס האָט געשפּילט אָפּפענבאַכס אַ קאַדריל, עפּעס באַפוילן און געפאָכעט מיט דער האַנט צו די זעלנער, וואָס זענען געשטאַנען עטוואָס אין אַ זייט. אַ קופּע זעלנער, אַ וואַכמייסטער און עטלעכע אונטעראָפיצירן זענען צוגעגאַנגען צוזאַמען מיט ווראָנסקין צום באַלקאָן. אומגעקערט זיך צום טיש, איז דער פּולק-קאָמאַנדיר ווידער אַרויסגעגאַנגען מיט אַ באָקאַל אויפן

גענעק און געהאַלטן אַ טאָסט: „פֿאַרן געזונט פֿון אונזער געוועזענעם חבר און העלדישן גענעראַל, דעם פֿירשט סערפּוכאָווסקי. הורראַ!“

נאָכן פּולק־קאָמאַנדיר מיטן באָקאַל אין דער האַנט, איז, שמייכלענדיק, אויך אַרויסגעקומען סערפּוכאָווסקי.

— דו ווערסט אַלץ יינגער, באָנדאַרענקאָ, — האָט ער זיך געווענדט צום וואַכמייסטער, רויטבאַקיקן וואַכמייכטער, וואָס האָט שוין געדינט די צווייטע דינסט און איז איצט געשטאַנען גלייך פֿאַר אים.

ווראָנסקי האָט דריי יאָר נישט געזען סערפּוכאָווסקין. ער איז מענישער געוואָרן, האָט זיך פֿאַרלאָזט באַקנבערד, אָבער איז נאָך אַלץ געווען אַזאַ שלאַנקער, וואָס האָט איבערראַשט נישט אַזוי פֿיל מיט דער שיינקייט, וויפֿיל מיט דער צאַרטקייט און איידלקייט פֿון פּנים און געבוי. איין ענדערונג, וועלכע ווראָנסקי האָט באַמערקט אויף אים, איז געווען דאָס שטילע כּסדרדיקע שיינען, וועלכעס שטעלט זיך צו אויף די פּנימער פֿון די מענטשן, וואָס האָבן דערפֿאָלג און זענען זיכער, אַז אַלע אָנערקענען פֿאַר זיי דעמדאָזיקן דערפֿאָלג. ווראָנסקי האָט געקענט דאָסדאָזיקע שיינען און האָט עס גלייך באַמערקט אויף סערפּוכאָווסקין.

אַראָפּגייענדיק פֿון די טרעפּ, האָט סערפּוכאָווסקי דערזען ווראָנסקין. אַ פֿריידיקער שמייכל האָט באַלויכטן סערפּוכאָווסקיס פּנים. ער האָט פֿון דער הייך אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, האָט אויפֿגעהויבן דעם באָקאַל, באַגריסנדיק ווראָנסקין און ווייזנדיק מיט דעם זשעסט, אַז ער קאָן נישט פֿריער נישט צוגיין צום וואַכמייסטער, וועלכער שטייט שוין אויסגעצויגן און האָט שוין צונויפֿגעלייגט די ליפּן פֿאַר אַ קוש.

— נו, אָט איז ער אויך שוין דאָ! — האָט דער פּולק־קאָמאַנדיר אויסגעשריגן. — און מיר האָט יאַשווין געזאָגט, אַז דו ביסט אין דיין אומעטיקער שטימונג.

סערפּוכאָווסקי האָט אַ קוש געטון אין די פֿייכטע און פֿרישע ליפּן אַריין דעם כוואַסטקע וואַכמייסטער און, אָפּווישנדיק זיך דאָס מויל מיטן טיכל, איז ער צוגעגאַנגען צו ווראָנסקין.

— נו, ווי עס פֿרייט מיך! — האָט ער געזאָגט, דריקנדיק אים די האַנט, און אים אָוועקגעפֿירט אין אַ זייט אַריין.

— פֿאַרנעמט זיך מיט אים! — האָט דער פּולק־קאָמאַנדיר אַ געשריי געטון צו יאַשווינען, אָנווייזנדיק אויף ווראָנסקין, און איז אַראָפּגעגאַנגען אונטן צו די סאָלדאַטן.

— פאַרוואָס ביסטו נעכטן נישט געווען אויף די געיעגן? איך האָב גערעכנט דיך דאָרט צו זען, — האָט וראָנסקי געזאָגט, באַטראַכטנדיק סערפּוכאָווסקין.

— איך בין געקומען, אָבער שפּעט. אַנטשולדיק, — האָט ער צוגעגעבן און זיך געווענדעט צום אַדיוטאַנט: — איך בעט אייך, באַפעלט אין מיין נאָמען צו צעטיילן, וויפיל ס'וועט אויסקומען אויף אַ מענטש.

און ער האָט אייליק אַרויסגענומען פון פאָרטפעל דריי הונדערט-רובלדיקע אַסיגנאַציעס און איז רויט געוואָרן.

— וראָנסקי! — עסן עפּעס אָדער טרינקען? — האָט יאַשווין געפרעגט. — העי, דערלאַנג דאָ אַהער דעם גראַף עפּעס צו עסן! און אָט דאָס — טרינק.

די הוליאַנקע באַם פּולק-קאָמאַנדיר האָט געדויערט לאַנג.

מען האָט געטרונקען זייער אַ סך. מען האָט געהוידעט און אונטערגעוואָרפן סערפּוכאָווסקין. דערנאָך האָט מען געהוידעט דעם פּולק-קאָמאַנדיר. דערנאָך האָט פאַר די זינגערס געטאַנצט דער פּולק-קאָמאַנדיר אַליין מיט פּעטריצקין. דערנאָך האָט דער פּולק-קאָמאַנדיר, וואָס איז שוין געהאַט אַ ביסל מיד געוואָרן, זיך געזעצט אינדרויסן אויף אַ באַנק און אָנגעהויבן באַווייזן יאַשווינען דעם איבערגעוויכט פון רוסלאַנד קעגן פּרייסן, באַזונדערס אין אַ קאַוואַלעריע-אַטאַקע, און די הוליאַנקע האָט אויף אַ מינוט זיך איינגעשטילט. סערפּוכאָווסקי איז אַריינגעגאַנגען אין הויז, אין טואַלעט-צימער, כדי זיך אָפּצוּוואַשן די הענט, און האָט געטראָפן דאָרט וראָנסקין; וראָנסקי האָט זיך אָפּגעגאָסן מיט וואַסער. אויסגעטאָן דעם קיטעל און אונטערגעשטעלט דעם האָריק באַוואַקסענעם רויטן האַלז אונטערן שטראָם באַם וואַש-טישל, האָט ער דעם האַלז און דעם קאָפּ געריבן מיט די הענט. פאַרענדיקט דאָס וואַשן זיך, האָט וראָנסקי זיך צוגעזעצט צו סערפּוכאָווסקין. זיי האָבן ביידע גלייך זיך געזעצט אויפן סאָפעלע, און צווישן זיי האָט זיך אָנגעהויבן אַ שמועס, אַ זייער אינטערעסאַנטער פאַר ביידע.

— איך האָב וועגן דיר אַלץ געוווּסט דורך דער פרוי, — האָט סערפּוכאָווסקי געזאָגט. — עס פרייט מיך, וואָס דו פלעגסט זי אָפט זען.

— זי איז באַפריינדעט מיט וואַריען, און דאָס זענען די איינציקע פרויען פון פּעטערבורג, מיט וועלכע עס איז מיר אָנגענעם צו זען זיך, — האָט וראָנסקי שמייכלענדיק געענטפערט. ער האָט אַ שמייכל געטאָן פון

דעם, וואָס ער האָט פאַרגעזעצן די טעמע, אויף וועלכער דער געשפרעך האָט איבערגעריסן, און דאָס איז אים געווען אָנגענעם.

— די אייביקע! — האָט מיט אַ שמייכל סערבוכאָווסקי איבער־געפרעגט.

— און איך האָב אויך וועגן דיר געוווסט, אָבער ניט בלויז דורך דיין פרוי, — האָט וראַנסקי געזאָגט, מיט אַ שטרענגן פּנים־אויסדרוק פאַרווערנדיק די דאָזיקע אָנדייטונג. — דיין דערפאָלג האָט מיך זייער געפרייט, אָבער לגמרי נישט פאַרוווּנדערט. איך האָב דערוואַרט נאָך מער.

סערפּוכאָווסקי האָט אַ שמייכל געטאָן. אים איז, משמעות, אָנגענעם געווען די דאָזיקע מיינונג וועגן אים, און ער האָט נישט געהאַלטן פאַר נייטיק צו פאַרבאָרגן דאָס.

— איך, פאַרקערט, בין מיך אָפן מודה, האָב דערוואַרט ווייניקער. אָבער איך בין צופרידן, זייער צופרידן. איך האָב ליב כּבוד, דאָס איז מיין שוואַכקייט, און איך בין מיך מודה אין איר.

— אפשר וואָלסטו דיך נישט מודה געווען, ווען דו וואָלסט נישט געהאַט קיין דערפאָלג, — האָט וראַנסקי געזאָגט.

— איך האַלט נישט אַזוי, — האָט סערפּוכאָווסקי געזאָגט, ווידער שמייכלענדיק, — איך וועל נישט זאָגן, אַז עס וואָלט נישט געלוינט צו לעבן אָן דעם, אָבער עס וואָלט געווען לאַנגווייליק. פאַרשטייט זיך, איך האָב אפשר אַ טעות, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב געוויסע פעיקייטן אין דער טעטיקייטס־ספערע, וואָס איך האָב אויסגעקליבן, און אַז מאַכט אין מיינע הענט, וואָסערע זי זאָל נישט זיין, אויב זי וועט זיין, וועט זי זיין בעסער, ווי אין די הענט פון אַ סך, וואָס זענען מיר באַקאַנט, — האָט מיט אַ שיינענדיקן באַוווּסטזיין פונם דערפאָלג געזאָגט סערפּוכאָווסקי, — און דעריבער וואָס נענטער עס איז צו דעם, אַלץ מער בין איך צופרידן.

— אפשר איז דאָס אַזוי פאַר דיר, אָבער נישט פאַר אַלע. איך האָב אויך אַזוי געמיינט, און אַט לעב איך און זע איין, אַז עס לוינט נישט צו לעבן בלויז צוליב דעם, — האָט וראַנסקי געזאָגט.

— דאָס מיין איך טאַקע! דאָס מיין איך טאַקע! — האָט סערפּוכאָווסקי לאַכנדיק געזאָגט. — איך האָב שוין אָנגעהויבן פון דעם, וואָס איך האָב געהערט וועגן דיר, וועגן דיין אָפּזאָג. פאַרשטייט זיך, איך האָב דאָס געהאַלטן פאַר גוט. אָבער אויף אַלץ איז פאַראַן אַ מנהג. און איך

מיין, אַז די האַנדלונג גופא איז גוט, אָבער דו האָסט זי נישט געטון, ווי מ׳נן דאַרף.

— וואָס געטון, איז געטון; איך, דו ווייסט דאָך, איך זאָג מיך קיינמאָל נישט אָפּ פון דעם, וואָס איך האָב געטון. און אגב איז מיר אויסגעצייכנט.

— אויסגעצייכנט — אויף אַ צייט. אָבער דו וועסט דיך מיט דעם נישט באַפרידיקן. וועגן דיין ברודער זאָג איך דאָס נישט. דאָס איז — אַ ליב קינד, פונקט ווי דערדאָזיקער באַלעבאָס אונזערער. אָט האָסטו אים! — האָט ער צוגעגעבן, צוהערנדיק זיך צום שרייען „הורא“, — און אים איז פריילעך, אָבער דיך קאָן דאָס נישט באַפרידיקן.

— איך זאָג נישט, אַז עס באַפרידיקט.

— און נישט בלויז דאָס. אַזעלכע מענטשן, ווי דו, זענען נייטיק.

— וועמען?

— וועמען? דער געזעלשאַפט, רוסלאַנד. רוסלאַנד זענען נייטיק מענטשן, ס׳איז נייטיק אַ פּאַרטיי, אַנדערש גייט אַלץ און וועט גיין צו אַלדי רוחות.

— וואָס מיינסטו מיט דעם? בערטעניעוס פּאַרטיי קעגן די רוסישע קאָמוניסטן?

— ניין, — האָט סערפּוכאָווסקי געזאָגט, פאַרקרימענדיק זיך פון פאַרדראָס, וואָס אים איז מען חושד אין אַזאַ נאַרישקייט. — Tout ça es une blague. דאָס איז תמיד געווען און וועט זיין. קיין שום קאָמוניסטן איז נישטאָ. אָבער מענטשן פון אינטריגע דאַרפן שטענדיק אויסטראַכטן אַ שעדלעכע, געפערלעכע פּאַרטיי. דאָס איז אַן אַלטע געשיכטע. ניין, עס איז נייטיק אַ מ.כט־פּאַרטיי פון מענטשן אומאָפּהענגיקע, ווי דו און איך.

— אָבער פאַרוואָס־זשע? — וראָנסקי האָט אָנגערופן עטלעכע מענטשן פון מאַכט. — אָבער פאַרוואָס־זשע זענען זיי נישט קיין אומאָפּהענגיקע מענטשן?

— בלויז דערפאַר, וואָס בײַ זיי איז נישטאָ אָדער עס איז נישט געווען פון געבוירנשאַפט אָן קיין אומאָפּהענגיקייט פון פאַרמעגן, נישט געווען קיין נאָמען, נישט געווען די נאָענטקייט צו דער זון, אין וועלכער מיר זענען געבוירן געוואָרן. זיי קאָן מען קויפן אָדער מיט געלט אָדער מיט אַ גוט וואָרט. און, כּדי זיי זאָלן זיך האַלטן, מוזן זיי אויסקלערן אַ

ריכטונג. און זיי פירן דורך אַ געדאַנק, אַ ריכטונג, אין וועלכער זיי גלייבן אַליין נישט, וועלכעס מאַכט אָן שלעכטס; און דידאָזיקע גאַנצע ריכטונג איז בלויז אַ מיטל צו האָבן אַ קאַזיאָנע הויז און אַ געוויסן געהאַלט. Cela n'est pas plus fin que ça, ווען דו וועסט אַ קוק טון אין זייערע קאָרטן אַריין. אפשר בין איך ערגער, נאַרישער פון זיי, הגם איך זע נישט, פאַרוואָס איך מוז זיין נאַרישער פון זיי. אָבער באַ מיר און באַ דיר איז שוין זיכער דאָ איין וויכטיקע מעלה — דאָס, וואָס אונז איז שווערער צו קויפן. און אַזעלכע מענטשן זענען מער ווי ווען עס איז נייטיק.

ווראָנסקי האָט געהערט אויפמערקזאַם, אָבער נישט אַזוי דער עצם-אינהאַלט פון די ווערטער האָט אים אינטערעסירט, ווי די באַציִונג צו דער זאַך מצד סערפּוכאָווסקין, וועלכער האָט שוין בדעה געהאַט צו קעמפן מיט דער מאַכט און שוין געהאַט אין דערדאָזיקער וועלט זיינע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, בעת ער אין זיין דינסט האָט געהאַט בלויז די אינטערעסן פונם עסקאַדראָן. ווראָנסקי האָט אויך פאַרשטאַנען, ווי שטאַרק סערפּוכאָווסקי קאָן זיין מיט זיין אומצווייפלהאַפטער פעיִקייט דורכצוטראַכטן און פאַרשטיין זאַכן, מיט זיין שכל און שיינעם רעדן, וואָס האָט אַזוי זעלטן זיך געטראָפן אין דעם קרייז, אין וועלכן ער האָט געלעבט. און ווי ער האָט זיך נישט געשעמט דערמיט, האָט ער אים דאָך מקנא געווען.

— אָבער מיר פעלט צו דעם איין הויפּט-זאַך, — האָט ער געענטפערט: — עס פעלט דער חשק צו מאַכט. ס'איז געווען, נאָר ס'איז אַריבערגעגאַנגען.

— אַנטשולדיקט מיר, דאָס איז נישט אמת, — האָט סערפּוכאָווסקי געזאָגט מיט אַ שמייכל.

— ניין, אמת, אמת!... אַצינד, כּדי צו זיין אויפריכטיק, — האָט ווראָנסקי צוגעגעבן.

— יאָ, אמת אַ צ י נ ד, דאָס איז עפּעס אַנדערש; נאָר דער אַ צ י נ ד וועט זיין נישט שטענדיק.

— אפשר, — האָט ווראָנסקי געענטפערט.

— דו זאָגסט א פ ש ר, — האָט סערפּוכאָווסקי פאָרגעזעצט, אַזוי ווי טרעפנדיק זיינע געדאַנקען, — און איך זאָג דיר א ו י ף ז י כ ע ר. און צוליב דעם האָב איך דיך געוואָלט זען. דו האָסט געהאַנדלט אַזוי, ווי מען האָט געדאַרפט. דאָס פאַרשטיי איך, אָבער פ ע ר ס ע ו ו ע ר י ר ן

דאַרפסטו נישט. איך בעט בלויז בײַ דיר carte blanche. איך בין נישט דיין אַפּטרופּוס... הגם פאַרוואָס זאָל איך דיך נישט פּראָטעזשירן: דו האָסט מיך אַזוי פיל מאָל פּראָטעזשירט! איך האָף, אַז אונזער פריינטשאַפט שטייט העכער פון דעם. יאָ, — האָט ער געזאָגט, צערטלעך, ווי אַ פרוי, שמייכלענדיק צו אים. — גיב מיר carte blanche, טרעט אַרויס פון פּולק, און איך וועל דיך אומבאַמערקט אַריינציען.

— אָבער דו פאַרשטיי, איך דאַרף גאָרנישט, — האָט ווראָנסקי געזאָגט, — ווי בלויז דאָס, אַז אַלץ זאָל זיין, ווי געווען.

סערפּוכאָווסקי איז אויפגעשטאַנען און שטיין געבליבן פאַר אים.

— דו האָסט געזאָגט, אַז אַלץ זאָל זיין, ווי געווען. איך פאַרשטיי, וואָס דאָס באַדייט. נאָר הער: מיר זענען איין עלטער, אפשר האָסטו אין צאָל געקענט מער פרויען, ווי איך. — סערפּוכאָווסקיס שמייכל און זשעסטן האָבן געזאָגט, אַז ווראָנסקי דאַרף נישט מורא האָבן, אַז ער וועט צאַרט און פאָרזיכטיק זיך צורירן צום שמערצלעכן אָרט. — אָבער איך בין פאַרהייראַט, און גלייב מיר, אַז נאָכדעם ווי דו דערקענסט בלויז די אייגענע פרוי (ווי עמעצער האָט געשריבן), וועלכע דו ליבסט, דערקענסטו בעסער אַלע פרויען, ווי דו וואָלסט זיי געקענט אין די טויזנטער.

— מיר וועלן באַלד קומען! — האָט ווראָנסקי אַ געשריי געטאָן צום אָפיציר, וואָס האָט אַריינגעקוקט אין צימער און זיי גערופן צום פּולק-קאָמאַנדיר.

ווראָנסקי האָט געוואָלט אַצינד אויסהערן און געוויר ווערן, וואָס סערפּוכאָווסקי וועט אים זאָגן.

— און אָט האָסטו דיר מיין מיינונג. די פרויען — דאָס איז דער גרעסטער אבן-נגף אין דער טעטיקייט פון מענטש. עס איז שווער ליב צו האָבן אַ פרוי און צו טון עפּעס. פאַר דעם איז דאָ בלויז איין מיטל, מיט דער באַקוועמלעכקייט אָן שטערונג ליב צו האָבן — דאָס איז דאָס חתונה האָבן. ווי אַזוי, ווי אַזוי זאָל איך עס דיר זאָגן, וואָס איך מיין, — האָט סערפּוכאָווסקי געזאָגט, וואָס האָט ליב געהאַט פאַרגלייכן, — וואַרט-צו, וואַרט צו! יאָ, אַזוי ווי צו טראָגן אַ fardeau און טון עפּעס מיט די הענט, קאָן מען בלויז דעמאָלט, ווען די fardeau איז אָנגעבונדן אויפן רוקן, — און דאָס איז דאָס חתונה האָבן. און דאָס האָב איך דערפילט, ווען איך האָב חתונה געהאַט. איך האָב פּלוצלינג געקריגן ליידיקע הענט. אָבער אָן חתונה האָבן צו שלעפּן אויף זיך דידאָזיקע fardeau, — וועלן

די העבט זיין אזוי פיל, אז מען קאן גארנישט טון. זע מאזאנקאוו, קרי־פאוו. זיי האבן א תל געמאכט פון זייערע קאריערעס איבער פרויען.

— וואסערע פרויען! — האט ווראנסקי געזאגט, דערמאנענדיק זיך די פראנצויזין און די אקטריסע, מיט וועלכע די אנגערופענע צוויי מענטשן זענען פארבונדן געווען.

— אלץ ערגער, וואס פעסטער עס איז די לאגע פון דער פרוי אין דער הויכער געזעלשאפט, אלץ ערגער איז. דאס איז אלצייגס, ווי — שוין נישט טראגן די fardeau מיט די הענט, נאר צורייסן זי בײַ א צווייטן.

— דו האסט קיינמאל נישט ליב געהאט, — האט ווראנסקי שטיל געזאגט, קוקנדיק פאר זיך און קלערנדיק וועגן אנען.

— אפשר. אבער דו געדענק, וואס איך האב דיר געזאגט. און נאך עפעס: די פרויען זענען אלע מאטעריאליסטישער פון די מענער. מיר מאכן אויס דער ליבע עפעס ריזיקס, און זיי זענען שטענדיק terre-á-terre.

— באלד, באלד! — האט ער זיך געווענדט צום אריינגעקומענעם לאקיי. נאר דער לאקיי איז זיי נישט געקומען ווידער רופן, ווי ער האט געמיינט. דער לאקיי האט געבראכט ווראנסקין א צעטעלע.

— אייך האט דאס געבראכט א מענטש פון דער פירשטין טווערסקאיא.

ווראנסקי האט אויפגעדעמעט דעם בריוו און איז רויט געווארן.

— מיר האט אנגעהויבן ווי טון דער קאפ, איך וועל גיין אהיים, — האט ער געזאגט סערפוכאווסקין.

— נו, זיי־זשע געזונט. דו גיסט carte blanche?

— מיר וועלן דערנאך שמועסן, איך וועל דיך געפינען אין פעטערבורג.

XXII.

עס איז שוין געווען זעקס אַ זייגער, און כדי צו קומען אין דער צייט און גלייכצייטיק נישט צו פאָרן אויף די אייגענע פערד, איז ווראָנסקי אויפגעזעסן אויף יאַשווינס געדונגענער קאַרעטע און געהייסן פאָרן וואָס שנעלער. די אַלטע קאַרעטע מיט פיר געזעסן איז געווען גערוימיק. ער האָט זיך געזעצט אין אַ ווינקל, האָט אויסגעצויגן די פיס אויפן פעדערשטן געזעס און זיך פאַרטראַכט.

דאָס נעפּלהאַפטע באַוווסטזיין פון דער קלאָרקייט, אין וועלכער זיינע געשעפטן זענען געברענגט געוואָרן, די נעפּלהאַפטע דערינערונג וועגן דער פריינטשאַפט און די קאָמפּלימענטן מצד סערפּוכאָווסקין, וועלכער האָט אים געהאַלטן פאַר אַ נייטיקן מענטש, און, דער עיקר, די דערוואַרטעטע זעונג — אַלץ האָט זיך פאַראייניקט אין אַן אַלגעמיינעם איינדרוק פון אַ פריידיק לעבנס-געפיל. דאָסדאָזיקע געפיל איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט נישט ווילנדיק געשמייכלט. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די פיס, פאַרלייגט איינעם אויף דער קני פונם צווייטן, און נעמענדיק אים אין דער האַנט אַריין, האָט ער אָנגעטאַפּט די שטייפע לידקע פונם פוס, וואָס האָט נעכטן געקריגן אַ קלאַפּ בײַם פאַלן. ער האָט זיך אויסגעלייגט אַ הינטער און עטלעכע מאָל אָפּגעעטעמט מיט דער פולער ברוסט.

„גוט, זייער גוט!" האָט ער זיך אַליין געזאָגט. ער פלעגט אויך פריער אָפט איבערלעבן די פריידיקע אָנערקענונג פון זיין קערפּער, אָבער ער האָט נאָך קיינמאָל נישט אַזוי ליב געהאַט זיך, זיין קערפּער, ווי אַצינד. אים איז אָנגענעם געווען צו שפּירן דעם-אָזיקן לייכטן ווייטיק אין דעם שטאַרקן פוס, אָנגענעם געווען צו פילן די באַוועגונגען פון זיין הערץ בײַם אָטעמען. דער זעלבער לויטערער און קאַלטער אויגוסט-טאָג וועלכער האָט אַזוי האָפענונגסלאָז געווירקט אויף אַננען, האָט זיך אים אויסגעוויזן אויפרעגנד-דערפרישנדיק און ער האָט געפרישט זיין פנים און האַלז, וואָס זענען רויט געווען פון דעם אָפּגיסן זיך. דער ברילינטין-ריח פון זיינע וואָנסעס האָט אים אויסגעוויזן באַזונדערס אָנגענעם אין דער דאָזיקער פרישער לופט. אַלץ, וואָס ער האָט געזען דורך דעם פענצ-

טער פון דער קאַטש, אַלץ אין דע־דאָזיקער קאַלטער ריינער לופט, אויף דעמדאָזיקן בלייכן פאַן פון דעם זין פאַרגאַנג איז געווען אַזוי פריש, פריילעך און שטאַרק, ווי ער אַליין: סיי די דעכער פון די הייזער, וואָס האָבן געגלאַנצט אין די שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון, סיי די שאַרפע קאָנטורן פון די פּלעטער און ווינקלען פון די געביידעס, סיי די פיגורן פון די זעלטן באַגעגנטע פוסגייער און עקיפּאַזשן, און דאָס אומבאַוועגלעכע גרינס פון די ביימער און גרעזער, און די קאַרטאָפל־פעלדער מיט די פּינקטלעך דורכגעשניטענע ברוזדעס, און די שיפע שאָטנס, וואָס זענען געפאַלן פון די הייזער און פון די ביימער, און פון די קוסטעס, און אפילו פון די קאַרטאָפל־ברוזדעס, — אַלץ איז געווען שיין, ווי אַ פיינער פּייזאַזש, וואָס איז נאָר־וואָס פאַרענדיקט געוואָרן און באַדעקט געוואָרן מיט ליאַק.

— שנעלער, שנעלער! — האָט ער געזאָגט דעם קוטשער, אַרויסרוקנדיק זיך דורכן פענצטער; ער האָט אַרויסגענומען אַ דריירובלדיקע אַסיגנאַציע פון קעשענע און זי דערלאַנגט דעם קוטשער, וואָס האָט זיך אומגעקוקט. דעם קוטשערס האַנט האָט עפּעס אָנגעטאַפּט בײַ דער לאַמטער, עס האָט זיך דערהערט אַ פייף פון דער בייטש, און די קאַטש האָט זיך שנעל אַ לאָז געטון איבער׳ן גלייכן שאָסיי.

„איך דאַרף גאָרנישט, גאָרנישט, אַ חוץ דאָסדאָזיקע גליק, — האָט ער געקלערט, קוקנדיק אויפן ביינערנעם קנעפּעלע פון גלעקל צווישן די פענצטער און פאָרשטעלנדיק זיך אַנַּען אַזעלכע, ווי ער האָט זי געזען דאָס לעצטע מאָל. — און וואָס ווייטער, אַלץ מער האָב איך זי ליב. אָט איז שוין דער גאָרטן פון ווערדעס קאַזיאָנער דאַטשע. וווּ־זשע איז זי דאָ? וווּ? ווי אַזוי? פאַרוואָס האָט זי דאָ באַשטימט די זעונג און שרייבט אין בעטסיס בריוו?" האָט ער ערשט אַצינד אַ טראַכט געטון; אָבער צו טראַכטן איז שוין נישט געווען קיין צייט. ער האָט אָפּגעשטעלט דעם קוטשער, נישט צופאָרנדיק צו דער אַלעע, און, געעפנט דאָס טירל, איז ער אין פאָרן אַרויסגעשפרונגען פון דער קאַטש און אַרייַנגעגאַנגען אין דער אַלעע, וואָס האָט געפירט צום הויז. אין דער אַלעע איז קיינער נישט געווען; אָבער נאָכדעם, ווי ער האָט זיך אומגעקוקט רעכטס, האָט ער זי דערזען. איר פּנים איז באַדעקט געווען מיט אַ וואַל, אָבער ער האָט מיט אַ פרייִדיקן בליק אויסגעכאַפּט די באַזונדערע, איר אַליין אייגנטימלעכע באַוועגונג פון גאַנג, די שיפּקייט פון די אַקסלען און דאָס האַלטן דעם קאָפּ, און גלייך איז אַזוי ווי אַן עלעקטרישער פונק דורכגעלאָפן איבער זיין

קערפער. ער האָט מיט אַ נייער קראַפט דערפילט זיך אַליין, פון די שנויפע באַוועגונגען פון די פיס ביז דעם באַוועגן זיך פון די לונגען באַם אָטעמען, און עפעס האָט אַ צוויק געטון זיינע ליפן.

ווען זי איז צוגעקומען צו אים, האָט זי פעסט אַ דריק געטון זיין האַנט.

— דו ביסט נישט בייז, וואָס איך האָב דיך אַרויסגערופן? מיר איז נייטיק געווען דיך צו זעען, — האָט זי געזאָגט; און דער ערנסטער און שטרענגער אויסדרוק פון די ליפן, וועלכן ער האָט געזעען פון הינטערן וואַל אַפער, האָט גלייך געענדערט זיין געמיטס-צושטאַנד.

— איך, בייז זיין! נאָר ווי אַזוי ביסטו געקומען, ווהין?

— אַלץ איינס, — האָט זי געזאָגט, און צוגעלייגט איר האַנט אויף אים, — קום, — איך דאַרף מיך דורכשמועסן.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז עפעס געשעען און אַז די דאָזיקע זעונג וועט נישט זיין קיין פריידיקע. אין איר קעגנוואַרט האָט ער נישט געהאַט קיין אייגענעם ווילן: נישט וויסנדיק די סיבה פון איר צערודערטקייט, האָט ער שוין געפילט, אַז די זעלבע צערודערטקייט גיט זיך איבער אויך אים.

זי איז שווייגנדיק אָפגעגאַנגען עטלעכע טריט, זיך אָנגענומען מיט מוט און פלוצלינג זיך אָפגעשטעלט.

— איך האָב דיר נעכטן נישט געזאָגט, — האָט זי אָנגעהויבן, און שנעל און שווער געאָטעמט, — אַז, ווען איך בין צוריקגעפאָרן אַהיים מיט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, האָב איך אים אַלץ דערקלערט... געזאָגט, אַז איך קאָן נישט זיין זיין פרוי, אַז... און אַלץ געזאָגט.

ער האָט זי געהערט, נישט ווילנדיק אָנגעבויגן מיט דער גאַנצער פיגור, ווי ער וואָלט איר מיט דעם געוואָלט גרינגער מאַכן די שווערקייט פון איר לאַגע. אָבער, ווי נאָר זי האָט דאָס געזאָגט, האָט ער פלוצלינג זיך אויסגעגלייכט, און זיין פנים האָט אָנגענומען אַ שטאָלצן און שטרענגען אויסדרוק.

— יאָ, יאָ, דאָס איז בעסער, טויזנט מאָל בעסער! איך פאַרשטיי, ווי שווער דאָס איז געווען, — האָט ער געזאָגט. אָבער זי האָט נישט געהערט זיינע ווערטער, זי האָט געלייענט זיינע געדאַנקען לויטן אויסדרוק פון פנים. זי האָט נישט געקאָנט וויסן, אַז דער אויסדרוק פון זיין פנים האָט זיך באַצויגן צום ערשטן געדאַנק, וואָס איז ווראָנסקין איינגעפאַלן — וועגן דער אומפאַרמיידלעכקייט אַצינד פון אַ דועל. איר איז

אפילו קיינמאָל אויפֿן רעיון נישט געקומען דער געדאַנק וועגן אַ דועל, און דעריבער האָט זי דעמדאָזיקן אויגנבליקלעכן אויסדרוק פֿון שטרענג-קייט פֿאַרשטאַנען אַנדערש.

נאָכדעם ווי זי האָט דערהאַלטן דעם מאַנס בריוו, האָט זי שוין טיף אין דער נשמה געוווּסט, אַז אַלץ וועט בלייבן ווי געווען, אַז זי וועט נישט בכּוח זיין זיך אָפּצוזאָגן פֿון איר לאַגע, אָוועקצוּוואַרפֿן דעם זון און זיך פֿאַראייניקן מיטן געליבטן. דער פֿרימאָרגן, וועלכן זי האָט פֿאַרבראַכט בײַ דער פֿירשטין טווערסקאַיאַ, האָט זי נאָך מער איבערצייגט אין דעם. אָבער דידאָזיקע זעונג איז פֿונדעסטוועגן געווען פֿאַר איר אומגעוויינלעך וויכטיק. זי האָט געהאָפֿט, אַז דידאָזיקע זעונג וועט ענדערן דידאָזיקע לאַגע און זי ראַטעווען. אויב ער וועט בײַ דערדאָזיקער ידיעה אַנטשלאָסן, לײַדנשאַפֿטלעך, אָן אַ מינוט וואַקלעניש איר זאָגן: וואַרף אַוועק אַלץ און אַנטלויף מיט מיר, וועט זי פֿאַרלאָזן דעם זון און אַוועקגיין מיט אים. אָבער דידאָזיקע ידיעה האָט נישט אַרויסגערופֿן בײַ אים דאָס, וואָס זי האָט דערוואַרט: ער האָט בלויז אַזוי ווי זיך באַליידיקט פֿון עפּעס.

— מיר איז להלוטין נישט שווער געווען. דאָס האָט זיך געטאָן פֿון זיך אַליין, — האָט זי צערייצט געזאָגט, — און אָט... — זי האָט אַרויס-גענומען דעם מאַנס בריוו פֿון דער הענטשקע.

— איך פֿאַרשטיי, פֿאַרשטיי, — האָט ער איר איבערגעשלאָגן, גע-נומען דעם בריוו, אָבער נישט געלייענט און זיך באַמיט זי צו באַ-רויקן; — איך האָב איינס געוואָלט, איינס געבעטן — איבעררײַסן די-דאָזיקע לאַגע, כּדי צו ווידמענען מײַן לעבן דײַן גליק.

— נאָכוואָס זאָגסטו מיר דאָס? — האָט זי געזאָגט. — צי קאָן איך דען צווייפֿלען אין דעם? ווען איך וואָלט געצווייפֿלט...

— ווער גייט דאָס? — האָט ווראָנסקי פּלוצלינג געזאָגט, אָנווייזנ-דיק אויף צוויי דאַמען, וואָס זענען געגאַנגען קעגן זיי: — אפֿשר קענען זיי אונדז! — און ער האָט אײַליק זיך אָנגעדרייט, מיטציענדיק זי אויף אַ זײַטיק וועגל אַרויף.

— אַך, מיר איז אַלץ איינס! — האָט זי געזאָגט. אירע ליפּן האָבן אָנגעהויבן צו ציטערן. און אים האָט זיך געדאַכט, אַז אירע אויגן האָבן מיט אַן אויסטערלישן כּעס געקוקט אויף אים פֿון הינטערן וואַלאַפּער. — איך זאָג, אַז נישט אין דעם האַנדלט זיך, איך קאָן נישט צווייפֿלען אין דעם; נאָר אָט וואָס ער שרײַבט מיר. לייען איבער. — זי האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט.

ווי אין דער ערשטער מינוט פון דער ידיעה וועגן איר איבערדרייסן מיטן מאַן, אַזוי האָט וראָנסקי, לייענענדיק דעם בריוו, ווידער נישט ווילנדיק זיך אָפּגעגעבן דער נאַטירלעכער עמפּפינדונג, וואָס עס האָט אין אים אַרויסגערופן די באַציונג צום באַליידיקטן מאַן. אַצינד, ווען ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט זיין בריוו, האָט ער נישט ווילנדיק זיך פאָרגע־שטעלט דעם אַרויסרוף, וועלכן ער וועט, וואַרשיינלעך, נאָך היינט אָדער מאָרגן געפינען באַ זיך, און דעם דועל גופא, בעת וועלכן ער וועט מיטן זעלבן קאַלטן און שטאָלצן אויסדרוק, וועלכער איז אַצינד געווען אויף זיין פּנים, אויסשיסן אין דער לופט און שטיין אונטערן שאָס פון דעם באַליידיקטן מאַן. און גלייך האָט אין זיין קאָפּ א בליץ געטון א געדאַנק וועגן דעם, וואָס עס האָט אים נאָר־וואָס געזאָגט סערפּוכאָווסקי און וואָס ער אַליין האָט אינדערפרי געטראַכט: אַז עס איז גלייכער זיך נישט צו פאַרבינדן, און ער האָט געוווּסט, אַז דעמדאָזיקן געדאַנק קאָן ער איר נישט איבערגעבן.

איבערגעלייענט דעם בריוו, האָט ער אויפגעהויבן אויף איר די אויגן, און אין זיין בליק איז נישט געווען קיין אַנטשלאָסנקייט. זי האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז ער האָט שוין אַליין פריער געטראַכט וועגן דעם. זי האָט געוווּסט, אַז וואָס ער זאָל איר נישט זאָגן, וועט ער זאָגן נישט אַלץ, וואָס ער טראַכט. און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז איר לעצטע האָפענונג איז אָפּגענאַרט. דאָס איז געווען נישט דאָס, וואָס זי האָט זיך ערוואַרט.

— דו זעסט, וואָס פאַר א מענטש דאָס איז, — האָט זי געזאָגט מיט א ציטערדיק קול. — ער...

— זיי מיר מוחל, נאָר איך פריי מיך מיט דעם, — האָט וראָנסקי איבערגעשלאָגן. — ווי גאָט איז דיר ליב, לאָז מיך רעדן, — האָט ער צו־געגעבן, בעטנדיק זי מיטן בליק צו געבן אים צייט אויפצוקלערן זיינע ווערטער. — איך פריי מיך, ווייל דאָס קאָן נישט, קאָן בשום אופן נישט בלייבן אַזוי, ווי ער רעכנט.

— פאַרוואָס־זשע קאָן עס נישט? — האָט אַננאַ א זאָג געטון, איינ־האַלטנדיק די טרערן, משמעות, שוין נישט צוגעבנדיק קיין שום באַדיי־טונג דעם, וואָס ער וועט זאָגן. זי האָט געפילט, אַז איר גורל איז באַ־שלאָסן.

וראָנסקי האָט געוואָלט זאָגן, אַז נאָך דעם אומפאַרמיידלעכן דועל,

לויט זיין מיינונג, קאָן עס נישט מער אַזוי געדויערן, אָבער ער האָט געזאָגט עפּעס אַנדערש.

— עס קאָן נישט געדויערן. איך האָף, אַז אַצינד וועסטו אים פאַרלאָזן. איך האָף, — ער האָט זיך פאַרלוירן און איז רויט געוואָרן, — אַז דו וועסט מיר דערלויבן איינצואָרדנען און באַקלערן אונזער לעבן. מאָרגן... — האָט ער געוואָלט אָנהייבן.

זי האָט אים נישט געלאָזט פאַרענדיקן.

— און דער זון? — האָט זי אַ געשריי געטון. — דו זעסט, וואָס ער שרייבט: איך מוז אים איבערלאָזן, און איך קאָן נישט און וויל דאָס נישט טון.

— אָבער, אום גאָטס ווילן, וואָס-זשע איז גלייכער: פאַרלאָזן דעם זון אָדער ווייטער ציען דידאָזיקע דערנידערנדיקע לאַגע?

— פאַר וועמען דערנידערנדיקע לאַגע?

— פאַר אַלע און מער פון אַלץ פאַר דיר.

— דו זאָגסט דערנידערנדיקע... זאָג דאָס נישט. דידאָזיקע ווערטער האָבן נישט פאַר מיר קיין זינען, — האָט זי געזאָגט מיט אַ ציטערדיק קול. איר האָט זיך אַצינד נישט געוואָלט, אַז ער זאָל זאָגן ליגנט. איר איז געבליבן בלויז זיין ליבע, און זי האָט אים געוואָלט ליב האָבן. — דו פאַרשטייסט, אַז פון דעם טאָג אָן, וואָס איך האָב דיך ליב געקריגן, האָט זיך פאַר מיר אַלץ געענדערט. דאָס איינציקע, איינציקע, וואָס מיר איז געבליבן — דאָס איז דיין ליבע. אויב זי איז מיין, פיל איך מיך אַזוי הויך, אַזוי פעסט, אַז קיין שום זאַך קאָן נישט זיין פאַר מיר קיין דערנידערונג. איך בין שטאָלץ מיט מיין לאַגע, ווייל... שטאָלץ מיט דעם... שטאָלץ... — זי האָט נישט פאַרענדיקט, מיט וואָס זי איז שטאָלץ. טרערן פון בושה און פאַרצווייפלונג האָבן פאַרשטיקט איר קול. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך צעוויינט.

ער האָט אויך דערפילט, אַז עפּעס דערהייבט זיך צו זיין האַלדז, צוויקט אים אין דער נאָז, — און ער האָט דאָס ערשטע מאָל אין לעבן זיך דערפילט גרייט צו וויינען. ער וואָלט נישט געקאָנט זאָגן, וואָס אייגנטלעך עס האָט אים אַזוי גערירט; אים איז געווען אַ רחמנות אויף איר, און ער האָט געפילט, אַז ער קאָן איר נישט העלפן, און איינציייטיק האָט ער געוווּסט, אַז ער איז שולדיק אין איר אומגליק, אַז ער האָט געטון עפּעס נישט גוטס.

— צי איז טאַקע נישט מעגלעך אַ גט? — האָט ער שוואַך גע-

זאָגט. זי האָט נישט געענטפערט. נאָר בלויז אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. — צי איז נישט מעגלעך צו נעמען דעם זון און מיטנעמען פאַרלאָזן אים?

— יאָ; נאָר דאָס הענגט אָלץ אָפּ פון אים. אַצינד מוז איך פאָרן צו אים, — האָט זי שטיל געזאָגט איר פאַרגעפיל, אַז אַלץ וועט בלייבן באַם אַלטן, האָט זי נישט אָפּגענאַרט.

— דינסטיק וועל איך זיין אין פעטערבורג. און אַלץ וועט באַשלאָסן ווערן.

— יאָ, — האָט זי געזאָגט. — נאָר לאָמיר מער נישט רעדן וועגן דעם.

אַננעס קאַטש, וועלכע זי האָט אַוועקגעשיקט און וועלכע זי האָט געהייסן קומען צו די שטאַכעטן פון דער ווירעדעה גאָרטן, איז צוגעפאָרן. אַננאַ האָט זיך געזעגנט מיט ווראָנסקין און איז אַוועקגעפאָרן אַהיים.

XXIII.

מאָנטיק איז געווען די געוויינלעכע סעסיע פון דער קאָמיסיע פונם 2־טן יוני. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז אַריינגעגאַנגען אין זיצונגס־זאַל, זיך באַגריסט מיט די מיטגלידער און מיטן פאָרזיצער, ווי געוויינלעך, און זיך געזעצט אויף זיין אָרט, אַרויפלייגנדיק די האַנט אויף די פאַר אים צוגעגרייטע פאַפירן. צווישן די דאָזיקע פאַפירן זענען אויך געלעגן די אים נייטיקע אינפאָרמאַציעס און דער אָנגעצייכנטער קאָנספּעקט פון דער דערקלערונג, וועלכע ער האָט בדעה געהאַט צו מאַכן. איבעריקנס, אין זיינען גאָרנישט נייטיק געווען די אינפאָרמאַציעס. ער האָט געדענקט אַלץ און נישט געהאַלטן פאַר נייטיק איבערצוחזרן אין זיין זכרון דאָס, וואָס ער וועט זאָגן. ער האָט געוווסט, אַז ווען די צייט וועט קומען און ער וועט דערזען פאַר זיך דעם קעגנערס פנים, וואָס וועט אומזיסט זיך באַמיען זיך צוצוגעבן אַ גלייכגילטיקן אויסדרוק, וועט זיין רעדע זיך אויסגיסן פון זיך אַליין בעסער, ווי ער קאָן זיך אַצינד צוגרייטן. ער האָט געפילט, אַז דער אינהאַלט פון זיין רעדע איז אַזוי גראַנדיעז, אַז יעדעס וואָרט וועט האָבן אַ באַדייטונג. דערווייל אָבער, הערנדיק דעם געוויינלעכן באַריכט, האָט ער געהאַט אַ העכסט אומשולדיקע און מילדע מינע.

קוקנדיק אויף זײַנע ווײַסע הענט מיט די אָנגעדראָלענע אָדערן, וואָס האָבן אַזוי צאַרט מיט די לאַנגע פֿינגער אַרומגעטאַפּט ביידע עקן פֿונעם ווײַסן בויגן פּאַפּיר, וואָס איז געלעגן פֿאַר אים, און אויף זײַן קאָפּ, וואָס איז מיט אַן אויסדרוק פֿון מידקייט אָנגעבויגן געווען אין אַ זײַט, וואָלט קיינער נישט געטראַכט, אַז באַלד וועלן פֿון זײַנע ליפּן זיך אַ גאָס טאָן אַזעלכע רייד, וואָס וועלן אַרויסרופֿן אַ שרעקלעכן שטורעם, וועלן נייטן די מיטגלידער צו שרײַען, איבערצורײַסן איינער דעם אַנדערן, און דעם פֿאָרזיצער צו פֿאָדערן אָפּצוהיטן די אָרדנונג. ווען דער באַריכט האָט זיך פֿאַרענדיקט, האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש מיט זײַן שטילן, דינעם קול געמאָלדן, אַז ער האָט מיטצוטיילן געוויסע סבֿרות זײַנע צום ענין וועגן דעם אײַנאָרדענען די פֿרעמדפֿעלקישע. די אויפֿמערקזאַמקייט איז געווענדט געוואָרן אויף אים. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך אויסגעהוסט און, נישט קוקנדיק אויף זײַן קעגנער, נאָר אויסקלײַבנדיק, ווי ער פּלעגט שטענדיק טאָן באַם האַלטן זײַנע רעדעס, די ערשטע פּערזאָן, וואָס איז געזעסן קעגן אים — אַ קליינינקן, סאַלידן אַלטיטשקן, וואָס האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין שום מיינונג אין דער קאָמיסיע, האָט ער אָנגעהויבן פֿאָרצוטראָגן זײַנע באַהויפּטונגען. ווען דער ענין איז דערגאַנגען צום גרינטלעכן און אָרגאַנישן געזעץ, איז דער קעגנער אויפֿגעשפּרונגען און אָנגעהויבן דערווידערן. סטרעמאָוו, אויך אַ מיטגליד פֿון דער קאָמיסיע און אויך טיף געטראָפֿן, האָט זיך אָנגעהויבן צו פֿאַרענטפֿערן, און בכלל איז פֿאָרגעקומען אַ שטורעמישע זיצונג; אָבער אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט טריומפֿירט, און זײַן פֿאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן: עס זענען באַשטימט געוואָרן דרײַ נײַע קאָמיסיעס, און צומאָרגנס האָט מען אין דעם באַוווּסטן פּעטערבורגער קרײַז געהאַלטן אין איין רעדן נאָר וועגן דער דאָזיקער סעסיע. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס דערפֿאָלג איז געווען אַפֿילו גרעסער, ווי ער האָט זיך געריכט.

צומאָרגנס, דינסטיק, ווען אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אויפֿגעוואַכט, האָט ער מיט פֿאַרגעניגן זיך דערמאָנט אָן דעם נעכטיקן נצחון. ער האָט נישט געקאָנט נישט קיין שמייכל טאָן, הגם ער האָט געוואָלט אויסזען גלײַכגילטיק, ווען דער פּירער פֿון דער קאַנצעלאַריע, וועלנדיק אים חנפֿענען, האָט אים מיטגעטיילט וועגן די קלאַנגען, וואָס זענען צו אים דערגאַנגען וועגן דעם, וואָס ס'איז פֿאָרגעקומען אין דער קאָמיסיע.

פֿאַרנעמענדיק זיך מיטן פּירער פֿון דער קאַנצעלאַריע, האָט אַלעק-

סיי אַלעקסאַנדראָוויטש גאָר פאַרגעסן, אַז היינט איז דינסטיק — דער שאָג, וואָס איז דורך אים באַשטימט געוואָרן פאַר אַננאַ אַרקאַדיעוונאַס קומען, און ער איז געווען פאַרוואונדערט און אַנגענעם איבערראַשט, ווען אַ מענטש איז אים געקומען מעלדן וועגן איר קומען.

אַננאַ איז געקומען קיין פעטערבורג באַגינען; נאָך איר איז אַרויסגעשיקט געוואָרן די קאַרעטע לויט איר טעלעגראַמע, און דעריבער האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געקאָנט חיסן וועגן איר קומען. אָבער ווען זי איז געקומען, האָט ער זי נישט באַגעגנט. איר האָט מען געזאָגט, אַז ער איז נאָך נישט אַרויסגעגאַנגען און איז פאַרנומען מיטן פירער פון דער קאַנצעלאַריע. זי האָט געהייסן זאָגן דעם מאַן, אַז זי איז געקומען, איז אַריינגעגאַנגען אין איר קאַבינעט און זיך פאַרנומען מיטן אויספּאַקן אירע זאַכן, ריכטנדיק זיך, אַז ער וועט אַריינקומען צו איר. אָבער עס איז אַריבער אַ שעה, און ער איז נישט אַריינגעקומען צו איר. זי איז אַרויסגעגאַנגען אין עסצימער אַריין מיטן אויסרייד צו פאַראָרדענען עפּעס און האָט בכיוון הויך גערעדט, ריכטנדיק זיך, אַז ער וועט אַריינקומען אַהער; אָבער ער איז נישט אַרויסגעקומען, הגם זי האָט געהערט, אַז ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר פונם קאַבינעט, באַגלייטנדיק דעם פירער פון דער קאַנצעלאַריע. זי האָט געוווּסט, אַז ער וועט ווי געוויינלעך באַלד אַוועקפאָרן דינסטלעך, און איר האָט זיך געוואָלט אים פריער זען, כדי זייערע באַציונגען זאָלן זיין באַשטימט.

זי איז זיך דורכגעגאַנגען איבערן זאַל און מיט אַנטשלאָסנקייט אַריינגעגאַנגען צו אים. ווען זי איז אַריינגעקומען אין זיין קאַבינעט, איז ער אין וויצע-מונדיר, משמעות גרייט צום אַוועקפאָר, געזעסן באַם קליינעם טיש, אויף וועלכן ער האָט אָנגעשפּאַרט די עלנבויגנס און מרה-שחורהדיק געקוקט פאַר זיך. זי האָט פריער דערזען אים, ווי ער זי, און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער טראַכט וועגן איר.

דערזעען זי, האָט ער געוואָלט אויפשטיין, אָבער זיך מישב געווען, דערנאָך איז זיין פנים רויט געוואָרן, וואָס אַננאַ פלעגט פריער קיינמאָל נישט זען, און ער איז שנעל אויפגעשטאַנען און איר אַקעגנגעגאַנגען, קוקנדיק איר נישט אין די אויגן אַריין, נאָר העכער, אויף איר שטערן און דער פריזור. ער איז צוגעגאַנגען צו איר, זי אָנגענומען באַ דער האַנט און געבעטן זי זיצן.

— עס פרייט מיך זייער, וואָס איר זענט געקומען, — האָט ער געזאָגט, זעצנדיק זיך לעבן איר, און, משמעות, וועלנדיק עפּעס זאָגן,

האָט ער זיך פאַרהאַקט. עטלעכע מאָל האָט ער געוואָלט אָנהייבן רעדן, אָבער זיך אָפּגעשטעלט. נישט געקוקט דעריף, וואָס, ווען זי האָט זיך געגרייט צו דערדאָזיקער רעגע, האָט זי זיך געלערנט צו פאַראַכטן און באַשולדיקן אים, האָט זי נישט געוווּסט, וואָס צו זאָגן אים. און זי האָט רחמנות געהאַט אויף אים. און אַזוי האָט דאָס שווייגן געדויערט גאַנץ לאַנג. — סעריאָזשאַ איז געזונט? — האָט ער געזאָגט און, נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט ער צוגעגעבן: — איך וועל היינט נישט עסן קיין מיטאָג אינדערהיים און דאַרף באַלד פאָרן.

— איך האָב געוואָלט אַוועקפאָרן קיין מאָסקווע, — האָט זי געזאָגט.

— ניין, איר האָט זייער, זייער גוט געטון, וואָס איר זענט געקומען, — האָט ער געזאָגט און איז ווידער שטיל געבליבן.

זעענדיק, אַז ער איז נישט בכוח אַליין אָנצוהייבן רעדן, האָט זי אַליין אָנגעהויבן.

— אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, — האָט זי געזאָגט, אַ בליק טוענדיק אויף אים און נישט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן אונטער זיין אָנגעשטרענגטן בליק אויף איר פריזור — איך בין אַ פאַרברעכערישע פרוי, איך בין אַ פאַרדאָרבענע פרוי, נאָר איך בין דאָס אייגענע, וואָס איך בין געווען. וואָס איך האָב אייך דעמאָלט געזאָגט, און בין געקומען אייך זאָגן, אַז איך קאָן גאָרנישט ענדערן.

— איך פרעג אייך נישט וועגן דעם, — האָט ער געזאָגט, פּלוצלינג אַנטשלאָסן און מיט שנאה קוקנדיק איר גלייך אין די אויגן אַריין, — איך האָב מיר אַזוי טאַקע פאָרגעשטעלט. — אונטער דער ווירקונג פונעם כעס האָט ער, אַפּנים, ווידער פולקאָם באַהערשט אַלע זיינע פעיקייטן. — אָבער, ווי איך האָב אייך דעמאָלט געזאָגט און געשריבן, — האָט ער געזאָגט מיט אַ שאַרף, דין קול. — חזר איך איצטער איבער, אַז איך בין נישט מחויב דאָס צו וויסן. איך איגנאָריר דאָס. נישט אַלע פרויען זענען אַזוי גוט, ווי איר, זיך אַזוי צו איילן מיטצוטיילן אַזאַ אָנגענעמע ידיעה די מענער. — ער האָט באַזונדערס אַקצענטירט דאָס וואָרט „אָנגענעמע". — איך איגנאָריר אַזוי לאַנג, כּל זמן די וועלט ווייסט דאָס נישט, כּל זמן מיין נאָמען איז נישט צו שאַנד געמאַכט. און דעריבער בין איך אייך בלויז מתרה, אַז אונזערע באַציִונגען דאַרפן זיין אַזעלכע, ווי זיי זענען שטענדיק געווען. און אַז בלויז אין דעם פאַל, ווען

איר וועט זיך קאָמפּראָמיטירן, ווײַל איך בעגייט זיין אָנצונעמען מיטלען, צו באַשיצן מיין ערע.

--- אָבער אונזערע באַציונגען קאָנען נישט זיין אַזעלכע, ווי שטענדיק — האָט אַננאַ מיט אַ נישט דרייסט קול אַ זאָג געטון, מיט שרעק קיקנדיק אויף אים.

ווען זי האָט ווידער דערזעען דידאָזיקע רויקע זשעסטן, דערהערט דאָסדאָזיקע קוויטשעדיקע, קינדערישע און איראָנישע קול, האָט די פאַראַכטונג צו אים פאַרניכטעט אין איר דאָס פריערדיקע רחמנות, און זי האָט בלויז מורא געהאַט, אָבער פאַר יעדן פּרייז געוואָלט זיך קלאָר מאַכן איר לאַגע.

— איך קאָן נישט זיין אייער פרוי, ווען איך... — האָט זי שוין אָנגעהויבן.

ער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ ביין און קאַלט געלעכטער.

— אפנים, דאָס מין לעבן, וואָס איר האָט אויסגעקליבן, האָט זיך אָפּגעשלאָגן אויף אייערע באַגריפן. איך שעץ אָדער פאַראַכט אויף אַזוי פיל אי דאָס אי דאָס צווייטע... איך שעץ אייער פאַרגאַנגענהייט און פאַראַכט די קעגנוואַרט... אַז איך בין ווייט פון דער אינטערפּרעטאַציע, וועלכע איר האָט געגעבן מיינע ווערטער.

אַננאַ האָט אָפּגעזיפצט און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— איבעריקנס, פאַרשטיי איך נישט, ווי אַזוי איר, וואָס פאַרמאָגט אַזוי פיל אומאָפּהענגיקייט, — האָט ער מיט כעס פאַרגעזעצט, — צו קאָנען אָפן דערקלערן דעם מאַן וועגן אייער אומטרייקייט און נישט געפינען אין דעם, ווי ס'ווייזט אויס, קיין שום שענדלעכס, — קאָנט האַלטן פאַר שענדלעך אויסצופירן אין דער באַציונג צום מאַן די פליכטן פון אַ פרוי?

— אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש! וואָס פאַרלאַנגט איר פון מיר?

— איך פאַרלאַנג, אַז איך זאָל נישט טרעפן דאָ דעמדאָזיקן מענטש און אַז איר זאָלט אייך פירן אַזוי, אַז נישט די הויכע געזעלשאַפט נישט די דינער שאַפט זאָלן נישט קאָנען באַשולדיקן אייך... אַז איר זאָלט אים נישט זעען. דאַכט זיך, דאָס איז נישט קיין סך. און דערפאַר וועט איר געניסן פון די רעכט פון אַן ערלעכער פרוי, נישט דערפילנדיק אירע פליכטן. דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב אייך צו זאָגן. אַצינד איז פאַר מיר צייט צו פאָרן. איך עס נישט קיין מיטאָג

אינדערהיים. — ער איז אויפגעשטאַנען און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר.

אַננאַ איז אויך אויפגעשטאַנען. ער האָט שווייגנדיק זיך פאַרנייגט און זי דורכגעלאָזט.

XXIV.

די נאַכט, וואָס לעווין האָט פאַרבראַכט אויפן כּטויג, איז נישט אַריבער פאַר אים אומזיסט: דאָס באַלעבאַטישקייט, וואָס ער האָט געפירט, איז אים נמאס געוואָרן און האָט פאַרלוירן פאַר אים יעדן אינטערעס. נישט געקוקט אויף דעם אויסגעצייכנטן גערעטעניש, איז קיינמאָל נישט געווען אָדער, על כּל פּנים, האָט זיך אים קיינמאָל נישט געדאַכט, אַז עס זאָל זיין אַזוי פיל דורכפאַלן און אַזוי פיל פיינדלעכע באַציונגען צווישן אים און די פויערן, ווי אין היינטיקן יאָר, און די סיבה פון די דורכפאַלן און דער פיינדלעכקייט איז אים אַצינד געווען אינגאַנצן פאַרשטענדלעך. דער תּענוג, וועלכן ער האָט געפילט אין דער אַרבעט גופא, די דערנענטערונג מיט די פויערן, וואָס האָט זיך געשאַפן מחמת דעם. די קנאה, וועלכע ער האָט געשפּירט צו זיי, צו זייער לעבן, דער חשק איבערצוגיין אויף דעם לעבן, וואָס איז פאַר אים אין דער נאַכט שוין נישט געווען קיין טרוים, נאָר אַ כּוונה, וואָס ער האָט שוין אַרומגעטראַכט די פּרטים פון איר פאַרווירקלעכונג, — דאָס אַלץ האָט אַזוי געענדערט זיין בליק אויף זיין איינגעפירטער באַלעבאַטישקייט, אַז ער האָט שוין בשום אופן נישט געקאָנט געפינען דערין דעם פריערדיקן אינטערעס און נישט געקאָנט נישט זעען די נישט אָנגענעמע באַציונג צו די אַרבעטער, וועלכע איז געווען דער יסוד פון דער גאַנצער זאַך. די סטאַדעס פיינע קי, אַזעלכע, ווי פּאַווא, די גאַנצע אויסגעבעסערטע. מיט אַקערס צעאַקערטע ערד, ניין גלייכע פעלדער, אַרומגעצוימטע מיט לאָזינע, ניינציק דיעסאַטין טיף פאַראַקערטע באַמיסטיקונג, די ריי־ענדיקע זיי־מכשירים א. א. וו. — דאָס אַלץ איז געווען אויסגעצייכנט, ווען דאָס וואָלט געטון געוואָרן בלויז דורך אים אַליין אָדער דורך אים מיט חברים, מענטשן פון איין דעה מיט אים. אָבער ער האָט אַצינד דייטלעך געזעען (זיין אַרבעט איבערן בוך וועגן לאַנדווירטשאַפט, אין וועלכן דער הויפּט-

עלעמענט פון דער אַרבעט האָט געדאַרפט זיין דער אַרבעטער, האָט אים אַ סך צוגעהאָלפן אין דעם), ער האָט אַצינד דייטלעך געזעען, אַז דאָס באַלעבאַטישקייט, וועלכעס ער פירט, איז בלויז אַ האַרטער און עקשנות־דיקער קאַמף צווישן אים און די אַרבעטער, אין וועלכן אויף איין זייט, אויף זיין זייט, איז פאַראַן אַ כסדרדיקע אָנגעשטרענגטע שטרעבונג איבערצומאַכן אַלץ אויף אַ בעסערן אופן, אויף דער צווייטער זייט אָבער — דער נאַטירלעכער גאַנג פון די זאַכן. און אין דעם קאַמף האָט ער געזעען, אַז בײַ דער גרעסטער כוחות־אָנשטרענגונג פון זיין זייט און אָן דער מינדסטער אָנשטרענגונג און אפילו כוונה פון דער צווייטער — איז דערגרייכט געוואָרן בלויז דאָס, אַז דאָס באַלעבאַטישקייט האָט זיך געפירט נישט אַהין, נישט אַהער און עס זענען אומזיסט קאַליע געוואָרן די אויסגעצייכנטע אַרבעטס מכשירים, אויסגעצייכנטע בהמות און די ערד. דער עיקר אָבער — נישט בלויז ס'איז גאָר בחינם פאַרלוירן געגאַנגען די ענערגיע, וואָס איז פאַרווענדט געוואָרן אויף דער זאַך, נאָר אַצינד, ווען דער זינען פון זיין באַלעבאַטישקייט איז אים קלאָר געוואָרן, האָט ער נישט געקאָנט נישט פילן, אַז דער ציל פון זיין ענערגיע איז דער סאַמע אומווירדיקסטער. אייגנטלעך, אין וואָס איז באַשטאַנען דער קאַמף? ער האָט אָפּגעהיטן זיין יעדן גראָשן (און נישט געקאָנט נישט אָפּהיטן, ווייל ס'איז גענוג געווען ער זאָל אָפּשוואַכן זיין ענערגיע, און עס וואָלט אים נישט געקלעקט קיין געלט אויסצוצאָלן די אַרבעטער), און זיי זיינען געגאַנגען בלויז אין דעם, אַז זיי זאָלן אַרבעטן רויק און אָנגענעם, דאָס הייסט אַזוי, ווי זיי זענען געוווינט געוואָרן. אין זיין אינטערעס איז געווען, אַז איטלעכער אַרבעטער זאָל אַרבעטן וואָס מער, דערביי זאָל ער זיך נישט פאַרגעסן, זיך פלייסן נישט צו צעברעכן די פליעווע־מאַשינען, די בראָנע, די דרעש־מאַשינען; ער זאָל באַקלערן דאָס, וואָס ער טוט; דעם אַרבעטער אָבער האָט זיך געגלוסט צו אַרבעטן וואָס אָנגענעמער, מיט רו־הפסקות, און דער עיקר — אָן זאָרג און פאַרגעסנדיק זיך, נישט טראַכטנדיק. אין היינטיקן זומער האָט דאָס לעווין געזעען אויף יעדן טריט. ער האָט געשיקט אָפּקאָסען די קאָנטשינע אויף היי, נאָכדעם ווי מען וועט אויסקלויבן די געמייטע דיעסאַטינעס, פאַרוואַקסענע מיט גראָז און פיאָלון, אומטויגלעכע אויף זריעה, — האָט מען אים אָפּגעקאָשעט כסדר די בעסטע זריעה־דיעסאַטינעס, מיטן תירוץ, אַז דער פאַרוואַלטער האָט אַזוי געהייסן, און טרייסטנדיק אים, אַז דאָס היי וועט זיין אויסגעצייכנט; אָבער ער האָט

געוווּסט, אַז דאָס האָט געשטאַמט דערפון, וואָס דידאַזיקע דיעסאַטינעס איז געווען לייכטער צו קאָשען. ער האָט געשיקט אַ היי־מאַשינדל צו צע־טרייסלען דאָס היי, האָט מען עס צעבראָכן באַ די ערשטע רייען, ווייל דעם פויער איז לאַנגווייליק געווען צו זיצן אויף דער קעלניע אונטער די פאָכעדיקע פליגל איבער אים. און אים האָט מען געזאָגט: „באַוויליקט נישט זיך צו באַומרויקן, די פויערטעס וועלן שנעל אויסטרייסלען". די אַקעראייזנס האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט טויגלעך, ווייל דעם אַרבע־טער איז נישט איינגעפאַלן אַראָפּצולאָזן דעם אויפגעהויבענעם שנייד־צאָן, און, איבערדרייענדיק מיט כּוח, האָט ער געמאַטערט די פערד און קאַליע געמאַכט די ערד; און לעווינען האָט מען געבעטן צו זיין רויק. די פערד האָט מען אַריינגעלאָזט אין ווייץ, ווייל קיין אַרבעטער האָט נישט געוואָלט זיין נאַכט־וועכטער. און, נישט געקוקט אויפן באַפעל דאָס נישט צו טון, האָבן די אַרבעטער זיך געביטן מיטן היטן בּאַנאַכט. און וואַנקאַ, וואָס האָט אָפּגעאַרבעט דעם גאַנצן טאָג, איז אַנטשלאָפן געוואָרן און זיך מודה געווען אין זיין זינד, זאָגנדיק: „טוט, ווי אייער ווילן איז". די דריי בעסטע קעלבער האָט מען איבערגעפרעסן, ווייל מען האָט זיי צו אַ טרונק אַרויסגעלאָזט אויף דער שפּעטער קאָנטשינע, און זיי האָבן בשום אופן נישט געוואָלט גלייבן, אַז זיי זענען צעשפּאַרט געוואָרן פון דער קאָנטשי־נע. נאָר מען האָט דערציילט אַלס טרייסט, ווי אַזוי באַם שכן זענען הונדערט און צוועלף שטיק אין דריי טעג געפאַלן. דאָס אַלץ איז געטון געוואָרן נישט דערפאַר, וואָס עמעצער האָט געוווּנטשן שלעכטס לעווינען אָדער זיין באַלעבאַטישקייט, — פאַרקערט, ער האָט געוווּסט, אַז מען האָט אים ליב, אַז מען האַלט אים פאַר אַ פּראָסטן פּריץ (וואָס ס'איז די העכ־סטע לויב). נאָר געטון געוואָרן איז דאָס בלויז דערפאַר, וואָס עס האָט זיך געגלוסט פריילעך און זאָרגלאָז צו אַרבעטן און זיינע אינטערעסן זענען זיי געווען נישט בלויז פרעמד און אומפאַרשטענדלעך, נאָר פאַטאַל קעגנזעצלעך צו זייערע סאַמע גערעכטיקסטע אינטערעסן. לעווין האָט שוין לאַנג געפילט אַן אומצופרידנקייט פון זיין באַציונג צו דעם באַלעבאַטיש־קייט. ער האָט געזען, אַז זיין שיפל רינט, אָבער ער האָט נישט געפונען און נישט געזוכט דאָס אָרט, וואָס רינט. אפשר בכּיוון זיך אָפּנאַרנדיק. (אים וואָלט גאָרנישט געבליבן, ווען ער וואָלט זיך אַנטוישט דערין.) אָבער אַצינד האָט ער שוין מער נישט געקאָנט זיך אָפּנאַרן. דאָס באַלעבאַטיש־קייט, וואָס ער האָט געפירט, איז אים געוואָרן נישט בלויז נישט אינ־

טערמאָסאַנט, נאָר עקלהאַפט, און ער האָט מער נישט געקאָנט זיך פאַרגעסן דערמיט.

צו דעם האָט זיך נאָך פאַרייניקט די אָנוועזנהייט אויף דרייסיק ווערסט פון אים פון קיטי שטשערבאַצקאַיאַ, וועלכע ער האָט געוואָלט און נישט געקאָנט זעען. דאַריאַ אַלעקסאַנדראָווגאַ אָבלאָנסקאַיאַ האָט אים איינגעלאַדן צו קומען, ווען ער איז געווען בײַ איר: צו קומען, כּדי צו באַנײַען דעם פאָרשלאַג איר שוועסטער, וועלכע, ווי זי האָט געגעבן אָנצוהערן, וועט אים אַצינד אָננעמען. לעווין אַליין, דערזעענדיק קיטי שטשערבאַצקאַיאַ, האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט זי נישט אויפגעהערט ליב צו האָבן; אָבער ער האָט נישט געקאָנט פאָרן צו די אָבלאָנסקיס, וויסנדיק, אַז זי געפינט זיך דאָרט. דאָס, וואָס ער האָט איר געמאַכט אַ פאָרשלאַג און זי האָט אים אָפּגעזאָגט, האָט געשאַפן צווישן זיי אַ נישט דורכדרינגלעכע מחיצה. „איך קאָן זי נישט בעטן צו זײַן מײַן פרוי בלויז דערפאַר, וואָס זי קאָן נישט זײַן די פרוי פון דעם, וועמען זי האָט געוואָלט, — האָט ער זיך אַליין געזאָגט. דער געדאַנק וועגן דעם האָט אים געמאַכט קאַלט און פײַנדלעך צו איר. — איך וועל נישט בכח זײַן צו רעדן מיט איר אָן אַ געפיל פון פאָרוואורף. צו קוקן אויף איר אָן פאַרדראָס, און זי וועט מיך בלויז נאָך מער פײַנט קריגן, ווי ס'דאַרף אייגנטלעך צו זײַן, און, חוצדעם, ווי אַזוי קאָן איך אַצינד, נאָכדעם וואָס דאַריאַ אַלעקסאַנדראָווגאַ האָט מיר געזאָגט, פאָרן צו זיי? צי קאָן איך דען נישט אַרויסווײַזן, אַז איך ווייס, וואָס זי האָט מיר געזאָגט? און איך וועל קומען צו פאָרן מיט גרויסמוטיקייט — מוחל זײַן, באַגנעדיקן זי. איך געפין מיך לגבי איר אין דער ראָלע פון אַזעלכן, וואָס איז מוחל און באַערט זי מיט זײַן ליבע!.. נאָכוואָס האָט מיר דאַריאַ אַלעקסאַנדראָווגאַ דאָס געזאָגט? איך וואָלט זי צופעליק געקאָנט זעען, דעמאָלט וואָלט אַלץ זיך געטון פון זיך אַליין, אָבער אַצינד איז דאָס אוממעגלעך, אוממעגלעך!“

דאַריאַ אַלעקסאַנדראָווגאַ האָט אים געשיקט אַ צעטעלע, בעטנדיק בײַ אים אַ דאַמען-זאָטל פאַר קיטין. „מיר האָט מען געזאָגט, אַז בײַ אײַך געפינט זיך אַ זאָטל, — האָט זי אים געשריבן. — איך האָף, אַז איר וועט עס ברענגען צו פירן אַליין“.

דאָס האָט ער שוין נישט געקאָנט אַריבערטראָגן. ווי אַזוי האָט די קלוגע, סובטעלע פרוי געקאָנט אַזוי דערנידעריקן די שוועסטער! ער האָט אָנגעשריבן צען צעטעלעך און אַלע צעריסן און געשיקט דאָס זאָטל

אָן שום ענטפער. שרייבן, אַז ער וועט קומען, קאָן מען נישט, ווייל ער קאָן נישט קומען; שרייבן, אַז ער קאָן נישט קומען, ווייל עס שטערט עפּעס אָדער ער מאָרט אַוועק, דאָס איז נאָך ערגער. ער האָט געשיקט דאָס זאָטל צָן אָן ענטפער און מיט דער אָנערקענונג, אַז ער האָט געטון עפּעס שענדלעכס, האָט ער גלייך צומאָרגנס איבערגעגעבן דאָס דערטענע באַלעבאַטישקייט דעם פּצרוואַלטער און אַוועקגעפאָרן אין אַ ווייטן קרייז צו זיין פריינט סוויאַזשסקי, לעבן וועלכן עס זענען געווען אויסגעצייכנטע זומפּן מיט בעקאַסן און וועלכער האָט אים נישט לאַנג געשריבן, בעטנדיק צו פאַרווירקלעכן זיין לאַנגסטיקן באַשלוס אַ ביסל צו פאַרברענגען בא אים. די בעקאַסן-זומפּן אין סוראַווסקער קרייז האָבן שוין לאַנג געלאָקט לעווינען, נאָר ער האָט צוליב די עסקים פון דער באַלעבאַטישקייט אַלץ אָפּגעלייגט דידאָזיקע נסיעה. אַצינד אָבער איז ער צופרידן געווען אויך אַוועקצופאָרן פון דער שכנותשאַפט פון די שטשערבאַצקיס און דער עיקר פון דעם באַלעבאַטישקייט. טאַקע אויף יאַגד, וועלכע האָט אים אין אַלע צרות געדינט אַלס די בעסטע טרייסט.

XXV.

אין סוראַווסקער קרייז איז נישט געווען נישט קיין באַן, נישט קיין פאָסט-וועג, און לעווין איז געפאָרן מיט אייגענע פערד אין אַ קאַטש.

אין מיטן וועג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פאַשען בא אַ רייכן פויער. אַ פליטיקער, פרישער אַלטער, מיט אַ ברייטער געלער באָרד, אַ גרויער בא די באַק, האָט געעפנט דאָס טויער, צודריקנדיק זיך צום סלופּ, כדי דורכצולאָזן די טראָיקע. אָנגעוויזן דעם קוטשער אַן אָרט אונטער דער שאָפּע אויפן גרויסן, ריינעם און צוגערוימטן נייעם הויף מיט די אָפּגעברענטע בראָגעס, האָט דער אַלטער אַריינגעבעטן לעווינען אין שטוב אַריין. אַ זויבער געקליידט יונג מיידל, אין קאַלאָשן אויף די באָרוויסע פיס האָט, איינגעבויגן, געוואַשן די פּאָדלאָגע אין נייעם פאָרהויז. זי האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם הונט, וואָס איז אַריינגעלאָפן נאָך לעווינען און אַ געשריי געטון, נאָר באַלד האָט זי זיך צעלאַכט פון איר שרעק, בעווויר ווערנדיק, אַז דער הונט טשעפּעט נישט. אַ וויַיז געטון לעווינען מיט דער פאַר-

שאָוּיצטער האָנט אויף דער טיר אין שטוב אַריין, האָט זי, אָנבייגנדיק זיך, ווידער באַהאַלטן איר שיין פּנים און ווייטער געוואַשן.

— דעם סאַמאָוואַר אפשר? — האָט זי געפרעגט.

— יאָ, ביטע.

די שטוב איז געווען אַ גרויסע מיט אַ האָלענדישן אויוון און מיט אַ פאַרצוימונג. אונטער די בילדער איז געשטאַנען אַ שיין געפאַרבטער טיש, אַ באַנק און צוויי בענקלעך. באַם אַריינגאַנג איז געווען אַ שענקעלע מיט געפעס. די לאָדנס זענען געווען פאַרמאַכט, פליגן איז געווען ווייניק און ס'איז געווען אַזוי ריין, אַז לעווין האָט זיך געזאָרגט, אַז לאַסקאַ, וואָס איז אַריינגעלאָפן אויפן וועג און האָט זיך געבאָדן אין די קאַלוזשעס, זאָל נישט שמוציק מאַכן די פּאָדלאָגע, און האָט איר אָנגעוויזן אַן אָרט אין ווינקל, באַ דער טיר. באַקוקט די שטוב, איז לעווין אַרויסגעגאַנגען אין הינטערשטן הויף אַריין. דאָס חנעוודיקע יונגע מיידל אין די קאַלאָשן, וואָגנדיק די ליידיקע עמערס אויף די נאָסעס, איז אַראָפּגעלאָפן נאָך וואַסער צו דער ברונעם.

— ריר דיך צו! — האָט דער אַלטער אויף איר אַ געשריי געטאָן און זיך געלאָזט גיין צו לעווינען. — וואָס, הער, צו ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש סוויאַזשסקי פאָרט איר? ער פאַרפאָרט אויך טיילמאָל צו אונז. — האָט ער באַרעדעוודיק אָנגעהויבן, זיך אָנשפּאַרנדיק מיט די עלנבויגנס אויף דער ברונעם. אין מיטן דעם אַלטנס דערציילן וועגן זיין באַקאַנטשאַפט מיט סוויאַזשסקין, האָט דאָס טויער ווידער אָנגעהויבן צו סקריפּען, און אויפן הויף זענען אַריינגעפאָרן די אַרבעטער פון פעלד מיט די אַקער-אייזנס און בראָנעס. די פערד, איינגעשפּאַנטע אין די אַקעראייזנס און בראָנעס, זענען געווען זאַטע און היפּשע. די אַרבעטער זענען, אפנים, געווען אייגענע: צוויי זענען געווען יונגע, אין ציצענע העמדער און קאַשקעטן, די אַנדערע צוויי זענען געווען געדונגענע, אין העמדער פון גראָבער לייוונט, איינער אַן אַלטער, דער צווייטער אַ יונגער בחור.

אַוועקגייענדיק פון גאַנעק, איז דער אַלטער צוגעגאַנגען צו די פערד און גענומען זיי אויסשפּאַנען.

— וואָס האָבן זיי געאַקערט? — האָט לעווין געפרעגט.

די קאַרטאָפליעס האָבן זיי איבערגעאַקערט. מיר האַלטן אויך ערד. דו, פעדאָט, דעם מערין לאָז נישט אָפּ, נאָר צו דער ברונעם פיר אים צו, מיר וועלן אַן אַנדערס איינשפּאַנען.

— וואָס, טאַטע, די אַקעראייזנס האָב איך געהייסן נעמען, ער האָט

געבּרענגט, וואָס? — האָט געפרעגט דער הויכוואָקסיקער, פעסטער בחור, משמעות, דעם אַלטנס זון.

— אָ... אין עליסן, — האָט דער אַלטער געענטפערט, צונויפּדרייענדיק אין אַ בייגל די אָראָפּגענומענע לייצן און אַ וואָרף טוענדיק זיי אויף דער ערד. — גרייט צו; ביז זיין וועלן אָפּעסן מיטאָג.

דאָס חנעוודיקע מיידל מיט פולע עמערס, וואָס האָבן אַראָפּגעשווערט אירע אַקסלען, איז דורכגעגאַנגען אין הויז אַריין. עס האָבן זיך באַוויזן פון ערגעץ־ווו נאָך פויערטעס — יונגע, שיינע, מיטליעריקע און אַלטע נישט שיינע, מיט קינדער און אָן קינדער.

דער סאַמאָוואַר האָט אָנגעהויבן צו הודזשען אין קוימען; די אַרבּעטער און די אייגענע האָבן זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט די פערד און זענען געגאַנגען עסן מיטאָג. לעווין האָט אַרויסגענומען פון דער קאָטש זיין פּראָוויאַנט און איינגעלאַדן דעם אַלטן צו טרינקען טיי מיט אים.

— אָבער וואָס, שוין געטרונקען היינט, — האָט דער אַלטער געזאָגט, משמעות, מיט פאַרגעניגן אָננעמענדיק דעמדאָזיקן פאָרשלאָג. — מילא, צוליב קאָמפּאַניע.

בּאַ דער טיר איז לעווין געוווּר געוואָרן די גאַנצע געשיכטע פון דעם אַלטנס באַלעבאַטישקייט. דער אַלטער האָט גענומען אין אַרענדע מיט צען יאָר צוריק בּאַ דער גוטבאַזיצערין הונדערט און צוואַנציק דיעסאַטין, און פאַראַיאָרן האָט ער זיי געקויפט און גענומען אין אַרענדע נאָך דריי הונדערט בּאַם שכנותדיקן גוטבאַזיצער. אַ קלענערן טייל ערד, די ערגסטע, האָט ער פאַרדונגען, און אַ פערציק דיעסאַטין האָט ער פאַראַקערט אַליין מיט זיין פאַמיליע און צוויי געדונגענע אַרבּעטער. דער אַלטער האָט זיך געקלאָגט, אַז דאָס געשעפט איז געגאַנגען שלעכט. אָבער לעווין האָט פאַרשטאַנען, אַז ער קלאָגט זיך בלויז לפנים און אַז זיין באַלעבאַטישקייט איז גלענצנד. ווען עס וואָלט געווען שלעכט, וואָלט ער נישט געקויפט צו הונדערט פינף רובל ערד, וואָלט נישט חתונה געמאַכט דריי זין און אַ פלימיעניק, וואָלט זיך נישט אויפגעבויט צוויי מאָל נאָך די שרפות, און אַלץ בעסער און כּסדר. נישט געקוקט אויפן קלאָגן זיך פון אַלטן, איז קענטיק געווען, אַז ער איז אמת שטאָלץ מיט זיין ווירטשאַנד, שטאָלץ מיט זיינע זין, מיטן פלימיעניק, מיט די שנירן, מיט די בהמות און באַזונדערס מיט דעם, וואָס דאָסדאָזיקע גאַנצע באַלעבאַטישקייט האַלט זיך. פון דעם שמועס מיטן אַלטן איז לעווין געוווּר געוואָרן, אַז ער איז אויך נישט קעגן די נייע איינפירונגען. ער האָט געזייעט אַ סך קאַרטאָפליעס,

און זיינע קאַרטאָפּליעס, וועלכע לעווין האָט געזעען צופאַרנדיק, האָבן שוין אָפּגעבליט און זיך פאַרפונדן, בעת בא לעווינען האָבן זיי ערשט אָנגעהויבן צו בליען. ער האָט געאַקערט אונטער די קאַרטאָפּליעס מיט אַן אַקעראַייזן, וואָס ער האָט געגומען באַם גוטסבאַזיצער. ער האָט געזייט ווייץ. דער קליינער פּרט וועגן דעם, אַז אויספּיעלענדיק דעם קאָרן, האָט דער אַלטער מיט אויסגעפּיעלעטן קאָרן געפּאַשעט די פערד, האָט באַזונ-דערס איבערראַשט לעווינען. וויפיל מאָל לעווין האָט געזעען די דאָזיקע אויסגעצייכנטע פּאַשע, וואָס גייט פאַרלוירן, האָט ער זי געוואָלט צונויפ-נעמען, אָבער שטענדיק האָט זיך דאָס אַרויסגעוויזן פאַר אוממעגלעך. באַם פויער אָבער איז דאָס געטון געוואָרן, און ער האָט זיך נישט גע-קאָנט אָנלויבן פון דערדאָזיקער פּאַשע.

— וואָס-זשע האָבן די פויערטעס צו טון? זיי טראָגן אַרויס די קופּקעלעך אויפן וועג, און די פור פאָרט צו.

— אָט בא אונז, גוטסבאַזיצערס, גייט אַלץ שלעכט מיט די אַר-בעטער, — האָט לעווין געזאָגט, דערלאַנגענדיק אים אַ גלאָז טיי.

— אַ דאַנק, — האָט דער אַלטער געענטפערט, גענומען דאָס גלאָז, אָבער זיך אָפּגעזאָגט פון צוקער, אָנווייזנדיק אויפן געבליבענעם, דורך אים אָפּגעביסענעם שטיקל צוקער. — ווי אַזוי קאָן מען מיט אַרבעטער פירן אַ געשעפט? — האָט ער געזאָגט. — אַ ריינער חורבן. אָט נעמט כאָטש סוויאַזשסקאָוון. מיר ווייסן, וואָסער ערד ער האָט — מאָן, און ער רימט זיך אויך נישט זייער מיטן גערעטעניש. אַלץ איבער דעם נישט צוטונג געבן!

— אָט באַלעבאַטעוועסטו דאָך אויך מיט אַרבעטער?

— אונזער באַלעבאַטישקייט איז אַ פויערישע, מיר טוען אַלץ אַליין. שלעכט — גיי דיר געזונטערהייט; מיר וועלן זיך אַליין אַן עצה געבן.

— טאַטע, פינאָגען האָט געהייסן נעמען דעם דושעגיטש, — האָט געזאָגט די אַריינגעקומענע פויערטע אין די קאַלאָשן.

— אַזוי, אַזוי, הער! — האָט דער אַלטער געזאָגט אויפשטייענ-דיק, זיך לאַנג געצלמט, געדאַנקט לעווינען און אַרויסגעגאַנגען.

ווען לעווין איז אַריינגעגאַנגען אין דער הינטערשטער שטוב, כדי אַרויסצורופן זיין קוטשער, האָט ער דערזעען די גאַנצע פאַמיליע מענער באַם טיש, די פויערטעס האָבן זיי באַדינט שטייענדיק. דער יונגער, פעס-טער זון, מיט אַ פול מויל קאַשע, האָט דערציילט עפּעס קאָמיש, און אַלע

האָבן געלאַכט. און באַזונדערס פריילעך האָט געלאַכט די פויערטע אין די קאַלאָשן, צוגיסנדיק באַרשט אין דער קאַשע אַריין.

עס קאָן זייער זיין, אַז דאָס חנעוודיקע פנים פון דער פויערטע אין די קאַלאָשן האָט אַ סך מיטגעווירקט צו דעם איינדרוק פון ווילשטאַנד, וואָס עס האָט געמאַכט אויף לעווינען דאָסדאָזיקע פויערישע הויז, נאָר דערדאָזיקער איינדרוק איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז לעווין האָט זיך קיינמאָל נישט געקאָנט באַפרייען פון אים. און דעם גאַנצן וועג פון דעם אַלטן ביז סוויאַזשסקין האָט ער געהאַלטן אין איין דערמאָנען זיך וועגן דעמדאָזיקן באַלעבאַטישקייט, ווי עפּעס-וואָס אין דעמדאָזיקן איינדרוק וואָלט געפאָדערט זיין באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט.

XXVI.

סוויאַזשסקי איז געווען דער אָנפירער אין זיין קרייז. ער איז געווען עלטער פאַר לעווינען מיט פינף יאָר און שוין לאַנג פאַרהייראַט. אין זיין הויז האָט זיך אויפגעהאַלטן זיינס אַ יונגע שוועגערין, אַ מיידל, וואָס איז זייער סימפּאַטיש געווען לעווינען. און לעווין האָט געוווסט, אַז סוויאַזשסקי און זיין ווייב האָבן זייער געוואָלט אויסגעבן פאַר אים דאָסדאָזיקע מיידל. ער האָט דאָס געוווסט אָן ספק, ווי עס ווייסן עס שטענדיק יונגעלייט, אַזוי גערופענע חתנים, הגם ער וואָלט זיך דאָס קיינמאָל קיינעם נישט אַנטשלאָסן צו זאָגן, און ער האָט געוווסט אויך דאָס, אַז, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט געוואָלט חתונה האָבן, נישט געקוקט דערויף, וואָס לויט אַלע אויסזיכטן, האָט דאָסדאָזיקע גאַנץ סימפּאַטישע מיידל געדאַרפט זיין אַן אויסגעצייכנטע פרוי, האָט ער פונקט אַזוי ווייניק געקאָנט מיט איר חתונה האָבן, ווען ער זאָל אפילו נישט פאַרליבט זיין אין קיטי שטשערבאַצקאַיאַ, ווי אַוועקפליען אין הימל אַריין. און דאָסדאָזיקע וויסן האָט אים פאַרסמט דאָס פאַרגעניגן, וואָס ער האָט געהאָפט צו האָבן פון דער נסיעה צו סוויאַזשסקין.

דערהאַלטן סוויאַזשסקיס בריוו מיט דער איינלאַדונג אויף יאַגד, האָט לעווין גלייך אַ טראַכט געטון וועגן דעם, אָבער, נישט געקוקט דערויף, האָט ער באַשלאָסן, אַז סוויאַזשסקיס אַזעלכע אויסזיכטן אויף אים זענען בלויז זיינס אַ נישט באַגרינדעטע באַהויפּטונג, און דעריבער וועט

ער פונדעסטוועגן פאַרן. חוצדעם, האָט ער טיף אין דער נשמה געוואָלט זיך אויספּרווון, ווידער זיך צופּאַסן צו דעמדאָזיקן מיידל. דאָס היימישע לעבן ווידער פון די סוויאַזשסקיס איז געווען אויפן העכסטן אופן אָנגענעם, און סוויאַזשסקי אַליין, דער סאַמע בעסטער טיפּ פון אַ זעמסקע טוער, וואָס לעווין האָט נאָר געקאַנט, איז געווען אומגעוויינלעך אינטערעסאַנט פאַר לעווינען.

סוויאַזשסקי איז געווען איינער פון יענע, שטענדיק וווּנדערבאַרע מענטשן פאַר לעווינען, וועמעס איבערצייגונגען, זייער קאָנסעקווענטע, הגם קיינמאָל נישט זעלבשטענדיקע, גייען זיך אויף זייער אופן, און דאָס לעבן, דאָס אומגעוויינלעך באַשטימטע און פעסטע אין זיין ריכטונג, גייט זיך אויף זיין אופן, אומאָפּהענגיק און כמעט שטענדיק אין סתירה צום דענקען. סוויאַזשסקי איז געווען אַ מענטש אַן אומגעוויינלעך ליבעראַלער. ער האָט פאַראַכטעט דעם אַדל און געהאַלטן די מערהייט אַדלליים פאַר געהיימע אָנהענגער פון לייבאייגנטום, וואָס האָבן דאָס בלויז אויס אומדרייסטקייט אָפן נישט אויסגעדריקט. ער האָט געהאַלטן רוסלאַנד פאַר אַ פאַרלוירן לאַנד, אַ שטייגער ווי טערקיי, און די רעגירונג פון רוסלאַנד פאַר אַזוי שלעכט, אַז ער האָט זיך אפילו קיינמאָל נישט דערלויבט ערנסט צו קריטיקירן אירע מעשים, און אייניצייטיק האָט ער געדינט און איז געווען אַ מוסטערהאַפטער פירער פון אַדל און אין וועג אַריין פלעגט ער שטענדיק אָנטון דאָס היטל מיט דער קאָקאַרדע און רויטער דענקע. ער האָט געהאַלטן, אַז מענטשלעך לעבן איז מעגלעך בלויז אין אויסלאַנד, וווּהין ער פלעגט באַ דער ערשטער מעגלעכקייט פאָרן, און אייניצייטיק האָט ער געפירט אין רוסלאַנד אַ זייער קאָמפּליצירטע און פאַרפולקאָמטע באַלעבאַטישקייט און מיט אומגעוויינלעכן אינטערעס נאָכגעפאָלגט אַלץ און געוווּסט אַלץ, וואָס קומט פאָר אין רוסלאַנד. ער האָט געהאַלטן דעם רוסישן פויער פאַר אַזעלכן, וואָס שטייט לויט דער אַנטוויקלונג אויף דעם איבערגאַנגס-שטאַפּל פון דער מאַלפּע צום מענטש, און אייניצייטיק האָט ער באַ די זעמסקע וואַלן גערנער פון אַלעמען געדריקט די הענט די פויערן און אויסגעהערט זייערע מיינונגען. ער איז נישט געווען קיין רעליגיעזער, אָבער געווען זייער פאַרזאָרגט פון דער פראַגע אויסצובעסערן דאָס לעבן פון די גייסטלעכע און פון דעם, וואָס די הכנסות זענען געמינערט געוואָרן, דערביי האָט ער באַזונדערס זיך באַמיט, אַז די קירכע זאָל בלייבן אין זיין דאָרף.

אין זיער פרויען-פראַגע איז ער געווען אויף דער זייט פון די

ראַדיקאַלסטע פּאַרטיידיקער פון פולער פרויען-פרייהייט און באַזונדערס פאַר זייער רעכט אויף אַרבעט; אָבער מיטן ווייב האָט ער געלעבט אַזוי, אַז אַלע האָבן נחת געשעפּט פון זייער בשלומדיקן קינדערלאָזן פאַמיליען-לעבן. און האָט איינגעאָרדנט דאָס לעבן פון זיין פרוי אַזוי, אַז זי האָט גאָרנישט געטון און נישט געקאָנט טון, חוץ דער בשותּפותדיקער זאָרג מיטן מאַן, ווי אַזוי בעסער און פריילעכער צו פאַרברענגען די צייט.

ווען לעווין וואָלט נישט געהאַט די אייגנשאַפט זיך אויסצוטייטשן מענטשן פון דער בעסטער זייט, וואָלט סוויאַזשסקיס כאַראַקטער נישט געשטעלט פאַר אים קיין שום שווערקייט און קשיא; ער וואָלט זיך געזאָגט: „אַ נאַר אָדער אַ גאָרנישט", און אַלץ וואָלט געווען קלאָר. אָבער ער האָט נישט געקאָנט זאָגן קיין נ אַ ר דערפאַר וואָס סוויאַזשסקי איז געווען אָן ספק נישט בלויז זייער אַ קלוגער, נאָר זייער אַ געבילדעטער מענטש, וואָס האָט זיך זייער איינפאַך געהאַלטן מיט זיין בילדונג. עס איז נישט געווען קיין זאַך, וועלכע ער זאָל נישט וויסן; אָבער ער האָט אַרויסגעוויזן זיין וויסן, בלויז ווען ער איז געצוווּנגען געווען צו דעם. נאָך ווייניקער האָט לעווין געקאָנט זאָגן, אַז ער איז אַ ג אָ ר נ י ש ט, ווייל סוויאַזשסקי איז געווען אָן ספק אַן ערלעכער, גוטער, קלוגער מענטש, וועלכער האָט פריילעך, לעבהאַפט כּסדר געטון עפּעס, וואָס איז הויך געשעצט געוואָרן דורך אַלע אַרומיקע, און האָט שוין זיכער קיינמאָל באַוווּסטזיניק נישט געטון און נישט געקאָנט טון קיין שום שלעכטס.

לעווין האָט זיך באַמיט צו פאַרשטיין און נישט פאַרשטאַנען און שטענדיק ווי אויף אַ לעבעדיק רעטעניש געקוקט אויף אים און אויף זיין לעבן.

זיי זענען געווען באַפריינדעט, און דעריבער האָט לעווין זיך דערלויבט אויסצופּרעגן סוויאַזשסקין, זיך צו דערקלויבן צום עצם-יסוד פון זיין בליק אויפן לעבן: אָבער דאָס איז תּמיד געווען בחינם. איטלעכעס מאָל וואָס לעווין האָט געפּרוּווט אַריינדרינגען ווייטער פון די פאַר אַלע אָפענע אויפנאַם-צימערן פון סוויאַזשסקיס שכל, האָט ער באַמערקט, אַז סוויאַזשסקי האָט זיך געפילט אין אַ לייכטער פאַרלעגנהייט; אַ קוים באַמערקטע שרעק האָט זיך אויסגעדריקט אין זיין בליק, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז לעווין וועט אים פאַרשטיין, און ער האָט געשטעלט אַ גוטמוטיקן און פריילעכן ווידערשטאַנד.

אַצינד, נאָך זיין אַנטוישונג אין דער באַלעבאַטישקייט, איז לעווינען באַזונדערס אָנגענעם געווען צו פאַרברענגען אַ ביסל בא סוויאַזשסקין. נישט רעדנדיק וועגן דעם, וואָס אויף אים האָט פּשוט פריילעך געווירקט

דער אָנבליק פון דידאָזיקע גליקלעכע מיט זיך און מיט אַלעמען צופרידענע טויבן, די פיין איינגעאָרדנטע נעסט זייערע, האָט זיך אים געגלוסט אַצינד. פילנדיק זיך אַזוי אומצופרידן מיט זיין לעבן, זיך דערקלויבן אין סוויאַזשסקין צו דעם סוד, וועלכער גיט אים אַזאַ קלאָרקייט, באַשטימטקייט און פרייליכקייט אין לעבן. חוצדעם, האָט לעווין געוווסט, אַז ער וועט זעען בא סוויאַזשסקין די שכנישע גוטבאַזיצער. און אים איז אַצינד באַזונדערס אינטערעסאַנט געווען זיך דורכצושמועסן, צו הערן וועגן באַלעבאַטישקייט די זעלבע שמועסן וועגן גערעטעניש, וועגן דינגען אַרבעטער א. א. וו., וועלכע, לעווין האָט געוווסט, עס איז אָנגענומען צו האַלטן פאַר עפעס זייער נידעריקס, נאָר וועלכע האָבן אַצינד פאַר לעווינען אויסגעזען אַלס די איינציק וויכטיקע. „דאָס איז, אפשר, נישט וויכטיק געווען באַם געזעץ פון לייבאייגנטום אָדער איז נישט וויכטיק אין ענגלאַנד. אין ביידע פאַלן זענען די באַדינגונגען אַליין באַשטימט; אָבער בא אונז אַצינד, ווען דאָס אַלץ האָט זיך איבערגעדרייט און האַלט זיך ערשט אין איינשטעלן, איז די פראַגע וועגן דעם, ווי אַזוי עס וועלן זיך איינשטעלן די־דאָזיקע באַדינגונגען, די וויכטיקסטע פראַגע אין רוסלאַנד", האָט לעווין געטראַכט.

די יאַגד האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ערגער. ווי לעווין האָט דערוואַרט. דער זומפ איז אויסגעטריקנט געוואָרן, און קיין בעקאַסן איז אינגאַנצן נישט געווען. ער איז אָפגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג און געברענגט בלויז דריי שטיק, אָבער פאַר דעם האָט ער געברענגט, ווי שטענדיק פון יאַגד, אַן אויסגעצייכנטע שטימונג און יענעם אויפגעפרישטן גייסטיקן צושטאַנד, מיט וועלכן עס איז שטענדיק באַגלייט געוואָרן בא אים אַ שטאַרקע פיזישע באַוועגונג. אויך אויף דער יאַגד, בעת ער האָט, דאַכט זיך, וועגן גאָרנישט געטראַכט, האָט זיך אים כסדר דערמאָנט דער אַלטער מיט זיין פאַמיליע, און דערדאָזיקער איינדרוק האָט אַזוי ווי געפאָדערט פאַר זיך נישט בלויז אויפמערקזאַמקייט, נאָר אויך אַ באַשיידונג אויף עפעס, וואָס איז דערמיט צונויפגעבונדן.

אין אָוונט, בא דער טיי, אין דער אַנוועזנהייט פון די צוויי גוטבאַזיצערס, וואָס זענען געקומען צוליב עפעס ענינים פון באַשיצונגס-אַמט, האָט זיך פאַרבונדן טאַקע יענער אינטערעסאַנטער געשפרעך, וועלכן לעווין האָט אָפגעוואַרט.

לעווין איז געזעסן לעבן דער באַלעבאַסטע באַם טיי-טיש און האָט געדאַרפט פירן אַ געשפרעך מיט איר און מיט דער שוועגערין, וואָס איז

געזעסן קעגן אים. די באַלעבאָסטע איז געווען א בלאָנדע און נישט בײַכע פרוי מיט א קײַלעכיק פנים, וואָס האָט אינגאַנצן געשײַנט מיט אָנבריבעלעך און שמייכעלעך. לעווין האָט זיך באַמיט דורך איר צו דערגיין די לייזונג פון דעם פאַר אים אַזוי וויכטיקן רעטעניש, וועלכעס איר מאַן האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט. אָבער ער האָט נישט געקאָנט אינגאַנצן פריי טראַכטן, ווײַל אים איז געווען פײַנלעך אומאָנגענעם. פײַנלעך אומאָנגענעם איז אים געווען דערפאַר, וואָס קעגן אים איז געזעסן די שוועגערין אין א באַזונדערן, ווי אים האָט זיך געדאַכט, פאַר אים אָנגעטוענעם קלייד, מיט א באַזונדערן דעקאָלטע אויף דער ווײַסער ברוסט אין דער פאָרם פון א פירעק: דערדאָזיקער פירעקעדיקער דעקאָלטע, נישט געקוקט דערויף, וואָס די ברוסט איז געווען זייער א ווײַסע, אָדער טאַקע דערפאַר, וואָס זי איז געווען זייער א ווײַסע, האָט צוגענומען לעווינען די מעגלעכקייט פריי צו טראַכטן. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, מסתמא אומבאַגרינדעט, אַז דערדאָזיקער דעקאָלטע איז געמאַכט געוואָרן צוליב אים, האָט זיך געהאַלטן פאַר נישט באַרעכטיקט צו קוקן אויף אים און זיך באַמיט נישט צו קוקן אויף אים; אָבער ער האָט געפילט, אַז ער איז שולדיק שוין פאַר דעם אַליין, וואָס דער דעקאָלטע איז געמאַכט געוואָרן. לעווינען האָט זיך געדאַכט, אַז ער נאַרט אָפּ עמעצן, אַז ער דאַרף עפּעס דערקלערן, נאָר אַז דערקלערן דאָס איז אוממעגלעך. און דעריבער איז ער כסדר רויט געוואָרן, איז געווען אומרויק און אין פאַרלעגנהייט. זײַן פאַרלעגנהייט האָט זיך אויך איבערגעגעבן דער שיינינקער שוועגערין. אָבער די באַלעבאָסטע האָט דאָס, דאַכט זיך, נישט באַמערקט און אים בכיוון אַרײַנגעצויגן אין א געשפּרעך.

— איר זאָגט, — האָט די באַלעבאָסטע פאָרגעזעצט דעם אָנגעהויבענעם שמועס, — אַז דעם מאַן קאָן נישט אינטערעסירן אַלץ, וואָס איז רוסיש. פאַרקערט, ער איז אויך פריילעך אין אויסלאַנד, אָבער קיינמאָל נישט אַזוי, ווי דאָ. דאָ פילט ער זיך אין זײַן ספערע. ער האָט אַזוי פיל אַרבעט, און האָט א פעיקייט מיט אַלעם זיך צו אינטערעסירן. אָך, איר זענט נישט געווען אין אונזער שול?

— איך האָב געזען... דאָס איז דאָס מיט פליושטש אַרומגענומענע הײַזל?

— יאָ, דאָס איז נאַסטיאַס אַרבעט, — האָט זי געזאָגט, און אָנגעוויזן אויף דער שוועסטער.

— איר לערנט אַליין? — האָט לעווין געפרעגט, באַמיענדיק זיך

צו קוקן פאַרביי דעם דעקאָלט, גאָר פילנדיק, אַז. וווהין ער זאָל נישט קוקן אין יענער זייט אַריין, וועט ער אַלץ וועלן דעם דעקאָלט.

— יאָ, איך האָב אַליין געלערנט און לערן, גאָר מיר האָבן אָן אויסגעצייכנטע לערערין. מיר האָבן אויך גימנאַסטיק איינגעפירט.

— ניין, איך דאַנק, איך וויל נישט מער קיין טיי. — האָט לעווין געזאָגט, און פילנדיק, אַז ער טוט אַן אומהעפלעכקייט, אָבער נישט בכוח זייענדיק מער פאָרצוזעצן דעמדאָזיקן געשפרעך. איז ער רויט ווערנדיק אויפגעשטאַנען. — איך הער אַ זייער אינטערעסאַנטן שמועס, — האָט ער צוגעגעבן און איז צוגעגאַנגען צום צווייטן עק טיש. באַ וועלכן דער באַלעבאָס איז געזעסן מיט די צוויי גוטסבאַזיצערס. סוויאַזשסקי איז געזעסן זייטיק צום טיש, מיט דער אָנגעשפאַרטער האַנט געדרייט אַ שעלעכל מיט דער צווייטער צונויפגענומען די באָרד אין דער פויסט אַריין, זי צוגעטראָגן צו דער נאָז, אַזוי ווי באַשמעקט זי און ווידער אַרויסגעלאָזט. ער האָט מיט גלאַנציקע שוואַרצע אויגן געקוקט גלייך אויף דעם גוטסבאַזיצער מיט די גרויע וואָנסעס, וואָס האָט זיך געהיצט, און, אַפּנים, זיך געוויילט מיט זיין רעדן. דער גוטסבאַזיצער האָט זיך געקלאָגט אויפן פאָלק. לעווינען איז קלאָר געווען, אַז סוויאַזשסקי ווייסט אַזאַ ענטפער אויפן גוטסבאַזיצערס קלאָגן זיך, וועלכער וועט מיט איינמאָל צו נישט מאַכן דעם גאַנצן זינען פון זיינע טענות, אָבער צוליב זיין לאַגע קאָן ער נישט זאָגן דעמדאָזיקן ענטפער און הערט נישט אָן פאַרגעניגן די קאָמישע רייד פון דעם גוטסבאַזיצער.

דער גוטסבאַזיצער מיט די גרויע וואָנסעס איז געווען, משמעות, אַ פאַרביסענער אָנהענגער פון לייב-אייגנטום און אַלטער דאָרף-וווינער, אַ ליידנשאַפטלעכער לאַנדווירט. דידאָזיקע סימנים האָט לעווין געזעען סיי אין אָנטון, אין דעם אַלטמאָדישן, אויסגעריבענעם סורדוט, צו וועלכן דער גוטסבאַזיצער איז אַפּנים נישט געוווינט געווען, סיי אין זיינע קלוגע, אָנגעכמורעטע אויגן, סיי אין דעם פליסיקן רוסיש רעדן, סיי אין דעם, משמעות, דורך לאַנגער פראַקטיק זיך געאייגנטן באַפעלערישן טאָן, סיי אין די אָנגעלאָסענע באַוועגונגען פון די גרויסע, שיינע, אָפּגעברענטע הענט מיט דעם איינציקן התונה-רינגל אויפן מיטלסטן פינגער.

XXVII.

— עס וואָלט נאָר נישט קיין שאָד געווען צוזקצוואַרפן, וואָס ס'איז אָפּגעטון געוואָרן... אַ סך אַרבעט איז אַריינגעלייגט געוואָרן... וואָלט איך אויף אַלץ מיט דער האַנט אַ מאַך געטון, פּאַרקויפט, צועקגעפּאָרן, ווי ניקאָלאַי איוואַניטש... הערלענען הערן, — האָט דער גוטבאַזיצער געזאָגט מיט אַן אָנגענעמען שמייכל, וואָס האָט באַשיינט זיין קלוג אַלט פּנים.

— איר וואַרפט דאָך פאָרט נישט אַוועק, — האָט ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש סוויאַזשסקי געזאָגט, — מכתמא לוינט עס דאָך.

— דאָס איינציקע לוינען איז, וואָס מען איז אינדערהיים, עס איז נישט קיין געקויפטס, נישט קיין געדונגענס. און מען האָפט נאָך אַלץ, אַז דאָס פאָלק וועט פאָרט צום שכל קומען. ווארים צווי, גלייבט מיר, איז דאָס בלויז שיכּרות, אויסגעלאַסנקייט !... אַלע האָבן זיך אויפגעטיילט, קיין שטיקל פערדל, קיין בהמהלע. פון הונגער פגרט עס, און פרווט נאָר דינגט עס פאַר אַן אַרבעטער, — וועט עס זיך פלייסן אייך אָנצוטון שאָדן און נאָך צום פרידנס-ריכטער לויפן.

— דערפאַר וועט איר אויך זיך פאַרקלאָגן פאַרן פרידנס-ריכטער, — האָט סוויאַזשסקי געזאָגט.

— איך קלאָגן זיך? פאַר קיין זאַך אין דער וועלט! עס וועלן זיך אָנהייבן אַזעלכע טענות, אַז דו וועסט שוין מוחל זיין די אָנקלאַגע! אָט האָבן זיי אויפן זאַוואָד גענומען אַוואַנס, און זענען מער נישט צוריקגעקומען. וואָס-זשע האָט דער פרידנס-ריכטער געטון? פריי‌געשפּראָכן. אַלץ האַלט זיך בלויז אויפן דאָרפישן געריכט און אויפן סטאַרשינאַ. דער שמייסט זיי אָפּ אויפן אַלטן שטייגער. און וואָלט דאָס נישט געווען — איז וואַרף כאָטש אַלץ אַוועק! אין עק וועלט אַריין אַנטלויף!

דער גוטבאַזיצער האָט, משמעות, געריצט סוויאַזשסקין, אָבער סוויאַזשסקי איז נישט בלויז נישט בייז געוואָרן, נאָר, אַפּנים, זיך געווילט מיט דעם.

— אָבער אָט פירן מיר דאָך אונזער באַלעבאַטישקייט אָן די-

דאָזיקע מיטלען, — האָט ער געזאָגט שמייכלענדיק, — איך, לעווין, זיי.

ער האָט אָנגעװיזן אויפֿן צװייטן גוטסבאַזיצער.

— יאָ, בײַ מיכאַיל פּעטראָוויטשן פֿירט זיך, אָבער פֿרעגט ווי אַזוי. דאָס איז דען אַ ראַציאָנעלע באַלעבאַטישקייט? — האָט דער גוטסבאַזיצער געזאָגט, משמעות, קאָקעטירנדיק מיטן וואָרט „ראַציאָנעלע".

— בײַ מיר איז אַ פּראָסטע באַלעבאַטישקייט, — האָט מיכאַיל פּעטראָוויטש געזאָגט. — איך דאַנק גאָט. מײַן באַלעבאַטישקייט איז אינגאַנצן אויף דעם, אַז דאָס געלט זאָל אויף די האַרבסט־שטײַערן גרייט זײַן. עס קומען די פּויערימלעך: באַטיושקאַ, פֿאָטער, העלף אַרויס! נו, בלויז אייגענע שכנים, פּויערן, אַ רחמנות. נו, גיסטו אויפֿן ערשטן דריטל, זאָגסטו בלויז: געדענקט, קינדער, איך האָב אײַך געהאָלפֿן, העלפֿט איר אויך אַמאָל, ווען ס'וועט נייטיק זײַן — בײַם זייען דעם האָבער אַמאָל, בײַם אָראָפּנעמען דאָס היי, בײַם שניט, נו, און דו רעדסט אויס צו וויפֿיל פֿון טיאַגלאָ*). עס זענען דאָ געוויסנלאָזע אויך בײַ זיי. דאָס איז אמת.

לעווין, וואָס האָט שוין לאַנג געוווּסט דידאָזיקע פּאַטריאַרכאַלע מנהגים, האָט זיך איבערגעקוקט מיט סוויאַזשסקין און איבערגעשלאָגן מיכאַיל פּעטראָוויטשן, ווידער ווענדנדיק זיך צום גוטסבאַזיצער מיט די גרויע וואָנסעס.

— ווי־זשע איז אײַער מיינונג? — האָט ער געפֿרעגט: — ווי אַזוי זשע דאַרף מען אַצינד פֿירן דאָס באַלעבאַטישקייט?

— מען דאַרף טאַקע אַזוי פֿירן, ווי מיכאַיל פּעטראָוויטש: אָדער אָוועקגעבן אויף דער העלפֿט, אָדער פֿאַרדינגען די פּויערן. דאָס קאָן מען, נאָר דאָס טאַקע מאַכט אַ תּל פֿון דעם אַלגעמיינעם רײַכטום פֿון דער מלוכה. ווו די ערד האָט בײַ מיר בײַ פֿאַנשטשינע־אַרבעט און בײַ אַ גוטער באַלעבאַטישקייט אַרויסגעגעבן זיבן מאָל אַזוי פֿיל, וועט זי פֿון אָוועקגעבן אויף דער העלפֿט אַרויסגעבן דריי מאָל אַזוי פֿיל. די עמאַנציפּאַציע האָט אַ תּל געמאַכט פֿון רוסלאַנד.

סוויאַזשסקי האָט אַ קוק געטאָן מיט שמייכלענדיקע אויגן אויף לע־

*) אַ באַשטימטער געלט־אָפּצאָל פֿון פֿרוכטבאַרער ערד פֿאַר דער מלוכה אין פֿאַרצײַטישן רוסלאַנד. — איבערז.

וינען און אפילו אים געמאכט א קוים באמערקטן איראנישן צייכן; אבער לעווין האט נישט געהאלטן דעם גוטסבאזיצערס רייד פאר קאמיש, — ער האט זיי פארשטאנען מער, ווי סוויאזשסקי האט זיי פארשטאנען. א סך פון דעם, וואס דער גוטסבאזיצער האט ווייטער געזאגט, באווייזנדיק, פארוואס די עמאנסיפאציע האט א תל געמאכט פון רוסלאנד, האט אים אפילו אויסגעזען אלס זייער אמת, ניי און נישט צום אפשפארן. דער גוטסבאזיצער האט, משמעות, געזאגט זיינס אן אייגענעם געדאנק, — וואס עס געשעט אזוי זעלטן, — און א געדאנק, צו וועלכן ער איז דערפירט געווארן נישט דורך קיין פארלאנג צו פארנעמען דעם ליידיקן שכל מיט עפעס, נאר א געדאנק, וועלכער איז ארויסגעוואקסן פון די באדינגונגען פון זיין לעבן, וועלכן ער איז אויסגעזעסן אין זיין דארפישער אפגעזונדערטקייט און האט אים פון אלע זייטן ארומגעטראכט.

— עס האנדלט זיך, באוויליקט צו זען, אין דעם, וואס איטלעכער פראגרעס ווערט דורכגעפירט בלויז מיט מאכט, — האט ער געזאגט, משמעות, וועלנדיק ווייזן, אז אים איז נישט פרעמד קיין בילדונג. — נעמט די רעפארמען פון פיאטרן, פון דער יעקאטערינען, פון אלעקסאנדערן. נעמט די אייראפעישע געשיכטע. בפרט דער פראגרעס אויפן געביט פון לאנדווירטשאפט. כאטש די קארטאפליעס — אויך זיי זענען בא אונז איינגעפירט געווארן מיט מאכט. מיט קיין סאכע האט מען דאך אויך נישט שטענדיק געאקערט. מען האט עס אויך איינגעפירט, אפשר בא די קרוין־פירשטנטומס, אבער זיכער איינגעפירט מיט מאכט. אצינד, אין אונדזער צייט, האבן מיר, גוטסבאזיצערס, באם געזעץ פון לייב־אייגנטום געפירט אונזער באלעבאטישקייט מיט די פארפאלקאמונגען; סיי טרוקן־שייערס, סיי פליעווע־מאשינען, סיי די באמיסטיקונג, סיי אלע ארבעט־מכשירים — אלץ האבן מיר איינגעפירט מיט אונזער מאכט, און די פויערן האבן זיך אין אנהייב קעגנגעשטעלט, און דערנאך האבן זיי אונז נאכגעטון. אצינד אבער, באם אונטערברענגען דאס געזעץ פון לייב־אייגנטום, האט מען אונז צוגענומען די מאכט, — מוז אויך אונזער באלעבאטישקייט, ווו עס איז דערהויבן צו א הויכן מצב, זיך אראפלאזן צום סאמע ווילדן פרימיטיוון צושטאנד. אזוי פארשטיי איך.

— אבער פארוואס זשע? אויב דאס איז ראציאנעל, קאנט איר דאך עס מיט געדונגענע פירן, — האט סוויאזשסקי געזאגט.

— עס איז קיין מאכט נישטא. מיט וועמען וועל איך עס פירן, דערלויבט צו פרעגן?

„אָט איז זי — די אַרבעטס־קראַפט, דער הויפּט־עלעמענט פון דעם באַליעבאַטישקייט". האָט לעווין אַ קלער געטון.

— מיט אַרבעטער.

— די אַרבעטער ווילן נישט אַרבעטן גוט און אַרבעטן מיט גוטע כּלים. אונזער אַרבעטער ווייסט בלויז איינס, — אָנצושיכּורן זיך ווי אַ חזיר און קאַליע מאַכן אַלץ, וואָס איר וועט אים געבן. די פערד וועט ער געבן צו פיל צו טרינקען, דאָס גוטע געשפּאַן אָפּרייסן, אַ געשמידט ראָד אויסטוישן, פאַרשיכּורן, אין דער דרעש־מאַשין וועט ער אַ צאַפּן אַריינלאָזן, כּדי צו צעברעכן זי. אים איז איבלדיק צו זעען אַלץ, וואָס איז נישט לויט זיין שטייגער. דערפון טאַקע איז געפאַלן דער גאַנצער מצב פון דעם באַלעבאַטישקייט. די ערד איז פאַרלאָזט, פאַרוואַקסן מיט פּיאָלון אָדער אַוועקגעגעבן די פויערן, און וו מען האָט פּראָדוצירט אַ מיליאָן, פּראָדוצירט מען הונדערטער טויזנטער פערטלען; דאָס אַלגעמיינע רייכטום האָט זיך פאַרקלענערט. ווען מען וואָלט געטון דאָס זעלבע, נאָר מיט רעכנונג...

און ער האָט אָנגעהויבן אַנטוויקלען זיינס אַ פּלאַן פון באַפרייונג, בא וועלכן עס וואָלטן אויסגעמיטן געוואָרן דידאָזיקע אומבאַקוועמלעכקייטן.

לעווינען האָט דאָס נישט אינטערעסירט, אָבער, ווען ער האָט געענדיקט, האָט לעווין זיך אומגעקערט צו זיין ערשטער טעזע און געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו סוויאַזשסקין און באַמיענדיק זיך אַרויסצורופן אים צום אַרויסזאָגן זיין ערנסטע מיינונג:

— דאָס, אַז דער מצב פון דעם באַלעבאַטישקייט פאַלט און אַז ביי אונזערע באַציונגען צו די אַרבעטער איז נישטאָ קיין מעגלעכקייט צו פירן באַקוועם אַ ראַציאָנעלע באַלעבאַטישקייט, — דאָס איז דורכויס אמת, — האָט ער געזאָגט.

— איך האַלט נישט אַזוי, — האָט סוויאַזשסקי שוין ערנסט דערווידערט, — איך זע בלויז דאָס, אַז מיר קאָנען נישט פירן קיין באַלעבאַטישקייט און אַז, פאַרקערט, דאָס באַלעבאַטישקייט, וועלכעס מיר האָבן געפירט באַם געזעץ פון לייב־אייגנטום, איז נישט בלויז זייער הויך, נאָר זייער נידעריק. מיר האָבן נישט קיין מאַשינען, נישט קיין גוטע אַרבעטס־פי, נישט קיין לייטישע פאַרוואַלטונג, נישט מיר קאָנען רעכענען. פרעגט אַ באַלעבאָס, — ווייסט ער נישט, וואָס פאַר אים לוינט, וואָס ס'לוינט נישט.

— איטאַליענישע בוכהאַלטעריע, — האָט דער גוטבאַזיצער איראָניש

געזאָגט. — נישט קיין נפקא מינה ווי אַזוי וועסט רעכענען, אויב מען וועט אייך אַלץ קאַליע מאַכן, וועט קיין ריווח נישט זיין.

— פאַרוואָס־זשע קאַליע מאַכן? דאָס נישטיקע דרעש־מאַשינדל, דעם רוסישן טרעטער אייערן וועט מען צעברעכן, אָבער מיין דאַמף־מאַשין וועט מען נישט צעברעכן. א פערדל א רוסלענדיש — ווי רופט מען עס? פון דער שלעפּעדיקער ראַסע, וואָס מען דאַרף עס בײַם וויידל שלעפּן — וועט מען אייך קאַליע מאַכן, אָבער אַז איר וועט איינפירן פערשעראָנען אָדער כאָטש ביטיוקן, זיי וועט מען אייך נישט קאַליע מאַכן. און אַזוי אַלץ. מיר דאַרפן העכער אויפהייבן דאָס באַלעבאַטישקייט.

— עס וואָלט נאָר געווען פון וואָס, ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש! אייך איז גוט, אָבער איך מוז דעם זון אין אוניווערזיטעט האַלטן, די קליינע אין גימנאַזיע אריין מוז איך שיקן, — קאָן איך קיין פערשעראָנען נישט קויפן.

— אָבער אויף דעם זענען דאָ בענק.

— זיי זאָלן דאָס לעצטע אויף ליציטאַציע פאַרקויפן? ניין, איך דאַנק אייך!

— איך בין נישט איינשטימיק, אַז מען דאַרף און מען קאָן נאָך העכער אויפהייבן דעם מצב פון דער באַלעבאַטישקייט, — האָט לעווין געזאָגט. — איך פאַרנעם מיך מיט דעם, און איך האָב מיטלען, אָבער איך האָב גאָרנישט געקאָנט טון. די בענק ווייס איך נישט וועמען זיי זענען נוצלעך. איך, על כל פנים, אויף וואָס איך האָב נישט אויסגעגעבן געלט אין באַלעבאַטישקייט, איז אַלץ געווען מיט היזק: בהמות — היזק, מאַשינען — היזק.

— אָט דאָס איז אמת, — האָט דער גוטסבאַזיצער מיט די גרויע וואָנסעס באַשטעטיקט און זיך אפילו צעלאַכט פון פאַרגעניגן.

— און איך בין נישט איינער, — האָט לעווין פאָרגעזעצט, — איך קאָן זיך שטיצן אויף אַלע באַלעבאַטים, וואָס פירן א ראַציאָנעל געשעפט; אַלע, מיט זעלטענע אויסנאַמען, פירן דאָס געשעפט מיט היזק. נו, איר זאָגט, אַז אייער באַלעבאַטישקייט איז באַקוועם? — האָט לעווין געזאָגט און גלייך אין סוויאַזשסקיס בליק באַמערקט יענעם אויגנבליקלעכן אויסדרוק פון שרעק, וועלכן ער פלעגט באַמערקן, ווען ער האָט געוואָלט אַריינדרינגען ווייטער פון די אויפנאַם־צימערן פון סוויאַזשסקיס שכל.

חוץ דעם, איז די־דאָזיקע פראַגע פון לעווינס זייט געווען נישט אינ־

גאַנצן אויפריכטיק. די באַלעבאָסטע האָט אים בײַ דער טיי נאָר־וואָס געהאָט געזאָגט, אַז זיי האָבן היינטיקן זומער איינגעלאַדן פון מאָסקווע אַ דייטש, אַ קענער פון בוכהאַלטעריע, וועלכער האָט פאַר אַ באַלוינונג פון פינף הונדערט רובל באַרעכנט זייער באַלעבאַטישקייט און איינגעפונען, אַז עס ברענגט היזק 3.000 רובל מיט עפּעס נאָך. זי האָט נישט געדענקט גראַד וויפיל, נאָר דאַכט זיך, אַז דער דייטש האָט אויסגערעכנט ביז אַ פערטל קאָפּיקע.

דער גוטבאַזיצער האָט בײַם דערמאָנען די רווחים פון סוויאַזשסקיס באַלעבאַטישקייט אַ שמייכל געטאָן, משמעות וויכנדיק, וואָסער רווח עס האָט געקאָנט האָבן דער שכן און אַדל פירער.

— אפשר, נישט רווחדיק, — האָט סוויאַזשסקי געענטפערט. — דאָס באַווייזט בלויז, אָדער אַז איך בין אַ שלעכטער באַלעבאָס, אָדער אַז איך לייג אַריין קאַפּיטאַל צו פאַרגרעסערן די רענטע.

— אָך, די רענטע! — האָט לעווין אויפגערעגט אויסגעשריגן. — אפשר איז דאָ אַ רענטע אין איראָפּע, וווּ די ערד איז בעסער געוואָרן פון דער אַריינגעלייגטער אַרבעט אין איר, אָבער בײַ אונז ווערט די גאַנצע ערד ערגער פון דער אַריינגעלייגטער אַרבעט, דאָס הייסט, אַז מען חעט זי אויסמאָגערן, — אַלזאָ, איז נישטאָ קיין רענטע.

— ווי הייסט ס'איז נישטאָ קיין רענטע? דאָס איז אַ געזעץ.

— זענען מיר אויסערן געזעץ: די רענטע מאַכט אונז גאָרנישט קלאָר, נאָר, פאַרקערט, זי פאַרפּלאָנטערט. ניין, איר זאָגט, ווי אַזוי די לערע וועגן דער רענטע קאָן זיין...

— איר ווילט זויערמילך? מאַשע, שיק אונז דאָ אַהער זויערמילך אָדער מאַלינעס, — האָט ער זיך געווענדט צום ווייב. — היינט האַלטן זיך זייער שפּעט די מאַלינעס.

און אין אָנגענעמסטן געמיטס־צושטאַנד איז סוויאַזשסקי אויפגעשטאַנען און אַוועקגעגאַנגען, אפּנים, אָננעמענדיק, אַז דער שמועס איז פאַרענדיקט אויף דעם זעלבן אָרט, וווּ לעווינען האָט זיך געדאַכט, אַז ער הייבט זיך ערשט אָן.

געבליבן אָן אַ מיטשמועסער, האָט לעווין פאָרגעזעצט דעם געשפּרעך מיטן גוטבאַזיצער, באַמיענדיק זיך צו דערווייזן אים, אַז די גאַנצע פאַרוויקלטקייט שטאַמט פון דעם, וואָס מיר ווילן נישט קענען די אייגנשאַפטן און געוווינהייטן פון אונזער אַרבעטער; אָבער דער גוטבאַזיצער, ווי אַלע מענטשן, וואָס טראַכטן זעלבשטענדיק און אָפּגעזונדערט, איז געווען טעמ

צו פֿאַרשטיין אַ פֿרעמדן געדאַנק און באַזונדער ליידנשאַפֿטלעך צו זיינעם. ער האָט זיך געהאַלטן באַ זיינס, אַז דער רוסישער פּויער איז אַ חזיר און האָט ליב חזירײַ, און כּדי אַרויסצופֿירן אים פֿון דעם חזירײַ איז נייטיק מאַכט. און זי איז נישטאָ, ס'איז נייטיק אַ שטעקן, נאָר מיר זענען געוואָרן אַזוי ליבעראַל, אַז מיר האָבן פּלוצלינג אויסגעטוישט דעם טויזנטיעריקן שטעקן אויף עפּעס אַדוואָקאַטן און באַשלוסן, באַ וועלכע מען קאָרמעט נישטיקע פֿאַרשטונקענע פּויערן מיט פֿיינער זופּ און מען רעכנט זיי אויס קוביקע פֿוטן לופֿט.

— פֿאַרוואָס מיינט איר, — האָט לעווין געזאָגט, באַמיענדיק זיך אומצוקערן זיך צו דער פֿראַגע, — אַז מען קאָן נישט געפֿינען אַזאַ באַציונג צו דער אַרבעטס־קראַפֿט, באַ וועלכער די אַרבעט זאָל זיין פּרוכטבאַר?

— מיטן רוסישן פֿאָלק וועט דאָס קיינמאָל נישט זיין; עס איז קיין מאַכט נישטאָ, — האָט דער גוטבאַזיצער געענטפֿערט.

— ווי אַזוי־זשע קאָנען נייע באַדינגונגען געפֿינען ווערן? — האָט סוויאַזשסקי געזאָגט, נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעגעסן די זויערמילך, פֿאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס און ווידער צוגעקומען צו די דיספּוטירנדיקע. — אַלע מעגלעכע באַציונגען צו דער אַרבעטס־קראַפֿט זענען באַשטימט און אויסגעפֿאָרשט, — האָט ער געזאָגט. — דאָס איבערבלייבעניש פֿון באַרבאַריזם — די פּרימיטיווע געמיינדע מיט בשותּפֿותדיקער ערבֿות צעפֿאַלט זיך פֿון זיך אַליין, דאָס געזעץ פֿון לייב־אייגנטום איז אָפּגעשאַפֿט, בלייבט בלויז די פֿרייע אַרבעט, און אירע פֿאָרמען זענען באַשטימט און גרייט און מען דאַרף זיי נעמען. אַ פּאַראָבעק, אַ טאָג־אַרבעטער, אַ פֿערמער — און דאָס וועט איר נישט אויסמיידן.

— אָבער אייראָפּע איז נישט צופֿרידן מיט דיזאָזיקע פֿאָרמען.

— זי איז נישט צופֿרידן און זוכט נייע. און זי וועט, מסתּמא, געפֿינען.

— איך רעד דאָך טאַקע וועגן דעם, — האָט לעווין געענטפֿערט — פֿאַרוואָס־זשע זאָלן מיר פֿון אונזער זייט נישט זוכן?

— ווייל דאָס איז אַלץ איינס, וואָס אויסטראַכטן נייע מיטלען צו בויען באַנען. זיי זענען גרייט, אויסגעטראַכט.

— נאָר אויב זיי טויגן נישט פֿאַר אונז, אויב זיי זענען נאַריש? — האָט לעווין געזאָגט.

און ווידער האָט ער באַמערקט אַן אויסדרוק פון שרעק אין סוויאַזש-סקיס אויגן.

— יאָ, דאָס איז: מיר וועלן מיט די היטלען פאַרוואַרפן, מיר האָבן געפינען דאָס, וואָס אייראָפּע זוכט! דאָס אַלץ ווייס איך, אָבער, אַנטשולדיקט מיר, איר ווייסט אַלץ, וואָס ס'איז געטון געוואָרן אין אייראָפּע בנוגע דער פראַגע פון איינאָרדנען די אַרבעטער?

— ניין, נישט אַלץ.

— דידאָזיקע פראַגע פאַרנעמט אַצינד די בעסטע קעפּ אין אייראָפּע. שולצע-דעליטשס ריכטונג... דערנאָך דידאָזיקע גאַנצע ריזיקע ליטעראַטור פון דער אַרבעטער-פראַגע, פון דער סאַמע ליבעראַלסטער, פון לאַסאַלס ריכטונג... מעלהויזנס איינאָרדנונג — דאָס איז שוין אַ פאַקט, איר ווייסט אוודאי.

— איך האָב אַ באַגריף, נאָר זייער אַ קליינעם.

— ניין, איר זאָגט בלויז, איר ווייסט דאָס אַלץ אוודאי נישט ערגער פון מיר. איך בין, פאַרשטייט זיך, נישט קיין סאָציאַלער פּראָפעסאָר, נאָר דאָס האָט מיך אינטערעסירט, און, כ'לעבן, אויב דאָס אינטערעסירט אייך, פאַרנעמט זיך דערמיט.

— אָבער צו וואָס זענען זיי געקומען?

— אַנטשולדיקט...

די גוטבאַזיצערס זענען אויפגעשטאַנען, און סוויאַזשסקי, וואָס האָט ווידער אָפּגעשטעלט לעווינען אין זיין געוויינהייט אַריינצוקוקן, וואָס עס טוט זיך הינטער די אויפנאַם-צימערן פון זיין שכל, איז געגאַנגען באַגלייטן זיינע געסט.

XXVIII.

לעווינען איז אומדערטרעגלעך לאַנגווייליק געווען דעם אָוונט מיט די זאַמען: אים האָט, ווי קיינמאָל פריער, באַאומרויקט דער געדאַנק, אַז די אומצופרידנקייט מיט דעם באַלעבאַטישקייט, וועלכע ער לעבט אַצינד איבער, איז נישט אויסשליסלעך זיין לאַגע, נאָר דער אַלגעמיינער באַשטאַנד, אין וועלכן די זאַך געפינט זיך אין רוסלאַנד, אַז דאָס איינשטעלן עפּעס אַזאַ מין באַציונג פון די אַרבעטער, ווו זיי זאָלן אַרבעטן, ווי באַם

פויער אין מיטן וועג, איז נישט קיין טרוים, נאָר אַן אויפגאַבע, וועלכע מוז געלייזט ווערן. און אים האָט זיך געדאַכט, אַז די דאָזיקע אויפגאַבע קאָן מען לייזן, אַז מען דאַרף פּרוּוון דאָס צו טון.

זיך געזעגנט מיט די דאַמען און צוגעזאָגט צו זיין מאָרגן נאָך דעם גאַנצן טאָג, כדי צוזאַמען צו פאָרן רייטנדיק זעען דעם אַ נטערעסאַנטן תהום אין מלוכה־וואַלד, איז לעווין פאַרן שלאָף אַריינגעגאַנגען אין באַלע־באָס קאַבינעט, כדי צו נעמען די ביכער וועגן דער אַרבעטער־פראַגע, וועלכע סוויאַזשסקי האָט אים פאָרגעלייגט. סוויאַזשסקיס קאַבינעט איז געווען אַ ריזיק צימער, אַרומגעשטעלט מיט ביכער־שענק און מיט צוויי טישן — מיט איין מאַסיוון שרייבטיש, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן שטוב, און מיט אַ צווייטן קיילעכיקן, אויסגעלייגט אין דער פאָרם פון אַ שטערן אַרום דעם לאָמפּ מיט די לעצטע נומערן פון ציטונגען און זשור־נאַלן אויף פאַרשידענע שפּראַכן. באַם שרייבטיש, באַצייכנט מיט גאָלדענע אויפשריפטן, איז געווען אַ שענקעלע מיט טישלעדלעך פאַר פאַרשידענע ענינים.

סוויאַזשסקי האָט געפונען די ביכער און זיך אַריינגעזעצט אין דער וויגשטול.

— וואָס קוקט איר אַזוי? — האָט ער געזאָגט לעווינען, וועלכער האָט זיך אָפּגעשטעלט באַם קיילעכיקן טיש און דורכגעקוקט די זשור־נאַלן. — אָך, יאָ, דאָ געפינט זיך זייער אַן אינטערעסאַנט אַרטיקל, — האָט סוויאַזשסקי געזאָגט וועגן דעם זשורנאַל, וועלכן לעווין האָט גע־האַלטן אין דער האַנט. — עס ווייזט זיך אַרויס, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ פריילעכער לעבהאַפטיקייט, — אַז דער הויפּט־שולדיקער אין דער צעטיילונג פון פוילן איז גאָרנישט געווען פרידריך. עס ווייזט זיך אַרויס...

און ער האָט מיט זיין אייגנטימלעכער קלאָרקייט בקיצור דערציילט די דאָזיקע נייע, זייער וויכטיקע און אינטערעסאַנטע אַנטדעקונגען. נישט געקוקט דערויף, וואָס לעווינען האָט אַצינד מער פון אַלץ אינטערעסירט דער געדאַנק וועגן באַלעבאַטישקייט, האָט ער, הערנדיק דעם באַלעבאָס, זיך געפרעגט: „וואָס זיצט דאָרט אין אים? און פאַרוואָס, פאַרוואָס איז אים אינטערעסאַנט די צעטיילונג פון פוילן?” ווען סוויאַזשסקי האָט געענ־דיקט, האָט לעווין נישט ווילנדיק געפרעגט: — נו, איז וואָס ווייטער? — נאָר עס איז גאָרנישט געווען. עס איז בלויז געווען אינטערעסאַנט דאָס, וואָס „עס האָט זיך אַרויסגעוויזן”. אָבער סוויאַזשסקי האָט נישט דערקלערט

און נישט געהאַלטן פאַר נייטיק צו דערקלערן, פאַרוואָס דאָס איז אים אינטערעסאַנט.

— יאָ, אָבער מיך האָט זייער אינטערעסירט דער בייזער גוטבאַזי־צער, — האָט לעווין מיט אַ זיפץ געזאָגט. — ער איז קלוג און האָט געזאָגט אַ סך אמת.

— אָך, גייט! אַ פאַרביסענער געהיימער אָנהענגער פון לייב־אייגנ־טום, ווי זיי אַלע! — האָט סוויאַזשסקי געזאָגט.

— וועמעס אָנפירער איר זענט...

— יאָ, נאָר איך פיר זיי אין אַן אַנדערער זייט אַריין, — האָט סוויאַזשסקי לאַכנדיק געזאָגט.

— מיך אינטערעסירט זייער אָט וואָס, — האָט לעווין געזאָגט. — זער איז גערעכט, אַז אונזער זאַך, דאָס הייסט דער ענין פון אַ ראַציאָנע־לער באַלעבאַטישקייט, גייט נישט, אַז עס גייט בלויז אַ באַלעבאַטישקייט פון וווכעריי, ווי באַ דעמדאָזיקן שטילינקן, אָדער אַ גאַר איינפאַכע באַ־לעבאַטישקייט... ווער איז אין דעם שולדיק?

— פאַרשטייט זיך, מיר אַליין. און חוצדעם איז אויך נישט אמת, אַז עס גייט נישט. באַ וואַסילטשיקאָוון גייט.

— דער זאַוואָד...

— נאָר איך ווייס פונדעסטוועגן נישט, וואָס איר וווּנדערט. דאָס פאָלק שטייט אויף אַזאַ נידעריקער שטופּע פון מאַטעריעלער און גייסטיקער אַנטוויקלונג, אַז עס מוז, משמעות, זיך אַקעגנשטעלן דעם אַלעם. אין וואָס עס ניימיקט זיך. אין איראָפּע גייט די ראַציאָנעלע באַלעבאַטישקייט דער־פאַר, וואָס דאָס פאָלק איז געבילדעט; איז דערפון געדרונגען, אַז באַ אונז דאַרף מען בילדן דאָס פאָלק. — דאָס איז אַלץ.

— אָבער ווי אַזוי־זשע בילדן דאָס פאָלק?

— כּדי צו בילדן דאָס פאָלק זענען נייטיק דריי זאַכן: שולן, שולן און שולן.

— אָבער איר האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז דאָס פאָלק שטייט אויף אַ נידעריקער שטופּע פון מאַטעריעלער אַנטוויקלונג: וואָס־זשע העלפן דאָ העלפן שולן?

— איר ווייסט, איר דערמאָנט מיר דעם אַנעקדאָט וועגן די עצות פאַר אַ קראַנקן: „איר וואָלט געפּרוּווט געבן אויף אָפּפירונג. שוין גע־געבן: עס איז ערגער געוואָרן. פּרוּווט פּיאַווקעס. שוין געפּרוּווט: עס איז ערגער געוואָרן. נו, איז בעט־זשע שוין בלויז גאָט. שוין געפּרוּווט:

עס איז ערגער געוואָרן". מיט אינז איז אויך דאָס אייגענע. איך זאָג — פּאָליטישע עקאָנאָמיע, זאָגט זיך — עס איז ערגער. איך זאָג סאָציאַליזם — ערגער. בילדונג — ערגער.

— אָבער וואָס־זשע וועלן העלפן די שולן?

— זיי וועלן אים געבן אַנדערע באַדערפעניש.

— אָט דאָס האָב איך קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען, — האָט לעווין אויפגערעגט געענטפערט. — ווי אַזוי וועלן שולן העלפן דעם פאָלק אויסבעסערן זיין מאַטעריעלן צושטאַנד? איר זאָגט: שולן, בילדונג וועלן אים געבן נייע באַדערפעניש. איז נאָך ערגער, ווייל ער וועט נישט בכוח זיין צו באַפרידיקן זיי. און ווי אַזוי דאָס קענען חיבור און חיסור און דעם קאַטעכיזיס העלפן אים העלפן אויסבעסערן זיין מאַטעריעלן מצב, האָב איך קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרשטיין. איך האָב אייערנעכטן אינאָוונט געטראָפן אַ פרויערטע מיט אַ זייג־קינד און זי געפרעגט, וווהין זי גייט. זאָגט זי: „זי איז בא דער הייבאַם געווען, דאָס יינגל האָט די „פלאַצקעס" געקריגן, האָט זי עס געטראָגן היילן". פרעג איך זי: „ווי אַזוי היילט די הייבאַם פון די פלאַצקעס?" — „זי זעצט דאָס קינד צוריק אויף דער הינער־שטאַנג און מורמלט עפּעס".

— נו, אָט, זאָגט איר דאָך אַליין! כדי זי זאָל נישט טראָגן היילן פון די פלאַצקעס אויף דער הינער־שטאַנג אַרויף, צוליב דעם איז נייטיק... — האָט סוויאַזשסקי געזאָגט מיט אַ פריילעכן שמייכל.

— אָך, ניין! — האָט לעווין מיט פאַרדראָס געזאָגט, — דאָסדאָזיקע היילן דערמאָנט מיך בלויז צו דעם היילן דאָס פאָלק מיט שולן. דאָס פאָלק איז אָרים און אומגעבילדעט — דאָס זעען מיר פונקט אַזוי גוט, ווי די פרויערטע זעט די פלאַצקעס, ווייל דאָס קינד שרייט. נאָר פאַרוואָס פון דערדאָזיקער צרה — פון דער אָרימקייט און אומגעבילדעטקייט — וועלן אַרויסהעלפן די שולן, איז פונקט אַזוי אומפאַרשטענדלעך, ווי עס איז אומפאַרשטענדלעך, פאַרוואָס פון די פלאַצקעס וועלן אַרויסהעלפן די הינער אויף דער שטאַנג. העלפן דאַרף מען אין דעם, פון וואָס ער איז אָרים.

— נו, אין דעם, על כל פנים, גייט איר אייך צונויף מיט ספּענסערן, וועלכן איר האָט אַזוי נישט ליב; ער זאָגט אויך, אַז בילדונג קאָן זיין אַ רעזולטאַט פון גרויסן וווילשטאַנד און לעבנס־באַקוועמלעכקייט, פון אָפטן וואַשן זיך, ווי ער זאָגט, אָבער נישט פון קאָנען לייענען און רעכענען...

— מילא, בין איך זייער צופרידן אָדער, פאַרקערט, זייער נישט צופרידן, וואָס איך בין מיך צונויפגעגאַנגען מיט ספּענסערן; נאָר דאָס ווייס איך שוין לאַנג. שולן וועלן נישט העלפן. נאָר עס וועט העלפן אַזאַ עקאָנאָמישע איינאָרדנונג, בּאַ וועלכער דאָס פאָלק וועט זיין רייכער, וועט האָבּן מער פרייע צייט, — און דעמאָלט וועלן אויך זיין שולן.

— פונדעסטוועגן זענען אצינד אין גאַנץ אייראָפּע שולן אַ חוצנגס-זאַך.

— אָבּער איר אַליין זענט מסכּים אין דעם מיט ספּענסערן ? — האָט לעווין געפרעגט.

אָבּער אין סוויאַזשסקיס אויגן האָט אַ שימער געטון דער אויסדרוק פון שרעק, און ער האָט שמייכלענדיק געזאָגט :

— ניין, די בּלאָצקעס זענען אויסגעצייכנט! צי האָט איר אַליין געהערט ?

לעווין האָט געזעען, אַז ער וועט טאַקע נישט דערגיין דעם צוזאַמענהאַנג פון דעם מענטשס לעבּן מיט זיינע געדאַנקען. אים איז בּלויז בּייטיק געווען דער פּראָצעס פון טראַכטן. און אים איז נישט אָנגענעם געווען, ווען דער פּראָצעס פון טראַכטן האָט אים פאַרפירט אין אַ שטעקן ווינקל. בּלויז דאָס האָט ער נישט ליב געהאַט און אויסגעמיטן, איבּערפירנדיק דעם שמועס אויף עפּעס אָנגענעם-פריילעכס.

אַלע איינדריקן פונם דאָזיקן טאָג, אָנגעהויבּן פון דעם איינדרוק פונם פויער אינמיטן וועג, וועלכער האָט געדינט ווי אַלס הויפּט-בּאַזיס פון אַלע היינטיקע איינדריקן און געדאַנקען, האָבּן שטאַרק בּאַונרויקט לעווינען. דער דאָזיקער ליבּער סוויאַזשסקי, וואָס האַלט זיך אָפּן בּלויז מיט די געדאַנקען פאַרן געזעלשאַפטלעכן געבּרויך און האָט עפּעס, משמעות, אַנדערע, פאַר לעווינען געהיימע, לעבּנס-יסודות; גלייכצייטיק איז ער — מיט דער מענגע, וואָס איר נאָמען איז דער לעגיאָן, וועלכער פירט אָן מיט דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג מיט דער הילף פון געדאַנקען, וואָס זענען פרעמד פאַר אים ; דער דאָזיקער בּייזער גוטבּאַזיצער, דער פאָלקאָם גערעכטער אין זיינע טענות, וואָס זענען אַרויסגערופן געוואָרן דורך די צייטן פון לעבּן, נאָר אומגערעכטער מיט זיין כּעס צו אַ גאַנצן קלאַס און צום בּעסטן קלאַס פון רוסלאַנד ; די אייגענע אומצופרידנקייט מיט זיין עסקים און די בּעפּלהאַפטע האָפנונג צו געפינען אַן אויסבּעסערונג פאַר

דעם אַלעם, — דאָס אַלץ האָט זיך צונויפגעגאָסן אין אַ געפיל פון אַ־ נערלעכער אומרויקייט און דערוואַרטונג אויף אַ נאָענטער אַנטשיידונג.

געבליבן אַליין אין דעם צימער, וואָס איז אים אָפּגעגעבן געוואָרן, ליגנדיק אויף דעם פרוזשינע־מאַטראַץ, וואָס האָט אומגעריכט אונטער־גע־ וואָרפן בּאַ יעדער בּאַוועגונג זיינע הענט און פיס, איז לעווין לאַנג נישט געשלאָפן. קיין איין געשפּרעך מיט סוויאַזשסקין, הגם ער האָט געזאָגט אַ סך קלוגע זאַכן, האָבן נישט אינטערעסירט לעווינען; אָבער דעם גוט־ בּאַזיצערס בּאַווייזן האָבן געפאָדערט בּאַהאַנדלונג. לעווין האָט נישט ווילנדיק זיך דערמאַנט זיינע אַלע ווערטער און פאַרראַכטן אין זיין דמיון דאָס, וואָס ער האָט אים געענטפערט.

„יאָ, איך האָב אים געדאַרפט זאָגן: איר זאָגט, אַז אונזער בּאַלע־ בּאַטישקייט גייט נישט דערפאַר, וואָס דער פּויער האָט פיינט אַלע פאַר־ פאַלקאָמונגען און אַז מען דאַרף זיי איינפירן מיט מאַכט; אָבער ווען דאָס בּאַלעבּאַטישקייט וואָלט אינגאַנצן נישט געגאַנגען אָן די דאָזיקע פאַרפאָל־ קאָמונגען, וואָלט איר געווען גערעכט; אָבער עס גייט בּלויז דאָרט, ווו דער אַרבּעטער אַרבּעט אין הסכּם מיט זיינע געוווינהייטן, ווי בּאַם אַלטן אין מיטן וועג. אייער און אונזער אַלגעמיינע אומצופרידנקייט מיט דער אַרבּעט בּאַווייזט, אַז שולדיק זענען מיר, און נישט די אַרבּעטער. מיר אַרבּעטן שוין לאַנג אויפן אייגענעם, אויפן אייראָפּעישן שטייגער, נישט אינטערעסירנדיק זיך מיט די אייגנשאַפטן פון דער אַרבּעטס־קראַפט. לאָ־ מיר פּרוּוון אָנערקענען די אַרבּעטס־קראַפט נישט אַלס אידעאַלע אַר־ בּעטס־קראַפט, נאָר אַלס רוסישן פּויער מיט זיינע אינסטינקטן, און לאָמיר איינאָרדנען אין הסכּם מיט דעם דאָס בּאַלעבּאַטישקייט. שטעלט אייך פאָר, האָב איך אים געדאַרפט זאָגן, אַז בּאַ אייך פירט זיך דאָס בּאַ־ לעבּאַטישקייט, ווי בּאַם אַלטן, אַז איר האָט געפונען אַ מיטל צו פאַר־ אינטערעסירן די אַרבּעטער אינם דערפאָלג פון דער אַרבּעט און אויך גע־ פונען דעם מיטלפּונקט אין די פאַרפאָלקאָמונגען, וועלכן זיי אָנערקענען, און איר, הגם איר וועט נישט אויסמאָגערן דעם בּאָדן, וועט בּאַקומען צוויי מאָל, דריי מאָל אַזוי פיל, ווי פריער. צעטיילט אויף דער העלפט, גיט אַוועק אַ העלפט דער אַרבּעטס־קראַפט; די רעשט, וואָס וועט אייך בּלייבן, וועט זיין מער, אויך די אַרבּעטס־קראַפט וועט בּאַקומען מער. און כּדי דאָס צו טון דאַרף מען אַראָפּלאָזן דעם ניוואָ פון דעם בּאַלעבּאַטישקייט און פאַראינטערעסירן די אַרבּעטער אין דעם דערפאָלג פון דעם בּאַלע־

באַטישקייט. ווי אַזוי דאָס צו טון, דאָס איז אַ פראַגע פון פרטים; אָבער עס איז קיין ספק נישט, אַז דאָס איז מעגלעך".

דעדראָזיקער געדאַנק האָט אַריינגעבּרענגט לעווינען אין אַ שטאַרקער אויפרעגונג. ער איז נישט געשלאָפן אַ האַלבע נאַכט, דורכטראַכטנדיק די איינצלהייטן, ווי אַזוי צו פאַרווירקלעכן דעמדאָזיקן געדאַנק. ער האָט זיך נישט געקליבן אַוועקצופאָרן צומאָרגנס, אָבער אַצינד האָט ער באַשלאָסן, אַז ער וועט באַגינען אַהיימפאָרן. חוץדעם, האָט דידאָזיקע שוועגערין מיט דעם דעקאָלטע און קלייד אַרויסגערופן בּאַ אים אַ געפיל, ענלעך צו בושה און חרטה פאַר אַ שלעכטער האַנדלונג. דער עיקר אָבער — ער האָט געדאַרפט פאָרן, נישט אָפּלייגן: מען דאַרף באַווייזן פאָרצולייגן די פויערן דעם נייעם פּראָיעקט, איידער מען האָט פאַרזייעט די ווינטער-תבואה, כדי צו זייען זי שוין אויף נייע יסודות. ער האָט באַשלאָסן איבערצואַנדערשן דאָס גאַנצע פריערדיקע באַלעבאַטישקייט.

XXIX.

דאָס פאַרווירקלעכן לעווינס פּלאַן האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ סך שוועריקייטן; אָבער ער האָט געאַרבעט מיט אַלע כוחות און דערגרייכט, הגם נישט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט, אָבער דאָס, וואָס ער האָט געקענט, — נישט אָפּנאַרנדיק זיך, גלייבן, אַז דידאָזיקע זאַך איז ווערט די אַרבעט. איינע פון די הויפּט-שוועריקייטן איז געווען דאָס, וואָס דאָס באַלעבאַטישקייט איז שוין געגאַנגען, וואָס מען האָט נישט געקאָנט אָפּשטעלן אַלץ און אָנהייבן אַלץ פון אָנהייב, נאָר מען האָט געדאַרפט אין גאַנג פאַרריכטן די מאַשין.

ווען ער האָט אין זעלבן אָוונט, וואָס ער איז געקומען אַהיים, מיטגעטיילט דעם פאַרוואַלטער זיינע פּלענער, האָט דער פאַרוואַלטער מיט קענטיקער צופרידנקייט מסכים געווען מיט יענעם טייל פון זיינע רייד, וואו ער האָט געוויזן, אַז אַלץ, וואָס איז געטון געוואָרן ביז אַצינד — איז געווען נאַריש און נישט גינסטיק. דער פאַרוואַלטער האָט געזאָגט, אַז ער האָט דאָס שוין לאַנג געזאָגט, נאָר אַז אים האָט מען נישט געוואָלט הערן. וואָס שייך דעם פאָרשלאַג, וואָס איז אים געמאַכט געוואָרן דורך לעווינען, — אָנטייל צו נעמען אַלס גלייכער שותּף צוזאַמען מיט די אַר-

בעטער אין דער גאַנצער באַלעבאַטישער אונטערנעמונג, — האָט דער פּאַרוואַלטער אויף דעם אויסגעדריקט בלויז אַ גרויסע אַפּאַטיע און קיין שום באַשטימטע מיינונג, און האָט גלייך אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דער נייטיקייט אויף מאָרגן איבערצופירן די איבעריקע סנאָפּעס קאָרן און שיקן טיילן, אַזוי אַז לעווין האָט דערפילט, אַז אַצינד איז נישט די צייט אויף דעם.

ווען ער האָט זיך צערעדט מיט די פּויערן וועגן דעם זעלבן און זיי געמאַכט אַ פאָרשלאָג צו געבן ערד אויף נייע באַדינגונגען, האָט ער זיך אויך אָנגעטראָפן אויף יענער הויפּט-שווערקייט, וואָס זיי זענען געווען אַזוי פאַרנומען מיט דער לויפנדיקער טאָג-אַרבעט, אַז זיי האָבן קיין צייט נישט געהאַט דורכצוטראַכטן די באַקוועמלעכקייטן און אומבאַקוועמלעכקייטן פון דער אונטערנעמונג.

דער נאַיווער פּויער איוואַן, דער בהמות-טרייבער, האָט, דאַכט זיך, גרינטלעך פאַרשטאַנען לעווינס פאָרשלאָג — צו נעמען מיט דער פאַמיליע אַן אָנטייל אין די רווחים פון דעם פיי-הויף — און איז דורכויס צופרידן געווען מיט דערדאָזיקער אונטערנעמונג. אָבער ווען לעווין האָט אים אויסגעטייטשט די קינפטיקע רווחים, האָט זיך אויף איוואַנס פּנים אויסגעדריקט צערודערטקייט און באַדויערונג, וואָס ער קאָן נישט אַלץ אויפנעמען, און ער האָט זיך אייליק אָפּגעזוכט עפּעס אַן אַרבעט, וואָס לאָזט זיך נישט אָפּלייגן: אָדער ער האָט זיך גענומען צום היי-גאָפּל אַרויסוואַרפן דאָס היי פון שטאַל, אָדער אָנגיסן וואַסער, אָדער אונטעררייניקן דאָס מיסט.

די צווייטע שווערקייט איז באַשטאַנען אין דעם אומבאַזיגבאַרן אומצוטרוי פון די פּויערן, אַז דעם גוטבאַזיצערס ציל זאָל קאָנען באַשטיין אין עפּעס אַנדערש, אַ חוץ דעם פאָרלאַנג זיי אויסצוזויגן וויפל מער. זיי זענען געווען פעסט איבערצייגט, אַז זיין אמתן ציל (וואָס ער זאָל זיי נישט זאָגן) וועט ער זיי נישט אויסזאָגן. אויך זיי אַליין, ווען זיי האָבן זיך צערויסגעזאָגט, האָבן גערעדט אַ סך, אָבער קיינמאָל נישט געזאָגט דאָס, אין וואָס זייער אמתער ציל איז באַשטאַנען. חוץ דעם (לעווין האָט געפילט, אַז דער פאַרביטערטער גוטבאַזיצער איז געווען גערעכט), וואָלטן די פּויערן אַלס דעם ערשטן און אומפאַרענדערטן באַדינג פון וואָסער עס זאָל נישט זיין אָפּמאַך געשטעלט דאָס, אַז זיי זאָלן נישט געניט זיין צו וואָסערע עס זאָל נישט זיין נייע מעטאָדן פון באַלעבאַטישקייט און צו באַנוצן נייע אַרבעטס-מכשירים. זיי האָבן מסכים געווען, אַז אַן אַקער-

אייזן אַקערט בעסער, אַז אַן אַקער-מאַשין אַרבעט שנעלער, אָבער זיי האָבן געפונען טויזנטער סיבות, פאַרוואָס זיי קאָנען נישט באַנוצן נישט דאָס, נישט דאָס צווייטע, און הגם ער איז איבערצייגט געווען, אַז מען דאַרף אַראָפּלאָזן דעם ניוואָ פון דעם באַלעבאַטישקייט, איז אים אַ שאָד געווען זיך אָפּצוזאָגן פון די פאַרפאָלקאָמונגען, וואָס זייער באַקוועמלעכקייט איז געווען אַזוי באַשיינפערלעך. אָבער, נישט געקוקט אויף דידאָזיקע אַלע שוועריקייטן, האָט ער זיך דערשלאָגן זיינס, און האַרבסט-צייט איז די זאַך אַוועק, אָדער אים האָט זיך, על כל פנים, אַזוי געדאַכט.

אין אָנהייב האָט לעווין געטראַכט אָוועקצוגעבן דאָס גאַנצע באַלעבאַטישקייט, אַזוי ווי עס איז געווען, די פויערן, די אַרבעטער און דעם פאַרוואַלטער אויף נייע בשותּפותדיקע באַדינגונגען; אָבער זייער גיך האָט ער זיך איבערצייגט, אַז דאָס איז אוממעגלעך, און באַשלאָסן צו צעטיילן דאָס באַלעבאַטישקייט. דער בהמות-הויף, דער סאָד, דער גאָרטן, די לאָנקעס, די פעלדער, צעטיילט אויף עטלעכע חלקים, האָבן געדאַרפט שאַפן באַזונדערע קאַטעגאָריעס. דער נאַיווער איוואַן, דער בהמות-טרייבער, וואָס האָט בעסער פון אַלע, ווי לעווינען האָט זיך געדאַכט, פאַרשטאַנען דעם ענין, האָט זיך צוגעקליבן שותּפים, הויפּטזעכלעך פון זיין פאַמיליע און געוואָרן מיטבאַטייליקטער פון בהמות-הויף. דאָס ווייטע פעלד, וואָס איז אַכט יאָר געלעגן וויסט, איז גענומען געוואָרן מיט דער הילף פון דעם קלוגן טשעסליאַר, פעדאָר רעזונאָוו, דורך זעקס פויערישע פאַמיליעס אויף נייע געזעלשאַפטלעכע יסודות, און דער פויער שוראַיעוו האָט גענומען אויף די זעלבע באַדינגונגען אַלע גערטנער. דאָס איבעריקע איז נאָך געווען אויפן אַלטן שטייגער, אָבער דידאָזיקע דריי קאַטעגאָריעס זענען געווען דער אָנהייב פון אַ נייער איינריכטונג און האָבן דורכאויס פאַראינטערעסירט לעווינען.

אמת, אַז אויפן בהמות-הויף איז ביז אַצינד די זאַך געגאַנגען נישט בעסער ווי פריער; איוואַן האָט שטאַרק זיך אַקעגנגעשטעלט די וואַרעמע שטאַלן פאַר די קי און דער שמאַנט-פּוטער, טענהנדיק, אַז אַ בהמה אין דער קעלט דאַרף ווינציקער עסן און אַז פּראָסטע פּוטער איז שפּאָרעוודיקער, און האָט געפאָדערט געהאַלט, ווי פריער, און זיך לגמרי נישט אינטערעסירט מיט דעם, וואָס דאָס געלט, וועלכעס ער האָט באַקומען, איז נישט קיין געהאַלט, נאָר אַן צוואַנס אויף זיין חלק רווח.

אמת, אַז פעדאָר רעזונאָוס קאָמפּאַניע האָט נישט איבערגעאַקערט צוויי מאָל מיט די אַקעראייזנס פאַרן זייען, ווי עס איז אויסגערעדט גע-

ווען, מיטן תּירוץ, אַז די צייט איז געווען קורץ. אמת, די פּויערן פון דערדאַזיקער קאָמפּאַניע, הגם זיי האָבן זיך אויסגענומען צו פירן דאָסדאָזיקע געשעפט אויף נייע יסודות, האָבן אָנגערופן דידאָזיקע ערד נישט בשותפותדיקע, נאָר צעטיילטע, און נישט איינמאָל האָבן אויך די פּויערן פון דעמדאָזיקן קאָאָפּעראַטיוו, און רעזונאָוו אַליין, געזאָגט לעווינען: „איר וואָלט גענומען געלט פאַר דער ערד און עס וואָלט געווען אי פאַר אייך רויקער, אי פאַר אונז באַקוועמער". חוצדעם, האָבן דידאָזיקע פּויערן אַלץ אָפּגעלייגט מיט פאַרשיידענע תּירוצים דאָס אויסבויען אויף דערדאָזיקער ערד דעם אויסגערעדטן בהמות-הויף און טרוקן-שייערס און אָפּגעשלעפּט ביזן ווינטער.

אמת, אַז שוראַיעוו האָט די גענומענע גערטנער געוואָלט איינטיילן אויף שטיקלעך צווישן די פּויערן. ער האָט, משמעות, גאָר פאַרקערט און, דאַכט זיך, בכיוון-פאַרקערט פאַרשטאַנען די באַדינגונגען, אויף וועלכע די ערד איז אים אָוועקגעגעבן געוואָרן.

אמת, אַז אָפט שמועסנדיק מיט די פּויערן און אויפקלערנדיק זיי אַלע באַקוועמלעכקייטן פון דער אונטערנעמונג, האָט לעווין געפילט, אַז די פּויערן הערן בלויז דעם קלאַנג פון זיין קול און ווייסן זיכער, אַז, וואָס ער זאָל נישט רעדן, וועלן זיי זיך נישט לאָזן פון אים אָפּנאַרן. באַזונדערס האָט ער דאָס געפילט, ווען ער האָט גערעדט מיטן קלוגסטן פון די פּויערן, מיט רעזונאָוון, און באַמערקט דעם שפּיל אין רעזונאָווס אויגן, וועלכער האָט דייטלעך געוויזן אי איראָניע איבער לעווינען, אי אַ פעסטע זיכערקייט, אַז אויב עס וועט שוין אפילו יאָ ווער אָפּגענאַרט ווערן, וועט דאָס זיכער זיין נישט ער, רעזונאָוו.

אָבער, נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, האָט לעווין געטראַכט, אַז דאָס געשעפט גייט און אַז, אויב ער וועט שטרענג פירן די חשבונות און זיך עקשנותדיק האַלטן בײַ זיינס, וועט ער זיי אין דער צוקונפט באַווייזן די באַקוועמלעכקייטן פון אַזאַ איינריכטונג, און אַז דעמאָלט וועט די זאַך גיין פון זיך אַליין.

דידאָזיקע עסקים, צוזאַמען מיטן איבעריקן באַלעבאַטישקייט, וואָס איז געבליבן אין זיינע הענט, צוזאַמען מיט דער קאַבינעט-אַרבעט איבער זיין בוך, האָט אַזוי פאַרנומען דעם גאַנצן זומער לעווינען, אַז ער איז כמעט נאָרנישט געפאָרן אויף יאַגד. ער איז געוווירר געוואָרן סוף אויגוסט וועגן דעם, אַז די אָבלאָנסקיס זענען אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע, פון

זייער מענטש, וואָס האָט אים צוריקגעברענגט דאָס זאָטל. ער האָט געפילט, אַז מיט דעם, וואָס ער האָט נישט געענטפערט אויף דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונעס בריוו, מיט זיין אומהעפלעכקייט, וועגן וועלכער ער האָט זיך נישט געקאָנט דערמאַנען, אַן רויט ווערן פאַר בושה, האָט ער פאַרברענט זיינע שיפן און וועט שוין קיינמאָל נישט פאָרן צו זיי. פונקט אַזוי האָט ער אויך געהאַנדלט מיט סוויאַזשסקין, אַוועקפאָרנדיק אומגעזעגנט. אָבער ער וועט אויך צו זיי שוין קיינמאָל נישט פאָרן. אַצינד איז דאָס אים געווען אַלץ איינס. דער ענין פון דעם נייעם איבערבויען זיין באַלעבאַטישקייט האָט אים אַזוי פאַרנומען, ווי נאָך קיינמאָל קיין שום זאַך אין לעבן. ער האָט איבערגעלייענט די ביכער, וועלכע סוויאַזשסקי האָט אים געגעבן און, אויסשרייבנדיק דאָס, וואָס האָט זיך נישט געפונען בא אים, האָט ער איבערגעלייענט סיי די פּאָליטיש־עקאָנאָמישע, סיי די סאָציאַליסטישע ביכער וועגן דער פראַגע. אָבער, ווי ער האָט טאַקע דערוואַרט, האָט ער גאָרנישט געפונען אַזעלכעס, וואָס זאָל זיך באַציען צו זיין אונטערגענומענער זאַך. אין די פּאָליטיש־עקאָנאָמישע ביכער, בא מילען, למשל, וועלכן ער האָט דעם ערשטן דורכשטודירט מיט גרויס התמדה, אין דער האָפנונג יעדע מינוט צו געפינען די לייזונג פון די פראַגן, וואָס האָבן אים אינטערעסירט, האָט ער געפונען געזעצן, אַרויסגעפירט פון דעם אייראָפּעישן באַלעבאַטישקייט; אָבער ער האָט בשום אופן נישט געזען, פאַרוואָס דידאָזיקע געזעצן, וואָס לאָזן זיך נישט אָנווענדן לגבי רוסלאַנד, דאַרפן זיין אַלגעמיינע. דאָס זעלבע האָט ער אויך געזען אין די סאָציאַליסטישע ביכער: אָדער דאָס זענען געווען הערלעכע, נישט אויספירבאַרע פאַנטאַזיעס, מיט וועלכע ער האָט זיך עקזאַלטירט, נאָך זייענדיק סטודענט, אָדער אויסבעסערונגען, פאַרריכטונגען פון דער זאַך־לאַגע, אין וועלכער אייראָפּע איז געשטעלט געוואָרן און מיט וועלכער דער ווירטשאַפטלעכער ענין אין רוסלאַנד האָט נישט קיין שום געמיינזאַמס. די פּאָליטישע עקאָנאָמיע האָט געזאָגט, אַז די געזעצן, לויט וועלכע עס האָט זיך אַנטוויקלט און עס אַנטוויקלט זיך דאָס רייכטום פון אייראָפּע, זענען געזעצן אַלגעמיינע און אָנספקדיקע. די סאָציאַליסטישע לערע האָט געזאָגט, אַז די אַנטוויקלונג לויט דידאָזיקע געזעצן פירט צום אונטערגאַנג. און נישט דאָס ערשטע, נישט דאָס צווייטע האָט נישט געגעבן נישט בלויז קיין ענטפער, נאָר אפילו די קלענסטע אָנדייטונג אויף דעם, וואָס ער, לעווין, און אַלע רוסישע פויערן און ערדבאַזיצערס האָבן צו טון מיט

זייערע מיליאָנען הענט און דיעסאַטינעס, אַז זיי זאָלן זיין וואָס מער פראָדוקטיוו פאַר דעם אַלגעמיינעם ווילזיין.

שוין איינמאָל זיך גענומען צו דערדאָזיקער זאַך, האָט ער געוויסנ-האַפטיק איבערגעלייענט אַלץ, וואָס האָט זיך באַצויגן צו זיין ענין, און בדעה געהאַט אין האַרבסט צו פאָרן קיין אויסלאַנד, כדי נאָך אויפן אָרט אויסצושטודירן דעמדאָזיקן ענין, אַז עס זאָל זיך מיט אים שוין נישט טרעפן בנוגע דערדאָזיקער פראַגע דאָס, וואָס עס פלעגט זיך מיט אים אַזוי אָפט טרעפן בנוגע פאַרשידענע פראַגן. ווי ער פלעגט נאָר אָנ-הייבן פאַרשטיין דעם מיטשמועסערס געדאַנק און פאָרמולירן זיינעם, פלעגט מען אים גלייך זאָגן: „און קויפמאַן, און דושאָנס, און דיובוא, און מיטשעלי? איר האָט זיי נישט געלייענט. לייענט איבער: זיי האָבן באַ-האַנדלט דידאָזיקע פראַגע".

ער האָט איצינד געזעען קלאָר, אַז קויפמאַן און מיטשעלי האָבן אים גאָרנישט צו זאָגן. ער האָט געוווּסט, וואָס ער וויל. ער האָט געזעען, אַז רוסלאַנד האָט אויסגעצייכנטע ערד, אויסגעצייכנטע אַרבעטער און אַז אין געוויסע פאַלן, ווי באַם פויער אין מיטן וועג, פראָדוצירן די אַרבע-טער און די ערד אַ סך. מערסטנטייל אָבער, ווען דער קאַפּיטאַל ווערט אָנגעווענדט אויפן אייראָפּעיִשן שטייגער, פּראָדוצירן זיי ווייניק, און אַז דאָס שטאַמט בלויז פון דעם, וואָס די אַרבעטער ווילן אַרבעטן און אַר-בעטן גוט בלויז אויף איין זייער געאייגנטן אופן. און אַז דערדאָזיקער ווי-דערשטאַנד איז נישט קיין צופעליקער, נאָר אַ בסדרדיקער, וואָס האָט זיין יסוד אין דער נשמה פון פאָלק. ער האָט געטראַכט, אַז דאָס רוסישע פאָלק, וואָס זיין מיסיע איז צו באַזעצן און באַאַרבעטן ריזיקע נישט פאַרנומענע שטחים, האַלט זיך, באַוווּסטזיניק, אַזוי לאַנג, כּל זמן אַלע שטיקער ערד זענען נישט פאַרנומען, בײַ די פאַר אים נייטיקע מיטלען און אַז דידאָזיקע מיטלען זענען גאָרנישט אַזוי שלעכט, ווי מען מיינט דאָס געוויינלעך. און ער האָט דאָס געוואָלט דערווייזן טעאָרעטיש, אין אַ בוך, און אין דער פּראַקטיק, אין זיין באַלעבאַטישקייט.

XXX.

סוף סעפּטעמבער איז צוגעפירט געוואָרן דאָס געהילץ אויפצובויען דעם הויף אויף דער ערד, וואָס איז אָוועקגעגעבן געוואָרן דעם קאָאָפּעראַטיוו און עס איז פאַרקויפט געוואָרן די פוטער פון די בהמות און צעטיילט געוואָרן דער רווח. אין דעם באַלעבאַטישקייט, אין דער פּראַקטיק, איז דאָס געשעפט געגאַנגען אויסגעצייכנט, אָדער, על כּל פּנים, האָט זיך לעווינען אַזוי געדאַכט. כּדי אָבער טעאָרעטיש קלאָר צו מאַכן דעם גאַנצן ענין און צו פאַרענדיקן דאָס ווערק, וואָס האָט, לויט לעווינס טרוימען, נישט בלויז געדאַרפט אַרויסרופן אַן איבערקערעניש אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, נאָר אינגאַנצן פאַרניכטן דידאָזיקע לערע און אָוועקלייגן דעם אָנהייב פאַר אַ נייער לערע — וועגן דער באַציונג פון פאָלק צו דער ערד, האָט מען געדאַרפט בלויז פאָרן קיין אויסלאַנד און שטודירן אויפן אָרט אַלץ, וואָס ס'איז דאָרט געטון געוואָרן אין דער ריכטונג, און געפינען איבערצייגנדע באַווייזן, אַז דאָס אַלץ, וואָס ס'איז דאָרט געטון געוואָרן, — איז נישט דאָס, וואָס מען דאַרף. לעווין האָט געוואַרט בלויז אויפן צושטעלן דעם ווייץ, כּדי צו באַקומען געלט און פאָרן קיין אויסלאַנד. אָבער עס האָבן זיך אָנגעהויבן רעגנס, וואָס האָבן נישט געלאָזט אַראָפּנעמען די געבליבענע תבואה און די קאַרטאָפליעס אין פעלד, און האָבן אָפּגעשטעלט אַלע אַרבעטן און אפילו דאָס צושטעלן דעם ווייץ. איבער די וועגן איז געווען אַ בלאָטע צום דערטרונקען ווערן. צוויי מילן האָט דאָס געוויטער אַראָפּגעטראָגן, און דאָס וועטער איז געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער.

דעם דרייסיקסטן סעפּטעמבער האָט אינדערפרי זיך געוויזן די זון, און, האָפנדיק אויף אַ שיין וועטער, האָט לעווין אַנטשלאָסן אָנגעהויבן זיך גרייטן צום אָוועקפאָרן. ער האָט געהייסן אָנשיטן דעם ווייץ, האָט געשיקט דעם פאַרוואַלטער צום סוחר, כּדי צו נעמען געלט, און אַליין איז ער אַרומגעפאָרן איבער דעם באַלעבאַטישקייט, כּדי צו מאַכן די לעצטע פאַראָרדנונגען פאַרן אָוועקפאָרן.

באַזאָרגט, פונדעסטוועגן, אַלע ענינים, אַ נאַסער פון דעם פליי־רעגן, וואָס האָט זיך אים איבערן לעדער־מאַנטל אַרונטערגעגאָסן דאָ

הינטערן האַלז, דאָ הינטער די כאָליעוועס, אָבער אין אַ זייער מונטערן און לעבהאַפטן געמיטס-צושטאַנד, האָט לעווין אָוונטצייט זיך אומגעקערט אַהיים. דאָס וועטער איז אָוונטצייט געוואָרן נאָך ערגער: דער האָגל האָט אַזוי שטאַרק געשמיסן דאָס פערד, וואָס איז אינגאַנצן אויסגעווייקט געווען און האָט געטרייסלט מיט די אויערן און מיטן האַלז, אַז עס איז בעגאַנגען זייטיק; אָבער לעווינען איז אונטערן באַשליק געווען גוט און ער האָט פריילעך געקוקט אַרום זיך דאָ אויף די טריבע שטראָמען, וואָס זענען געלאָפן איבער די קאָליעס, דאָ אויף די טראָפנס, וואָס זענען הענגען געבליבן אויף יעדן נאַקעטן צווייגל, דאָ אויף דעם ווייסן פלעק פון נישט צעגאַנגענעם האָגל אויף די ברעטער פון דער בריק, דאָ אויף די זאַפטיקע, נאָך פליישיקע בלעטער פון אַן אולם-בוים, וואָס האָבן זיך אויסגעלייגט אין אַ געדיכטן שיכט אַרום דעם נאַקעטן בוים. נישט געקוקט אויף דער מרה-שחורהדיקייט פון דער אַרומיקער נאַטור, האָט ער זיך געפילט באַזונדערס אויפגעהייטערט. די געשפרעכן מיט די פויערן אין דעם ווייטן דאָרף האָבן געוויזן, אַז זיי הייבן אָן צוגעווינט ווערן צו זייערע נייע באַציונגען. דער אַלטער הויפוועכטער, צו וועלכן ער איז פאַרפאָרן זיך אָפטרוקענען, האָט, משמעות, אָנערקענט פאַר גוט לעווינס פלאַן און אַליין פאָרגעלייגט אַריינצוטרעטן אין שותפות צו קויפן פי.

„מען דאַרף בלויז עקשנותדיק גיין צום ציל, און איך וועל מיך דערשלאָגן דאָס מייניקע. — האָט לעווין געטראַכט, — און אַרבעטן און פלייסן זיך איז דאָ פאַרוואָס. דאָס איז אַ זאַך נישט מיינס קיין פערזענלעכע, נאָר דאָ גייט אין אַלגעמיינעם ווילזיין. דאָס גאַנצע באַלעבאַטישקייט, דער עיקר — די לאַגע פון גאַנצן פאָלק, דאַרף אינגאַנצן זיך ענדערן. אָנשטאָט אָרימקייט — אַלגעמיינע רייכקייט, צופרידנקייט; אָנשטאָט שנאה — סאָלידאַריטעט און געמיינזאַמע אינטערעסן. מיט איין וואָרט, אַ רעוואָלוציע אָן בלוט, אָבער די גרעסטע רעוואָלוציע, אין אָנהייב אין דעם באַגרענעצטן געביט פון אונזער קרייז, דערנאָך פון דער גובערניע, פון רוסלאַנד, פון דער גאַנצער וועלט. וואָרים אַ גערעכטער געדאַנק קאָן נישט זיין פרוכטבאַר. יאָ, דאָס איז אַ ציל, צוליב וועלכן עס לוינט צו אַרבעטן. און דאָס, וואָס דאָס בין א י ך, קאָסטיאַ לעווין, דער זעלבער, וועלכער איז געקומען אויפן באַל אין אַ שוואַרצן שניפס, וועלכן די שטשערבאַצקאַיאַ האָט אָפגעזאָגט און וועלכער איז אין זיינע אייגענע אויגן אַזוי נעבעכדיק און נישטיק, — דאָס באַווייזט גאָרנישט. איך בין זיכער, אַז פראַנקלין האָט זיך אויך געפילט נישטיק און האָט אויך נישט

געהאַט קיין צוטרוי צו זיך, דערמאַנענדיק זיך אינגאַנצן. דאָס באַטייטשׂ זאָרגנישט. און ער האָט, אַוודאי, אויך געהאַט זיינס אַן אַגאַפיאַ מיכאַי־לאָוונאַ, וועלכער ער האָט אַנפאַרטרויט זיינע סודות".

אין אַזעלכע געדאַנקען איז לעווין שוין אין דער פינצטערניש פאַר־פאָרן צום הויז.

דער פאַרוואַלטער, וואָס איז געפאָרן צום סוחר, איז געקומען און האָט געבראַכט אַ טייל געלט פאַרן ווייץ. דער אָפּמאַך מיטן הויפוועכטער איז געמאַכט געוואָרן, און אויפן וועג איז דער פאַרוואַלטער געווויר גע־וואָרן, אַז די תבואה איז אומעטום נאָך געבליבן אין פעלד, אַזוי אַז די אייגענע נישט פאַרנומענע 160 סטויגן זענען געווען אַ גאָרנישט אין פאַר־גלייך מיט דעם, וואָס ס'איז געווען בײַ אַנדערע.

אָפּגעגעסן מיטאָג, האָט לעווין, ווי געוויינלעך, זיך אַריינגעזעצט מיט אַ בוך אין פאָטעל און, לייענענדיק, ווייטער געטראַכט וועגן זיין פאַר־שטייענדיקער נסיעה אין צוזאַמענהאַנג מיטן בוך. היינט האָט זיך אים באַזונדערס קלאָר פאָרגעשטעלט די גאַנצע באַדייטונג פון זיין ענין און פון זיך אַליין האָבן זיך צונויפגעשטעלט אין זיין געדאַנק גאַנצע אויפ־זאַצן, וואָס האָבן אויסגעדריקט דעם תוך פון זיינע געדאַנקען. „דאָס דאַרף מען פאַרשרייבן, — האָט ער אַ קלער געטון. — דאָס דאַרף פאַר־שטעלן אַ קורצע איינלייטונג, וועלכע איך האָב פריער געהאַלטן פאַר נישט נייטיק". ער איז אויפגעשטאַנען, כדי צו גיין צום שרייבטיש, און לאַסקאַ, וואָס איז געלעגן בײַ זיינע פיס, איז, אויסציענדיק זיך, אויך אויפגעשטאַנען און זיך אומגעקוקט אויף אים, אַזוי ווי פרעגנדיק, וווהין צו גיין. אָבער פאַרשרייבן איז נישט געווען קיין צייט, ווייל עס זענען געקומען די אויפזעערס באַראַטן זיך, און לעווין איז אַרויסגעגאַנגען צו זיי אין פאָרצימער אַריין.

נאָך דער באַראַטונג, דאָס הייסט די פאָראָרדנונגען וועגן די אַר־בעטן פון מאָרגנדיקן טאָג, און דעם אויפנאַם פון אַלע פויערן, וואָס האָבן געהאַט עסקים צו אים, איז לעווין אַריינגעגאַנגען אין קאַבינעט און זיך געזעצט צו דער אַרבעט. לאַסקאַ האָט זיך געלייגט אונטערן טיש; אַגאַ־פיאַ מיכאַילאָוונאַ מיט אַ זאָק האָט זיך געזעצט אויף איר אָרט.

אָפּשרייבנדיק אַ שטיקל צייט, האָט לעווין פּלוצלינג מיט אַן אומ־געוויינלעכער לעבעדיקייט זיך דערמאָנט קיטין, איר אָפּזאָג און די לעצ־טע באַגעגעניש. ער איז אויפגעשטאַנען און אָנגעהויבן אַרומגיין איבערן צימער.

— עס איז נישטאָ וואָס אומעטיק צו זיין, — האָט אים אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונאַ געזאָגט. — נו, וואָס זיצט איר אינדערהיים? איר וואָלט שוין אין די וואַרים־בעדער אַריין געפאָרן, אַז איר פאָרט שוין יאָ.

— איך פאָר טאַקע איבערמאָרגן, אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונאַ. מען דאַרף דעם ענין פאַרענדיקן.

— נו, אייער ענין דאָרט! איר האָט נאָך ווייניק אַזוי אויך די פויערן באַלוינט! מען זאָגט אַזוי אויך: אייער פריץ וועט פון קייסער פאַר דעם אַ באַלוינונג באַקומען. און ס'איז טאַקע אויסטערליש: וואָס האָט איר צו זאָרגן פאַר די פויערן.

— איך זאָרג נישט פאַר זיי, איך טו פאַר מיר.

אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונאַ האָט געוווסט אַלע איינצלהייטן פון לעווינס פלענער וועגן באַלעבאַטישקייט. לעווין פלעגט אָפט מיט אַלע פרטים איר איבערגעבן זיינע געדאַנקען און נישט זעלטן זיך שפּאַרן מיט איר און נישט מסכים זיין מיט אירע אויפקלערונגען. אָבער אַצינד האָט זי אינגאַנצן אַנדערש פאַרשטאַנען דאָס, וואָס ער האָט איר געזאָגט.

— וועגן דער אייגענער נשמה, פאַרשטייט זיך, דאַרף מען מער פון אַלץ טראַכטן, — האָט זי געזאָגט מיט אַ זיפץ. — אָט איז פּאַרפען דעניסיטש נישט קיין געלערנטער געווען, אָבער ער איז אַזוי געשטאָרבן, אַז אויף יעדן געזאָגט געוואָרן, — האָט זי געזאָגט וועגן דעם נישט לאַנג פאַרשטאָרבענעם הויפוועכטער. — ער האָט זיך מתוודה געווען, מען האָט אים געזאַלבט.

— איך רעד נישט וועגן דעם, — האָט ער געזאָגט. — איך זאָג, אַז איך טו פאַר מיין נוצן וועגן. מיר לוינט בעסער, אַז די פויערן אַרבעטן בעסער.

— וואָס איר זאָלט שוין נישט טון, אויב ער איז אַ פוילער, וועט ער אַלץ טון אומגעלומפּערט. אויב ער האָט גאָט אין האַרץ, וועט ער אַרבעטן; און אויב נישט, וועסטו גאָרנישט מאַכן.

— נו, איר זאָגט דאָך אַליין, אַז איוואַן האָט אָנגעהויבן בעסער אַכטונג צו טון אויף די בהמות?

— איך זאָג איינס, — האָט אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונאַ געענטפערט, משמעות נישט צופעליק, נאָר מיט אַ שטרענגער קאָנסעקווענטקייט: — חתונה האָבן דאַרפט איר, אָט וואָס!

אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונעס דערמאַנען וועגן דעם זעלבן, וואָס ער האָט אָקאָרשט געטראַכט, האָט אים מצער געווען און באַליידיקט. לעווין האָט

זיך אָנגעכמורעט, נישט געענטפערט איר און ווידער זיך געזעצט צו זיין ארבעט, איבערחזרנדיק זיך דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געטראַכט וועגן דער באַוייטונג פון דערדאָזיקער ארבעט. פון צייט-צו-צייט האָט ער זיך בלויז אין דער שטילקייט צוגעהערט צום קלאַנג פון אַגאַפיאַ מיכאַילאָווגעס שפּיזלען און, דערמאָנענדיק זיך דאָס, וואָס ער האָט זיך געוואָלט דערמאָנען, האָט ער זיך ווידער געקרימט.

ניין אַ זייגער האָט זיך דערהערט אַ קלינגען פון אַ גלעקל און אַ דומפּ סקריפּען פון אַ קאָטש.

— נו, אָט זענען צו אייך געסט געקומען, וועט נישט אומעטיק זיין, — האָט אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונאַ געזאָגט, אויפשטייענדיק און לאָזנדיק זיך גיין צו דער טיר. אָבער לעווין האָט זי איבערגעיאָגט. זיין ארבעט איז אַצינד נישט געגאַנגען, און ער איז געווען צופרידן פון יעדן גאַסט.

XXXI.

אַראָפּגעלאָפן ביז אין די האַלבע טרעפּ, האָט לעווין דערהערט אין פאָרצימער דעם קלאַנג פון אַ הוסטן, וואָס איז אים באַקאַנט געווען; אָבער ער האָט אים געהערט נישט דייטלעך איבער דעם קלאַנג פון זיינע טריט און געהאַפּט, אַז ער האָט זיך טועה געווען; דערנאָך האָט ער אויך דערזעען די גאַנצע לאַנגע, בייניקע, באַקאַנטע פיגור, און ער האָט זיך שוין, דאַכט זיך, נישט געקאָנט אָפּנאַרן, אָבער ער האָט נאָך אַלץ געהאָפט, אַז ער איז זיך טועה און אַז דערדאָזיקער לאַנגער מענטש, וואָס האָט אויסגעטון דאָס פוטער און זיך אויסגעהוסט, איז נישט דער ברודער ניקאָלאַי.

לעווין האָט ליב געהאַט זיין ברודער, אָבער זיין מיט אים שטענדיק צוזאַמען איז געווען אַ מאַטערניש. אַצינד אָבער, ווען לעווין איז אונטערן איינדרוק פון דעם געדאַנק, וואָס איז אים איינגעפאַלן און פון אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונעס דערמאָנונג געווען אין אַ נישט קלאָרן און פאַרפּלאָנטערטן צושטאַנד, האָט אים די פאָרשטייענדיקע זעונג מיטן ברודער אויסגעוויזן באַזונדערס שווער. אַנשטאָט אַ גאַסט אַ פריילעכן, אַ געזונטן, אַ פרעמדן, וועלכער, ער האָט געהאָפט, וועט אים צעשטרייען אין זיין אומ-

קלאָרן געמיט, האָט ער זיך געדאַרפֿט זען מיטן ברודער, װעלכער פֿאַרשטייט אים דורך און דורך, װעלכער װעט אַרויסרופֿן אין אים אַלע אינטימסטע געדאַנקען, װעט אים נייטן זיך אַרויסצוזאָגן אינגאַנצן. און דאָס האָט זיך אים ניט געגלוסט.

זייענדיק ביז אויף זיך פֿאַר דעמדאָזיקן מיאוסן געפֿיל, איז לעווין אַראָפּגעלאָפֿן אין פֿאַרצימער אַריין; װי נאָר ער האָט פֿון דער נאָענט דערזען דעם ברודער, איז דאָסדאָזיקע געפֿיל פֿון פּערזענלעכער אַנטוישונג גלייך פֿאַרשוװנדן און זיך פֿאַרביטן אויף רחמנות. װי שרעקלעך דער ברודער ניקאָלײַ איז ניט געװען פֿריער מיט זיין דאַרקייט און קרענקלעכקייט, איז ער אַצינד געװען נאָך דאַרער, נאָך שװאַכער. דאָס איז געװען אַ סקעלעט, באַדעקט מיט הויט.

ער איז געשטאַנען אין פֿאַרצימער, געציקט מיטן לאַנגן, דאַרן האַלדז, אַראָפּגעריסן פֿון אים דעם האַלדזטוך, און מאָדנע נעבעכדיק געשמייכלט. דערזעען דעמדאָזיקן שמייכל, דעם שטילן און הכנעהדיקן, האָט לעווין דערפֿילט, אַז שלוכצן שטיקן אים אין האַלדז.

— אָט בין איך געקומען צו דיר, — האָט ניקאָלײַ געזאָגט מיט אַ דומפּ קול, אויף קיין רגע ניט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן פֿון ברודערס פּנים. — איך האָב שוין לאַנג געװאָלט, נאָר כ'בין אַלץ געװען ניט מיט אַלעמען. אַצינד אָבער האָב איך מיך זייער פֿאַרבעסערט, — האָט ער געזאָגט, און אָפּגעװישט זיין באָרד מיט די גרויסע דאַרע הענט.

— יאָ, יאָ! — האָט לעװין געענטפֿערט. און אים איז געװאָרן נאָך שרעקלעכער, װען ער האָט, קושנדיק זיך, דערפֿילט מיט די ליפּן די טרוקנקייט פֿון ברודערס ליפּן און דערזען אין דער נאָענט זיינע גרויסע, אויסטערליש שייַנענדיקע אויגן.

עטלעכע װאָכן פֿאַר דעם, האָט קאָנסטאַנטין לעװין געשריבן דעם ברודער, אַז נאָכן פֿאַרקויפֿן די קליינע טייל, װעלכע איז בײַ זיי געבליבן ניט געטיילט אין הויז, האָט דער ברודער געהאַט צו באַקומען אַצינד זיין חלק, אַן ערך 2.000 רובל.

ניקאָלײַ האָט געזאָגט, אַז ער איז געקומען אַצינד נעמען דאָסדאָזיקע געלט און דער עיקר פֿאַרברענגען אַ ביסל אין דער אייגענער נעסט, זיך צורירן צו דער ערד, כּדי אָנצוקלייבן, װי די גבורים, כּוחות צו דער פֿאַרשטייענדער טעטיקייט. ניט געקוקט אויף דער פֿאַרגרעסערטער געהויערטקייט, ניט געקוקט אויף דער דאַרקייט, װאָס האָט איבערראַשט צוליב

זיין הויכן וווקס, זענען זיינע באַוועגונגען, ווי געוויינלעך, געווען שנעל און אימפּולסיוו. לעווין האָט אים אַריינגעפירט אין קאַבינעט.

דער ברודער האָט זיך איבערגעטון באַזונדערס פליייסיק, וואָס עס פלעגט פריער נישט זיין, האָט פאַרקעמט זיינע שיטערע, גלייכע האָר און איז שמייכלענדיק אַרויפגעגאַנגען אין דער הייך.

ער איז געווען אין דער ליבלעכסטער און פריילעכסטער שטימונג, ווי לעווין פלעגט אים אָפט געדענקען אין דער קינדהייט. ער האָט דערמאָנט אפילו סערגיי איוואַנאָוויטשן אָן כעס. דערזעענדיק אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונען, האָט ער אַ ביסל געשפּאַסט מיט איר און זיך אויסגעפרעגט וועגן די אַלטע דינער. די ידיעה וועגן טויט פון פאַרפען דעניסיטשן האָט נישט אָנגענעם געווירקט אויף אים. אויף זיין פּנים האָט זיך אויסגעדריקט שרעק; אָבער ער האָט זיך באַלד באַהערשט.

— ער איז דאָך שוין אַלט געווען, — האָט ער געזאָגט און געביטן דעם שמועס. — יאָ, איז וועל איך פאַרברענגען באַ דיר אַ צוויי חדשים, און דערנאָך קיין מאָסקווע. דו ווייסט, מיר האָט מיאַכקאָוו צוגעזאָגט אַ שטעלע, און איך טרעט אַריין אין דינסט. אַצינד וועל איך איינאָרדענען מיין לעבן אינגאַנצן אַנדערש, — האָט ער ווייטער גערעדט. — דו ווייסט, איך האָב דערווייטערט דידאָזיקע פרוי.

— מאַריאַ ניקאָלאַיעוונען? ווי אַזוי, פאַרוואָס זשע?

— אַך, זי איז אַ העסלעכע פרוי! זי האָט מיר אָן אַ שיעור אומאָנגענעמקייטן אָנגעטון. — אָבער ער האָט נישט געזאָגט, וואָס דידאָזיקע אומאָנגענעמקייטן זענען געווען. ער האָט נישט געקאָנט זאָגן, אַז ער האָט פאַרטריבן מאַריאַ ניקאָלאַיעוונען דערפאַר, וואָס די טיי איז געווען שוואַך, דער עיקר אָבער דערפאַר, וואָס זי איז אַרומגעגאַנגען אַרום אים, ווי אַרום אַ קראַנקן. — חוצדעם, וויל איך אַצינד בכלל ענדערן דאָס לעבן. איך האָב, פאַרשטייט זיך, ווי אַלע, געטון נאַרישקייטן, נאָר דאָס פאַרמעגן — איז דאָס לעצטע, איך באַדויער עס נישט. עס וואָלט נאָר געווען געזונט, און דאָס געזונט האָט זיך, דאַנקן גאָט, פאַרבעסערט.

לעווין האָט געהערט און געטראַכט, אָבער נישט געקאָנט צוטראַכטן, וואָס צו זאָגן. וואָרשיינלעך, האָט ניקאָלאַי אויך דאָס אייגענע דערפילט. ער האָט אָנגעהויבן אויספרעגן דעם ברודער וועגן זיינע געשעפטן; און לעווין איז צופרידן געווען צו רעדן וועגן זיך, ווייל ער האָט געקאָנט רעדן אומגעקינצלט. ער האָט דערציילט דעם ברודער זיינע פּלענער און מעשים.

דער ברודער האָט געהערט, נאָר, קענטיק, זיך נישט אינטערעסירט מיט דעם.

דידאָזיקע צוויי מענטשן זענען געווען אַזוי קרוביש און נאָענט איינער דעם אַנדערן, אַז די קלענסטע באַוועגונג, דער טאָן פון קול האָט געזאָגט פאַר ביידע מער, ווי אַלץ, וואָס מען קאָן זאָגן מיט ווערטער.

אַצינד האָבן זיי ביידע געהאַט איין געדאַנק: ניקאָלאַיס קראַנקהייט און זיין נאָענטער טויט, וואָס האָט דערדריקט אַלדאָס איבעריקע. אָבער נישט דער, נישט דער צווייטער האָבן נישט געוואָגט צו רעדן וועגן דעם, און דעריבער איז אַלץ, פון וואָס זיי האָבן נאָר גערעדט, נישט אַרויסרעדנדיק יענץ, וואָס האָט זיי אויסשליסלעך אינטערעסירט, געווען ליגנט. קיינמאָל איז לעווין נישט אַזוי צופרידן געווען פון דעם, וואָס דער אָוונט האָט זיך געענדיקט און מען האָט געדאַרפט גיין שלאָפן. קיינמאָל מיט קיין שום פרעמדן, אויף קיין שום אָפיציעלן וויזיט איז ער נישט געווען אַזוי אומנאַטירלעך און פאַלש, ווי ער איז געווען הייַנט. און דאָס אָנערקענען דידאָזיקע אומנאַטירלעכקייט און די חרטה אויף איר האָבן אים געמאַכט נאָך מער אומנאַטירלעך. אים האָט זיך געגלוסט צו וויינען איבער זיין שטאַרבנדיקן געליבטן ברודער, און ער האָט געמוזט הערן און אונטערהאַלטן דאָס געשפּרעך וועגן דעם, ווי אַזוי ער וועט לעבן.

אַזוי ווי אין הויז איז געווען פייכט און בלויז איין צימער איז געווען געהייצט, האָט לעווין געלייגט שלאָפן דעם ברודער אין זיין שלאָפצימער הינטער דער פאַרצוימונג.

דער ברודער האָט זיך געלייגט און איז געשלאָפן אָדער נישט געשלאָפן, אָבער, ווי אַ קראַנקער, זיך געדרייט, געהוסט, און ווען ער האָט נישט געקאָנט אָפּהוסטן, האָט ער עפּעס געבורמעט. טיילמאָל, ווען ער האָט שווער אָפּגעזיפצט, האָט ער געזאָגט: „אַך, גאָט מיינער!” טיילמאָל, ווען די פייכטקייט האָט אים געשטיקט, האָט ער מיט פאַרדראָס אַרויסגערעדט: „אַ, טייוול!” לעווין איז לאַנג נישט געשלאָפן, הערנדיק אים. זיינע געדאַנקען זענען געווען די פאַרשידנאַרטיקסטע, נאָר דער סוף פון אַלע געדאַנקען איז געווען איינער — דער טויט.

דער טויט, דער אומפאַרמיידלעכער סוף פון אַלעם, האָט זיך אים דאָס ערשטע מאָל מיט אַן אומבאַזיגבאַרן כּוח פאָרגעשטעלט. און דערדאָזיקער טויט, וועלכער איז געווען דאָ, אין דעמדאָזיקן געליבטן ברודער,

וואָס האָט געקרעכצט פון שלאָף און אָן אונטערשיד אויס געוווינהייט גערופן דאָ גאָט, דאָ דעם טייוול, איז געווען גאָרנישט אַזוי ווייט. ווי אים האָט זיך פריער געדאַכט. ער איז געווען אויך אין אים אַליין — ער האָט דאָס געפילט, נישט היינט — איז מאָרגן, נישט מאָרגן — איז אין דרייסיק יאָר אַרום, איז דען נישט אַלצאיינס! און וואָס עס איז אַזוינס דער דאָזיקער אומפאַרמיידלעכער טויט, האָט ער נישט בלויז נישט געוווּסט, נישט בלויז קיינמאָל אפילו נישט געטראַכט וועגן דעם, נאָר נישט געקאָנט און נישט געוואָגט צו טראַכטן וועגן דעם.

„איך אַרבעט, איך וויל שאַפן עפעס. און איך האָב פאַרגעסן, אַז אַלץ וועט זיך ענדיקן, אַז — עס וואַרט דער טויט".

ער איז געזעסן אויפן בעט אין דער פינצטערניש, צונויפגעקאָרטשעט און אַרומגענומען זיינע קניען, און, איינהאַלטנדיק דעם אָטעם פון אָנשטרענגען דעם געדאַנק, האָט ער געטראַכט. נאָר וואָס מער ער האָט אָנגעשטרענגט דעם געדאַנק, אַלץ קלאָרער איז אים בלויז געוואָרן, אַז דאָס איז אָן ספק אַזוי, אַז ער האָט טאַקע פאַרגעסן, פאַרזעען אין לעבן איין קלייניקייט, — דאָס, אַז עס וועט קומען דער טויט און אַלץ וועט זיך ענדיקן, אַז עס האָט קיין שום זאַך גאָרנישט געלוינט אָנצוהייבן און אַז העלפן צו דעם איז בשום אופן נישט מעגלעך. יאָ, דאָס איז שרעקלעך, נאָר אַזוי איז עס.

„אָבער איך לעב דאָך נאָך. וואָס=זשע אַצינד טון, וואָס טון?" האָט ער געזאָגט מיט פאַרצווייפלונג. ער האָט אָנגעצונדן אַ ליכט, איז פאָרזיכטיק אויפגעשטאַנען, איז צוגעגאַנגען צום שפיגל און אָנגעהויבן באַטראַכטן זיין פנים און די האָר. יאָ, בײַ די שלייפן זענען געווען גרויע האָר. ער האָט געעפנט דאָס מויל. די אונטערשטע ציין האָבן שוין אָנגעהויבן קאַליע צו ווערן. ער האָט אויפגעדעקט זיינע מוסקולירטע הענט. יאָ, כוח איז דאָ אַ סך. אָבער ניקאָליענקאַ, וועלכער אָטעמט דאָרט מיט די לעצטע רעשטלעך לונג, האָט אויך געהאַט אַ געזונטן קערפער. און פלוצלינג האָט זיך אים דערמאַנט, ווי זיי פלעגן קינדווייז זיך צוזאַמען לייגן שלאָפן און פלעגן נאָר אָפוואַרטן, אַז פעדאָר באָגדאַניטש זאָל אַרויסגיין הינטער דער טיר, זיי זאָלן זיך וואַרפן מיט די קישנס און לאַכן, לאַכן אָן אויפהער, אַזוי אַז אַפילו די מורא פאַר פעדאָר באָגדאַניטשן האָט נישט געקאָנט אָפשטעלן דאָס שפרודלענדיקע און שוימענדיקע געפיל פון לעבנס=גליק. „און אַצינד דידאָזיקע אויסגעקרומטע ליידיקע

ברוסט... און איך, וואס ווייס גישט, נאכוואס און וואס עס וועט מיט מיר זיין..."

— ק-כא! ק-כא! א, טייוול! וואס דרייסטו דיך, וואס שלאפסטו נישט? — האט א געשריי געטון צו אים דעם ברודערס קול.

— סתם אזוי, איך ווייס נישט, ס'שלאפט זיך נישט.

— און איך בין גוט געשלאפן, איך שוויץ שוין נישט אצינד. זע, טאפ אן דאס העמד. נישט פארשוויצט?

לעווין האט אנגעטאפט, איז ארונטערגעגאנגען הינטער דער פאר-צוימונג, האט פארלאשן דאס ליכט. אבער איז נאך לאנג נישט געשלאפן. עס איז אים נאר וואס געהאט א ביסל קלאר געווארן די פראגע וועגן דעם, ווי אזוי צו לעבן, ווי עס איז אויפגעשווומען א נייע נישט ליין-בארע פראגע — דער טויט.

„נו, ער שטארבט, נו, ער וועט שטארבן ארום פרילינג, נו, ווי אזוי העלפן אים? וואס קאן איך אים זאגן? וואס ווייס איך וועגן דעם? איך האב גאר פארגעסן, אז דאס עקזיסטירט".

XXXII.

לעווין האט שוין לאנג באמערקט, אז ווען עס איז מיט מענטשן נישט באקוועם צוליב זייער צו שטארקער נאכגיביקייט, אונטערטעניקייט, ווערט זייער גיך אומדערטרעגלעך פון זייער צופיל פאדערן און קאפרי-זעווען. ער האט געפילט, אז דאס איז געשען אויך מיטן ברודער. אוןווירקלעך, דעם ברודערס זאנפטקייט האט אנגעהאלטן נישט לאנג. ער איז באלד פון צומארגנס אן געווארן צערייצט און זיך כסדר געטשע-פעט צום ברודער, אנרירנדיק זייגע אנגעווייטיקסטע ערטער.

לעווין האט זיך געפילט שולדיק און דאס נישט געקאנט פאר-ריכטן. ער האט געפילט, אז ווען זיי וואלטן ביידע געווען אויפריכטיק און וואלטן גערעדט דאס, וואס עס הייסט — רעדן פון הארץ, ד. ה. בלויז דאס, וואס זיי טראכטן און פילן טאקע, וואלטן זיי זיך בלויז גע-קוקט אין די אויגן אריין, און קאנסטאנטין וואלט בלויז געזאגט: „דו וועסט שטארבן, דו וועסט שטארבן!" און ניקאלאי וואלט בלויז געענט-פערט; „איך ווייס, אז איך וועל שטארבן; נאר כ'האב מורא, כ'האב

מורא, כ'האָב מורא ז" און מער וואָלטן זיי גאָרנישט גערעדט, אויב זיי וואָלטן נאָר גערעדט פון האַרץ. אָבער אַזוי איז נישט מעגלעך געווען צו לעבן, און דעריבער האָט קאָנסטאַנטין געפּרוּווט טון דאָס, וואָס ער האָט דאָס גאַנצע לעבן געפּרוּווט און נישט געקאָנט טון, און דאָס, וואָס אַ טון האָבן, לויט זיין באַאָבאַכטונג, געקאָנט אַזוי גוט טון, און אָן וועלכן מען קאָן נישט לעבן: ער האָט געפּרוּווט רעדן נישט דאָס, וואָס ער האָט געטראַכט, און תּמיד געפילט, אַז דאָס קומט אַרויס פאַלש, אַז דער ברודער כאַפּט אים בײַ דעם און ווערט צערייצט פון דעם.

אויפן דריטן טאָג האָט ניקאָלאַי געבעטן דעם ברודער ער זאָל אים ווידער אַרויסזאָגן זיין פּלאַן און אָנגעהויבן נישט בלויז טאַדלען דעם פּלאַן, נאָר בכּיוון אים צונויפמישן מיטן קאָמוניזם.

— דו האָסט בלויז גענומען אַ פרעמדן געדאַנק, נאָר האָסט אים פאַרקריפּלט און ווילסט אים צופּאַסן צו דעם, וואָס לאָזט זיך נישט.

— איך זאָג דאָך דיר, אַז דאָס האָט נישט קיין שום געמיינזאַמס. זיי לייקענען אָפּ דאָס רעכט פון אייגנטום, פון קאַפּיטאַל, פון ירושה, און איך וואַרף נישט אָפּ דעמדאָזיקן וויכטיקן סטימול (לעווינען אַליין איז דערווידער געווען, וואָס ער באַנוצט אַזעלכע ווערטער, אָבער פון דעמאָלט אָן, וואָס ער איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין זיין אַרבעט, האָט ער אַלץ אָפטער און אָפטער אָנגעהויבן באַנוצן נישט קיין רוסישע ווערטער), איך וויל בלויז רעגולירן די אַרבעט.

— דאָס איז עס דאָך טאַקע, דו האָסט גענומען אַ פרעמדן געדאַנק, אָפּגעשניטן פון אים אַלץ, וואָס בילדעט זיין קראַפט, און ווילסט פאַרזיכערן, אַז דאָס איז עפּעס נייעס, — האָט ניקאָלאַי געזאָגט, בייז ציפּנדיק זיך בײַם שניפּס.

— אָבער מיין געדאַנק האָט נישט קיין שום געמיינזאַמס...

— דאָרט, — האָט ניקאָלאַי לעווין געזאָגט, בייז בלישטשענדיק מיט די אויגן און איראָניש שמייכלענדיק, — דאָרט איז, על כּל פּנים, דאָ אַ שיינקייט, אַזוי צו זאָגן, אַ געאָמעטרישע — פון קלאָרקייט, אומצווייפלהאַפטיקייט. אפשר איז דאָס אַן אוטאָפּיע. נאָר לאָמיר אָננעמען, אַז מען קאָן מאַכן פון דער גאַנצער פאַרגאַנגענהייט אַ tobula rasa: עס איז נישטאָ קיין אייגנטום. עס איז נישטאָ קיין פאַמיליע, ווערט אויך די אַרבעט איבערגעבויט, אָבער בײַ דיר איז דאָך גאָרנישט נישטאָ.

— פאַרוואָס מישסטו צונויף? איך בין קיינמאָל נישט געווען קיין קאָמוניסט.

— און איך בין געווען, און האַלט, אַז דאָס איז פּריצייטיק, נאָר פאַרנונפטיק און האָט אַ צוקונפט, ווי דאָס קריסטנטום אין די ערשטע יאָרהונדערטער.

— איך האַלט בלויז, אַז די אַרבעטס־קראַפט דאַרף מען באַטראַכטן פון אַ נאַטור־וויסנשאַפטלעך־עקספּערימענטאַלן שטאַנדפּונקט, דאָס הייסט אויסשטודירן זי, דערקענען אירע אייגנשאַפטן און...

— אָבער דאָס איז אינגאַנצן אומזיסט. דידאָזיקע קראַפט געפינט אַליין, לויט דער שטופּע פון איר אַנטוויקלונג, אַ געוויסן אופן פון טעטי־קייט. אומעטום זענען געווען קנעכט, דערנאָך metayers; אויך בײַ אונז איז דאָ אַ שותּפותדיקע אַרבעט, עס איז דאָ אַרענדע, עס איז דאָ אַרבעט מיט פּאַראָבקעס, — וואָס־זשע זוכסטו?

לעווין איז פּלוצלינג אויפגערעגט געוואָרן בײַ דידאָזיקע ווערטער, ווייל ער האָט טיף אין דער נשמה מורא געהאַט, אַז דאָס איז אמת, — אמת דאָס, אַז ער האָט געוואָלט באַלאַנסירן צווישן דעם קאָמוניזם און די באַשטימטע פאָרמען, און אַז דאָס איז אוודאי נישט מעגלעך.

— איך זוך אַ מיטל צו אַרבעטן פּראָדוקטיוו אי פאַר זיך אי פאַר דעם אַרבעטער. איך וויל איינאָרדנען... — האָט ער הייס געענטפערט.

— דו ווילסט גאָרנישט איינאָרדנען, פּשוט, ווי דו האָסט דאָס גאַנ־צע לעבן געלעבט, ווילט זיך דיר בלויז זיין אָריגינעל, ווייזן, אַז דו עקספּלואַטירסט נישט סתם די פּויערן, נאָר מיט אַן אידעע.

— נו, דאָס מיינסטו אַזוי, און לאָז צורו! — האָט לעווין געענט־פערט, פילנדיק, אַז דער מוסקול פון זיין לינקער באַק שפּרינגט אָן אויפהער.

— דו האָסט נישט געהאַט און האָסט נישט קיין איבערצייגונגען, נאָר דו ווילסט בלויז באַפרידיקן דיין אייגנליבע.

— נו, איז אויסגעצייכנט, און לאָז מיך צורו!

— און איך וועל דיך לאָזן צורו! און עס איז שוין לאַנג צייט, און גיי צום טייוול! און איך באַדויער זייער, וואָס איך בין געקומען.

ווי לעווין האָט זיך דערנאָך נישט באַמיט צו באַרויקן דעם ברו־דער, האָט ניקאָלאַי גאָרנישט געוואָלט הערן, געזאָגט, אַז עס איז אַ סך גלייכער זיך צו צעפאָרן, און קאָנסטאַנטין האָט געזען, אַז דעם ברו־דער איז פּשוט נישט ניחא געוואָרן דאָס לעבן.

ניקאָלאַי האָט זיך שוין אינגאַנצן געקליבן אָוועקצופאָרן, ווען קאָנ־

סטאַנטין איז ווידער געקומען צו אים און נישט נאַטירלעך געבעטן אַנט־שולדיקונג, אויב ער האָט אים מיט עפּעס באַליידיקט.

— אַ, גרויסמוטיקייט! — האָט ניקאָלאַי געזאָגט, און אַ שמייכל געטון. — אויב דיר גלוסט זיך זיין גערעכט, קאָן איך דיר פאַרשאַפן דאָסדאָזיקע פאַרגעניגן. דו ביסט גערעכט; נאָר איך וועל פונדעסטוועגן אוועקפאָרן!

בלויז נאָענט פאַרן אוועקפאָרן, האָט ניקאָלאַי זיך געקושט מיט אים און געזאָגט, פּלוצלינג מאָדנע ערנסט אַ קוק טוענדיק אויפן ברודער:

— פונדעסטוועגן דערמאָן מיך נישט צום שלעכטן, קאָסטיאַ! — און זיין קול האָט אַ ציטער געטון.

דאָס זענען געווען די איינציקע ווערטער, וואָס זענען געזאָגט גע־וואָרן אויפריכטיק. לעווין האָט פאַרשטאַנען, אַז אונטער דידאָזיקע ווער־טער האָט מען געדאַרפט פאַרשטיין: „דו זעסט און ווייסט, אַז איך האַלט שלעכט, און מיר וועלן זיך שוין, אפשר, מער נישט זען“. לעווין האָט דאָס פאַרשטאַנען, און טרערן האָבן אַ גאָס געטון פון זיינע אויגן. ער האָט נאָכאַמאָל אַ קוש געטון דעם ברודער, אָבער גאָרנישט געקאָנט אים זאָגן.

אויפן דריטן טאָג נאָכן ברודערס אוועקפאָרן, איז אויך לעווין אוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד. זיך באַגעגנט אויף דער באַן מיט שטשער־באַצקין, מיט קיטיס קוזין, האָט אים לעווין זייער פאַרוווּנדערט מיט זיין פאַרמרה־שחורהטקייט.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט אים שטשערבאַצקי געפרעגט.

— גאָרנישט, סתם אַזוי, עס איז דאָ ווייניק פריילעכקייט אויף דער וועלט.

— פאַרוואָס ווייניק? אָט פאָרט נאָר מיט מיר קיין פּאַריז, אַנשט איר זען, ווי פריילעך עס איז.

— ניין, איך האָב שוין מיט אַלעם געענדיקט. פאַר מיר איז צייט צו שטאַרבן.

— אַזוי גאָר! — האָט שטשערבאַצקי לאַכנדיק געזאָגט. — איך גרייט מיך ערשט אָנצוהייבן.

— איך האָב נישט לאַנג אויך אַזוי געמיינט, אָבער אַצינד ווייס איך, אַז איך וועל אינגיכן שטאַרבן.

לעווין האָט גערעדט דאָס, וואָס ער האָט ווירקלעך געטראַכט אין

דערדאָזיקער לעצטער צייט. ער האָט אין אַלעם געזען בלויז דעם טויט אָדער א דערנעענטערן זיך צו אים. אָבער דער אָנגעהויבענער ענין האָט אים פונדעסטוועגן אינטערעסירט. מען האָט דאָך געמוזט ווי עס איז איבערלעבן דאָס לעבן, כל זמן דער טויט איז נישט געקומען. א פינצטערניש האָט פאַרדעקט פאַר אים אַלץ: אָבער טאַקע צוליב דערדאָזיקער פינצטערניש האָט ער געפילט, אַז די איינציקע ריכטליניע אין דערדאָזיקער פינצטערניש איז זיין ענין, און ער האָט מיט די לעצטע כוחות זיך אָנגעכאַפּט און געהאַלטן אָן אים.

פערטע טייל

I.

די קארענינס, דער מאַן און די פרוי, האָבן ווייטער געוווינט אין איין הויז, האָבן זיך געטראָפן יעדן טאָג, אָבער זענען אינגאַנצן פרעמד געווען איינער מיטן אַנדערן. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך געמאַכט פאַר אַ כּלל צו זען יעדן טאָג דאָס ווייב, כּדי די דינערשאַפט זאָל נישט קאָנען זיך אָנשטויסן, אָבער ער האָט אויסגעמיטן די מיטאָגן אין דער היים. ווראָנסקי איז קיינמאָל נישט געקומען אין אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס הויז, אָבער אַננאַ פלעגט אים זען אויסערן הויז, און דער מאַן האָט דאָס געוווּסט.

די לאַגע איז געווען פּיינלעך פאַר אַלע דריי, און קיין איינער פון זיי וואָלט נישט בכּוח געווען איבערצולעבן אַפילו איין טאָג אין דער לאַגע, ווען ער וואָלט נישט דערוואַרט, אַז זי וועט זיך ענדערן און אַז דאָס איז בלויז אַ צייטווייליקע, שמערצלעכע פאַרלעגנהייט, וואָס וועט אַריבערגיין. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געהאָפט, אַז די דאָזיקע ליידנשאַפט וועט אַריבערגיין, ווי אַלץ גייט אַריבער, אַז אַלע וועלן פאַרגעסן אָן דעם און זיין נאָמען וועט בלייבן נישט געשענדט. אַננאַ, וואָס פון איר איז די דאָזיקע לאַגע אָפּהענגיק געווען און סאַר וועמען זי איז פּיינלעכער געווען ווי פאַר אַלע, האָט זי איבערגעטראָגן, ווייל זי האָט נישט בלויז געהאָפט, נאָר איז געווען פעסט איבערצייגט, אַז דאָס אַלץ וועט זיך זייער שנעל אויפוויקלען און קלאָר ווערן. זי האָט לחלוטין נישט געוווּסט, וואָס עס וועט אויפוויקלען די דאָזיקע לאַגע, אָבער זי איז פעסט איבערצייגט געווען, אַז דער דאָזיקער עפּעס וועט איצט קומען זייער שנעל. ווראָנסקי, וואָס האָט זיך נישט ווילנדיק איר אונטערגע-

נעבן, האָט אויך דערוואַרט עפּעס אומאָפּהענגיקס פון אים, וואָס דאַרף איפּקלערן אַלע פאַרלעגנהייטן.

אין מיטן ווינטער האָט ווראָנסקי פאַרבראַכט זייער אַ לאַנגוויילִיקע וואָך. ער איז באַשטימט געוואָרן צו אַן אויסלענדישן פּרינץ, וואָס איז געקומען צו פאָרן קיין פּעטערבורג, און האָט אים געדאַרפט ווייזן די זעענסווירדיקייטן פון פּעטערבורג. ווראָנסקי אַליין איז געווען אימפּאָזאַנט; חוצדעם, האָט ער פאַרמאָגט די פעיקייט זיך צו האַלטן מיט ווירדיקן רעספּעקט און איז געווינט געווען צו פאַרקערן מיט אַזעלכע פּערזאָנען; דעריבער טאַקע איז ער באַשטימט געוואָרן צום פּרינץ. אָבער זיין פליכט האָט אים אויסגעזען זייער שווער. דער פּרינץ האָט גאָרנישט געוואָלט דורכלאָזן אַזעלכעס, וועגן וואָס מען וועט אים אינדערהיים פרעגן: צי האָט ער דאָס געזעען אין רוסלאַנד; און ער אַליין האָט אויך געוואָלט, ווי ווייט מעגלעך, געניסן פון די רוסישע פאַרגעניגנס. ווראָנסקי האָט גע־האַט די פליכט צו זיין אים אַלס וועגווייזער אינם ערשטן און אינם צווייטן. אין די פרימאָרגנס זענען זיי געפאָרן באַקוקן די זעענסווירדיקייטן; אין די אָוונטן האָבן זיי זיך באַטייליקט אין די נאַציאָנאַלע פאַרגעניגנס. דער פּרינץ האָט פאַרמאָגט געזונטקייט, וואָס איז אומגעוויינלעך אפילו בײַ פּרינצן. סיי מיט גימנאַסטיק, סיי מיט דעם גוטן פלעגן זיין קערפּער האָט ער זיך דערפירט צו אַזאַ קראַפט, אַז ניט געקוקט אויף די איבערמע־טיקייטן, מיט וועלכע ער האָט זיך איבערגעגעבן די פאַרגעניגנס, איז ער געווען פריש ווי אַ גרויסע גרינע גלאַנציקע האָלענדישע אוגערקע. דער פּרינץ האָט אַ סך געפאָרן און איינגעפונען, אַז איינע פון די הויפּט־באַ־קוועמלעכקייטן פון איצטיקן לייכטן רייזע־פאַרקער באַשטייט אין דער צוטריטלעכקייט פון די נאַציאָנאַלע פאַרגעניגנס. ער איז געווען אין שפּאַ־ניע און דאָרט געגעבן סערענאַדעס און זיך דערנענטערט מיט אַ שפּאַ־ניערין, וואָס האָט געשפּילט אויף אַ מאַנדאָלינע. אין דער שווייץ האָט ער דערהרגעט אַ באַרג־קאָזע. אין ענגלאַנד האָט ער גאַלאָפּירט אין אַ רויטן פראַק איבער פּלעטער און אין אַ געוועט דערהרגעט צוויי הונדערט פאַ־זאַנען. אין טערקיי איז ער געווען אין אַ הארעם, אין אינדיען איז ער געריטן אויף אַ העלפאַנט און אַצינד אין רוסלאַנד האָט ער געוואָלט פאַר־זוכן אַלע ספּעציעל רוסישע תענוגים.

ווראָנסקי, וואָס איז בײַ אים געווען ווי דער הויפּט־צערעמאָניע־מייסטער, האָט געהאַט אַ סך שוועריקייטן בײַם קלאַסיפיצירן די אַלע רוסישע פאַרגעניגנס, וואָס זענען דעם פּרינץ פאָרגעלייגט געוואָרן דורך

פאַרשידענע פערזאָנען. עס זענען געווען אי פערד, אי בלינצעס, אי יאַגד
אויף בערן, אי טראָיקעס, אי ציגיינער, אי הוליאַנקעס מיט ברעכן דאָס
געשיר אויפן רוסישן שטייגער. און דער פרינץ האָט מיט אַן אומגעוויינ-
לעכער לייכטקייט איבערגענומען דעם רוסישן גייסט, האָט צעבראָכן טאַצן
מיט געשיר, געזעצט אַ ציגיינערין אויף די קני און, דאַכט זיך, געפרעגט,
וואָס-זשע נאָך, צי בלויז אין דעם טאַקע באַשטייט דער גאַנצער רוסי-
שער גייסט ?

אייגנטלעך זענען פון אַלע רוסישע פאַרגעניגנס מער פון אַלץ גע-
פעלן דעם פרינץ די פראַנצויזישע אַקטריסעס, אַ באַלעט-טענצערין און
שאַמפּאַניער מיט דער ווייסער חתימה. ווראָנסקי איז געווינט געווען צו
פרינצן ; אָבער — צי דערפון, וואָס ער אַליין האָט זיך די לעצטע צייט
געענדערט, אָדער פון דער צו שטאַרקער נאָענטקייט מיט דעם פרינץ —
האָט אים די דאָזיקע וואָך אויסגעזען שרעקלעך שווער. ער האָט די דאָזי-
קע גאַנצע וואָך, אָן איבערהער, איבערגעלעבט אַ געפיל פון אַ מענטש, וואָס
וואָלט באַשטימט געווען צו אַ געפערלעכן משוגענעם, האָט מורא פאַר דעם
משוגענעם און איינצייטיק צוליב דער נאָענטקייט צו אים. האָט ער אויך
מורא פאַרן אייגענעם שכל. ווראָנסקי האָט כסדר געפילט די נויטווענדי-
קייט אויף קיין רגע נישט אָפּצושוואַכן דעם טאָן פון שטרענגן אָפּיציעלן
רעספּעקט, כדי נישט באַליידיקט צו ווערן. די מאַניר פון דעם פרינצס
באַנעמונג מיט די זעלבע פערזאָנען, וועלכע זענען, צו ווראָנסקיס פאַר-
וווּנדערונג, פון דער הויט געקראָכן, כדי צו פאַרשאַפן אים די רוסישע
פאַרגעניגנס, איז געווען אַ פאַראַכטנדיקע. זיינע מיינונגען וועגן די רוסי-
שע פרויען, וועלכע ער האָט געוואָלט שטודירן, האָבן נישט איינמאָל
גענייט ווראָנסקין רויט צו ווערן פון פאַדראָס. די הויפּט-סיבה אָבער,
פאַרוואָס דער פרינץ איז באַזונדערס שווער געווען ווראָנסקין, איז געווען
דאָס, וואָס ער האָט נישט ווילנדיק געזען אין אים זיך אַליין. און דאָס,
וואָס ער האָט געזען אין דעם דאָזיקן שפּיגל, האָט נישט געשמייכלט זיין
אייגנליבע. דאָס איז געווען אַ זייער נאַרישער און זייער זעלבסטזיכערער,
אַ זייער געזונטער און זייער זויבערער מענטש, און מער גאָרנישט. ער
איז געווען אַ דזשענטלמען — דאָס איז אמת, און ווראָנסקי האָט דאָס
נישט געקאָנט אָפּלייקענען. ער איז געווען גלייך און נישט חניפהדיק
מיט העכערע, איז געווען פריי און איינפאַך אין באַנעמונג מיט גלייכע
און איז געווען ביטולדיק גוטמוטיק מיט נידעריקערע. ווראָנסקי אַליין איז
געווען אַזעלכער און האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ גרויסער מעלה ; אָבער

אין דער באציונג צום פרינץ איז ער געווען א נידעריקער, און דידאָזיקע פיטולדיק-גוטמוטיקע באציונג צו אים האָט אים פארדראָסן.

„א נאַריש שטיק פלייש! צי בין איך אויך אַזעלכער?“ האָט ער געטראַכט.

ווי עס זאָל נישט זיין, ווען ער האָט זיך געזעגנט מיט אים אויפן זיבעטן טאָג, פאר זיין אוועקפאָרן קיין מאָסקווע, און באַקומען א דאנק, איז ער געווען גליקלעך, וואָס ער איז פטור געוואָרן פון דערדאָזיקער אומבאקוועמער לאַגע און דעם נישט אַנגענעמען שפיגל. ער האָט זיך געזעגנט מיט אים אויף דער סטאַציע, צוריקקומענדיק פון א יאַגד אויף בערן, ווו זיי האָבן א גאנצע נאַכט געהאַט א פאָרשטעלונג פון רוסישער בריהשדיקייט.

II.

ווען ווראָנסקי איז צוריקגעקומען אהיים, האָט ער געפונען בא זיך א צעטעלע פון אננען. זי האָט געשריבן: „איך בין קראַנק און אומגליקלעך. איך קאָן נישט ארויספאָרן; אָבער איך קאָן אויך נישט לענגער נישט זעען אייך. קומט אין אָוונט. זיבן א זייגער פאָרט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אין ראַט אריין און וועט דאָרט פארברענגען ביז צען“. ער האָט א קלער געטון בא אַ מינוט וועגן דער אויסטערלישקייט פון דעם, וואָס זי רופט אים גלייך צו זיך, נישט געקוקט אויפן מאַנס פאָדערונג נישט אויפצונעמען אים, און האָט באשלאָסן, אז ער וועט פאָרן.

ווראָנסקי האָט דעם ווינטער אַוואַנסירט אויף פּולקאָווניק, איז אַרויסגעטרעטן פון פּולק און געוווינט אַליין. אָפּגעגעסן פרישטיק, האָט ער זיך גלייך געלייגט אויף דער סאָפע, און אין פינף מינוט האָבן די דערינערונגען פון די אומגעלומפערטע סצענעס, וואָס ער האָט געזעען אין די לעצטע טעג, זיך צונויפגעפלאָנטערט און פארבונדן מיט דער פאָרשטעלונג וועגן אננען און דעם פויער, דעם באַלאַגערער, וועלכער האָט געשפילט א וויכטיקע ראָלע אויף דער בערן-יאַגד. און ווראָנסקי איז איינגעשלאָפן. ער האָט אויפגעוואכט אין דער פינצטערניש, ציטערנדיק פאר מורא, און איילִיק אָנגעצונדן א ליכט. „וואָס אַזוינס? וואָס? וואָס אַזוינס שרעקלעכס האָב איך געזעען אין שלאָף? יאָ, יאָ. דער פויער, דער בא

לאַגערער, דאַכט זיך, אַ קלײנער, אַ שמוציקער, מיט אַ צעשױבערטער באָרד, האָט עפּעס געטון אַנגעבױגענערהײט און פּלוצלינג אַ זאָג געטון אױף פראַנצױזיש עפּעס אױסטערלישע װערטער. יאָ, מער איז גאָרנישט געװען אין שלאָף, — האָט ער זיך געזאָגט. — אָבער פאַרװאָס-זשע איז דאָס געװען אַזױ שרעקלעך?" ער האָט זיך װידער לעבעדיק דערמאָנט דעם פּױער און די אומפאַרשטענדלעכע פראַנצױזישע װערטער, װעלכע דער דאָזיקער פּױער האָט אַרױסגערעדט, און אַ שרעק איז דורכגעלאָפן װי אַ קעלט איבער זײַן רוקן.

„װאָס פאַר אַ נאַרישקײט!" האָט װראָנסקי אַ קלער געטון און אַ בליק געגעבן אױפן זײגער.

עס איז שױן געװען האַלב זיבן. ער האָט אָנגעקלונגען נאָכן מענטש, אײַליק זיך אָנגעטון און אַרױסגעגאַנגען אױפן גאַנעק, פאַרגעסנדיק איבגאַנצן אָן חלום און האָבנדיק עגמת נפש בלױז פון דעם, װאָס ער האָט פאַרשפּעטיקט. צופאָרנדיק צום גאַנעק פון די קאַרענינס, האָט ער אַ קוק געטון אױפן זײגער און דערזען, אַז עס איז פינף מינוט צו זיבן. אַ הױכע, שמאָלינקע קאַטש, אײַנגעשפּאַנט מיט אַ פּאָר גרױע פערד, איז געשטאַנען פאַרן פראָנט-גאַנג. ער האָט דערקענט אַננעס קאַטש. „זי פאָרט צו מיר, — האָט װראָנסקי אַ קלער געטון, — און ס'װאָלט בעסער געװען. עס איז מיר נישט אָנגענעם אַרײַנצוגײן אין דעם הױז. אָבער אַלץ אײנס, איך קאָן מיך נישט באַהאַלטן", האָט ער זיך געזאָגט, און מיט די, נאָך אין דער קינדהײט אָנגענומענע, מאַנירן פון אַ מענטש, װעלכער האָט זיך נישט װאָס צו שעמען, איז װראָנסקי אַרױסגעגאַנגען פון שליטן און צוגעגאַנגען צו דער טיר. די טיר האָט זיך געעפנט, און אַ שװײצער מיט אַ פּלעד אױף דער האַנט האָט געהײסן פאַרפאָרן די קאַטש. װראָנסקי, װאָס איז נישט געװױנט געװען צו באַמערקן פּרטים, האָט, פונדעסטװעגן, אַצינד באַמערקט דעם פאַרװונדערטן אױסדרוק, מיט װעלכן דער שװײצער האָט אַ קוק געטון אױף אים. אין דער סאַמע טיר האָט װראָנסקי כמעט זיך צונױפגעשטױסן מיט אַלעקסײ אַלעקסאַנדראָװיטשן. דאָס גאַז-לעמפּל האָט גלײַך באַלױכטן דאָס בלוטלאָזע, אײַנגעצערטע פּנים אונטערן שװאַרצן הוט און דעם װײַסן שניפּס, װאָס האָט אַרױסגעגלאַנצט פון דעם ביבערנעם פּאַלטן אַרױס. קאַרענינס אומבאַװעגלעכע, טונקעלע אױגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אױף װראָנסקיס פּנים. װראָנסקי האָט זיך פאַרנײגט, און אַלעקסײ אַלעקסאַנדראָװיטש, אַ קײַ טוענדיק מיטן מױל, האָט אױפגעהױבן די האַנט צום הוט און איז דורכגעגאַנגען. װראָנסקי האָט געזען, װי ער

האָט, נישט אומקוקנדיק זיך, זיך אַריינגעזעצט אין דער קאָטש, דורכגע-גומען דורכן פענצטער דעם פלעד מיטן בינאָקל און פאַרשוואונדן. ווראָנ-סקי איז אַריינגעגאַנגען אין פּאָרצימער. זיינע ברעמען זײַנען געווען צו-גענמורעט, און די אויגן האָבן געגלאַנצט מיט א בייזן און שטאָלצן גלאַנץ.

„אָט אַ לאַגע! — האָט ער געקלערט. — ווען ער וואָלט גע-קעמפט, פאַרטיידיקט זיין ערע, וואָלט איך געקאָנט עפּעס טון, אויסדריקן מיינע געפילן; אָבער דידאָזיקע שוואַכקייט אָדער נידערטרעכטיקייט... ער שטעלט מיך אין דער לאַגע פון אַן אָפּנאַרער, בעת איך האָב נישט געוואָלט און וויל דאָס נישט זיין".

זינט זיין דורכשמועסן זיך מיט אַננען אין דער ווריעדעס גאָרטן האָבן ווראָנסקיס געדאַנקען זיך געענדערט. ער, וואָס האָט זיך נישט ווילנדיק אונטערגעגעבן אַננעס שוואַכקייט, וועלכע האָט זיך אים אָפּגע-געבן אינגאַנצן און געוואַרט פון אים בלויז די אַנטשיידונג פון איר גורל, פאַרויס גרייט אויף אַלעם, — האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו טראַכטן, אַז דידאָזיקע פאַרבינדונג זאָל זיך קאָנען ענדיקן, ווי ער האָט געמיינט דעמאָלט. זיינע פּלענער פון כבוד-זוכעניש זענען ווידער אָפּגעטרעטן אויפן הינטערשטן פּלאַן, און פילנדיק, אַז ער איז אַרויס פון דעם טעטיקייטס-קרייז, אין וועלכן אַלץ איז געווען באַשטימט, האָט ער זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן זיין געפיל, און דאָסדאָזיקע געפיל האָט אים אַלץ מער און מער צוגעבונדן צו איר.

נאָך אין פּאָרצימער האָט ער דערהערט אירע זיך דערווייטערנדיקע טריט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי האָט געוואַרט אויף אים, זיך צוגעהערט און קערט זיך אַצינד אום אין גאַסטצימער אַריין.

— ניין! — האָט זי אויסגעשריגן, דערזעענדיק אים. און באַם ערשטן קלאַנג פון איר קול האָבן טרערן אָנגעפילט אירע אויגן, — ניין, אויב דאָס וועט אַזוי געדויערן, וועט דאָס געשעען נאָך אַ סך, אַ סך פריער!

— וואָס, מיין פריינט?

— וואָס? איך וואַרט, פּייניק מיך, אַ שעה, צוויי... ניין, איך וועל נישט!... איך קאָן מיך נישט קריגן מיט דיר. דו האָסט אוודאי נישט גע-קאָנט. ניין, איך וועל נישט!

זי האָט אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויף זיינע אַקסלען און לאַנג געקוקט אויף אים מיט אַ טיפן, באַגייסטערטן און איינציקן פאַרשנדיקן

בליק. זי האָט שטודירט זיין פּנים פאַר דער צייט, וואָס זי האָט אים נישט געזעען. זי האָט, ווי באַ יעדער זעונג, פאַרייניקט איר פאַנטאַזירטע פאָרשטעלונג וועגן אים (די אומפאַרגלייכלעך שענערע, אוממעגלעכע אין דער ווירקלעכקייט) מיט אים, אַזוי ווי ער איז געווען.

III.

— דו האָסט אים געטראָפן? — האָט זי געפרעגט, ווען זיי האָבן זיך געזעצט באַם טיש אונטערן לאָמפּ. — דאָס ביסטו געשטראָפט געוואָרן דערפאַר, וואָס דו האָסט פאַרשפּעטיקט.

— יאָ, נאָר ווי אַזוי זשע? ער האָט דאָך געזאָלט זיין אין ראָט?

— ער איז געווען און צוריקגעקומען, און איז ווידער ערגעץ-הין געפאָרן. אָבער דאָס איז גאָרנישט, רעד נישט וועגן דעם. ווו ביסטו געווען? אַלץ מיטן פּרינץ?

זי האָט געוווסט אַלע איינצלהייטן פון זיין לעבן. ער האָט געוואָלט זאָגן, אַז ער איז נישט געשלאָפן די גאַנצע נאַכט און איז איינגעשלאָפן, אָבער, קוקנדיק אויף איר אויפגערעגט און גליקלעך פּנים, איז אים געוואָרן אַ בושה. און ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט געמוזט פאָרן אָפּגעבן אַ באַריכט וועגן דעם פּרינצס אָוועקפאָרן.

— אָבער אַצינד האָט זיך שוין געענדיקט? ער איז אַוועקגעפאָרן?

— דאַנקען גאָט, זיך געענדיקט. דו וועסט נישט גלייבן, ווי אומדערטרעגלעך דאָס איז מיר געווען.

— פאַרוואָס-זשע? דאָס איז דאָך דאָס שטענדיקע לעבן פון אייך אַלע יונגע מענער, — האָט זי געזאָגט, אַנכמורענדיק די ברעמען, און, נעמענדיק זיך צום שטריקעכץ, וואָס איז געלעגן אויפן טיש, האָט זי אָנגעהויבן, נישט קוקנדיק אויף ווראָנסקין, אַרויסצופּלאָנטערן דערפון די שידלקע.

— איך האָב שוין לאַנג אָוועקגעוואָרפן דאָסדאָזיקע לעבן, — האָט ער געזאָגט, זיך וואונדערנדיק אויף דעם געענדערטן אויסדרוק פון איר פּנים און באַמיענדיק זיך צו פאַרשטיין זיין באַדייטונג. — און איך בין,

סודה, — האָט ער געזאָגט, מיט אַ שמייכל אַרויסשטעלנדיק זיינע געדיכטע ווייסע ציין, — איך האָב די וואָך אַזוי ווי אין אַ שפּיגל זיך געזען, קוקנדיק אויף דעמדאָזיקן לעבן, און מיר איז אומאַנגענעם געווען.

זי האָט געהאַלטן אין די הענט דאָס שטריקעכץ, אָבער נישט געשטריקט, נאָר געקוקט אויף אים מיט אַן אויסטערלישן, גלאַנציקן און אומפריינדלעכן בליק.

— היינט אינדערפרי איז ליזאַ פאַרפאָרן צו מיר, — זיי האָבן נאָך נישט קיין מורא צו פאָרן צו מיר, נישט געקוקט אויף דער גרעפין ליִדיִאַ איוואַנאָוונאַ, — האָט זי צוגעגעבן, — און דערציילט וועגן אייער אַפּינער אָוונט. וואָס פאַר אַ העסלעכקייט!

— איך האָב נאָר־וואָס געוואָלט זאָגן, אַז...

זי האָט אים איבערגעשלאָגן:

— דאָס איז געווען Thérèse, וועלכע דו האָסט געקאָנט פריער?

— איך האָב געוואָלט זאָגן...

— ווי העסלעך איר זענט, מענער! ווי אַזוי קאָנט איר אייך נישט פאָרשטעלן, אַז אַ פרוי קאָן דאָס נישט פאַרגעסן, — האָט זי געזאָגט, היצנדיק זיך אַלץ מער און מער, און מיט דעם אים אויפגעדעקט די סיבה פון איר אויפרעגונג. — באַזונדערס אַ פרוי, וועלכע קאָן נישט וויסן דיין לעבן. וואָס ווייס איך? וואָס האָב איך געוווּסט? — האָט זי געזאָגט, — דאָס, וואָס דו דערציילסט מיר. און פונוואַנען ווייס איך, אַז דו דערציילסט מיר דעם אמת?

— אַננאַ! דו באַליידיקסט מיך. צי גלייבסטו מיר נישט? צי האָב איך דיר נישט געזאָגט, אַז בײַ מיר איז נישטאָ קיין געדאַנק, וועלכן איך האָב דיר נישט אַנטדעקט?

— יאָ, יאָ, — האָט זי געזאָגט, אָפּנים באַמיענדיק זיך צו פאַרטרייבן די אייפערזיכטיקע געדאַנקען. — נאָר ווען דו וואָלסט געוווּסט, ווי שווער מיר איז!... איך גלייב, גלייב דיר... איז וואָס האָסטו געזאָגט?

נאָר ער האָט זיך נישט געקאָנט גלייך דערמאָנען, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן. די דאָזיקע אָנפאַלן פון אייפערזוכט, וואָס פלעגן זי די לעצטע צייט אַלץ אָפטער און אָפטער באַהערשן, האָבן אים געשראָקן און ווי ער האָט זיך נישט באַמיט צו פאַרבאַרגן דאָס, האָבן זיי אים קילער געמאַכט צו איר, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט געוווּסט, אַז

די סיבה פון דער אייפערזוכט, איז די ליבע צו אים. וויפיל מאָל האָט ער זיך געזאָגט, אַז איר ליבע איז געווען אַ גליק; און אַט האָט זי אים ליב געהאַט, ווי עס קאָן ליב האָבן אַ פרוי, באַ וועלכער די ליבע האָט איבערגעוויגן אַלע פאַרגעניגנס אין לעבן, — און ער איז געווען אַ סך ווייטער פון גליק, ווי ווען ער איז איר נאָכגעפאָרן פון מאָסקווע. דעמאָלט האָט ער זיך געהאַלטן פאַר אומגליקלעך, אָבער דאָס גליק איז געווען פאָרויס, אַצינד אָבער האָט ער געפילט, אַז דאָס בעסטע גליק איז שוין געווען פון הינטן. זי איז געווען גאָרנישט די אייגענע, ווי ער האָט זי געזעען די ערשטע צייט. אי גייסטיק אי פיזיש האָט זי זיך געענדערט צום ערגערן. זי איז אינגאַנצן ברייטער געוואָרן, און, בעת זי האָט גערעדט וועגן דער אַקטריסע, האָט זי געהאַט אַ בייזן אויסדרוק, וואָס האָט פאַרקרימט איר פנים. ער האָט געקוקט אויף איר, ווי ס'קוקט אַ מענטש אויף אַ בלום, וואָס ער האָט אָפּגעריסן און זי איז פאַרוועלקט געוואָרן, און ער דערקענט אין איר קוים די שיינקייט, צוליב וועלכער ער האָט זי אָפּגעריסן און אומגעבּרענגט. און, נישט געקוקט דערויף, האָט ער געפילט, אַז דעמאָלט, ווען זיין ליבע איז געווען שטאַרקער, האָט ער געקאָנט, אויב ער וואָלט דאָס שטאַרק געוואָלט, אויסרייסן די דאָזיקע ליבע פון זיין האַרץ; אָבער אַצינד, ווען עס האָט זיך אים, ווי אין דער מינוט געדאַכט, אַז ער פילט נישט קיין ליבע צו איר, האָט ער געוווּסט, אַז זיין פאַרבאַנד מיט איר קאָן נישט צעריסן ווערן.

— נו, נו, איז וואָס האָסטו מיר געוואָלט זאָגן וועגן פרינץ? איך האָב פאַרטריבן, פאַרטריבן דעם שד, — האָט זי צוגעגעבן. דער שד האָט באַ זיי געהייסן די אייפערזוכט. — יאָ, איז וואָס האָסטו אָנגעהויבן צו רעדן וועגן פרינץ? פאַרוואָס איז דיר אַזוי שווער געווען!

— אַך! אומדערטרעגלעך! — האָט ער געזאָגט, באַמיענדיק זיך צו כאַפּן דעם פאָדעם פון דעם פאַרלוירענעם געדאַנק. — ער געווינט נישט פון נעענטערער באַקאַנטשאַפט. אויב באַצייכענען אים, איז דאָס — אַ פיין אויסגעהאָדעוועטע חיה, פון די, וואָס באַקומען אויף אויסשטעלונגען די ערשטע מעדאַלן, און מער גאָרנישט, — האָט ער געזאָגט מיט אַ פאַרדראָס, וואָס האָט זי פאַראינטערעסירט.

— ניין, וואָס הייסט? — פונדעסטוועגן האָט ער דאָך אַ סך געזעען, ער איז דאָך געבילדעט?

— דאָס איז גאָר אַן אַנדערע בילדונג — זייער בילדונג. ער איז,

אפנים, אויך געבילדעט נאָר צוליב דעם, כּדי צו קאָנען פאַראַכטן די בילדונג, ווי זיי פאַראַכטן אַלץ, חוץ די חיהשע פאַרגעניגנס.

— איר האָט דאָך אַלע ליב דידאָזיקע חיהשע פאַרגעניגנס, — האָט זי געזאָגט, און ער האָט ווידער באַמערקט דעם מרה־שחורהדיקן בליק, וועלכער האָט אים אויסגעמיטן.

— וואָס פאַרטיידיקסטו אים עפּעס אַזוי ? — האָט ער שמייכלענדיק געזאָגט.

איך פאַרטיידיק נישט, מיר איז לחלוטין אַלץ איינס ; אָבער איך מיין, אַז אויב דו אַליין וואָלסט ניט ליב געהאַט דידאָזיקע פאַרגעניגנס, וואָלסטו דיך געקאָנט אָפּזאָגן. אָבער דיר פאַרשאַפט פאַרגעניגן צו קוקן אויף טערעזען אין קאָסטיום פון חוהן...

— ווידער, ווידער דער טייוול ! — האָט ווראָנסקי געזאָגט, נעמענדיק די האַנט, וועלכע זי האָט אַרויפגעלייגט אויפן טיש אַרויף, און קושנדיק זי.

— יאָ, אָבער איך קאָן נישט ! דו ווייסט נישט, ווי אויסגעמאַטערט איך בין געוואָרן, וואַרטנדיק אויף דיר ! איך מיין, אַז איך בין נישט אייפערזיכטיק. איך בין נישט אייפערזיכטיק ; איך גלייב דיר, ווען דו ביסט דאָ, מיט מיר ; אָבער ווען דו פירסט דאָרט אַליין ערגעץ דיין פאַר מיר אומפאַרשטענדלעך לעבן...

זי האָט זיך אַוועקגעבויגן פון אים, ענדלעך אַרויסגענומען, די שידל־קע פונם שטריקעכץ, און שנעל מיט דער הילף פון דעם ווייז פינגער האָבן זיך אָנגעהויבן אָנוואַרפן איינס נאָכן צווייטן אויגן פון ווייסן זייד, וואָס האָט געגלאַנצט אונטערן ליכט פון לאָמפּ, און שנעל און נערוועז האָט זיך אָנגעהויבן דרייען די האַנט אין דעם געהאָפטענעם מײַנקעטל.

— נו ווי אַזוי זשע ? וווּ האָסטו באַגעגנט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָ־וויטשן ? — האָט פּלוצלינג אומנאַטירלעך אַ קלונג געטון איר קול.

— מיר האָבן זיך צונויפגעטראָפן אין דער טיר.

— און ער האָט זיך אַזוי באַגריסט מיט דיר ?

זי האָט אויסגעצויגן דאָס פּנים און, האַלב פאַרמאַכנדיק די אויגן, האָט זי שנעל געענדערט דעם אויסדרוק פון פּנים, צונויפגעלייגט די הענט, און ווראָנסקי האָט אויף איר שיין פּנים פּלוצלינג דערזען דעם זעלבן פּנים־אויסדרוק, מיט וועלכן אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך באַגריסט מיט אים. ער האָט אַ שמייכל געטון, און זי האָט זיך פריילעך

צעלאַכט מיט יענעם ליבן האַרציקן געלעכטער, וואָס איז געווען איינס פון אירע הויפּט-צויבערלעכקייטן

— איך פאַרשטיי אים אינגאַנצן נישט, — האָט װראָנסקי געזאָגט. — ווען ער וואָלט נאָך דיין דערקלערונג אויף דער דאַטשע איבערגעריסן מיט דיר, ווען ער וואָלט מיך אַרויסגערופן אויף אַ דועל, אָבער דאָס פאַרשטיי איך נישט; ווי אַזוי קאָן ער איבערטראָגן אַזאַ לאַגע? ער ליידט, דאָס זעט מען.

— ער? — האָט זי מיט איראָניע געזאָגט. — ער איז גאָר צופרידן.

— פאַרוואָס פייניקן מיר זיך אַלע, ווען אַלץ וואָלט געקאָנט זיין אַזוי גוט.

— בלויז נישט ער. צי קען איך אים נישט, די ליגנט, מיט וועלכער ער איז אינגאַנצן דורכגעזאַפּט?... צי קאָן מען דען, אויב מען פילט נאָר עפּעס, לעבן, ווי ער לעבט מיט מיר? ער פאַרשטייט גאָרנישט, פילט נישט. צי קאָן אַ מענטש, וועלכער פילט עפּעס, לעבן מיט זיין פאַרברעכערישער פרוי אין איין הויז? צי קאָן ער רעדן מיט איר? זאָגן איר: דו?

און ווידער האָט זי אים נישט ווילנדיק פאַרגעשטעלט: „דו, ma chère, דו, אננאַ!“

— דאָס איז נישט קיין מאַנספּאַרשוין, נישט קיין מענטש, דאָס איז אַ ליאַלקע. קיינער ווייסט נישט, אָבער איך ווייס. אָ! ווען איך וואָלט געווען אויף זיין אָרט, וואָלט איך שוין לאַנג דערהרגעט, איך וואָלט צעריסן אויף שטיקער אַזאַ ווייב, ווי איך, און וואָלט נישט געזאָגט: דו, ma chère אננאַ. דאָס איז נישט קיין מענטש, דאָס איז אַ מיניסטאָרישע מאַשין. ער פאַרשטייט נישט, אַז איך בין דיין פרוי, אַז ער איז אַ פרעמדער, אַז ער איז אַן איבעריקער... לאָמיר נישט רעדן!...

— דו ביסט נישט גערעכט און נישט גערעכט, מיין פריינט! — האָט װראָנסקי געזאָגט, באַמיענדיק זיך צו באַרויקן זי. — אָבער אַלץ איינס, לאָמיר נישט רעדן וועגן אים. דערציייל מיר, וואָס דו האָסט געטון? וואָס דו מאַכסט? וואָס ס'איז אַזוינס די קראַנקייט און וואָס ס'האָט געזאָגט דער דאָקטאָר?

זי האָט געקוקט אויף אים מיט שפּאָטישער פרייד. אפשר, זי האָט

געפינען נאָך קאָמישע פארקריפּלטע זייטן אין מאַן און געוואָרט אויף א מאָמענט ווי ארויסצוזאָגן.

אָבער ער האָט ווייטער גערעדט:

— איך בין מיך משער, אַז דאָס איז נישט קיין קראַנקייט, נאָר זיין צושטאנד. ווען וועט דאָס זיין?

דער שפּאָטישער גלאַנץ איז פאַרלאָשן געוואָרן אין אירע אויגן, אָבער א צווייטער שמייכל — דאָס וויסן פון עפּעס אומבאַקאַנטס פאַר אים און פון שטילן טרויער — האָט געבליבן אויף איר פריערדיקן אויסדרוק.

— אינגיכן, אינגיכן. דו האָסט געזאָגט, אַז אונזער לאַגע איז פּייני־לעך, אַז מען מוז מאַכן א סוף צו איר. ווען דו וואָלסט געוווסט, ווי שווער זי איז מיר, וואָס איך וואָלט געגעבן דערפאַר, איך זאָל דיך קאָנען פריי און דרייסט ליב האָבן! איך וואָלט מיך נישט געפּייניקט און וואָלט דיך נישט געפּייניקט מיט מיין אייפערזיכט... און דאָס וועט זיין אינגיכן, אָבער נישט אַזוי, ווי מיר מיינען.

און בייַם געדאַנק וועגן דעם, ווי אַזוי דאָס וועט זיין, האָט זי זיך אליין אויסגעזען אַזוי נעבעכדיק, אַז טרערן האָבן אָנגעפילט אירע אויגן און זי האָט נישט געקאָנט ווייטער רעדן. זי האָט צרויפגעלייגט אויף זיין אַרבל א האַנט, וואָס האָט געבלישטשעט מיט די רינגלעך און ווייס־קייט אונטערן ליכט פון לאָמפּ.

— דאָס וועט נישט זיין אַזוי, ווי מיר מיינען. איך האָב דיר דאָס נישט געוואָלט זאָגן, נאָר דו נייטסט מיך. אינגיכן, אינגיכן וועט צו אַלעם נעמען א סוף, און מיר אַלע, אַלע וועלן זיך בארויקן און וועלן זיך מער נישט פּייניקן.

— איך פאַרשטיי נישט, — האָט ער געזאָגט, פאַרשטייענדיק זי.

— דו פרעגסט — ווען? אינגיכן. און איך וועל דאָס נישט אי־בערלעבן. שלאָג נישט איבער! — און זי האָט אָנגעהויבן איילינק צו רעדן. — איך ווייס דאָס און ווייס זיכער. איך וועל שטאַרבן, און איך בין זייער צופרידן, וואָס איך וועל שטאַרבן און באַפרייען זיך און אייך.

טרערן האָבן א גאָס געטון פון אירע אויגן; ער האָט זיך אָנגע־בויגן צו איר האַנט און אָנגעהויבן קושן זי, באַמיענדיק זיך צו פאַרבאַרגן זיין צערודערטקייט, וועלכע, ער האָט געוווסט, האָט נישט קיין שום גרונד, אָבער וועלכע ער האָט נישט געקאָנט באַהערשן.

— אַט אַזוי, אַט דאָס איז בעסער, — האָט זי געזאָגט, אַ דריק געבנדיק מיט אַ שטאַרקער באַוועגונג זײַן האַנט. — אַט איז דאָס איינציקע, אײנציקע, וואָס אונז איז געבליבן.

ער האָט זיך באַהערשט און אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— וואָס פאַר אַ נאַרישקייט! וואָס פאַר אַן אומזיניקע נאַרישקייט דו רעדסט!

— ניין, דאָס איז אמת.

— וואָס, וואָס איז אמת?

— אַז איך וועל שטאַרבן. איך האָב געזעען אַ חלום.

— אַ חלום? — האָט ווראָנסקי איבערגעחזרט און אויגנבליקלעך זיך דערמאָנט זײַן פויער אין חלום.

— יאָ, אַ חלום, — האָט זי געזאָגט. — איך האָב שוין לאַנג געזעען דעמדאָזיקן חלום. איך האָב געזעען, אַז איך לויף אַרײַן אין מײַן שלאָפצימער, אַז איך דאַרף דאָרט עפּעס נעמען, געוויר ווערן עפּעס: דו ווייסט ווי אַזוי דאָס קומט פאָר אין חלום, — האָט זי געזאָגט, מיט ברייט געעפנטע אויגן פון שרעק, — און אין שלאָפצימער אין ווינקל שטייט עפּעס...

— אַך, וואָס פאַר אַ נאַרישקייט! ווי אַזוי קאָן מען גלייבן...

אָבער זי האָט זיך נישט געלאָזט איבערשלאָגן. דאָס, וואָס זי האָט געזאָגט, איז געווען צו וויכטיק פאַר איר.

— און דאָסדאָזיקע עפּעס האָט זיך אויסגעדרייט, און איך זע, אַז דאָס איז אַ פויער מיט אַ צעשויבערטער באָרד, אַ קליינער און שרעקלעכער. איך האָב געוואָלט אַנטלויפן, נאָר ער האָט זיך אָנגעבויגן איבערן זאַק און גיט די הענט עפּעס געגנישטע ט דאָרט...

זי האָט נאָכגעמאַכט, ווי אַזוי ער האָט געגנישטערט אין זאַק. איר פּנים האָט אויסגעדריקט שרעק. און ווראָנסקי, וואָס האָט זיך דערמאָנט זײַן חלום, האָט אויך געפילט אַזאַ שרעק, וואָס האָט אָנגעפילט זײַן נשמה.

— ער נישטערט און מורמלט אויף פראַנצויזיש גיך-גיך און גראַסירט אַזוי: Il faut le battre le fer, le broyer, le pètrir...

און איך האָב פון מורא געוואָלט אויפוואַכן, כ'האָב אויפגעוואַכט... אָבער איך האָב אויפגעוואַכט אין שלאָף. און זיך אָנגעהויבן פרעגן, וואָס דאָס באַטײַט? און קאָרנעי זאָגט מיר: „בײַ דער קימפּעט, בײַ דער קימפּעט וועט איר שטאַרבן, בײַ דער קימפּעט“... און איך האָב אײַנגעוואַכט...

— וואָס פאַר אַ נאַרישקייט, וואָס פאַר אַ נאַרישקייט! — האָט וראָנסקי געזאָגט, נאָר ער האָט אַליין געפילט, אַז עס איז נישטאָ קיין שום איבערצייגונג אין זיין קול.

— אָבער לאָמיר נישט רעדן. קלינג אָן, איך וועל הייסן אַריינגעבן טיי. וואַרט-זשע. אַצינד וועט שוין לאַנג נישט דויערן, איך...

נאָר פּלוצלינג האָט זי זיך אָפּגעשטעלט. דער אויסדרוק פון איר פּנים האָט זיך אויגנבליקלעך געענדערט. די שרעק און אויפרעגונג זענען פּלוצלינג פאַרביטן געוואָרן מיט אַן אויסדרוק פון שטילער, ערנסטער און גליקזעליקער אויפמערקזאַמקייט. ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין די באַדייטונג פון דער דאָזיקער ענדערונג. זי האָט געפילט אין זיך אַ באַוועגונג פון אַ נייַ לעבן.

IV.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז נאָך דער באַגעגעניש בײַ זיך אויפן גאַנעק געפאָרן, ווי ער האָט בדעה געהאַט, אין דער איטאַליענישער אָפּערע אַריין. ער איז דאָרט אָפּגעזעסן בײַ צוויי אַקטן און געזען אַלע, וואָס עס איז אים נייטיק געווען. צוריקגעקומען אַהיים, האָט ער אויפמערקזאַם באַטראַכט דעם מלבושים-הענגער און, זעענדיק, אַז קיין מיליטעריש מאַנטל געפינט זיך נישט, איז ער, ווי געוויינלעך, אַריינגעגאַנגען צו זיך. אָבער קעגן דער געוווינהייט, האָט ער זיך נישט געלייגט שלאָפן, נאָר געדרייט זיך הין און צוריק איבער זיין קאַבינעט ביז דריי אַ זייגער. אַ געפיל פון כעס אויפן ווייב, וואָס האָט נישט געוואָלט אָפּהיטן די אָנשטענדיקייט און דערפילן דעם איינציקן איר געשטעלט באַדינג: נישט אויפצונעמען בײַ זיך איר געליבטן, האָט אים נישט געלאָזט רוען. זי האָט נישט דערפילט זיין פאָדערונג, און ער מוז זי באַשטראָפן און פאַרווירקלעכן זיין דראָונג: פאָדערן אַ גט און צונעמען דעם זון. ער האָט געוווּסט אַלע שוועריקייטן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דעם ענין, אָבער ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט דאָס טון, און אַצינד איז ער מחויב אויספירן די דראָונג. די גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ האָט אים אָנגעדייט, אַז דאָס איז דער בעסטער אויסגאַנג פון זיין לאַגע, און די לעצטע צייט האָט די פּראַקטיק פון די גטן דערפירט דעם דאָזיקן ענין צו אַזאַ שלימות,

אַז אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געזעען אַ מעגלעכקייט בייצוקומען די פאָרמעלע שוועריקייטן. חוצדעם, אַז עס גייט נישט, גייט שוין נישט מיט אַלעם, און דער ענין וועגן דעם איינאָרדנען די פרעמדפעלקישע און דער באַוואַסערונג פון די פעלדער פון דער זאַראַיסקער גובערניע האָבן אָנגענומען אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן אַזעלכע עגמת נפש אין דער דינסט, אַז ער האָט די לעצטע צייט זיך כסדר געפונען אין דער גרעסטער אויפרעגונג.

ער איז נישט געשלאָפן די גאַנצע נאַכט, און זיין כעס, וואָס האָט זיך פאַרגרעסערט אין עפּעס אַ ריזיקער פּראָגרעסיע, איז דערגאַנגען אין דער פרי ביז די ווייטסטע גרענעצן. ער האָט זיך איילִיק אָנגעטון און, אַזוי טראָגנדיק אַ פולן בעכער מיט כעס און מורא האָבנדיק נישט צו פאַרגיסן אים, מורא האָבנדיק איינצייטיק מיטן כעס נישט צו פאַרלירן די ענערגיע, וואָס איז אים נייטיק אויף דורכצושמועסן זיך מיטן ווייב, איז ער אַריינגעגאַנגען צו איר, ווי נאָר ער איז געוואָויר געוואָרן, אַז זי איז אויפגעשטאַנען.

אַננאַ, וואָס האָט געמיינט, אַז זי קען אַזוי גוט איר מאַן, איז געווען איבערראַשט פון זיין אויסזעען, ווען ער איז אַריינגעקומען צו איר. זיין שטערן איז געווען אָנגעכמורעט און די אויגן האָבן מרהשחורהדיק געקוקט פאַר זיך, אויסמיידנדיק איר בליק; דאָס מויל איז געווען פעסט און מיט פאַראַכטונג צונויפגעפרעסט. אין גאַנג, אין די באַוועגונגען, אין קלאַנג פון זיין קול איז געווען אַנטשלאָסנקייט און פעסטקייט, וואָס די פרוי האָט קיינמאָל בא אים נישט געזעען. ער איז אַריינגעגאַנגען אין צימער, זיך נישט באַגריסט מיט איר, גלייך צוגעגאַנגען צו איר שרייבטיש און, נעמענדיק די שליסעלעך, געעפנט דאָס שיפלאָד.

— וואָס דאַרפסט איר? — האָט זי אַ געשריי געגעבן.

— די בריוו פון אייער געליבטן, — האָט ער געזאָגט.

— זיי זענען דאָ נישטאָ, — האָט זי געזאָגט, פאַרמאַכנדיק דאָס שיפלאָד, אָבער לויט דערדאָזיקער באַוועגונג האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער האָט ריכטיק געטראָפן, און, גראָב אָפּשטופנדיק איר האַנט, האָט ער שנעל אַ כאַפּ געטון דעם פּאָרטפעל, אין וועלכן, ער האָט געוווּסט, זי פלעגט האַלטן אַלע נייטיקע פּאַפּירן. זי האָט געוואָלט אויסרייסן דעם פּאָרטפעל, נאָר ער האָט זי אָפּגעשטופּט.

— זעצט אייך! איך דאַרף רעדן מיט אייך, — האָט ער געזאָגט.

בעמענדיק דעם פּאָרטפּעל אונטערן אָרעם און אַזוי אָנגעשטרענגט אים צודריקנדיק מיטן עלנבויגן, אַז זיין אַקסל האָט זיך אויפגעהויבן.

זי האָט מיט פאַרווונדערונג און שרעק שווייגנדיק געקוקט אויף אים.

— איך האָב אייך געזאָגט, אַז איך וועל נישט דערלויבן אויפצובעמען אייער געליבטן באַ זיך.

— איך האָב אים געדאַרפט זעען, כּדי...

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, נישט געפינענדיק קיין שום תּירוץ.

— איך גיי נישט אַריין אין די איינצלהייטן פון דעם, נאָכוואָס אַ פרוי דאַרף זעען דעם געליבטן.

— איך האָב געוואָלט, איך האָב בלויז... — האָט זי רויט ווערנדיק געזאָגט. דידאָזיקע גראָבקייט זיינע האָט זי צערייצט און איר צוגעגעבן דרייסטקייט. צי פילט איר נישט, ווי לייכט אייך איז מיך צו באַליידיקן? — האָט זי געזאָגט.

— באַליידיקן קאָן מען אַן אָרנטלעכן מענטש און אַן אָרנטלעכע פרוי, אָבער זאָגן אַ גנב, אַז ער איז אַ גנב, הייסט בלויז la constatation d'un fait.

— דעמדאָזיקן נייעם שטריך פון אכזריות האָב איך נאָך נישט געקענט אין אייך.

— איר רופט אָן אכזריות דאָס, וואָס דער מאַן לאָזט איבער דער פרוי די פרייהייט, געבנדיק איר די אָרנטלעכע שוץ פון זיין נאָמען בלויז מיטן באַדינג אָפּצוהיטן די אָנשטענדיקייט. דאָס הייסט אכזריות?

— דאָס איז ערגער פון אכזריות, דאָס איז געמיינהייט, אויב איר ווילט שוין וויסן! — האָט אַננאַ אויסגעשריגן מיט אַן אויסברוך פון כּעס און, אויפשטייענדיק, געוואָלט אַוועקגיין.

— ניין! — האָט ער אַ געשריי געטון מיט זיין קוויטשעדיק קול, וואָס האָט זיך אַצינד אויפגעהויבן נאָך מיט איין טאָן העכער ווי געווינלעך, און, אָנכאַפּנדיק זי מיט זיינע גרויסע פינגער באַ דער האַנט אַזוי שטאַרק, אַז רויטע צייכנס זענען געבליבן אויף איר פון דעם בראַסליעט, וועלכן ער האָט צוגעדריקט, האָט ער זי מיט געוואַלט אַוועקגעזעצט אויפן אָרט. — געמיינהייט? אויב איר ווילט באַנוצן דאָסדאָזיקע וואָרט, איז אַ געמיינהייט — אַוועקצוואַרפן אַ מאַן, אַ זון צוליב אַ געליבטן און עסן דעם מאַנס ברויט.

זי האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ. זי האָט אים נישט בלויז נישט גע־זאָגט, וואָס זי האָט נעכטן געזאָגט דעם געליבטן, אַז ע ר איז איר מאַן, און דער מאַן איז אַן איבעריקער; זי האָט דאָס אפילו נישט קיין טראַכט געטון. זי האָט געפילט די גאַנצע גערעכטיקייט פון זיינע ווערטער און בלויז שטיל געזאָגט:

— איר קאָנט נישט שילדערן מיין לאַגע ערגער פון דעם, ווי איך אַליין פאַרשטיי זי; נאָר נאָכוואָס זאָגט איר דאָס אַלץ?

— נאָכוואָס איך זאָג דאָס? נאָכוואָס? — האָט ער ווייטער אַזוי אין כעס פאַרגעזעצט. — כדי איר זאָלט וויסן, אַז אַזוי ווי איר האָט נישט דערפילט מיין ווילן בנוגע דעם אָפּהיטן די אָנשטענדיקייט, וועל איך אָננעמען מיטלען, אַז דידאָזיקע לאַגע זאָל זיך ענדיקן.

— אינגיכן, אינגיכן וועט זי זיך אַזוי אויך ענדיקן, — האָט זי אַ זאָג געטון, און ווידער האָבן טרערן באַם געדאַנק וועגן נאָענטן, אַצינד פאַרלאַנגטן טויט אָנגעפילט אירע אויגן.

— עס וועט זיך ענדיקן שנעלער, ווי איר האָט צוגעטראַכט מיט אייער געליבטן! אייך איז נייטיק צו באַפרידיקן די פיזישע ליידנשאַפט...

— אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש! איך זאָג נישט, אַז דאָס איז נישט גרויסמוטיק, נאָר דאָס איז נישט אָרנטלעך — צו שלאָגן אַ געפאַלענעם.

— יאָ, איר געדענקט בלויז זיך, אָבער די ליידן פון אַ מענטש, וועלכער איז געווען אייער מאַן, אינטערעסירן אייך נישט. אייך איז אַלץ איינס, וואָס זיין גאַנץ לעבן איז רוינירט געוואָרן, וואָס ער האָט איבער־ד'ע... איבערדע... איבערדעליטן...

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט גערעדט אַזוי שנעל, אַז ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט און בשום אופן נישט געקאָנט אַרויסרעדן דאָסדאָזיקע וואָרט. ער האָט עס צום סוף אַרויסגערעדט א י ב ע ר ד ע ל י ט ן. איר איז געוואָרן קאָמיש און גלייכצייטיק אַ בושה דערפאַר, וואָס איר האָט געקאָנט זיין קאָמיש עפּעס אין אַזאַ מינוט. און דאָס ערשטע מאָל האָט זי זיך אויף אַן אויגנבליק דערפילט, זיך איבערגעטראָגן אין אים און איר איז געוואָרן אַ רחמנות אויף אים. אָבער וואָס־זשע האָט זי געקאָנט זאָגן אָדער טון? זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן. ער האָט אויך געשוויגן אַ ווײַלע און אָנגעהויבן צו רעדן דערנאָך שוין מיט אַ ווייניקער קוויטשעדיק, קאַלט קול, אונטערשטרייכנדיק די צופעליק אויסדערווײַלטע ווערטער, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שום באַזונדערע וויכטיקייט.

— איך בין אייך געקומען זאָגן... — האָט ער געזאָגט.

זי האָט אַ בליק געטון אויף אים. „ניין, דאָס האָט זיך מיר געדאַכט, — האָט זי אַ קלער געטון, דערמאַנענדיק זיך דעם אויסדרוק פון זיין פּנים, ווען ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט באַם וואָרט איבערדעליקאַט, — ניין, צי קאָן דער מענטש מיט די דאָזיקע טריבע אויגן, מיט דער דאָזיקער זעלבסטצופרידענער רויקייט פילן עפּעס".

— איך קאָן גאָרנישט ענדערן, — האָט זי אַ פליסטער געטון.

— איך בין אייך געקומען זאָגן, אַז איך פאָר מאָרגן אַוועק קיין מאָסקווע און וועל מיך מער נישט אומקערן אין דעם דאָזיקן הויז אַריין, און איר וועט באַקומען אַ ידיעה וועגן מיין באַשלוס דורך דעם אַדוואָקאַט, וועלכן איך וועל איבערגעבן דעם ענין פון גט. דער זון אָבער מיינער וועט אַריבערפאָרן צו דער שוועסטער, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געזאָגט, מיט אָנשטרענגונג זיך דערמאַנענדיק דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן וועגן זון.

— איר דאַרפט סעריאָזשען, כּדי מיר וויי צו טון, — האָט זי אַ זאָג געטון, קוקנדיק אויף אים פון אונטערן שטערן אַפער. — איר האָט אים נישט ליב... לאָזט איבער סעריאָזשען!

— יאָ, איך האָב אָנגעוווירן אפילו די ליבע צום זון, ווייל מיט אים איז פאַרבונדן מיין עקל צו אייך. אָבער איך וועל אים דאָך נעמען. זייט געזונט!

און ער האָט געוואָלט אַוועקגיין, נאָר אַצינד האָט זי אים פאַרהאַלטן.

— אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, לאָזט איבער סעריאָזשען! — האָט זי נאָכאַמאָל אַרויסגעפליסטערט. — איך האָב מער גאָרנישט צו זאָגן. לאָזט איבער סעריאָזשען ביז מיין... איך וועל איינגיכן געבוירן, לאָזט אים איבער!

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז רויט געוואָרן און, אויסרייסנדיק די האַנט בײַ איר, איז ער שווייגנדיק אַרויסגעגאַנגען פון צימער.

V.

דאָס אויפנאַם-צימער פון באַרימטן פעטערבורגער אַדוואָקאַט איז געווען פול, ווען אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז אַריינגעגאַנגען דערין. דריי דאַמען: אַ זקנה, אַ יונגע און אַ סוחרטע, דריי הערן: איינער — אַ דייטשישער באַנקיר מיט אַ רינג אויפן פינגער, דער צווייטער — אַ סוחר מיט אַ באָרד און דער דריטער — אַ בייזער באַאַמטער אין אַ חיי-צעמונדיר מיט אַ קרייץ אויפן האַלז, האָבן משמעות שוין לאַנג געוואַרט. צוויי געהילפן האָבן געשריבן אויף טישן, סקריפּענדיק מיט די פעדערס. די שרייב-מכשירים, צו וועלכע אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געהאַט אַ שוואַכקייט, זענען געווען אומגעוויינלעך שיין. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט דאָס נישט געקאָנט נישט באַמערקן. איינער פון די געהילפן האָט, נישט אויפשטייענדיק, פאַרזשמורענדיק זיך, בייז זיך געווענדט צו אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן:

— וואָס דאַרפט איר?

— איך האָב אַן ענין צום אַדוואָקאַט.

— דער אַדוואָקאַט איז פאַרנומען, — האָט דער געהילף שטרענג געענטפערט, אָנווייזנדיק מיט דער פעדער אויף די וואַרטנדיקע, און האָט ווייטער געשריבן.

— צי וועט ער נישט קאָנען געפינען קיין צייט? — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געזאָגט.

— ער האָט נישט קיין פרייע צייט, ער איז שטענדיק פאַרנומען. באַוויליקט צוצוואַרטן.

— איז צי וועט איר זיך נישט מטריח זיין אַריינצוגעבן מיין וויזיט-קאַרטע, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש ווירדיק געזאָגט, זעענדיק אַ נייטיקייט אויפצודעקן זיין אינקאָגניטאָ.

דער געהילף האָט גענומען די וויזיט-קאַרטע און, משמעות, נישט האַלטנדיק פון איר אינהאַלט, איז ער אַריינגעגאַנגען אין דער טיר.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט סימפּאַטיזירט מיטן עפנטלעכן געריכט אין פּרינציפּ, אָבער מיט געוויסע פּרטים פון זיין אָנווענדונג בא אונז איז ער נישט אינגאַנצן איינשטימיק געווען, איבער אים באַקאַנטע

העכערע אמטלעכע טעמים, און ער האָט זיי געטאַדלט, אויף וויפיל ער האָט געקאָנט טאַדלען עפּעס, וואָס איז אַלערהעכסט באַשטעטיקט געוואָרן. זיין גאַנץ לעבן איז פאַרפלאָסן אין אַדמיניסטראַטיווער טעטיקייט און דעריבער, ווען ער איז מיט עפּעס נישט צופרידן געווען, איז זיין אומצופרידנקייט געמילדערט געוואָרן דורך דעם, וואָס ער האָט אָנערקענט, אַז טעותים זענען אומפאַרמיידלעך און אַז יעדן ענין איז מעגלעך אויסצובעסערן. אין די נייע געריכטלעכע אינסטיטוציעס זענען אים נישט געפעלן די באַדינגונגען, אין וועלכע די אַדוואָקאַטור איז געשטעלט געוואָרן. אָבער ער האָט ביז אַצינד נישט געהאַט צו טון מיט דער אַדוואָקאַטור און דעריבער איז ער נישט צופרידן געווען פון איר בלויז טעאָרעטיש; אַצינד אָבער איז דידאָזיקע אומצופרידנקייט זיינע נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך דעם נישט אָנגענעמען איינדרוק, וועלכן ער האָט באַקומען אין דעם אַדוואָקאַטס אויפנאַם-צימער.

— ער קומט שוין אַרויס, — האָט דער געהילף געזאָגט, און ווירקלעך האָט אין צוויי מינוט אַרום אין דער טיר זיך באַוויזן די לאַנגע פיגור פון אַן אַלטן רעכטס-קענער, וואָס האָט זיך באַראַטן מיטן אַדוואָקאַט, און דער אַדוואָקאַט גופא.

דער אַדוואָקאַט איז געווען אַ קליינער, ברייטבייניקער, פּליכיקער מענטש מיט אַ טונקל-געלבלעכער באָרד, העלע לאַנגע ברעמען און נידעריקן שטערן. ער איז געווען אויסגעפּוצט, ווי אַ חתן, פון דעם שניפּס און דעם טאָפּלטן קייטל ביז די לאַקירטע שיך. דאָס פּנים איז געווען אַ קלוגס, אַ פּויעריש, און די קליידונג אַ פּראַנטישע און פון שלעכטן געשמאַק.

— ביטע, — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן. און, מרה-שחורהדיק דורכלאָזנדיק פאַרביי זיך קאַרענינען, האָט ער פאַרמאַכט די טיר. — צי ווינטשט איר זיך נישט? — ער האָט אָנגעוויזן אויף אַ פאָטעל באַם שרייבטיש, וואָס איז פאַרלייגט געווען מיט פּאַפּירן און אַליין זיך געזעצט אויבנאָן, רייבנדיק זיך די קליינע הענט מיט די קורצע פינגער, באַוואַקסענע מיט ווייסע האָר, און אָנגעבויגן דעם קאָפּ אין אַ זייט. אָבער ווי נאָר ער האָט זיך באַרויקט אין זיין פּאָזע, איז איבערן טיש דורכגעפלויגן אַ מילב. דער אַדוואָקאַט האָט מיט אַ שנעלקייט, וועלכע מען האָט נישט געקאָנט דערוואַרטן פון אים, צעשפּרייט די הענט, געכאַפּט די מילב און ווידער אָנגענומען די פריערדיקע פּאָזע.

— איידער איך הייב אָן צו רעדן וועגן מיין ענין, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געזאָגט, פאַרווּנדערט נאָכפאָלגנדיק מיט די אויגן דעם אַדוואָקאַטס באַוועגונגען, — מוז איך באַמערקן, אַז דער ענין, וועגן וועלכן איך האָב צו רעדן מיט אייך, דאַרף בלייבן אַ סוד.

אַ קוים באַמערקטער שמייכל האָט צעשפּרייט דעם אַדוואָקאַטס געלבלעכע אָראָפּהענגענדיקע וואָנסעס.

— איך וואָלט נישט געווען קיין אַדוואָקאַט, ווען איך וואָלט נישט געקאָנט אָפּהיטן די סודות, וואָס ווערן מיר אָנפאַרטרויט. נאָר אויב איך איז נייטיק אַ באַשטעטיקונג...

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אַ בליק געטון אויף זיין פּנים און דערזעען, אַז די גרויע קלוגע אויגן לאַכן און ווייסן שוין כּלומרשט אַלץ.

— אייך איז באַקאַנט מיין פאַמיליענאָמען? — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש פאָרגעזעצט.

— איך קען אייך, — ער האָט ווידער געכאַפּט אַ מילב, — און אייער נוצלעכע טעטיקייט, ווי יעדער רוסישער מענטש, — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט, זיך אָנבייגנדיק.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אָפּגעזיפצט, זיך אָננעמענדיק מיט מוט. אָבער, איינמאָל זיך אַנטשלאָסן, האָט ער שוין פאָרגעזעצט מיט זיין פּישטשענדיק קול, נישט שרעקנדיק זיך מער, נישט פאַרהאַקנדיק זיך און אונטערשטרייכנדיק געוויסע ווערטער.

— איך האָב דאָס אומגליק, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אָנגעהויבן, — צו זיין אַן אָפּגענאַרטער מאַן און וויל געזעצלעך איבערייסן די באַציונגען מיט דער פרוי, דאָס הייסט גטן זיך, נאָר דערביי אַזוי, אַז דער זון זאָל נישט בלייבן באַ דער מוטער.

דעם אַדוואָקאַטס גרויע אויגן האָבן זיך באַמיט נישט צו לאַכן, אָבער זיי זענען געשפּרונגען פון אומגעצוימטער פרייד; און אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געזעען, אַז דאָס איז נישט בלויז די פרייד פון אַ מענטש, וואָס קריגט אַ באַקוועמע באַשטעלונג, — דאָ זענען געווען טריומף און התלהבות. עס איז געווען גלאַנץ, ענלעך צו דעם בייזן גלאַנץ, וועלכן ער האָט געזען אין ווייבס אויגן.

— איר פאַרלאַנגט מיין מיטווירקונג, כּדי אַדורכצופירן אַ גט?

— יאָ, טאַקע אַזוי, אָבער איך מוז אייך מתרה זיין, אַז איך ריזיקיר מיסצובראַוכן מיט אייער אויפמערקזאַמקייט. איך בין געקומען דערוויל

זיך בּאַראַטן מיט אייך. איך וויל אַ גט, אָבער פאַר מיר זענען וויכטיק די פאָרמען, בּאַ וועלכע ער איז מעגלעך. עס קאָן זייער זיין, אַז אויבּ די פאָרמען וועלן נישט האַרמאָנירן מיט מיינע פאָדערונגען, וועל איך מיך אָפּזאָגן פון אַ געזעצלעכער דורכפירונג.

—אָ, דאָס איז שטענדיק אַזוי, — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט, — און דאָס איז שטענדיק אָפּהענגיק פון אייער ווילן.

דער אַדוואָקאַט האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן אויף אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס פיס, פילנדיק, אַז ער קאָן מיט דער מינע פון זיין אומגעצוימטער פרייד בּאַליידיקן דעם קליענט. ער האָט אַ קוק געטון אויף דער מילבּ, וואָס איז דורכגעפלויגן פאַרבּיי זיין נאָז, און זיך אַ צי געטון מיט דער האַנט, אָבער נישט געכאַפּט זי אויס אַכטונג צו אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס לאַגע.

— הגם אין אַלגעמיינע שטריכן זענען מיר די געזעצן וועגן דעראָזיקער זאַך בּאַקאַנט, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש פאָרגעזעצט, — וואָלט איך בּכלל געוואָלט וויסן די פאָרמען, אין וועלכע עס ווערן אין דער פּראַקטיק דורכגעפירט אַזעלכע מין ענינים.

— איר ווילט, — האָט דער אַדוואָקאַט געענטפערט, נישט אויפהייבּנדיק די אויגן און נישט אָן פאַרגעניגן אַריינגייענדיק אין דעם טאָן פון זיין קליענטס רעדן, — אַז איך זאָל אייך אויפקלערן די וועגן, לויט וועלכע עס איז מעגלעך צו פאָרווירקלעכן אייער פאַרלאַנג.

און אויף אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס נייג מיטן קאָפּ אַלס בּאַשטעטיקונג האָט ער פאָרגעזעצט, פון צייט צו צייט בּלויז אויף אַ רגע אַ בּליק געבּנדיק אויף אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס פּנים, וואָס האָט בּאַקומען רויטע פלעקן.

— אַ גט לויט אונזערע געזעצן, — האָט ער געזאָגט מיט אַ לייכטן שאָטן פון אומצופרידנקייט פון אונזערע געזעצן, — איז מעגלעך, ווי אייך איז בּאַוווּסט, אין פאָלגנדע פאַלן... צוואַרטן! — האָט ער זיך געווענדט צום געהילף, וואָס האָט זיך אַריינגערוקט אין דער טיר, נאָר איז פונדעסטוועגן אויפגעשטאַנען, געזאָגט עטלעכע ווערטער און זיך ווידער געזעצט. — אין פאָלגנדע פאַלן: פיזישע חסרונות פון מאַן-און-ווייבּ, דערנאָך אַ פינף יעריקע צעשיידונג אָן אַ ידיעה פון זיך. — האָט ער געזאָגט, פאַרבּייגנדיק דעם קורצן מיט האָר בּאַוואַקסענעם פינגער, — דערנאָך אויסגעלאַסנקייט (דאָסדאָזיקע וואָרט האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ בּאַשיינפּערלעכן פאַרגעניגן). די איינטיילונגען זענען פאָלגנדע (ער האָט

ווייטער פאַרבויגן זיינע גראָבע פינגער, הגם די פאַלן און צעטיילונגען האָבן, משמעות, נישט געקאָנט קלאַסיפיצירט ווערן צוזאַמען): פיזישע חסרונות פון דעם מאַן אָדער פון דער פרוי, דערנאָך אויסגעלאַסנקייט פון דעם מאַן אָדער פון דער פרוי. — אַזוי ווי אַלע פינגער זענען שוין געווען אויסגעגאַנגען, האָט ער זיי אַלע אויפגעבויגן און פאָרגעזעצט: — דאָס איז דער טעאָרעטישער בליק; אָבער איך מיין, אַז איר האָט מיר פאַרשאַפט דעם כבוד זיך צו ווענדן צו מיר, כדי געוויר צו ווערן די פּראַקטישע אָנווענדונג. און דעריבער, ריכטנדיק זיך לויט די אַנטעצעדענטן, בין איך מחויב אייך מיטצוטיילן, אַז אַלע פאַלן פון גט קומען צום פאָלגענדן: קיין פיזישע חסרונות זענען נישט פאַראַן, ווי איך קאָן פאַרשטיין? און אויך קיין אַפּוועזנהייט אָן אַ ידיעה? ...

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אַלס באַשטעטיקונג אָנגעבויגן דעם קאָפּ.

— קומען צום פאָלגענדן: אויסגעלאַסנקייט פון איינעם פון די מאַן-און-ווייב און באַשולדיקן דעם פאַרברעכערישן צד לויט אַ קעגנזייטיקער הסכמה, און אָן אַזאַ הסכמה אַ קעגנווילנדיקע באַשולדיקונג. איך מוז זאָגן, אַז דער לעצטער פאַל טרעפט זיך זעלטן אין דער פּראַקטיק, — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט און, אויף אַ רגע אַ בליק געבנדיק אויף אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן, איז ער שטיל געבליבן, ווי אַ סוחר פון פּיסטאָלעטן, נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעשילדערט די באַקוועמלעכקייטן פון דעם און יענעם געווער און וואַרט אויף דעם אויסוואַל פון זיין קונה. אָבער אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געשוויגן, און דעריבער האָט דער אַדוואָקאַט פאָרגעזעצט: — דאָס סאַמע געוויינלעכסטע און איינפאַך פאַרנונפטיקסטע, האַלט איך, איז אויסגעלאַסנקייט לויט אַ קעגנזייטיקער הסכמה. איך וואָלט מיר נישט דערלויבט זיך אַזוי אויסצודריקן, ווען איך זאָל רעדן מיט אַ מענטש אַ נישט אַנטוויקלטן, — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט. — אָבער איך מיין, אַז אייך איז דאָס פאַרשטענדלעך.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז, פונדעסטוועגן, געווען אַזוי צעטומלט, אַז ער האָט נישט באַלד פאַרשטאַנען די פאַרנונפטיקייט פון אויסגעלאַסנקייט לויט אַ קעגנזייטיקער הסכמה, און אויסגעדריקט דאָס דאָזיקע נישט פאַרשטיין אין זיין בליק; אָבער דער אַדוואָקאַט האָט אים גלייך צוגעהאָלפן:

— מענטשן קאָנען נישט מער לעבן צוזאַמען — אָט איז דער פאַקט. און אויבביידע זענען אין דעם איינשטימיק. דאַן האָבן די פּרטים און פאָרמאַליטעטן נישט קיין באַדייטונג און איינצייטיק איז עס דאָס איינפאַכסטע און זיכערסטע מיטל.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט שוין אַזינד גרינטלעך פאַרשטאַנען. אָבער ער האָט געהאַט רעליגיעזע פאָדערונגען, וועלכע האָבן געשטערט צו דערלאָזן דאָסדאָזיקע מיטל.

— ד'אָס איז אויסגעשלאָסן אין איצטיקן פאַל, — האָט ער געזאָגט. — דאָ איז בלויז איין פאַל מעגלעך: אַ קעגנוויליגדיקע באַשולדיקונג, וואָס ווערט באַשטעטיקט דורך בריוו. וועלכע איך האָב.

באַם דערמאָנען וועגן די בריוו האָט דער אַדוואָקאַט צונויפגעדריקט די ליפּן און אַרויסגעלאָזט אַ דינעם, מיטפילנדיקן און ביטולדיקן קלאַנג.

— באַוויליקט צו זעען, — האָט ער אָנגעהויבן. — אַזעלכע מין זאַכן ווערן אַנטשיידט, ווי איך איז באַוווּסט, דורך דעם אמט פון די גייסטלעכע; די גייסטלעכע פאָטערס אָבער זענען אין אַזעלכע מין זאַכן גרויסע בעלנים אויף די קלענסטע איינצלהייטן, — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל, וואָס האָט געוויזן, אַז ער סימפּאַטיזירט מיטן געשמאַק פון די גייסטלעכע. — די בריוו קאָנען אָן ספק באַשטעטיקן טיילווייז; אָבער די באַווייזן מוזן באַקומען ווערן אויף אַ דירעקטן וועג, דאָס הייסט דורך עדות. בכלל אָבער, אויב איר וועט מיר פאַרשאַפן דעם כבוד מיך צו באַערן מיט אייער צוטרוי, לאָזט־זשע פאַר מיר איבער דעם אויסוואַל פון די מיטלען, וועלכע דאַרפן באַנוצט ווערן. ווער עס וויל אַ רעזולטאַט, דער גייט אויך איין אויף די מיטלען.

— אויב אַזוי... — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אָנגעהויבן און איז פּלוצלינג בלייך געוואָרן; נאָר אין דער צייט איז דער אַדוואָקאַט אויפגעשטאַנען און ווידער צוגעגאַנגען צו דער טיר צום געהילף, וואָס האָט אים איבערגעשלאָגן.

— זאָגט איר, אַז מיר זענען נישט אַזוי ביליק! — האָט ער געזאָגט און זיך אומגעקערט צו אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן.

אומקערנדיק זיך אויפן אָרט, האָט ער אומבאַמערקט געכאַפּט נאָך איין מילב. „שיין וועט אויסזעען מיין ריפּס אויפן זומער", האָט ער כמורענדיק זיך אַ קלער געטון.

— בכן, האָט איר באַוויליקט צו זאָגן... — האָט ער געזאָגט.

— איך וועל אייך מיטטיילן מיין באַשלוס שריפטלעך, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געזאָגט אויפשטייענדיק און זיך אָנגענומען בײַם טיש. געשטאַנען אַ ווײַלע שווייגנדיק, האָט ער געזאָגט: — פון איי־ער ווערטער קאָן איך, אַלזאָ, באַשליסן, אַז דורכצופירן אַ גט איז מעג־לעך. איך וואָלט אייך געבעטן מיר אויך מיטצוטיילן, וואָסערע אייערע באַדינגונגען זענען.

— אַלץ איז מעגלעך, אויב איר וועט מיך לאָזן אינגאַנצן פריי האַנדלען, — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט, נישט ענטפערנדיק אויף דער פראַגע. — ווען קאָן איך רעכענען צו דערהאַלטן פון אייך אַ ידיעה? — האָט דער אַדוואָקאַט געפרעגט, גייענדיק צו דער טיר און גלאַנצנדיק אי מיט די אויגן אי מיט די לאַקירטע שטיוועלעך.

— אין אַ וואָך אַרום. אייער ענטפער ווידער וועגן דעם, צי איר נעמט אויף זיך דורכצופירן דעמדאָזיקן ענין און אויף וואָסערע באַדינ־גונגען, וועט איר זיין אַזוי גוט מיר מיטצוטיילן.

— זייער גוט.

דער אַדוואָקאַט האָט זיך רעספּעקטפול פאַרנייגט, אַרויסגעלאָזט פון דער טיר דעם קליענט און פאַרבלייבנדיק אַליין, האָט ער זיך אָפּגעגעבן זיין פרייידיק געפיל. אים איז געוואָרן אַזוי פריילעך, אַז ער האָט קעגן זיינע כּללים, געמאַכט אַ הנחה אַ פּריצה, וואָס האָט זיך געדונגען און אויפגע־הערט צו כאַפּן די מילבן, ענדגילטיק באַשליסנדיק, אַז צום קינפטיקן ווינ־טער וועט מען דאַרפן איבערציען דאָס מעבל מיט סאַמעט, ווי בײַ סיגאָנינען.

VI.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אָפּגעהאַלטן אַ גלענצנדן נצחון אויף דער קאָמיסיע־סעסיע פון זיבצעטן אויגוסט, אָבער די פאָלגן פון דעמדאָזיקן נצחון האָבן אים אונטערגעגראָבן. די נייע קאָמיסיע אויסצו־פאָרשן אין אַלע הינזיכטן דעם מצב פון די פרעמד־פעלקישע איז געשאַפן געוואָרן און אַוועקגעשיקט געוואָרן אויפן אָרט מיט אַן אומגעווייגלעכער שנעלקייט און ענערגיע, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן. אין דריי חדשים אַרום איז צוגעשטעלט געוואָרן

א באַריכט. דער מצב פון די פרעמדפעלקישע איז אויסגעפאָרשט געוואָרן אין פּאָליטישער, אַדמיניסטראַטיווער, עקאָנאָמישער, עטנאָגראַפישער, מאַטעריעלער און רעליגיעזער הינזיכט. אויף אַלע פראַגן זענען אויסגעצייכנט פאָרמולירט געוואָרן ענטפערס, און ענטפערס, אין וועלכע מען האָט נישט געקאָנט צווייפלען, ווייל זיי זענען נישט געווען קיין פּראָדוקט פון מענטשלעכן געדאַנק, וואָס איז שטענדיק אויסגעשטעלט אויף טעותים, נאָר זענען אַלע געווען דער פּראָדוקט פון דינסטלעכער טעטיקייט. די ענטפערס זענען אַלע געווען רעזולטאַטן פון אָפיציעלע פאַקטן, באַריכטן פון גובערנאַטאָרן און אַרכיערייען, באַגרינדעטע אויף באַריכטן פון די קרייז-שעפן און ביסקופן, באַגרינדעטע, פון זייער זייט, אויף די באַריכטן פון די דאָרפישע אַמטן און גלחים און דעריבער זענען דידאָזיקע אַלע ענטפערס געווען אומצווייפלהאַפט. דידאָזיקע אַלע פראַגן וועגן דעם, למשל, פאַרוואָס עס טרעפן זיך אומגערעטעניש, פאַרוואָס די איינוווינער האַלטן זיך בײַ זייערע אַבערגלויבענישן א. אַז. וו., — פראַגן, וועלכע ווערן אָן דער באַקוועמלעכקייט פון דער דינסטלעכער מאַשין נישט געלייזט און קאָנען נישט געלייזט ווערן אין משך פון יאָרהונדערטער, האָבן באַקומען א קלאָרע, אומצווייפלהאַפטע לייזונג. און די לייזונג איז געווען צום גונסטן פון אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס מיינונג. אָבער סטרעמאָוו, פילנדיק זיך טיף געטראָפן אויף דער לעצטער זיצונג, האָט באַנוצט באַם דערהאַלטן די באַריכטן פון דער קאָמיסיע אַן אומדערוואַרטעטע טאַקטיק פאַר אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן. סטרעמאָוו, וואָס האָט אַריבערגעצויגן אויף זיין זייט אייניקע אַנדערע מיטגלידער, איז פלוצלינג אַריבער אויף אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס זייט און נישט בלויז הייס פאַרטיידיקט דאָס אָנווענדן די מיטלען, וואָס זענען פאָרגעלייגט געוואָרן דורך קאַרענינען, נאָר אויך פאָרגעלייגט אַנדערע עקסטרעמע אין זעלבן גייסט. דידאָזיקע מיטלען, נאָך מער פאַרשטאַרקטע לגבי דעם, וואָס ס'איז געווען אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס גרונד-געדאַנק, זענען אָנגענומען געוואָרן און דעמאָלט איז קלאָר געוואָרן סטרעמאָווס טאַקטיק. דידאָזיקע מיטלען, וואָס זענען דערפירט געוואָרן ביז עקסטרעמקייט, האָבן זיך פלוצלינג אַרויסגעוויזן פאַר אַזוי נאַריש, אַז אין איינער און דערזעלבער צייט האָבן סיי די מלוכה-לייט, סיי די געזעלשאַפטלעכע מיינונג, סיי די קלוגע דאַמען, סיי די צייטונגען — אַלץ האָט זיך א וואָרף געטון אויף דידאָזיקע מיטלען, אויסדריקנדיק זייער פאַרדראָס סיי קעגן די מיטלען גופא סיי קעגן זייער אָנערקענטן פאָטער, קעגן אַלעקסיי אַלעקסאַנ-

דיאַוויטשן. סטרעמאָוו אָבער האָט זיך אָפּגערוקט, מאַכנדיק אַ מינע, אַז ער האָט בלויז בלינד נאָכגעפאָלגט קאַרעונינס פּלאַן און איז אצינד אַליין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם. דאָס האָט אונטערגעגראָבן אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן. אָבער, נישט געקוקט אויף דעם שלעכטן געזונט-צושטאַנד, אויף די פאַמיליען-צרות, האָט זיך אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש נישט אונטערגעגעבן. טייל מיטגלידער, מיט סטרעמאָוון בראש, האָבן באַרעכטיקט זייער טעות מיט דעם, וואָס זיי האָבן געגלייבט דער רעוויזיאָנס-קאָמיסיע, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן און האָט צוגעשטעלט דעם באַריכט, און זיי האָבן געזאָגט, אַז דער באַריכט פון דער-דאָזיקער קאָמיסיע איז אַ נאַרישקייט און בלויז באַשריבן פּאַפּיר. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש מיט דער גרופּע מענטשן, וואָס האָבן געזען אַ געפאַר אין אַזאַ רעוואָלוציאָנערער באַציִונג צו פּאַפּירן, האָט ווייטער אונטערגעהאַלטן די פאַקטן, וואָס זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך דער רעוויזיאָנס-קאָמיסיע. איבער דעם האָט אין די העכערע ספערן און אַפילו אין דער געזעלשאַפט זיך אַלץ פאַרפּלאָנטערט, און, נישט געקוקט דערויף, וואָס דאָס האָט אַלע זייער אינטערעסירט, האָט קיינער נישט געקאָנט פאַרשטיין, צי עס לעבן טאַקע אין אָרימקייט און קומען אום די פרעמד-פעלקישע אָדער זיי בליען אויף. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס לאַגע איז אַ דאַנק דעם און טיילווייז איבער דעם ביטול, וואָס איז געפאַלן אויף אים מחמת דער אומטרייהייט פון זיין ווייב, געוואָרן גאַנץ וואַקלהאַפט. און אין דערדאָזיקער לאַגע האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אָנגענומען אַ וויכטיקן באַשלוס. ער האָט, צו דער פאַרוווּנדערונג פון דער קאָמיסיע, דערקלערט, אַז ער וועט בעטן אַ דערלויבעניש אַליין צו פאָרן אויפן אָרט אויספאָרשן דעם ענין. און אויסבעטנדיק די דערלויבעניש, איז אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אַוועקגעפאָרן אין די ווייטע גובערניעס.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס אַוועקפאָר האָט אָנגעמאַכט אַ סך טומל, בפרט אַז ער האָט פאַרן סאַמע אַוועקפאָרן אָפּיציעל מיט אַ פּאַפּיר אומגעקערט די רייזע-הוצאות, וואָס זענען אים אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף צוועלף פערד פאַר דער רייזע צום באַשטימטן אָרט.

— איך האַלט, אַז דאָס איז זייער פיין, — האָט בעטסי גערעדט וועגן דעם מיט דער פירשטין מיאַכקאַיאַ. — נאָכוואָס אויסגעבן אויף פּאָסט-פערד, ווען אַלע ווייסן, אַז עס זענען אצינד אומעטום דאָ באַנען?

אָבער די פירשטין מיאַכקאַיאַ איז נישט איינשטימיק געווען, און דער פירשטין טווערסקאַיאַס מיינונג האָט זי אפילו אויפגערעגט.

— אייך איז גוט צו זאָגן, — האָט זי געזאָגט, — ווען איר פאַר־מאָגט איך ווייס נישט וויפיל מיליאָן און איך האָב זייער ליב, ווען דער מאַן פאָרט אויף רעוויזיע זומער. אים איז זייער געזונט און אָנגענעם זיך דורכצופאָרן, און באַ מיר איז שוין אַזוי איינגעפירט, אַז פאַר דעם געלט האַלט איך אויס אַ קאָטש מיט אַ קוטשער.

אויפן וועג אין די ווייטע גובערניעס אַריין האָט אַלעקסיי אַלעק־סאַנדראָוויטש זיך אָפּגעשטעלט אויף דריי טעג אין מאָסקווע.

צומאָרגנס פון זיין קומען איז ער געפאָרן מיט אַ וויזיט צום גע־נעראַל־גובערנאַטאָר. אין ראָג באַם צייטונגס־געסל, ווו עס איז שטענדיק אַ געדראַנג פון עקיפּאַזשן און פורמאַנעס, האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָ־וויטש פּלוצלינג דערהערט זיין נאָמען, וואָס איז אויסגעשריגן געוואָרן מיט אַזאַ הויך און פריילעך קול, אַז ער האָט נישט געקאָנט נישט זיך אומ־קוקן. אין עק טראָטואַר אין אַ קורצן מאָדישן פּאַלטן, מיט אַ קליינעם מאָדישן הוט אין אַ זייט, שיינענדיק מיט אַ שמייכל פון די ווייסע ציין צווישן די רויטע ליפּן, אַ פריילעכער, אַ יונגער, אַ שיינענדיקער, איז געשטאַנען סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש, וואָס האָט אַנטשלאָסן און עקשנותדיק געשריגן און געפאָדערט זיך אָפּצושטעלן. ער האָט זיך געהאַלטן מיט איין האַנט באַם פענצטער פון דער קאָטש, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אין ווינקל און פון וועלכער עס האָבן זיך אַרויסגערוקט אַ פרויען־קאָפּ אין אַ סאַמעטן היטל און צוויי קינדערישע קעפּלעך. און ער האָט גע־שמייכלט און געווונקען מיט דער האַנט דעם שוואָגער. די דאַמע האָט גע־שמייכלט מיט אַ גוטן שמייכל און אויך געפאָכעט מיט דער האַנט צו אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן. דאָס איז געווען דאָללי מיט די קינדער.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט קיינעם נישט געוואָלט זען אין מאָסקווע, און צום ווייניקסטן זיין ווייבס ברודער. ער האָט אונטערגעהויבן דעם הוט און געוואָלט פאַרבייפאָרן, אָבער סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט געהייסן זיין קוטשער זיך אָפּשטעלן און איז צוגעלאָפן צו אים אי־בערן שניי.

— נו, ווי שיקט מען עס נישט זאָגן! שוין לאַנג? און איך בין נעכטן געווען באַ דיוססאָ און זע אויפן ברעט: „קאַרענין", און מיר איז אפילו נישט איינגעפאַלן, אַז דאָס ביסטו! — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש

געזאָגט, אַריינרוקנדיק דעם קאָפּ אין פענצטער פון דער קאָטש. — איך האָלט געווען אַריינגעקומען. ווי עס פרייט מיך דיך צו זעען! — האָט ער געזאָגט, קלאַפּנדיק איין פוס אָן צווייטן, כדי אָפּצוטרייסלען פון זיי דעם שניי. — ווי אַזוי גיט מען עס נישט צו וויסן! — האָט ער איבערגעחזרט.

— איך האָב קיין צייט נישט געהאַט, איך בין זייער פאַרנומען, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש טרוקן געענטפערט.

— קום-זשע צו דער פרוי, זי וויל דיך אַזוי זעען.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט צענומען דעם פלעד, אין וועלכן זיינע געפרוירענע פיס זענען פאַרוויקלט געווען, און, אַרויסגייענדיק פון דער קאָטש, האָט ער זיך איבערן שניי דערקליבן צו דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ.

— וואָס-זשע איז דאָס אַזוינס, אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, פאַר וואָס מיידט איר אונז אַזוי? — האָט דאָלי שמייכלענדיק געזאָגט.

— איך בין זייער פאַרנומען געווען. עס פרייט מיך זייער אייך צו זעען, — האָט ער געזאָגט מיט אַ טאָן, וואָס האָט דייטלעך באַוויזן, אַז ער האָט עגמת נפש פון דעם. — וואָס מאַכט איר אין גאַנצן?

— נו, וואָס מאַכט מיין ליבע אַננאַ?

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט עפּעס אַ ברום געטון און געוואָלט אַוועקגיין. אָבער סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט אים פאַרהאַלטן.

— אָט וואָס מיר וועלן טון מאָרגן. דאָלי, לאַד אים איין אויף מיטאָג! מיר וועלן איינלאַדן קאָזנישעוון און פעסצאָוון, כדי אים מכבד צו זיין מיט דער מאָסקווער אינטעליגענץ.

— קומט-זשע, איך בעט אייך, צו פאָרן, — האָט דאָלי געזאָגט, — מיר וועלן וואַרטן אויף אייך פינף, זעקס אַ זייגער, אויב איר ווילט. נו, וואָס מאַכט מיין ליבע אַננאַ? ווי לאַנג...

— זי איז געזונט, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש כמורענדיק זיך אַרויסגעברומט. — עס פרייט מיך זייער! — און ער איז אַוועקגעגאַנגען צו זיין קאָטש.

— וועט איר זיין? — האָט דאָלי אַ געשריי געטון.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אַ זאָג געטון עפּעס, וואָס דאָלי האָט נישט געקאָנט דערהערן אין דעם גערויש פון די פאָרנדיקע עקיפּאַזשן.

— איך וועל מאָרגן צופאָרן! — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש אַ געשריי געטון צו אים.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך אַריינגעזעצט אין דער קאַטש און זיך פאַרטיפט אין איר אַזוי, אַז ער זאָל נישט זעען און נישט געזעען ווערן.

— אַן אויסטערלישער מענטש! — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט דעם ווייב און, אַ בליק טוענדיק אויפן זייגער, האָט ער געמאַכט פאַרן פנים אַ באַוועגונג מיט דער האַנט, וואָס האָט באַדייט אַ צערטלעכקייט פאַר דער פרוי און קינדער, און ווילעריש זיך געלאָזט גיין איבערן טראָטואַר.

— סטיווע! סטיווע! — האָט דאָלי רויט ווערנדיק זיך צעשריגן.

ער האָט זיך אויסגעדרייט.

— איך דאַרף דאָך קויפן אַ פּאַלטן גרישען און טאַניען. גיב־זשע מיר געלט.

— עס מאַכט נישט אויס. זאָג, אַז איך וועל אָפּגעבן! — און ער איז פאַרשוואונדן, פריילעך אַ שאָקל געבנדיק מיטן קאָפּ צו אַ באַקאַנטן, וואָס איז דורכגעפאָרן.

VII.

צומאָרגנס איז געווען זונטיק. סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש איז צוגעפאָרן אין גרויסן טעאַטער אַריין אויף דער באַלעט־רעפּעטיציע און איבערגעגעבן מאַשאַ טשיביסאָוואַ, דער שיינער טענצערין, וואָס איז ווידער אַריינגעטרעטן אַהין לויט זיין פּראָטעקציע, די נעכטן צוגעזאָגטע קרעלעכלעך און הינטער די קוליסן אין דער טאָג־פינצטערניש פון טעאַטער באַוויזן אַ קוש צו טון איר שיין פּנימל, וואָס האָט אויפגעליכטן פון דער מתנה. חוץ דער מתנה פון די קרעלעכלעך, האָט ער זיך נאָך געדאַרפט אָפּשמועסן מיט איר וועגן אַ זעונג נאָך דעם באַליעט. דערקלערנדיק איר, אַז ער קאָן נישט זיין צום אָנהייב באַליעט, האָט ער צוגעזאָגט, אַז ער וועט קומען צום לעצטן אַקט און פאָרן מיט איר אויף אָוונט־ברויט. פון טעאַטער איז סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש צוגעפאָרן צו דער אָ כ אָ ט נ ע ר

האַלע, האָט אַליין אויסגעקליבן פיש און שפּאַראַגן צום מיטאָג און צוועלף אַ זייגער איז ער שוין געווען בײַ דיוססאָ, ווו ער האָט געדאַרפט זיין בײַ דרײַ מענטשן, וואָס זענען, ווי אויף זיין גליק, געשטאַנען אין איין האָטעל: בײַ לעווינען, וואָס האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט און איז נישט לאַנג געזאַט צוריקגעקומען פון אויסלאַנד, בײַ זיין נײַעם שעף, וואָס האָט נאָר וואָס געהאַט פאַרנומען דעמדאָזיקן העכערן אַמט און האָט וויזיטירט מאָסקווע, און בײַם שוואָגער קאַרענין, כדי אים אומבאַדינגט צו ברענגען אויף מיטאָג.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט ליב געהאַט צו עסן אַ גוט מיטאָג, אָבער נאָך מער האָט ער ליב געהאַט צו אַראַנזשירן אַ מיטאָג, נישט קיין גרויס, אָבער אַ פיינס סיי לויטן עסן און טרינקען, סיי לויטן אויסוואַל פון די געסט. דער פּראָגראַם פון דעם הײַנטיקן מיטאָג איז אים זייער געפעלן: עס וועלן זיין אָקונעס לעבעדיקע, שפּאַראַגן און la pièce de rèsistance — וואונדערבאַרער, נאָר איינפאַכער ראָסטביף, און אַנטשפּרעכנדע ווײַנען: דאָס איז פון עסן און טרינקען. און פון געסט וועלן זיין קיטי און לעווין און, כדי דאָס זאָל אומבאַמערקבאַר זיין, וועט נאָך זיין די קווינע און דער יונגער שטשערבאַצקי, און la pièce de résistance פון די געסט — קאָזנישעוו סערגיי און אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש. סערגיי איוואַנאָוויטש — דער „מאָסקוויטש" און פילאָזאָף, אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש — דער „פּעטערבורזשעץ" און פּראַקטיקער, און ער וועט נאָך אויך אײַנלאַדן דעם באַוווּסטן אויסטערלישן מענטש און ענטוזיאַסט פּעסצאָוון, דעם ליבעראַלן פּלאַפּלער, מוזיקער, היסטאָריקער און ליבסטער פינפציקיעריקער בחור, וועלכער וועט זיין דער סאָס אָדער דער גאַרניר צו קאָזנישעוון און קאַרענינען. ער וועט זיי רייצן און העצן.

דאָס געלט פון סוחר פאַרן וואַלד לויטן צווייטן טערמין איז דערהאַלטן געוואָרן און נאָך נישט אויסגעגעבן געווען, דאָללי איז געווען זייער ליב און גוט די לעצטע צייט, און דער געדאַנק וועגן דעם מיטאָג, האָט אין אַלע הינזיכטן געפרייט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן. ער האָט זיך געפונען אין פריילעכן געמיטס-צושטאַנד. עס זענען געווען צוויי אומשטענדן עטוואָס נישט אָנגענעמע; נאָר די דאָזיקע צוויי אומשטענדן זענען דערטרונקען געוואָרן אין דעם ים פון גוטמוטיקער פריילעכקייט, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אין סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשס האַרץ. די דאָזיקע צוויי

אומשטענדן זענען געווען. דער ערשטער דאָס, וואָס, טרעפנדיק נעכטן אויף דער גאַס אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן, האָט ער באַמערקט, אַז ער איז טרוקן און שטרענג מיט אים, און, צונויפפירנדיק דעם אויסדרוק פון אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשעס פּנים און דאָס, וואָס ער איז נישט געקומען צו זיי און האָט נישט געגעבן צו וויסן וועגן זיך, מיט די קלאַנגען, וועלכע ער האָט געהערט וועגן אַננען און וראָנסקין, האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש זיך משער געווען, אַז עפּעס איז נישט אין אָרדנונג צווישן מאַן און ווייב.

דאָס איז געווען איין אומאַנגענעמלעכקייט. דאָס צווייטע עטוואָס נישט אַנגענעמע איז געווען דאָס, וואָס דער נייער שעף, ווי אַלע נייע שעפן, האָט שוין געהאַט אַ רעפּוטאַציע פון אַ שרעקלעכן מענטש, וואָס שטייט אויף זעקס אַ זייגער אינדערפרי, אַרבעט ווי אַ פערד און פאָדערט אויך אַזאַ אַרבעט פון זיינע אונטערגעאָרדנטע. חוץ דעם, האָט דער דאָזיקער נייער שעף נאָך געהאַט אַ רעפּוטאַציע פון אַ בער אין דער באַנעמונג און איז געווען, ווי מען האָט געשמועסט, פון פּונקט אַ פאַרקערטער ריכטונג ווי ס'איז געווען דער פריערדיקער שעף און ביז אַצינד סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש אַליין. נעכטן איז סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געקומען דינסטלעך אין מונדיר, און דער נייער נאַטשאַלניק איז געווען זייער ליבלעך און האָט זיך צערעדט מיט אָבלאָנסקין, ווי מיט אַ באַקאַנטן; דערפאַר האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געהאַלטן פאַר זיין חוב צו מאַכן אים אַ וויזיט אין סורדוט. דער געדאַנק וועגן דעם, אַז דער נייער שעף קאָן אים נישט גוט אויפנעמען, איז געווען דער דאָזיקער צווייטער נישט אַנגענעמער אומשטאַנד. אָבער סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט אינסטינקטיוו געפילט, אַז אַלץ וועט זיך גוט אויסהיילן. „אַלע מענטשן זענען נאָר מענטשן, ווי מיר זינדיקע: צוואָס בייזערן זיך און קריגן זיך?" האָט ער געטראַכט, אַריינגייענדיק אין האָטעל".

— גוט מאָרגן, וואַסילי, — האָט ער געזאָגט, אין הוט אויף אַ זייט דורכגייענדיק איבערן קאָרידאָר און ווענדנדיק זיך צו אַ באַקאַנטן לאַקיי, — דו האָסט דיר באַקנבערד פאַרלאָזט? לעווין — דער זיבעטער נומער, האַ? פיר מיך צו, איך בעט דיך. און ווער געוויר, צי דער גראַף אַניטשקין (דאָס איז געווען דער נייער שעף) וועט אויפנעמען.

— איך הער אייך! — האָט וואַסילי שמייכלענדיק געענטפערט. — איר זענט שוין לאַנג נישט געווען בא אונז.

— איך בין נעכטן געווען, נאָר פון צווייטן פראָנט־גאַנג. דאָס איז דער זיבעטער?

לעווין איז געשטאַנען מיטן טווערסקער פויער אין מיטן נומער און מיט אַן ארשין געמאָסטן אַ פרישע בערן־פעל, ווען סטעפּאַן אַרקאַדיע־וויטש איז אַריינגעקומען.

— אַ, דערהרגעט? — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש אַ געשריי געטון. — אַ פיין שטיקל! אַ בערעכע? גוט מאָרגן, אַרכיפּ!

ער האָט אַ דריק געטון די האַנט דעם פויער און זיך געזעצט אויף אַ שטול, נישט אויסטועענדיק דעם פּאַלטן און דעם הוט.

— טו זשע אויס, זיץ אַ ביסל! — האָט לעווין געזאָגט, אויס־טועענדיק אים דעם הוט.

— ניין, איך האָב קיין צייט נישט, איך בין בלויז אויף איין רגעלע, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געענטפערט. ער האָט צעקנעפּלט דעם פּאַלטן, נאָר דערנאָך האָט ער אים אויסגעטון און אָפּגעזעסן אַ גאַנ־צע שעה, שמועסנדיק מיט לעווינען וועגן יאַגד און די סאַמע אינטימסטע זאַכן. — נו, זאָג זשע, איך בעט דיך, וואָס האָסטו געטון אין אויסלאַנד? ווו ביסטו געווען? — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, ווען דער פויער איז אַרויסגעגאַנגען.

— איך האָב געלעבט אין דייטשלאַנד, אין פּרייסן, אין פראַנקרייך, אין ענגלאַנד, אָבער נישט אין די הויפּטשטעט, נאָר אין די פאַבריק־שטעט, און האָב געזען אַ סך נייעס. און בין צופרידן, וואָס איך בין געווען.

— יאָ, איך ווייס דיין געדאַנק וועגן איינאָרדענען דעם אַרבעטער.

— לגמרי נישט: אין רוסלאַנד קאָן נישט זיין קיין אַרבעטער־פראַגע. אין רוסלאַנד איז דאָ אַ פראַגע פון דער באַציונג פון פאָלק צו דער ערד; זי איז דאָרט אויך דאָ, נאָר דאָרט איז דאָס — אַן אויסבעסערונג פון אַ קאַליע געמאַכטער זאַך, אָבער בא אונז...

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט אויפמערקזאַם געהערט לעווינען.

— יאָ, יאָ! — האָט ער געזאָגט. — עס קאָן זייער זיין, אַז דו ביסט גערעכט, — האָט ער געזאָגט. — נאָר איך בין צופרידן, וואָס דו ביסט אין אַ הייטערער שטימונג: אי די פאָרסט נאָך בערן, אי דו אַר־בעטסט, אי דו עקזאַלטירסט זיך. וואָרים שטשערבאַצקי האָט מיר געזאָגט, — ער האָט דיך געטראָפן, — אַז דו ביסט עפּעס אַפּאַטיש, רעדסט אַלץ וועגן טויט...

— וואָס-זשע מיינסטו? איך הער נישט אויף צו טראַכטן וועגן טויט, — האָט לעווין געזאָגט. — אמת, אַז ס'איז צייט צו שטאַרבן און אַז דאָס אַלץ איז נאַרישקייט. איך וועל מיט דיר רעדן אויפֿריכטיק. אי דער געדאַנק מיינער אי די אַרבעט איז מיר שרעקלעך טייער, אָבער אין אמתן גיב נאָר אַ טראַכט: דידאָזיקע גאַנצע וועלט אונזערע — דאָס איז דאָך אַ קליין ביסל שימל, אָנגעוואַקסן אויף אַ קלייניטשקן פּלאַנעט. און מיר מיינען, אַז בא אונדז קאָנען זיין עפּעס גרויסע זאַכן — געדאַנקען, מעשים! דאָס זענען אַלץ זאַמדעלעך.

— אָבער דאָס, ברודער, איז שוין אַזוי אַלט, ווי די וועלט.

— אַלט, אָבער, זעסטו ווען דו פֿאַרשטייסט דאָס קלאָר, ווערט עפּעס אַלץ נישטיק. ווען דו פֿאַרשטייסט, אַז היינט־מאָרגן וועסטו שטאַרבן און עס וועט גאָרנישט בלייבן, זעט אַלץ אויס אַזוי נישטיק! אויך איך האַלט פֿאַר זייער וויכטיק מיין געדאַנק, און ער זעט אויס פּונקט אַזוי נישטיק, ווען מען זאָל אים אפילו פֿאַרווירקלעכן, ווי דאָס אַרומרינגלען דידאָזיקע בערעכע. פֿאַרברענגט מען אַזוי דאָס לעבן, מען פֿאַרווײַלט זיך מיט יאַגד, מיט אַרבעט, אַבי נישט צו טראַכטן וועגן טויט.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט לייכט און ליבלעך געשמייכלט, הערנדיק לעווינען.

— נו, פֿאַרשטייט זיך! אָט ביסטו אויך געקומען צו מיר; געדענקסט, דו ביסט אָנגעפֿאַלן אויף מיר דערפֿאַר, וואָס איך זוך פֿאַרגעניגן אין לעבן? זיי נישט, אָ, מאָראַליסט, אַזוי שטרענג!...

— ניין, אין לעבן איז פֿונדעסטוועגן גוט דאָס... — לעווין האָט זיך פֿאַרהאַקט. — אָבער איך ווייס נישט. איך ווייס בלויז, אַז מיר וועלן אינגיכן שטאַרבן.

— פֿאַרוואָס-זשע אינגיכן?

— און דו ווייסט, דאָס לעבן זעט אויס נישט אַזוי רייצנד, ווען דו טראַכטסט וועגן טויט, אָבער רויקער.

— פֿאַרקערט, די לעצטע יאָרן איז נאָך פֿריילעכער. נו, פֿונדעסטוועגן, איז שוין צייט פֿאַר מיר, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, אויפֿשטייענדיק צום צענטן מאָל.

— אָבער ניין, זיץ נאָך אַ ביסל! — האָט לעווין געזאָגט, פֿאַרהאַלטנדיק אים. — ווען וועלן מיר זיך שוין אַצינד זען? איך פֿאָר מאָרגן.

— האָב איך געטראָפֿן! איך בין צוליב דעם טאַקע געקומען...

קונז אומבאַדינגט צו מיר היינט אויף מיטאָג, דיין ברודער וועט זיין. קאַ-רענין. מיין שוואָגער. וועט זיין.

— ער איז דען הי? — האָט לעווין געזאָגט און געוואָלט פרעגן וועגן קיטין. ער האָט געהערט, אַז זי איז געווען אָנהייב ווינטער אין פעטערבורג בײַ איר שוועסטער, דעם דיפּלאָמאַטס פרוי, און נישט גע-ווּסט, צי זי איז צוריקגעקומען אָדער נישט, און זיך מישב געווען נישט צו פרעגן. „צי זי וועט יאָ זיין, צי נישט זיין — אַלץ איינס".

— וועסטו קומען?

— נו, פאַרשטייט זיך.

— איז פינף אַ זייגער און אין סורדוט.

און סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש איז אויפגעשטאַנען און אַראָפּגעגאַנ-גען אונטן צום נייעם שעף. דער אינסטינקט האָט נישט אָפּגענאַרט סטע-פאַן אַרקאַדיעוויטשן. דער נייער שרעקלעכער שעף האָט זיך אַרויסגע-וויזן פאַר אַ גאַנץ געמיטלעכן מענטש, און סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש האָט געגעסן פרישטיק מיט אים און זיך פאַרזעסן אַזוי, אַז ער איז ערשט אַרום פיר אַ זייגער אַריינגעפאַלן צו אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן.

VIII.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז צוריקגעקומען פון דער מאָרגן-תפילה און פאַרבראַכט דעם גאַנצן פרימאָרגן אינדערהיים. דעם פרימאָרגן איז אים פאָרגעשטאַנען צוויי זאַכן: ערשטנס, אויפצונעמען און צוצוגרייטן אַ דעפּוטאַציע פון פרעמד פאַלקישע, וואָס איז געפאָרן קיין פעטערבורג און האָט זיך אַצינד געפונען אין מאָסקווע; צווייטנס, אָנצושרייבן דעם צוגעזאָגטן בריוו דעם אַדוואָקאַט. די דעפּוטאַציע, הגם זי איז אַרויסגע-רופן געוואָרן דורך אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס איניציאַטיוו, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ סך אומבאַקוועמלעכקייטן און אפילו געפאַרן, און אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז געווען זייער צופרידן, וואָס ער האָט זי געטראָפן אין מאָסקווע. די מיטגלידער פון דערדאָזיקער דעפּוטאַציע האָבן נישט געהאַט דעם מינדסטן באַגריף וועגן זייער ראָלע און התחייבותן. זיי זענען געווען נאַיוו איבערצייגט, אַז זייער זאַך באַשטייט בלויז אין פאָר-שטעלן זייערע נויטן און די אמתע לאַגע פון דער זאַך, בעטנדיק הילף

באַ דער רעגירונג, און האָבן לחלוטין נישט פאַרשטאַנען, אַז געוויסע דערקלערונגען און פאָדערונגען זייערע האַלטן אונטער די פיינדלעכע פאַרטיי און צעשטערן דעריבער דעם גאַנצן ענין. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געהאַט אַ סך אַרבעט מיט זיי, האָט זיי אָנגעשריבן אַ פּראָגראַם, פון וועלכן זיי האָבן נישט געדאַרפט אָפּטרעטן, און, אָפּלאָזנדיק זיי, האָט ער אָנגעשריבן אַ בריוו קיין פּעטערבורג וועגן צוגרייטן די דעפּוטאַציע. דער וויכטיקסטער געהילף אין דעמדאָזיקן ענין האָט געדאַרפט זיין די גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ. זי איז געווען אַ ספּעציאַליסטין וואָס שייך דעפּוטאַציעס, און קיינער האָט נישט געקאָנט, אַזוי גוט ווי זי, מוסירן און געבן די געהעריקע ריכטונג די דעפּוטאַציעס. נאָכדעם ווי ער האָט דאָס פאַרענדיקט, האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אויך אָנגעשריבן אַ בריוו דעם אַדוואָקאַט. ער האָט אָן דער מינדסטער וואַקלעניש געגעבן אים אַ דערלויבעניש צו האַנדלען לויט זיין איינזעען. אין בריוו האָט ער אַריינגעלייגט ווראָנסקיס דריי צעטעלעך צו אַננען, וועלכע האָבן געפונען אין צוגענומענעם פּאָרטפּעל.

זינט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז אַרויסגעפאָרן פון דער היים מיטן באַשלוס זיך נישט אומצוקערן צו דער פאַמיליע, און זינט ער איז געווען באַם אַדוואָקאַט און געזאָגט כאָטש איין מענטש וועגן זיין באַשלוס, באַזונדערס, זינט ער האָט דעם לעבנס-ענין פאַרוואַנדלט אין אַ פּאַפּיר-ענין, איז ער אַלץ מער און מער געוויינט געוואָרן צו זיין באַשלוס און אַציינד קלאָר געזעען אַ מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן אים.

ער האָט פאַרחתמעט דעם קאָנווערט צום אַדוואָקאַט, ווען ער האָט דערהערט די הויכע קלאַנגען פון סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשס קול. סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט זיך געקריגט מיט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס דינער און געפאָדערט, אַז ער זאָל מעלדן וועגן אים.

„אַלץ איינס, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אַ קלער געטון, — גלייכער אַזוי: איך וועל באַלד מעלדן וועגן מיין לאַגע אין דער באַציונג צו זיין שוועסטער און דערקלערן, פאַרוואָס איך קאָן נישט עסן קיין מיטאָג באַ אים".

— בעט אַריין! — האָט ער הויך אַ זאָג געטון, צונויפנעמענדיק די פּאַפּירן און אַריינלייגנדיק זיי אין ביוואַר.

— נו, זעסטו שוין, אַז דו זאָגסט ליגנט, און ער איז אין דער היים! — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשס קול געענטפערט דעם לאַקיי, וואָס האָט אים נישט אַריינגעלאָזט, און, אין גאַנג אויסטוענדיק דעם

פּאָלטן, איז אָבלאָנסקי אַרײַנגעגאַנגען אין צימער. — נו, עס פרייט מיך זייער, וואָס איך האָב דיך געטראָפן, איך האָף אַזוי... — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש פרײַלעך אָנגעהויבן.

— איך קאָן נישט זײַן, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש קאַלט געזאָגט, שטייענדיק און נישט בעטנדיק זיצן דעם גאַסט.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט בדעה געהאַט גלײַך זיך צו שטעלן אין די קאַלטע באַציונגען, אין וועלכע ער האָט געדאַרפט זײַן מיטן ברודער פון ווײַב, קעגן וועלכער ער פאַרפירט אַ פּראָצעס וועגן אַ גט; נאָר ער האָט זיך נישט גערעכנט אויף דעם ים פון גוטמוטיקייט, וועלכער איז אַרויס פון די ברעגן אין סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשס האַרץ.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט ברייט געעפנט זײַנע בלישטשענדיקע, ליכטיקע אויגן.

— פאַרוואָס קאָנסטו נישט? וואָס ווילסטו זאָגן? — האָט ער מיט פאַרווונדערונג געזאָגט אויף פראַנצויזיש. — ניין, דאָס איז שוין אַ צוגעזאָגטע זאַך. און מיר אַלע האָבן אויסגעשטעלט אויף דיר.

— איך וויל זאָגן, אַז איך קאָן נישט זײַן בײַ אײַך דערפאַר, וואָס די קרובישע באַציונגען, וואָס זענען געווען צווישן אונז, מוזן איבערגעריסן ווערן.

— וואָס? ווי אַזוי זשע? פאַרוואָס? — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטון.

— דערפאַר וואָס איך פאַרפיר אַ פּראָצעס וועגן אַ גט מיט אײַער שוועסטער, מיט מײַן פרוי. איך האָב געמוזט...

אָבער אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט נאָך נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן זײַן רעדן, ווי סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט שוין געהאַנדלט גאָר נישט אַזוי, ווי ער האָט דערוואַרט. סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט אַן אָכץ געטון און זיך אַרײַנגעזעצט אין אַ פאָטעל.

— ניין, אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, וואָס רעדסטו? — האָט אָבלאָנסקי אויסגעשריגן, און זײַן פּנים האָט אויסגעדריקט לײַדן.

אַזוי איז עס.

— אַנטשולדיק מיר, איך קאָן דאָס בשום אופן נישט גלייבן...

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך געזעצט, פילנדיק, אַז זײַנע ווערטער האָבן נישט געהאַט די ווירקונג, וועלכע ער האָט דערוואַרט, אַז ער וועט אומבאַדינגט מוזן זיך דורכשמועסן און אַז, וואָסערע עס זאָל

נישט זיין זיינע דערקלערונגען, וועלן זיינע באַציִונגען צום שוואָגער בלייבן די זעלבע.

— יאָ, איך בין געשטעלט געוואָרן אין דער שווערער נויטווענדיקייט צו פאָדערן אַ גט, — האָט ער געזאָגט.

— איך זאָג איינס, אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש. איך קאָן דיך פאַר אַן אויסגעצייכנטן, ערלעכן מענטש, קען אַננען — אַנטשולדיק מיר, איך קאָן נישט ענדערן וועגן איר די מיינונג — פאַר אַ הערלעכע, אויסגעצייכנטע פרוי און דעריבער, אַנטשולדיק מיר, קאָן איך דאָס נישט גלייבן. דאָ איז אַ מיספאַרשטענדניש. — האָט ער געזאָגט.

— יאָ, ווען דאָס וואָלט געווען בלויז אַ מיספאַרשטענדיש.

— דערלויב, איך פאַרשטיי, — האָט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש איבערגעשלאָגן. — נאָר, פאַרשטייט זיך... איינס: מען דאַרף זיך נישט איילן. מען דאַרף נישט, מען דאַרף זיך נישט איילן!

— איך האָב מיך נישט געאיילט, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש קאַלט געזאָגט, — און אַן עצה האַלטן זיך אין אַזאַ זאַך קאָן מען מיט קיינעם נישט. איך האָב פעסט באַשלאָסן.

— דאָס איז שרעקלעך! — האָט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, און אַ טיפן זיפץ געטון. — איך וואָלט איינס געטון, אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש. איך בעט דיך, טו דאָס! — האָט ער געזאָגט. — דער פּראָצעס איז נאָך נישט אָנגעהויבן, ווי איך האָב פאַרשטאַנען. איידער דו וועסט אָנהייבן דעם פּראָצעס, זע דיך מיט מיין פרוי, שמועס דיך דורך מיט איר. זי האָט ליב אַננען ווי אַ שוועסטער, האָט ליב דיך, און זי איז אַ וואונדערבאַרע פרוי. ווי גאָט איז דיר ליב, שמועס דיך דורך מיט איר! טו מיר די טובה, איך בעט דיך!

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך פאַרטראַכט, און סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש האָט מיט מיטגעפיל געקוקט אויף אים, נישט איבעררייסנדיק זיין שווייגן.

— דו וועסט צופאָרן צו איר?

— איך ווייס נישט. איך בין דערפאַר נישט געווען בא אייך. איך מיין, אַז אונזערע באַציִונגען דאַרפן זיך ענדערן.

— פאַרוואָס־זשע? איך זע דאָס נישט. דערלויב מיר צו מיינען, אַז, חוץ אונזערע קרובישע באַציִונגען, האָסטו צו מיר, כאָטש טיילוויז, די פריינטלעכע באַציִונגען, וועלכע איך האָב שטענדיק געהאַט צו דיר... און אמתע אַכטונג, — האָט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, דריקנדיק זיין

האַנט. — ווען אפילו דיינע ערגסטע באַהויפּטונגען זאָלן זיין אמת, נעם איך נישט און וועל קיינמאָל נישט נעמען אויף זיך צו משפּטן דעם אָדער יענעם צד און זע נישט קיין סיבה, פאַרוואָס אונזערע באַציונגען זאָלן זיך דאַרויף ענדערן. נאָר אַצינד, טו דאָס, קום צו פאָרן צום ווייב.

— נו, מיר קוקן פאַרשידן אויף דער זאַך, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געזאָגט. — איבעריקנס, לאָמיר נישט רעדן וועגן דעם.

— ניין, פאַרוואָס זשע זאָלסטו נישט קומען כאָטש היינט אויף מיטאָג? די פרוי ריכט זיך אויף דיר. איך בעט דיך, קום. און דער עיקר — רעד איבער מיט איר. זי איז אַ וואונדערבאַרע פרוי. ווי גאָט איז דיר ליב, אויף די קניען בעט איך דיך!

— אויב איר ווילט דאָס אַזוי שטאַרק, וועל איך קומען, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש מיט אַ זיפץ געזאָגט.

און אַזוי ווי ער האָט געוואָלט ענדערן דעם שמועס, האָט ער געפרעגט וועגן דעם, וואָס האָט זיי ביידע אינטערעסירט: וועגן סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשס נייעם שעף, נאָך נישט קיין אַלטן מאַן, וואָס האָט פּלוצלינג באַקומען אַזאַ הויכע באַשטימונג.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אויך פריער נישט ליב געהאַט דעם גראַף אַניטשקין און איז זיך שטענדיק פונאַנדערגעגאַנגען מיט אים אין די מיינונגען, אָבער אַצינד האָט ער זיך נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פון דער פאַרשטענדלעכער פאַר באַאַמטע שנאה פון אַ מענטש, וואָס האָט געליטן אַ מפּלה אין דינסט, צו אַ מענטש, וואָס האָט אַוואַנסירט.

— נו, וואָס, דו האָסט אים געזען? — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געזאָגט מיט גיפטיקער איראָניע.

— וואָס דען, ער איז נעכטן געווען בא אונז אין אַמט. ער איז, דאַכט זיך, אַן אויסגעצייכנטער פאַכמאַן און איז זייער אַ טיכטיקער.

— יאָ, נאָר אויף וואָס איז געווענדט זיין טעטיקייט? — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געזאָגט. — צי, כּדי צו טון עפּעס, אָדער איבערצומאַכן דאָס, וואָס איז שוין געטון געוואָרן? דאָס אומגליק פון אונזער מלוכה — דאָס איז די פּאַפּירענע אַדמיניסטראַציע, וואָס ער איז איר ווירדיקער פאַרשטייער.

— כלעבן, איך ווייס נישט, וואָס מען קאָן אין אים טאַדלען. זיין ריכטונג ווייס איך נישט, אָבער איינס — ער איז אַן אויסגעצייכנטער חברה מאַן, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געענטפערט. — איך בין נאָר-

וואָס געווען בא אים, און כלעבן — אַן אויסגעצייכנטער חברה-מאַן. מיר האָבן געגעסן פרישטיק, און איך האָב אים אויסגעלערנט מאכן — דיר איז באַקאַנט דאָס געטראַנק — ווייַן מיט פּאָמעראַנצן. דאָס קילט זייער אָפּ. און עס איז אַ חידוש, וואָס ער האָט נישט געוווּסט דערפון. עס איז אים זייער געפעלן. ניין, כלעבן, ער איז אַ וווילער חברה-מאַן.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט אַ קוק געטון אויפן זייגער.

— אַך, טאַטעלעך, עס איז שוין פינף. און איך דאַרף נאָך זיין בא דאָלגאָוושינען! איז, בעט איך דיך, קום אויף מיטאָג. דו קאָנסט דיר נישט פאָרשטעלן וויפיל עגמת נפש דו וועסט מיר מיטן ווייב פאַרשאַפן.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט באַגלייט דעם שוואָגער שוין גאָרנישט אַזוי, ווי ער האָט אים אויפגענומען.

— איך האָב צוגעזאָגט און וועל קומען, — האָט ער אַפּאַטיש געענטפערט.

— גלייב, אַז איך שעץ, און, איך האָף, אַז דו וועסט נישט קיין חרטה האָבן, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש מיט אַ שמייכל געענטפערט.

און, אָנטועענדיק דעם פּאַלטן אין גאַנג, האָט ער מיטן דער האַנט פאַרטשעפּעט דעם לאָקיי באַם קאָפּ, זיך צעלאַכט און אַרויסגעגאַנגען.

— פינף אַ זייגער און אין סורדוט, ביטע! — האָט ער נאָכאַמאָל אַ געשריי געטון, זיך אומקערנדיק צו דער טיר.

IX.

עס איז שוין געווען זעקס אַ זייגער, און טייל געסט זענען שוין געהאַט געקומען, ווען עס איז אויך געקומען דער באַלעבאָס אַליין. ער איז אַריינגעגאַנגען צוזאַמען מיט סערגיי איוואַנאָוויטש קאָזנישעוון און פּעסצאָוון, וועלכע האָבן זיך אין איין צייט צונויפגעטראָפן באַם טויער. דאָס זענען געווען צוויי וויכטיקע פאָרשטייער פון דער מאָסקווער אינטעליגענץ, ווי אָבלאָנסקי האָט זיי גערופן. ביידע זענען געווען מענטשן געשעצטע סיי לויטן כאַראַקטער סיי לויטן שכל. זיי האָבן געשעצט איינער דעם אַנדערן, נאָר זענען כמעט אין אַלעם געווען דורכויס און שטענדיק נישט איינשטימיק צווישן זיך — נישט דערפאַר, וואָס זיי זאָלן געהערן צו קעגנזעצלעכע ריכטונגען, נאָר טאַקע דערפאַר, וואָס זיי זענען

געווען פון איין לאַגער (זייערע שונאים האָבן זיי צונויפגעמישט), נאָר אין דעם לאַגער האָבן זיי געהאַט יעדער זיין שאַטירונג. און אַזוי ווי עס איז נישטאָ קיין שום נישט גינסטיקערס פאַר איינשטימיקייט, ווי די מיינונגס־פאַרשידנהייט אין האַלב־אַבסטראַקציעס, זענען זיי זיך נישט בלויז קיינמאָל נישט צונויפגעגאַנגען אין די מיינונגען, נאָר שוין לאַנג געווינט געווען, אָן בייזקייט, בלויז חוזק צו מאַכן איינער פון צווייטנס פאַרפאַלענער פאַרבלאָנדזשעטקייט.

זיי זענען אַרייַנגעגאַנגען אין דער טיר, שמועסנדיק וועגן וועטער, ווען סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט זיי דעריאָגט. אין גאַסטצימער זענען שוין געזעסן דער פירשט אַלעקסאַנדער דמיטריעוויטש אָבלאָנסקי, דער יונגער שטשערבאַצקי, טוראָווצין, קיטי און קאַרענין.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט גלייך דערזעען, אַז אָן אים גייט צו אין גאַסטצימער שלעכט. דאַריאַ אַלעקסאַנדראָווגאַ, אין איר פּאַראַדנעם גרויען זיידענעם קלייד, משמעות פאַרזאָרגט אי פון די קינדער, וואָס מוזן עסן מיטאָג אַליין אין קינדער־צימער, אי פון דעם, וואָס דער מאַן איז נישטאָ, האָט נישט געקאָנט אָן אים גוט אויסמישן די דאָזיקע גאַנצע געזעלשאַפט. אַלע זענען געזעסן, ווי פּאָפּישע טעכטער אין געסט (ווי דער אַלטער פירשט פלעגט זיך אויסדריקן), משמעות נישט פאַרשטייענדיק, באָכוואָס זיי זענען דאָ אַרייַנגעפאַלן, אויסקוועטשנדיק ווערטער, כדי נישט צו שווייגן. דער גוטמוטיקער טוראָווצין האָט, משמעות, זיך געפילט נישט אין זיין ספערע, און דער שמייכל פון די גראָבע ליפּן, מיט וועלכן ער האָט אויפגענומען סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן, האָט אַזוי ווי מיט ווערטער געזאָגט: „נו, ברודער, האָסט מיך אַוועקגעזעצט מיט קלוגע! אָט אויסטרינקען און אין Château des fleurs — דאָס איז מיין געביט". דער אַלטער פירשט איז געזעסן שווייגנדיק, קוקנדיק זייטיק מיט זיינע גלאַנציקע אויגן אויף קאַרענינען, און סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט שוין צוגעטראַכט עפּעס אַ ווערטל, כדי אָפּצושטעמפּלען דעם דאָזיקן מלוכה־מאַן, צוליב וועמען, ווי אויף סטערליטן, מען לאַדט איין געסט. קיטי האָט געקוקט אויף דער טיר, זיך אָנגעמענדיק מיט מוט, כדי נישט רויט צו ווערן, ווען קאָנסטאַנטין לעווין וועט אַרייַנקומען. דער יונגער שטשערבאַצקי, מיט וועלכן מען האָט נישט באַקענט קאַרענינען, האָט זיך באַמיט צו ווייזן, אַז דאָס זשענירט אים לחלוטין נישט. קאַרענין אַליין איז געווען לויט דער פּעטערבורגער געוווינהייט אויף אַ מיטאָג מיט דאַמען אין פראַק און ווייסן שניפּס, און סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט לויט

זיין פנים פארשטאנען, אז ער איז געקומען, כדי צו דערפילן דאס געגע־בענע ווארט, און, מיט דעם באטייליקן זיך אין דערדאזיקער געזעלשאפט, האט ער אויסגעפירט א שווערן חוב. ער איז דאס געווען דער הויפט־שול־דיקער פון דער קעלט, וואס האט פארפרוירן אלע געסט ביז סטעפאן ארקאדיעוויטשס קומען.

אריינגעקומען אין גאסטצימער, האט סטעפאן ארקאדיעוויטש זיך אנטשולדיקט, דערקלערט, אז ער איז פארהאלטן געווארן דורך יענעם פירשט, וועלכער איז געווען דער שטענדיקער שעיר־לעזול פון זיין יע־דעס מאל פארשפעטיקן און נישט קומען, האט אין איין מינוט באקענט אלע צווישן זיך און, צונויפפירנדיק אלעקסיי אלעקסאנדראוויטשן מיט סערגיי קאזנישעוון, האט ער זיי אונטערגערוקט א טעמע וועגן דער רו־סיפיקאציע פון פוילן, און וועלכער זיי האבן זיך גלייך אנגעכאפט צוזא־מען מיט פיעסצאוון. א גלעט געטון טוראווצינען איבערן אקסל, האט ער אים איינגערוימט עפעס קאמישס און אוועקגעזעצט לעבן ווייב און דעם פירשט. דערנאך האט ער געזאגט קיטין, אז זי איז היינט זייער שיין, און באקענט שטשערבאצקין מיט קארענינען. אין איין מינוט האט ער אזוי איבערגעקנעטן דאסדאזיקע גאנצע געזעלשאפטלעכע טייג, אז עס איז געווארן שוין איינמאל א גאסטצימער און די שטימען האבן זיך לעבהאפט צעקלונגען. בלויז קאנסטאנטין לעווין איז נאך נישט געווען. נאר דאס איז געווען צום גוטן, ווייל, ארויסקומענדיק אין עסצימער אריין, האט סטעפאן ארקאדיעוויטש, צו זיין שרעק, דערזען, אז דער פארטווייין און דער כערעס זענען גענומען געווארן בא דיעפרע, און נישט בא ליעווע, און, נאכדעם ווי ער האט פארארדנט צו שיקן דעם קוטשער וואס שנע־לער צו ליעווע, איז ער צוריק אריינגעגאנגען אין גאסטצימער.

אין עסצימער האט ער געטראפן קאנסטאנטין לעווין.

— איך האב נישט פארשפעטיקט?

— דו קענסט דען אמאל נישט פארשפעטיקן! — האט סטעפאן ארקאדיעוויטש געזאגט און אים גענומען אונטער דער האנט.

— בא דיר איז דא א גרויסער עולם? ווער אלץ? - האט לעווין געפרעגט, און איז נישט ווילנדיק רויט געווארן, אראפקלאפנדיק מיט דער הענטשקע דעם שניי פון היטל.

— בלויז אייגענע. קיטי איז דא. קום־זשע, איך וועל דיך באקע־נען מיט קארענינען.

נישט געקוקט אויף זיין ליבעראלקייט, האט סטעפאן ארקאדיעוויטש

געחוסט, אַז באַקאַנט צו ווערן מיט קאַרענינען קאָן נישט נישט זיין שמײכלהאַפט, און דעריבער האָט ער מכבד געווען מיט דעם זיינע בעסטע פריינט. אָבער אין דער מינוט איז קאָנסטאַנטין לעווין נישט אימשטאַנד געחען צו פילן דאָס גאַנצע פאַרגעניגן פון דערדאָזיקער באַקאַנטשאַפט. ער האָט נישט געזעען קיטין פון דעם אים אין זכרון געבליבענעם אָוונט אָן, ווען ער האָט געטראָפן ווראָנסקין, אויב נישט צו רעכענען די מינוט, ווען ער האָט זי דערזעען אויפן גרויסן וועג. ער האָט טיף אין האַרץ געוווסט, אַז ער וועט זי היינט דאָ זעען. נאָר ער האָט אונטערגעהאַלטן אין זיך די פרייהייט פון טראַכטן און האָט זיך באַמיט צו פאַרזיכערן, אַז ער ווייסט דאָס נישט. אַצינד אָבער, ווען ער האָט דערהערט, אַז זי געפינט זיך דאָ, האָט ער פלוצלינג דערפילט אַזאַ פרייד און אייבצייטיק אַזאַ שרעק, אַז עס האָט אים פאַרכאַפט דעם אָטעם און ער האָט נישט געקאָנט אַרויסזאָגן דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן.

„וואָסערע, וואָסערע איז זי? אַזעלכע, ווי זי איז געווען פריער, אָדער אַזעלכע, ווי זי איז געווען אין דער קאָטש? וואָס איז אויב דאַריאַ אַלעקסאַנדראָווגאַ האָט געזאָגט אמת? פאַרוואָס זשע זאָל דאָס זיין נישט אמת?“ האָט ער געקלערט.

— אַך, ביטע, באַקען מיך מיט קאַרענינען, — האָט ער קוים אַרויסגערעדט און מיט אַ מוטיק-אַנטשלאָסענעם גאַנג אַריינגעגאַנגען אין גאַסטצימער און דערזעען זי.

זי איז געווען נישט אַזעלכע, ווי פריער, נישט אַזעלכע, ווי זי איז געווען אין דער קאָטש, — זי איז געווען גאָר אַן אַנדערע.

זי איז געווען אַ צעשראָקענע, נישט דרייסטע, פאַרשעמטע און דערפון נאָך מער צויבערהאַפטע. זי האָט אים דערזעען אין זעלבן אויגנ־בליק, וואָס ער איז אַריינגעקומען אין צימער. זי האָט געוואַרט אויף אים. זי האָט זיך דערפרייט און געקומען אין פאַרלעגנהייט פון איר פרייד אַזוי ווייט, אַז עס איז געווען אַ מינוט, טאַקע דעמאָלט, ווען ער איז צוגעגאַנגען צו דער באַלעבאָסטע, און האָט ווידער אַ קוק געטון אויף איר, ווייל סיי אים, סיי דאָללין, וועלכע האָט אַלץ געזעען, האָט זיך געדאַכט, אַז זי וועט נישט אויסהאַלטן און זיך צעוויינען. זי איז רויט געוואָרן, בלייך געוואָרן, ווידער רויט געוואָרן און פאַרשטאַרבן גע־בליבן, קוים ציטערנדיק מיט די ליפּן, אָפּוואַרטנדיק אים. ער איז צוגע־גאַנגען צו איר, זיך פאַרנייגט און שווייגנדיק אויסגעשטרעקט די האַנט. ווען נישט דאָס לייכטע ציטערן פון די ליפּן און די פייכטקייט, וואָס האָט

באַדעקט די אויגן און זיי צוגעגעבן אַ גלאַנץ, וואָלט דער שמייכל געווען כמעט רויק, ווען זי האָט געזאָגט:

— ווי לאַנג מיר האָבן זיך נישט געזעען! — און זי האָט מיט אַ פאַרצווייפלטער אַנטשלאָסנקייט אַ דריק געטון מיט איר קאַלטער האַנט זיין האַנט.

— איר האָט מיך נישט געזעען, און איך האָב אייך געזעען, — האָט לעווין געזאָגט, שיינענדיק מיט אַ גליקלעכן שמייכל. — איך האָב אייך געזעען, ווען איר זענט פון דער באַן געפאָרן קיין יערגושאָווא.

— ווען? — האָט זי פאַרוווּנדערט געפרעגט.

— איר זענט געפאָרן קיין יערגושאָווא, — האָט לעווין געזאָגט, פילנדיק, אַז ער פאַרכליגעט זיך פון גליק, וואָס פאַרגיסט זיין האַרץ. „און ווי אַזוי האָב איך געוואַגט צו פאַרייניקן אַ געדאַנק וועגן עפּעס נישט אומשולדיקס מיט דעמדאָזיקן רירנדן וועזן! און יאָ, עס איז, דאַכט זיך, אמת דאָס, וואָס דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט געזאָגט", האָט ער געטראַכט.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט אים אָנגענומען בײַ דער האַנט און צוגעפירט צו קאַרענינען.

— דערלויבט צו באַקענען אייך. — ער האָט אָנגערופן זייערע נעמען.

— זייער אָנגענעם ווידער זיך צו טרעפן, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש קאַלט געזאָגט, דריקנדיק לעווינען די האַנט.

— איר זענט באַקאַנט? — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש פאַרוווּנדערט געפרעגט.

— מיר האָבן פאַרבראַכט צוזאַמען דריי שעה אין וואַגאָן, — האָט לעווין מיט אַ שמייכל געזאָגט, — נאָר מיר זענען אַרויסגעגאַנגען ווי פון אַ מאַסקאַראַד, פאַראינטריגירטע, — אַלנפאַלס איך.

— אַזוי! ביטע זייער, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, אָנווייזנדיק אין דער ריכטונג פון עסצימער.

די מענטשן זענען אַרויסגעגאַנגען אין עסצימער אַריין און צוגעגאַנגען צום טיש מיטן פאַרבייסעכץ, וואָס איז באַשטעלט געווען מיט זעקס סאָרטן בראָנפנס און אויך מיט אַזוי פיל סאָרטן קעז מיט זילבערנע לאָפּעטקעלעך און אָן לאָפּעטקעלעך, מיט קאַוויאָרס, מיט הערינג, פאַרשידענע סאָרטן קאָנסערוון און טעלערס מיט פּענעצלעך פראַנצויזיש ברויט.

די מענער זענען געשטאַנען אַרום די שמעקעדיקע בראָנפנס און

פאַרבייסעכצן. און דער שמועס וועגן דער רוסיפיקאַציע פון פוילן צווישן סערגיי איוואַנאָוויטש, קאָזנישעוו, קאַרעניגען און פעסצאָוו איז שטיל געבליבן אין דערוואַרטונג פון דעם מיטאָג.

סערגיי איוואַנאָוויטש, וואָס האָט געקאָנט, ווי קיינער נישט, כדי צו פאַרענדיקן אַ העכסט אַבסטראַקטן און ערנסטן דיספּוט אומדערוואַרט צושיטן אַ ביסל פיין זאַלץ און מיט דעם ענדערן די שטימונג פון די מיטשמועסערס, האָט דאָס אויך אַצינד געטון.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט דערוויזן, אַז די רוסיפיקאַציע פון פוילן קאָן פאַרקומען בלויז דורך העכערע פּרינציפּן, וועלכע דאַרפן אַריינגעטראָגן ווערן דורך דער רוסישער אַדמיניסטראַציע.

פעסצאָוו האָט זיך עקשנותדיק געהאַלטן בײַ דעם, אַז איין פאָלק אַסימילירט דאָס צווייטע, בלויז ווען עס האָט אַ געדיכטערע באַפעלקערונג.

קאָזנישעוו האָט אָנערקענט דאָס און יענץ, נאָר ביז געוויסע גרענעצן. ווען אָבער זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון גאַסטצימער, כדי צו פאַרענדיקן דעם געשפּרעך, האָט קאָזנישעוו שמייכלענדיק געזאָגט:

— דעריבער איז צום רוסיפיצירן די פרעמדפעלקישע דאָ איין מיטל — האָבן וואָס מער קינדער. אָט איך מיטן ברודער טוען דאָס ערגער פון אַלע. און איר, הערן פאַרהייראַטע לייט, באַזונדערס איר, סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש, טוט דורכויס פּאַטריאָטיש; וויפיל האָט איר? — האָט ער זיך געווענדט מיט אַ ליבלעכן שמייכל צום באַלעבאָס, אונטערשטעלנדיק אים אַ קליינטשיק גלעזעלע.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט, און באַזונדערס פריילעך סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש.

— יאָ, דאָס איז דאָס בעסטע מיטל! — האָט ער געזאָגט, קייענדיק דעם קעז און אָנגיסנדיק עפּעס אַ באַזונדערן סאָרט בראָנפן אין דעם אונטערגעשטעלטן גלעזל אַריין. דער געשפּרעך איז טאַקע פאַרענדיקט געוואָרן מיט דעם וויץ.

— דערדאָזיקער קעז איז נישט שלעכט. איר וועט באַפעלן? — האָט דער באַלעבאָס געזאָגט. — צי ביסטו ווידער געווען אויף גימנאַסטיק? — האָט ער זיך געווענדט צו לעווינען, אָנטאַפּנדיק מיט דער לינקער האַנט זיין מוסקול. לעווין האָט אַ שמייכל געטון, האָט אָנגעשטייפט די האַנט, און אונטער סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשס פינגער האָט, ווי אַ קיי-

לעביקער קעז, זיך אויפגעהויבן א שטאָלערן בערגל אונטערן דינעם גע-וואַנט פון סורדוס.

— דאָס הייסט א ביצעפס! שמשון הגבור!

— איך מיין, מען דארף פארמאָגן א סך כוח צו א יאַגד אויף בערן, — האָט געזאָגט אַלעקסיי אַלעקסאנדראָוויטש. וואָס האָט געהאַט זייער נעפּלדיקע פאַרשטעלונגען וועגן יאַגד, אָנשמירנדיק קעז און אי-בעררייסנדיק דאָס ווי שפּינוועבס דינינקע פּעניצל ברויט.

לעווין האָט א שמייכל געטון.

— קיין שום כח נישט. פאַרקערט, א קינד קאָן דערהרגענען א בער, — האָט ער געזאָגט, מאַכנדיק מיט א לייכטער פאַרנייגונג א וועג פאַר די דאַמען, וועלכע זענען צוזאַמען מיט דער באַלעבאָסטע צוגע-גאַנגען צום טיש מיט די פאַרבייסעכצן.

— און איר האָט דערהרגעט א בער, האָט מען מיר געזאָגט? — האָט געזאָגט קיטי. זי האָט אומזיסט זיך באַמיט צו כאַפּן מיטן גאָפּל א שוואָם, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט, און דערויסגעגליטשט, און געטרייסלט מיט די שפּיצן, דורך וועלכע עס האָט זיך געבלייכט איר האַנט. — צי זענען באַ אייך דאָ בערן? — האָט זי צוגעגעבן, האַלב אויסדרייענדיק צו אים איר פּרעכטיק קעפּל און שמייכלענדיק.

עס איז, דאַכט זיך, נישט געווען קיין שום אומגעוויינלעכס אין דעם, וואָס זי האָט געזאָגט, אָבער וואָס פאַר א באַדייטונג, נישט מיט קיין ווער-טער אויסצודריקן, איז געווען אין יעדן קלאַנג, אין יעדער באַוועגונג פון די ליפּן, אויגן, הענט, ווען זי האָט דאָס געזאָגט! דאָ איז געווען אי בקשה וועגן פאַרצייונג, אי צוטרוי צו אים, ליבלעכקייט, צערטלעכע אונטערטע-ניקע ליבלעכקייט, אי צוזאָג, אי האָפנונג, אי ליבע צו אים, אין וועלכער ער האָט נישט געקאָנט נישט גלייבן און וועלכע האָט אים געשטיקט מיט גליק.

— ניין, מיר זענען געפאָרן אין טווערער גובערניע. אומקערנדיק זיך פון דאָרט, האָב איך מיך געטראָפן אין וואַגאָן מיט אייער באָפרער, אָדער מיט אייער באָפרערס שוואָגער, — האָט ער געזאָגט מיט א שמייכל. — דאָס איז געווען א קאָמישע באַגעגעניש.

און ער האָט פריילעך און וויציק דערציילט, ווי אַזוי ער איז נישט געשלאָפן א גאַנצע נאַכט און האָט נאָכדעם אין א פּעלצל זיך אַריינגע-ריסן אין אַלעקסיי אַלעקסאנדראָוויטשס קופּע.

— דער קאָנדוקטאָר האָט, קעגן דעם שפּריכוואָרט, געוואָלט מיך

לויט דער קליידונג אַרויספירן; אָבער דאָ האָב איך שוין אָנגעהויבן אויפן פּיינעם לשון זיך אויסדריקן, און... איר האָט אויך, — האָט ער געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו קאַרעגינען און האַבנדיק פאַרגעסן זיין נאָמען — איר האָט אויך אין אָנהייב לויטן פּעלצל געוואָלט מיך אַרויסטרייבן, נאָר דערנאָך האָט איר זיך אָנגענומען, פאַרוואָס איך בין זייער דאַנקבאַר.

— בכלל זענען זייער נישט באַשטימט די רעכט פון די פּאַסאַזשירן אויף אויסצוקלויבן אַן אָרט, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געזאָגט, אָפּווישנדיק מיטן טיכל די שפּיצן פון זיינע פינגער.

— איך האָב געזעען, אַז איר זענט געווען אין ספק וועגן מיר, — האָט לעווין געזאָגט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל, — נאָר איך האָב באַלד אָנגעהויבן אַ קלוגן געשפּרעך, כדי צו פאַרגלעטן מיין פּעלצל.

סערגיי איוואַנאָוויטש, וואָס האָט כסדר גערעדט מיט דער באַלעבאָסטע און מיט איין אויער אויסגעהערט דעם ברודער, האָט זייטיק אַ קוק געטון אויף אים. „וואָס איז דאָס היינט מיט אים? אַזאַ זיגער", האָט ער אַ קלער געטון. ער האָט נישט געוווסט, אַז לעווין האָט געפילט, אַז ס'זענען אים אויסגעוואַקסן פליגל. לעווין האָט געוווסט, אַז זי הערט זיינע ווערטער און אַז איר איז אָנגענעם אים צו הערן. און בלויז דאָס איינע האָט אים אינטערעסירט. נישט בלויז אין דעם צימער אַליין, נאָר אין דער גאַנצער וועלט האָבן פאַר אים עקזיסטירט בלויז ער, וואָס האָט באַקומען פאַר זיך אַ ריזיקע באַדייטונג און וויכטיקייט, און זי. ער האָט זיך געפילט אויף אַ הייך, פון וועלכער דער קאָפּ האָט זיך געדרייט, און דאָרט זוגטן, ווייט, זענען געווען די אַלע גוטע, ווילע קאַרענינס, אָבלאָנסקיס און די גאַנצע וועלט.

גאָר אומבאַמערקט, אָן אַ בליק אויף זיי, נאָר סתם, ווי עס וואָלט שוין נישט געווען ווו צו זעצן, האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש אַוועקגעזעצט לעווינען מיט קיטין צוזאַמען.

— נו, זעץ דו דיך כאָטש דאָ, — האָט ער געזאָגט לעווינען.

דאָס מיטאָג איז געווען פּונקט אַזוי פיין, ווי דאָס געשיר, אויף וועלכן סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער. די זופּ מאַריאַ־לויז איז אויסגעצייכנט געראָטן, די קליינע פּאַשטעטעלעך, וואָס זענען צעגאַנגען אין מויל, זענען געווען פאַרוואָרפסלאָז. די צוויי לאַקייען און מאַטוויי אין ווייסע שניפּסן האָבן געטון זייער זאַך אַרום דעם עסן און דעם ווייַן אומבאַמערקט, שטיל און געשיקט. דאָס מיטאָג איז פון דער מאַטעריעלער זייט געלונגען; נישט ווייניקער געלונגען איז

עס אויך פון דער נישט מאַטעריעלער זייט. דער געשפּרעך, דאָ אַן אַל־
געמיינער, דאָ אַ באַזונדערער, האָט נישט אויפגעהערט און איז אין סוף
פון מיטאָג אַזוי לעבהאַפט געוואָרן, אַז די מענער זענען אויפגעשטאַנען
פון טיש, נישט אויפהערנדיק צו רעדן, און אפילו אַלעקסיי אַלעקסאַנ־
דראָוויטש איז הייטער געוואָרן.

X.

פעסצאָוו האָט ליב געהאַט צו דיספּוטירן ביזן סוף און האָט זיך
נישט באַנוגנט מיט סערגיי איוואַנאָוויטשס ווערטער, בפרט, אַז ער האָט
דערפילט די אומגערעכטיקייט פון זיין מיינונג.

— איך האָב קיינמאָל נישט געמיינט, — האָט ער געזאָגט בײַ דער
זופּ, ווענדנדיק זיך צו אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן, — בלויז די גע־
דיכטקייט פון דער באַפעלקערונג, נאָר פאַרייניקט מיט פעסטע יסודות,
און נישט מיט פּרינציפּן.

— מיר דאַכט זיך, — האָט נישט אייליק און אַפּאַטיש געענטפערט
אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, — אַז דאָס איז איינס און דאָס זעלבע.
לויט מיין מיינונג קאָן אויף אַ צווייט פאָלק ווירקן בלויז יענער, וואָס האָט
אַ העכערע אַנטוויקלונג, העכער...

— אין דעם גייט עס דאָך, — האָט מיט זיין באַס איבערגעשלאָגן
פעסצאָוו, וועלכער האָט זיך שטענדיק געאיילט צו רעדן און האָט, דאַכט
זיך, תמיד אַריינגעלייגט די גאַנצע נשמה אין דעם, וועגן וואָס ער האָט
גערעדט, — אָבער אין וואָס זאָל מען זען די העכערע אַנטוויקלונג?
די ענגלענדער, פראַנצויזן, די דייטשן, — ווער שטייט אויף אַ העכערער
אַנטוויקלונגס־מדרגה? ווער וועמען וועט באַציאָנאַליזירן? מיר זען, אַז
דער רהיין איז פאַרפראַנצויזישט געוואָרן, און די דייטשן שטייען נישט ני־
דעריקער! — האָט ער געשריגן. — דאָ איז פאַראַן אַן אַנדער
געזעץ.

— מיר דאַכט זיך, אַז די ווירקונג איז תמיד אויף דער זייט פון
דער אמתער קולטור, — האָט געזאָגט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, לייכט
אויפהייבנדיק די ברעמען.

— אָבער אין וואָס דאַרפן מיר זעען די סימנים פון אמתער קולטור? — האָט געזאָגט פּעסצאָוו.

— איך מיין, אַז דידאָזיקע סימנים זענען באַוווסט, — האָט געזאָגט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש.

— צי זענען זיי גרינגלעך באַוווסט? — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש זיך אַריינגעמישט מיט אַ דינעם שמייכל. — אַצינד ווערט אָנערקענט, אַז אמתע קולטור קאָן זיין בלויז אַ ריין קלאַסישע; אָבער מיר זעען די פאַרביסענע וויכּוחים פון דעם און יענעם צד, און מען קאָן נישט אָפּלייקענען, אַז אויך דער קעגנערישער לאַגער האָט נישט קיין שטאַרקע אַרגומענטן לטובת זיך.

— איר זענט אַ קלאַסיקער, סערגיי איוואַנאָוויטש. איר וועט באַפֿילן רויטן? — האָט געזאָגט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש.

— איך זאָג נישט אַרויס מיין מיינונג וועגן דער און יענער קולטור, — האָט געזאָגט סערגיי איוואַנאָוויטש מיט אַ מילדן שמייכל, ווי צו אַ קינד, אונטערשטעלנדיק זיין גלאָז, — איך זאָג בלויז, אַז ביידע צדדים האָבן שטאַרקע אַרגומענטן, — האָט ער ווייטער גערעדט, ווענדנדיק זיך צו אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן, — איך בין אַ קלאַסיקער לויט דער קולטור, נאָר אין דעם וויכּוח קאָן איך פּערזענלעך נישט געפינען מיין אָרט. איך זע נישט קיין קלאָרע באַווייזן, פאַרוואָס עס איז די קלאַסישע לערעס געגעבן געוואָרן פאָרהאַנד פאַר די רעאַלע.

— די נאַטורוויסנשאַפטלעכע לערערס האָבן פּונקט אַזאַ פּעדאַגאָגיש-דערציערישע ווירקונג, — האָט פּעסצאָוו אונטערגעכאַפּט. — נעמט בלויז די אַסטראָנאָמיע, נעמט באָטאַניק, זאָאָלאָגיע מיט איר סיסטעם פון אַלגעמיינע געזעצן.

— איך קאָן נישט אינגאַנצן מיט דעם מסכּים זיין, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געענטפערט. — מיר דאַכט זיך, אַז מען קאָן נישט אָנערקענען, אַז דער עצם-פּראָצעס פון שטודירן די פאָרמען פון די שפּראַכן ווירקט גוט אויף דער גייסטיקער אַנטוויקלונג. חוץ דעם, קאָן מען נישט לייקענען אויך דאָס, אַז די ווירקונג פון קלאַסישע שרייבערס איז אין העכסטן גראַד אַ מאָראַלישע. בעת צוזאַמען מיטן אונטעררעכט פון די נאַטורוויסנשאַפטן פאַרייניקן זיך, צום אומגליק, די שעדלעכע און פאַלשע לערעס, וועלכע בילדן די מכּה פון אונזער צייט.

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער פּעסצאָוו מיט זיין געדיכטן באַס האָט אים איבערגעשלאָגן. ער האָט הייס אָנגעהויבן

באַווייזן די אומגערעכטיקייט פון דערדאָזיקער מיינונג. סערגיי איוואַנאָוויטש האָט רויק צוגעוואַרט אויף אַ וואָרט, משמעות מיט אַ גרייטער איבערציינגנדער דערווידערונג.

— אָבער, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט מיט אַ דינעם שמייכל און ווענדנדיק זיך צו קאַרענינען, — מען קאָן נישט מסכים זיין, אַז גרינטלעך איבערוועגן אַלע מעלות און חסרונות פון די און יענע וויסנשאַפטן איז שווער און אַז די פראַגע וועגן דעם, וועלכע מען זאָל פּריוויליגירן, וואָלט נישט געלייזט געוואָרן אַזוי שנעל און ענדגילטיק, ווען אויף דער זייט פון דער קלאַסישער קולטור וואָלט נישט געווען דער איבערגעוויכט, וועלכן איר האָט נאָר וואָס אַרויסגעזאָגט: די מאָראַלישע — disons le mot — די אַנטיניהיליסטישע ווירקונג.

— אָן ספק.

— ווען די מעלה פון אַנטיניהיליסטישער ווירקונג וואָלט נישט געווען אויף דער זייט פון די קלאַסישע לערעס וואָלטן מיר דורכגעטראַכט, איבערגעוויגן די אַרגומענטן פון ביידע צדדים, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט מיט אַ דינעם שמייכל, — וואָלטן מיר געגעבן פרייהייט דער און יענער ריכטונג. אָבער אַצינד ווייסן מיר. אַז אין די פּילולן פון דער קלאַסישער קולטור ליגט די היילבאַרע קראַפט פון אַנטיניהיליזם, און מיר לייגן זיי דרייסט פאַר אונזערע פּאַציענטן... און אויב עס איז אויך נאָר קיין היילבאַרע קראַפט נישטאָ? — האָט ער פאַרענדיקט, אויסשיטנדיק דאָס פיינע זאַלץ.

באַ סערגיי איוואַנאָוויטשס פּילולן האָבן זיך אַלע צעלאַכט, און באַזונדערס הויך און פריילעך טוראָווצין, וואָס האָט זיך ענדלעך דערוואַרט אויף דעם קאָמישן, אויף וועלכן ער האָט טאַקע געוואַרט, הערנדיק דעם געשפּרעך.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט זיך נישט טועה געווען, איינלאַדנדיק פּעסצאָוון. מיט פּעסצאָוון האָט קיין קלוגער געשפּרעך נישט געקאָנט שטיל ווערן אויף קיין מינוט. ווי נאָר סערגיי איוואַנאָוויטש האָט פאַרענדיקט זיין געשפּרעך מיטן וויץ, האָט פּעסצאָוו גלייך אָנגעהויבן אַ נייעם.

— מען קאָן אפילו נישט מסכים זיין מיט דעם, — האָט ער געזאָגט, — אַז די רעגירונג זאָל האָבן דעם ציל. די רעגירונג האַנדלט, משמעות, לויט אַלגעמיינע טעמים, בלייבנדיק אינדיפערענט צו די ווירקונגען, וועלכע די אָנגענומענע מיטלען קאָנען האָבן. למשל, די פראַגע

וועגן פרויען־בילדונג האָט זיך געדאַרפט רעכענען פאַר שעדלעך, אָבער די רעגירונג עפנט פרויען־קורסן און אוניווערזיטעטן.

און דער געשפרעך איז גלייך איבערגעשפרונגען אויף דער נייער טעמע פון פרויען־בילדונג.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אויסגעדריקט דעם געדאַנק, אַז די פרויען־בילדונג ווערט געוויינלעך צונויפגעמישט מיט דער פראַגע פון פרויען־פרייהייט און בלויז דערפאַר קאָן זי גערעכנט ווערן פאַר שעדלעך.

— איך מיין, פאַרקערט, אַז די דאָזיקע צוויי פראַגן זענען אומצעשיידבאַר צונויפגעבונדן, — האָט פעסצאָוו געזאָגט. — דאָס איז אַ פאַלשער קרייז. די פרוי איז באַרויבט פון רעכט איבערן מאַנגל אין בילדונג, און דער מאַנגל אין בילדונג שטאַמט פון דעם פעלן פון רעכט. מען דאַרף נישט פאַרגעסן דאָס, אַז מיר ווילן אָפט נישט פאַרשטיין דעם תהום, וואָס טיילט זיי אָפּ פון אונז, — האָט ער געזאָגט.

— איר האָט געזאָגט רעכט, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט, צוּוואַרטנדיק ביז פעסצאָוו איז שטיל געבליבן, — רעכט צו פאַרנעמען שטעלעס פון געשוווירענע, פריוואַטע, פאַרזיצערס פון ראַטמענער, רעכט פון אַ באַאַמטן, פון אַ פאַרלאַמענט־מיטגליד...

— אָן ספק.

— נאָר אויב די פרויען, ווי אַ זעלטענער אויסנאַם, קאָנען אפילו פאַרנעמען די דאָזיקע שטעלעס, דאַכט זיך מיר, אַז איר באַנוצט נישט ריכטיק דעם אויסדרוק „רעכט". ריכטיקער וואָלט געווען צו זאָגן: פליכטן. איטלעכער וועט מסכים זיין, אַז, דערפילנדיק עפּעס אַן אַמט: פון אַ געשווירענעם, אַ ראַטמאַן, טעלעגראַף־באַאַמטן, פילן מיר, אַז מיר דערפילן אַ פליכט. און דעריבער איז ריכטיקער זיך אויסצודריקן, אַז די פרויען זוכן פליכטן און גאַנץ געזעצלעך. און מען קאָן בלויז מיטפילן דעם דאָזיקן פאַרלאַנג זייערן מיטצוהעלפן דער אַלגעמיינער מענערישער אַרבעט.

— גאַנץ ריכטיק, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש באַשטעטיקט. — די פראַגע, מיין איך, באַשטייט בלויז אין דעם, צי זיי זענען פעיִק צו די דאָזיקע פליכטן.

— מסתמא, וועלן זיי זיין זייער פעיִק, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש אַריינגעוואָרפן, — ווען די בילדונג וועט פאַרשפרייט ווערט צווישן זיי. מיר זעען דאָס.

— און דאָס שפּריכוואָרט? — האָט דער פירשט געזאָגט, וואָס האָט זיך שוין לאַנג צוגעהערט צום געשפּרעך און געבלישטשעט מיט זיינע

קליינע, שפּאָטישע אויגן, — פאַר די טעכטער מעג מען: לאַנגע האָר...

— אַזוי האָט מען אויך געטראַכט וועגן די נעגערס ביז זייער באַפרייונג! — האָט בייז געזאָגט פּעסצאָוו.

— איך האַלט בלויז פאַר אויסטערליש, וואָס די פרויען זוכן נייע פליכטן, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט, — בעת מיר זעען, צום אומגליק, אַז די מענער מיידן זיי געוויינלעך אויס.

— פליכטן גייען האַנט באַ האַנט מיט רעכט; מאַכט, געלט, הויכע ראַנגעס — דאָס זוכן די פרויען, — האָט פּעסצאָוו געזאָגט.

— אַלץ איינס, ווי איך וואָלט געזוכט רעכט צו זיין אַן אַם און וואָלט זיך באַליידיקט, וואָס די פרויען צאָלט מען, און מיר נישט, — האָט דער אַלטער פירשט געזאָגט.

טוראָווצין האָט אַרויסגעזעצט מיט אַ גרויס געלעכטער, און סערגיי איוואַנאָוויטש האָט באַדויערט, וואָס נישט ער האָט דאָס געזאָגט. אפילו אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אַ שמייכל געטון.

— יאָ, נאָר אַ מאַנספּאַרשוין קאָן נישט זייגן, — האָט פּעסצאָוו געזאָגט, — און אַ פרוי...

— ניין, אַן ענגלענדער האָט אויסגעהאָדעוועט זיין קינד אויף אַ שיף, — האָט דער אַלטער פירשט געזאָגט, דערלויבנדיק זיך אַזוי פריי צו רעדן אין אָנוועזנהייט פון זיינע טעכטער.

— וויפיל ס'זענען דאָ אַזעלכע ענגלענדער, אַזוי פיל פרויען וועלן זיין באַאַמטע, — האָט שוין סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט.

— יאָ, אָבער וואָס-זשע זאָל טון אַ מיידל, וואָס האָט נישט קיין פאַמיליע? — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש זיך אָנגענומען, קלערנדיק וועגן דער טשיביסאָוואַ, וועלכע ער האָט די גאַנצע צייט אין זינען געהאַט, האַלטנדיק מיט פּעסצאָוון און אונטערשטיצנדיק אים.

— ווען מען זאָל גוט אַנאַליזירן די געשיכטע פון דעמדאָזיקן מיידל, וועט איר אויסגעפינען, אַז דאָסדאָזיקע מיידל האָט אַוועקגעוואָרפן אַ פאַמיליע אָדער די אייגענע, אָדער אַ שוועסטערס, ווו זי וואָלט געקאָנט האָבן אַ פרויאישע באַשעפטיקונג, — האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָווּנאַ, וואָס איז אומגעריכט אַריינגעטרעטן אין געשפּרעך, צערייצט געזאָגט, וואָרשיינלעך, זיך אָנשטויסנדיק, וואָסער מיידל סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט אין זינען.

— אָבער מיר האַלטן פאַרן פרינציפּ, פאַרן אידעאַל! — האָט מיט

אַ קלינגענדיקן באַס דערווידערט פּעסצאָוו. — די פרוי וויל האָבן דאָס רעכט צו זיין אומאָפּהענגיק, געבילדעט. זי איז געקוועלט, געדריקט פון דעם אָנערקענען דאָס פאַר אוממעגלעך.

און איך בין געקוועלט און געדריקט פון דעם, וואָס מיך וועט מען נישט צונעמען אַלס אַם אין אַ דערציִונגס־הויז אַריין, — האָט דער אַלטער פירשט ווידער געזאָגט צו דער גרויסער פרייד פון טוראָווצינען, וואָס האָט פון געלעכטער אַראָפּגעלאָזט אַ שפּאַראַג מיט דער גראָבער זייט אין סאָס אַריין.

XI.

אַלע האָבן זיך באַטייליקט אין דעם אַלגעמיינעם געשפּרעך, חוץ קיטין און לעווינען. אין אָנהייב, ווען עס איז גערעדט געוואָרן וועגן דער ווירקונג, וואָס איין פאָלק האָט אויפן צווייטן, איז לעווינען נישט ווילדיק איינגעפאַלן דאָס, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן וועגן דער פראַגע; אָבער דידאָזיקע געדאַנקען, פריער פאַר אים זייער וויכטיקע, האָבן אַזוי ווי אין חלום געשימערט אין זיין קאָפּ און נישט געהאַט פאַר אים אַצינד דעם מינדסטן אינטערעס. אים האָט אפילו אויסגעזעען מאָדנע, פאַרוואָס זיי באַמיען זיך אַזוי צו רעדן וועגן דעם, וואָס איז קיינעם נישט נייטיק. פאַר קיטין האָט, דאַכט זיך, אויך געדאַרפט זיין אינטערעסאַנט דאָס, וואָס זיי האָבן גערעדט וועגן רעכט און בילדונג פאַר די פרויען. וויפיל מאָל האָט זי געטראַכט וועגן דעם, דערמאַנענדיק זיך אָן איר אויסלענדישער פריינדין וואַריענקאַ, וועגן איר שווערער אָפּהענגיקייט, וויפיל מאָל האָט זי געטראַכט וועגן זיך, וואָס מיט איר אַליין וועט זיין, אויב זי וועט נישט חתונה האָבן, און וויפיל מאָל האָט זי דיספּוטירט וועגן דעם מיט דער שוועסטער! אָבער אַצינד האָט דאָס זי גאָרנישט אינטערעסירט. זי האָט זיך געהאַט איר געשפּרעך מיט לעווינען, און גאָרנישט קיין געשפּרעך, נאָר עפּעס אַ געהיימנישפולן פאַרשטענדיקן זיך, וואָס האָט זיי יעדער מינוט אַלץ נענטער פאַרבינדן און אַרויסגערופן בא ביידע אַ פריידיק געפיל פון שרעק פאַר דעם אומבאַקאַנטן, אין וועלכן זיי זענען אַריינגעטרעטן.

אין אָנהייב האָט לעווין אויף קיטיס פראַגע וועגן דעם, ווי אַזוי ער

האָט זי געקאָנט זעען פֿאַריאָרן אין דער קאָטש, איר דערציילט, ווי אַזוי ער איז געגאַנגען פֿון דער לאָנקע איבערן ברייטן וועג און האָט זי באַגעגנט.

— דאָס איז געווען גאָר באַגינען. איר האָט אוודאי נאָר וואָס געהאַט אויפֿגעוואַכט. אייער maman איז געשלאָפֿן אין איר ווינקעלע. אַ וווּנדערבאַרער פֿרימאָרגן איז געווען. איך גיי און טראַכט: ווער פֿאָרט דאָס מיט פֿיר בערד אין אַ קאָטש? פֿיינע פֿיר פֿערד מיט גלעקעלעך, און אויף אַן אויגנבליק האָט איר פֿאַרבייגעשימערט, און איך זע אין פֿענצטער, איר זיצט אָט אַזוי און מיט ביידע הענט האַלט איר די בענדלעך פֿון הייבל און האָט זיך וועגן עפּעס שרעקלעך פֿאַרטראַכט, — האָט ער שמייכלענדיק געזאָגט. — ווי וואָלט איך געוואָלט וויסן, וועגן וואָס איר האָט דעמאָלט געטראַכט. וועגן וויכטיקס?

„צי בין איך נישט געווען צעשויבערט?“ האָט זי אַ קלער געטון. נאָר, דערזעענדיק דעם באַגייסטערטן שמייכל, וועלכן די דאָזיקע אייבצלהייטן האָבן אַרויסגערופֿן אין זיין זכרון, האָט זי דערפֿילט, אַז, פֿאַרקערט, דער איינדרוק, וואָס זי האָט געמאַכט, איז געווען זייער אַ גוטער. זי איז רויט געוואָרן און האָט זיך פֿריידיק צעלאַכט.

— כלעבן, איך פֿאַרשטיי נישט.

— ווי שיין טוראָווצין לאַכט! — האָט לעווין געזאָגט, — שעפּנדיק נחת פֿון זיינע פֿייכטע אויגן און זיך טרייסלענדיקן קערפּער.

— איר קענט אים שוין לאַנג? — האָט קיטי געפֿרעגט.

— ווער קען אים נישט!

— און איך זע, אַז איר מיינט, אַז ער איז אַ שלעכטער מענטש?

— נישט קיין שלעכטער, נאָר אַ נישטיקער.

— אויך דאָס איז נישט אמת! און בעסער טראַכט מער נישט אַזוי! — האָט קיטי געזאָגט. — איך האָב אויך געהאַט וועגן אים זייער אַ נידעריקע מיינונג, אָבער דאָס איז, דאָס איז זייער אַ ליבער און וווּנדערלעך גוטער מענטש. ער האָט אַ גאָלדן האַרץ.

— ווי אַזוי האָט איר דאָס געקאָנט דערקענען זיין האַרץ?

— מיר זענען גרויסע גוטע פֿריינט. איך קען אים זייער גוט. פֿאַרגאַנגענעם ווינטער, באַלד נאָכדעם... ווי איר זענט געווען בײַ אונדז, — האָט זי געזאָגט מיט אַ שולדיקן און אייבצייטיק צוטרוילעכן שמייכל, — זענען דאָלליס אַלע קינדער קראַנק געווען אויף שקאַרלאַטינע, און ער איז עפּעס איינמאָל אַריינגעקומען. און איר קאָנט אייך פֿאַרשטעלן, —

האָט זי פּליסטערנדיק געזאָגט, — ער האָט אויף איר אַזוי רחמנות געקריגן, אַז ער איז געבליבן און האָט איר אָנגעהויבן צוהעלפן אַרומגיין אַרום די קינדער. יאָ, און ער האָט דריי וואָכן פאַרברענגט באַ זיי אין הויז און איז ווי אַ ניאַניע אַרומגעגאַנגען אַרום די קינדער.

— איך דערצייל קאָנסטאַנטין דמיטריעוויטשן וועגן טוראָווצינען און דער שקאַרלאַטינע, — האָט זי געזאָגט, אַריבערבייגנדיק זיך צו דער שוועסטער.

— יאָ, וווּנדערבאַר, צויבערהאַפט: — האָט דאָללי געזאָגט, קוקנדיק אויף טוראָווצינען, וואָס האָט געפילט, אַז מען רעדט וועגן אים, און מילד שמייכלענדיק צו אים. לעווין האָט נאָך אַמאָל אַ קוק געטאָן אויף טוראָווצינען און זיך געוווּנדערט, ווי אַזוי ער האָט פריער נישט פאַרשטאַנען דעם גאַנצן צויבער פון דעמדאָזיקן מענטש.

— אַנטשולדיקט, אַנטשולדיקט, און איך וועל קיינמאָל מער נישט טראַכטן קיין שלעכטס וועגן מענטשן! — האָט ער פריילעך געזאָגט, אויפריכטיק אַרויסזאָגנדיק דאָס, וואָס ער האָט אַצינד געפילט.

XII.

אין דעם פאַרפירטן שמועס וועגן די רעכט פון די פרויען זענען געווען באַ דער אַנוועזנהייט פון די דאַמען דראַסטישע פראַגן בנוגע די נישט גלייכע רעכט אין פאַמיליענלעבן. פעסצאָוו האָט בעת דעם מיטאָג עטלעכע מאָל באַרירט דידאָזיקע פראַגן, אָבער סערגיי איוואַנאָוויטש און סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָבן אים פאָרזיכטיק אַראָפּגעפירט פון דעם.

ווען אָבער זיי זענען אויפגעשטאַנען פון טיש און די דאַמען זענען אַרויסגעגאַנגען, איז פעסצאָוו זיי נישט נאָכגעגאַנגען, נאָר האָט זיך געווענדט צו אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן און אָנגעהויבן אויפווייזן די הויפּט-סיבה פון דער נישט גלייכקייט. די נישט גלייכקייט פון מאַן און ווייב, לויט זיין מיינונג, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די אומטרייקייט פון דער פרוי און די אומטרייקייט פון מאַן ווערן באַשטראָפט נישט גלייך כיי דורכן געזעץ סיי דורך דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש איז אייליק צוגעגאַנגען צו אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן און אים פאָרגעלייגט צו רייכערן.

— ניין, איך רייכער נישט, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש רויִק געענטפערט און, אַזוי ווי וועלנדיק בכיוון ווייזן, אַז ער האָט נישט מורא פאַר דעם שמועס, האָט ער זיך געווענדט מיט אַ קאַלטן שמייכל צו פּעסצאָוון.

— איך מיין, אַז די יסודות פון אַזאַ בליק ליגן אין דעם עצם־תוך פון דער זאַך, — האָט ער געזאָגט און געוואָלט אַריינגיין אין גאַסט־צימער; נאָר דאָ האָט פּלוצלינג אומדערוואַרט זיך צערעדט טוראָווצין, ווענדנדיק זיך צו אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן.

— און איר האָט באַוויליקט צו הערן וועגן פּריאַטשניקאָוון? — האָט טוראָווצין געזאָגט, אויפגעהייטערט פון דעם אויסגעטרונקענעם שאַמפּאַניער און שוין לאַנג וואַרטנדיק אויף אַ געלעגנהייט איבערצורייסן דאָס שווייגן, וואָס האָט אים געלאַנגוויילט. — וואַסיאַ פּריאַטשניקאָוו, — האָט ער געזאָגט מיט זיין גוטן שמייכל פון די פייכטע און רויטע ליפּן, ווענדנדיק זיך דער עיקר צום הויפּט־גאַסט, צו אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן, — האָט מען מיר היינט דערציילט, האָט זיך געשלאָגן אויף אַ דועל אין טווער מיט קוויטסקין און אים דערהרגעט.

ווי עס דאַכט זיך שטענדיק, אַז מען צעקלאַפּט זיך דווקא דאָס קראַנקע אָרט, אַזוי האָט אויך סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש איצט געפילט, אַז צום אומגליק האָט היינט יעדע מינוט דער געשפּרעך אָנגעטראָפן אויף אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס שמערצלעכע אָרט. ער האָט ווידער געוואָלט אַוועקפירן דעם שוואָגער, אָבער אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט נייגעריק געפרעגט:

— פאַרוואָס האָט זיך געשלאָגן פּריאַטשניקאָוו?

— פאַר ווייב. ער האָט געטון ווי אַ כוואַט! אַרויסגערופן און דערהרגעט!

— אַ! — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש גלייכגילטיק געזאָגט און, אויפהייבנדיק די ברעמען, איז ער אַריינגעגאַנגען אין גאַסטצימער.

— ווי עס פרייט מיך, וואָס איר זענט געקומען, — האָט אים דאָלי געזאָגט מיט אַ דערשראָקענעם שמייכל, טרעפנדיק אים אין גאַסט־צימער: — איך דאַרף מיך דורכשמועסן מיט אייך. לאָמיר זיך דאָ זעצן.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט מיטן זעלבן אויסדרוק פון גלייכ־

ניִלטיקייט, וואָס ס'האָבן אים צוגעגעבן די אונטערגעהויבענע ברעמען, זיך געזעצט לעבן דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונען און האָט אַ געמאַכטן שמייכל געטון.

— בפרט, — האָט ער געזאָגט, — אַז איך האָב אויך געוואָלט בעטן אייער אַנטשולדיקונג און זיך גלייך געזעגענען. איך מוז מאָרגן פאָרן.

דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ איז געווען פעסט איבערצייגט אין אַננעס אומשולדיקייט און האָט געפילט, אַז זי ווערט בלייך און אירע ליפן ציטערן פון כעס אויף דעמדאָזיקן קאַלטן, געפילסלאָזן מענטש, וואָס האָט אַזוי רויק בדעה אומצוברענגען איר אומשולדיקן פריינט.

— אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, — האָט זי געזאָגט, מיט אַ פאַרצווייפלטער אַנטשלאָסנקייט קוקנדיק אים אין די אויגן אַריין, — איך האָב אייך געפרעגט וועגן אַננען, איר האָט מיר נישט געענטפערט. וואָס מאַכט זי?

— זי איז, דאַכט זיך, געזונט, דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געענטפערט, נישט קוקנדיק אויף איר.

— אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, אַנטשולדיקט מיר, איך האָב נישט קיין רעכט... אָבער איך האָב ווי אַ שוועסטער ליב און שעץ אַננען; איך בעט, איך בעט אייך זייער מיר צו זאָגן, וואָס אַזוינס עס קומט פאָר צווישן אייך? אין וואָס באַשולדיקט איר זי?

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך פאַרקרימט און, כמעט פאַרמאַכנדיק די אויגן, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— איך מיין, אַז דער מאַן האָט אייך איבערגעגעבן די סיבות, פאַרוואָס איך האַלט פאַר נייטיק צו ענדערן מיינע פריערדיקע באַציונגען צו אַננאַ אַרקאַדיעוונען, — האָט ער געזאָגט, נישט קוקנדיק איר אין די אויגן אַריין, און נישט ווילנדיק געוואָרפן אַ בליק אויף שטשערבאַצקין, וואָס איז דורכגעגאַנגען דאָס גאַסטצימער.

— איך גלייב נישט, גלייב נישט, קאָן נישט גלייבן אין דעם! — האָט דאָלי, צונויפדריקנדיק פאַר זיך אירע בייניקע הענט, מיט אַן ענערגישן זשעסט אַ זאָג געטון. זי איז געשווינד אויפגעשטאַנען און אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשעס אַרבל. — אונז וועט מען דאָ שטערן. קומט אַריין דאָ, איך בעט אייך.

דאָליס אויפרעגונג האָט געווירקט אויף אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן. ער איז אויפגעשטאַנען און אונטערטעניק איר נאָכגעגאַנגען אין

קלאַס-צימער אַריין. זיי האָבן זיך געזעצט באַם טיש, וואָס איז באַצויגן געווען מיט צעראַטע, צעשניטענער פון פענמעסערלעך.

— איך גלייב נישט, גלייב דאָס נישט! — האָט דאָללי אַ זאָג געטון, באַמיענדיק זיך אויפצוכאַפּן זיין בליק, וואָס האָט זי אויסגעמיטן.

— מען קאָן נישט נישט גלייבן אין פאַקטן, דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, — האָט ער געזאָגט, אַקצענטירנדיק דאָס וואָרט פ אַ ק ט ן.

— אָבער וואָס-זשע האָט זי געטון? — האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ אַ זאָג געטון. — וואָס אייגנטלעך האָט זי געטון?

— זי האָט פאַראומווירדיקט אירע פליכטן און פאַרראַטן איר מאַן. אָט וואָס זי האָט געטון, — האָט ער געזאָגט.

— ניין, ניין, עס קאָן נישט זיין! ניין, ווי גאָט איז אייך ליב, איר האָט אַ טעות, — האָט דאָללי געזאָגט, זיך אָנגעמענדיק מיט די הענט באַ די שלייפן און פאַרמאַכנדיק די אויגן.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט קאַלט אַ שמייכל געטון מיט די בלויזע ליפּן, וועלנדיק איר און זיך אַליין באַווייזן די פעסטקייט פון זיין איבערצייגונג; נאָר די דאָזיקע הייסע פאַרטיידיקונג, הגם זי האָט אים נישט קיין וואַקל געטון, האָט אויפגערודערט זיין ווונד. ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן זייער לעבהאַפט.

— עס איז גאַנץ שווער זיך טועה צו זיין, ווען די פרוי אַליין דערקלערט דאָס דעם מאַן. דערקלערט, אַז די אַכט יאָר לעבן און דער זון, אַז דאָס אַלץ איז אַ טעות און אַז זי וויל אָנהייבן אויפסניי, — האָט ער בייז געזאָגט, סאָפּענדיק מיט דער נאָז.

— אַננאַ און זינד — איך קאָן נישט פאַרייניקן, קאָן דאָס נישט גלייבן.

— דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ! — האָט ער געזאָגט, אַצינד גלייך אַ קוק געבנדיק אין ראָללים גוט אויפגערעגט פּנים אַריין און פילנדיק, אַז זיין צונג צעבינדט זיך נישט ווילנדיק, — איך וואָלט טייער באַצאָלט, אַז עס זאָל נאָך מעגלעך זיין צו צווייפלען. ווען איך האָב געצווייפלט, איז מיר געווען שווער, נאָר לייכטער, ווי אַצינד. ווען איך האָב געצווייפלט, איז געווען אַ האָפענונג; אָבער אַצינד איז נישטאָ קיין האָפענונג, און איך צווייפל פונדעסטוועגן אין אַלץ. איך צווייפל אַזוי אין אַלץ, אַז איך האָס דעם זון און גלייב טיילמאָל נישט, אַז דאָס איז מיין זון. איך בין זייער אומגליקלעך.

ער האָט דאָס נישט געדאַרפט זאָגן. דאַריאַ אַלעקסאַנדראָווינאַ האָט דאָס פאַרשטאַנען, ווי נאָר ער האָט איר אַ קוק געטון אין פּנים אַריין; און זי האָט רחמנות געקריגן אויף אים, און דער גלויבן אין דער אומשולדיקייט פון איר פריינדין האָט זיך אַ וואַקל געטון אין איר.

— אַך. דאָס איז שרעקלעך, שרעקלעך! נאָר צי איז דאָס אמת, אַז איר האָט זיך אַנטשלאָסן אויף אַ גט?

— איך האָב מיך אַנטשלאָסן אויפן לעצטן מיטל. איך האָב מער גאָרנישט וואָס צו טון.

— גאָרנישט צו טון, גאָרנישט צו טון... — האָט זי אַ זאָג געטון מיט טרערן אין די אויגן. — ניין, נישט גאָרנישט צו טון! — האָט זי בײַגעזאָגט.

— דאָס איז דאָך דאָס שרעקלעכע אין אַזאַ מין צרה, וואָס מען קאָן נישט, ווי אין יעדער אַנדערער — בײַ שאָדן, בײַ טויט, שטיל לײַדן, נאָר דאָ מוז מען זײַן טעטיק, — האָט ער געזאָגט, ווי טרעפנדיק איר געדאַנק. — מען מוז אַרויס פון דער דערנידערנדיקער לאַגע, אין וועלכער מען איז געשטעלט געוואָרן; מען קאָן נישט לעבן אין דרײַען.

— איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי דאָס זייער, — האָט דאָללי געזאָגט און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. זי האָט געשוויגן אַ ווײַלע, טראַכטנדיק וועגן זיך, וועגן איר פאַמיליען־צרה, און פּלוצלינג האָט זי מיט אַן ענערגישן זשעסט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיט אַ בעטנדיקן זשעסט צונויפגעלייגט די הענט. — אָבער וואַרט נאָר צו! איר זענט אַ קריסט. גיט אַ טראַכט וועגן איר; וואָס וועט זײַן מיט איר, אויב איר וועט זי אַוועקוואַרפן?

— איך האָב געטראַכט, דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, און אַ סך געטראַכט, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געזאָגט. זײַן פּנים האָט באַקומען רויטע פלעקן און די טריבע אויגן האָבן געקוקט גלײַך אויף איר. דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט שוין אַצינד מיטן גאַנצן האַרץ אויף אים רחמנות געהאַט. — איך האָב אַזוי טאַקע געטון נאָכדעם, ווי זי אַליין האָט מיר דערקלערט מײַן שאַנד; איך האָב איבערגעלאָזט אַלץ בײַם אַלטן. איך האָב איר געגעבן אַ מעגלעכקייט בעסער צו ווערן, איך האָב מיך באַמיט צו ראַטעווען זי. און וואָס־זשע? זי האָט נישט דערפילט די גרינגסטע פאָדערונג — דאָס אָפּהיטן די אָנשטענדיקייט, — האָט ער געזאָגט בייז ווערנדיק. — ראַטעווען קאָן מען אַ מענטש, וועלכער וויל נישט אומקומען, נאָר אויב די נאַטור איז דורכויס אַזוי פאַרדאָרבן, אויסגע־

לאָזן, אַז דאָס אומקומען גופא זעט איר אויס ווי אַ רעטונג, איז וואָס־זשע קאָן מען טון?

— אַלץ, אַבי נישט קיין גט! — האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ געענטפערט.

— אָבער וואָס זשע אַלץ?

— ניין, דאָס איז שרעקלעך. זי וועט נישט זיין קיינעמס ווייב, זי וועט אומקומען!

— וואָס זשע קאָן איך טון? — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געזאָגט, אַ הייב טוענדיק מיט די אַקסלען און ברעמען. די דערינערונג וועגן דער פרויס לעצטן פאַרברעך האָט אים אַזוי צערייצט, אַז ער איז ווידער געוואָרן קאַלט, ווי אין אָנהייב געשפּרעך. — איך דאַנק זייער פאַר אייער מיטגעפיל, נאָר פאַר מיר איז צייט, — האָט ער געזאָגט אויפשטייענדיק.

— ניין, וואַרט־צו! איר טאָרט זי נישט אומברענגען. וואַרט־צו, איך וועל אייך דערציילן וועגן זיך. איך האָב חתונה געהאַט, און דער מאַן האָט מיך אָפּגענאַרט; אין כעס, אין אייפערזוכט האָב איך געוואָלט אַלץ אוועקוואַרפן און אַליין געוואָלט... גאָר איך האָב מיך באַהערשט. און ווער זשע? אננאַ האָט מיך געראַטעוועט. און אָט לעב איך. די קינדער וואַקסן, דער מאַן האָט זיך אומגעקערט צו דער פאַמיליע און פילט זיין אומגערעכטיקייט, ווערט ריינער, רייַנער, און איך לעב... איך האָב מוחל געווען, און איר דאַרפט אויך מוחל זיין!

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געהערט, נאָר אירע רייד האָבן שוין נישט געווירקט אויף אים, אין זיין נשמה האָט זיך ווידער אויפגעהויבן דער גאַנצער כעס פון דעם טאָג, ווען ער האָט זיך אַנטשלאָסן אויף גט. ער האָט זיך אָפּגעטרייסלט און אָנגעהויבן רעדן מיט אַ דורכדרינגלעך, הויך קול:

— מוחל זיין קאָן איך נישט און וויל נישט, און האַלט פאַר נישט גערעכטיק. איך האָב פאַר דער פרוי געטון אַלץ, און זי האָט אַלץ איינגעטרעטן אין דער בלאָטע, וועלכע איז איר אייגנטימלעך. איך בין נישט קיין שלעכטער מענטש, איך האָב קיינמאָל קיינעם נישט געהאַסט, אָבער זי האָס איך מיט אַלע כוחות פון מיין נשמה און קאָן איר אפילו נישט מוחל זיין, ווייל איך האָס זי צופיל פאַר דעם גאַנצן שלעכטס, וואָס זי האָט מיר געטון! — האָט ער אַ זאָג געטון מיט טרערן פון כעס אין דער שטימע.

— האָט ליב די, וואָס האָבן אייך פיינט... — האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ שעמעוודיק אַרויסגעפּליסטערט.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט ביטולדיק אַ שמייכל געטון. דאָס האָט ער שוין לאַנג געוווּסט, נאָר דאָס האָט נישט געקאָנט אָנגעווענדט ווערן אין זיין פאַל.

— האָט ליב די, וואָס האָבן אייך פיינט, אָבער ליב האָבן די, וועמען דו האַסט, איז נישט מעגלעך. אַנטשולדיקט, וואָס איך האָב אייך פאַרשאַפט עגמת-נפש. יעדער האָט גענוג זיינע אייגענע צרות! — און גאַהערשנדיק זיך, האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש זיך רויק געזעגנט און אַוועקגעפאָרן.

XIII.

ווען מען איז אויפגעשטאַנען פון טיש, האָט זיך לעווינען געגלוסט נאָכצוגיין קיטין אין גאַסטצימער אַריין; אָבער ער האָט מורא געהאַט, אַז דאָס וועט איר אומאָנגענעם זיין צוליב דער צו גרויסער באַשיינפּערלעכקייט פון זיין אַדאָרירן זי. ער איז געבליבן אין קרייז פון די מענער, זיך באַטייליקט אין דעם אַלגעמיינעם געשפּרעך, און, נישט קוקנדיק אויף קיטין, געפילט אירע באַוועגונגען, אירע בליקן און דאָס אָרט, וווּ זי איז געווען אין גאַסטצימער.

ער האָט שוין אָן דער מינדסטער אָנשטרענגונג דערפילט דעם צוזאָג, וועלכן ער האָט איר געגעבן: שטענדיק גוט צו טראַכטן וועגן אַלע מענטשן און תמיד אַלע ליב צו האָבן. עס האָט זיך פאַרבונדן אַ געשפּרעך וועגן דער געמיינשאַפט, אין וועלכער פּעסצאָוו האָט געזען עפּעס אַ באַזונדערן אָנהייב. לעווין איז נישט איינשטימיק געווען נישט מיט פּעסצאָוון, נישט מיטן ברודער, וועלכער האָט עפּעס אויף אַן אייגענעם שטייגער אי אָנערקענט אי נישט אָנערקענט די באַדייטונג פון דער רוסישער געמיינשאַפט. נאָר ער האָט גערעדט מיט זיי, באַמיענדיק זיך בלויז אויסצוגלייכן זיי און פאַרגלעטן זייערע חלוקי-דעות. ער האָט זיך לחלוטין נישט אינטערעסירט מיט דעם, וואָס ער אַליין האָט גערעדט, נאָך ווייניקער מיט דעם, וואָס זיי האָבן גערעדט, און געוואָלט בלויז איינס: אַז ס'זאָל זיי און אַלעמען זיין גוט און אָנגענעם. ער האָט געוווּסט אַצינד

דאָס איינציק וויכטיקע, און דאָסדאָזיקע איינציקע איז געווען אין אָנהייב דאָרט, אין גאַסטצימער, און דערנאָך האָט עס זיך אָנגעהויבן באַוועגן אין זיך אָפּגעשטעלט בײַ דער טיר. ער האָט נישט אויסגעדרייטערהייט דערפֿילט אויף זיך אַן אָנגעשטרענגטן בליק און אַ שמייכל. און ער האָט נישט געקאָנט נישט אומדרייען זיך. זי איז געשטאַנען אין דער טיר מיט שטשערבאַצקין און געקוקט אויף אים.

— איך האָב געמיינט, אַז איר גייט צום פֿאָרטעפּיאַן, — האָט ער געזאָגט, צוגייענדיק צו איר. — אָט וואָס מיר פֿעלט אין דאָרף: מוזיק.

— ניין, מיר זענען געגאַנגען בלויז, כּדי אײַך אַרויסצורופֿן, און איך דאַנק אײַך, — האָט זי געזאָגט, באַלוינענדיק אים מיט אַ שמייכל, ווי מיט אַ מתּנה, — וואָס איר זענט אַליין אַרויסגעקומען. אַ חשק דאָס איז צו דיספּוטירן! ס׳וועט דאָך סיי ווי קיינמאָל איינער דעם אַנדערן נישט איבערצייגן.

— יאָ, אמת, — האָט לעווין געזאָגט, — מערסטנטיילס טרעפֿט, אַז מען דיספּוטירט הייס בלויז דערפֿאַר, וואָס מען קאָן בשום אופֿן נישט פֿאַרשטיין, וואָס דער קעגנער וויל באַווײַזן.

לעווין פֿלעגט אָפֿט באַמערקן בײַ וויכּוחים צווישן די קלוגסטע מענטשן, אַז נאָך די גרעסטע אָנשטרענגונגען, נאָך אַן אומגעהייערער צאָל לאָגישע דינקייטן און רייד פֿלעגן די דיספּוטאַנטן ענדלעך אָנערקענען, אַז דאָס, וואָס זיי האָבן זיך לאַנג אָנגעשטרענגט צו באַווײַזן איינער דעם אַנדערן, איז שוין גאָר לאַנג, בײַם פֿון אָנהייב וויכּוח אָן, זיי באַקאַנט געווען, נאָר אַז זיי האָבן ליב פֿאַרשידנס און דעריבער ווילן זיי נישט אָנרופֿן דאָס, וואָס זיי האָבן ליב, כּדי נישט צו זײַן באַזיגט. ער האָט אָפֿט געזעען, ווי טיילמאָל בעת אַ וויכּוח פֿאַרשטייט מען דאָס, וואָס דער קעגנער האָט ליב, און מען קריגט פּלוצלינג אַליין אויך ליב דאָס אייגענע און מען איז גלייך מסכּים, און דעמאָלט פֿאַלן אָפּ אַלע באַווײַזן, ווי עפּעס איבעריקס; און טיילמאָל איז אים אויסגעקומען צו זעען פֿאַרקערט: מען זאָגט ענדלעך אַרויס דאָס, וואָס מען האָט אַליין ליב און פֿאַר וועלכן מען האָט צוגעטראַכט באַווײַזן, און אויב עס מאַכט זיך, אַז מען זאָגט דאָס אַרויס גוט און אויפֿריכטיק, ווערט פּלוצלינג דער קעגנער איינשטימיק און הערט אויף צו דיסקוטירן. דאָס טאַקע האָט ער געוואָלט זאָגן.

זי האָט פֿאַרקנייטשט דעם שטערן, באַמיִענדיק זיך צו פֿאַרשטיין. ווי נאָר אָבער ער האָט אָנגעהויבן צו דערקלערן, האָט זי שוין פֿאַרשטאַנען.

— איך פֿאַרשטײ: מען דאַרף דערגײן, פֿאַרוואָס ער דיספּוטירט, וואָס ער האָט ליב, דעמאָלט קאָן מען...

זי האָט גרינטלעך פֿאַרשטאַנען און אויסגעדריקט זײַן שלעכט אויס־געזוריקטן געדאַנק. לעווין האָט פֿרײדיק אַ שמײכל געטון: אַזוי איבער־ראַשנד איז געווען פֿאַר אים דער דערדאָזיקער איבערגאַנג פֿון דעם פֿאַר־פּלאָנטערטן פֿילווערטערדיקן וויכּוח מיט פּעסצאָוון און מיטן ברודער צו דעם לאַקאָנישן און קלאָרן, כּמעט ווערטערלאָזן, אַרויסזאָגן די קאָמפּלי־ציורטסטע געדאַנקען.

שטשערבאַצקי איז אַוועקגעגאַנגען פֿון זײ, און קיטי, וואָס איז צוגעגאַנגען צום פֿונאַנדערגעשטעלטן קאָרטן־טיש, האָט זיך געזעצט און, נעמענדיק אין דער האַנט אַ קרײד, האָט זי אָנגעהויבן צו צײ־כענען דערמיט איבערן גרינעם טוך אָפּענע קרײַזן.

זײ האָבן באַנײַט דעם געשפּרעך, וואָס איז געפֿירט געוואָרן באַם מיטאָג: וועגן דער פֿרײַהײט און דער באַשעפֿטיקונג פֿון די פֿרויען. לעווין איז אײַנשטימיק געווען מיט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונעס מײנונג, אַז אַ מײדל, וואָס האָט נישט חתונה געהאַט, וועט זיך געפֿינען פֿרויאישע אַר־בעט אין אַ פֿאַמיליע. ער האָט דאָס באַשטעטיקט מיט דעם, וואָס קײן אײן פֿאַמיליע קאָן זיך נישט באַגײן אָן קײן געהילפֿן, אַז אין יעדער אָרימער און רײַכער פֿאַמיליע זענען דאָ און דאַרפֿן זײַן ניאַניעס, געדונ־גענע אָדער אײגענע.

— נײן, — האָט קיטי געזאָגט, רויט ווערנדיק, אָבער דערפֿאַר נאָך דרייסטער קוקנדיק אויף אים מיט אירע ערלעכע אויגן, — אַ מײדל קאָן זיך געפֿינען אין אַזאַ לאַגע, אַז זי קאָן נישט אָן דערנידערונג אַרײַנגײן אין אַ פֿאַמיליע, און אַלײן...

ער האָט זי פֿאַרשטאַנען אויפֿן ווינק.

— אָ, יאָ! — האָט ער געזאָגט, — יאָ, יאָ, יאָ, איר זענט גע־רעכט, איר זענט גערעכט!

און ער האָט פֿאַרשטאַנען אַלץ, וואָס פּעסצאָוו האָט באַם מיטאָג דערוויזן וועגן פֿרויען־פֿרײַהײט בלויז דורך דעם, וואָס ער האָט געזען אין קיטיס האַרץ אַ מורא פֿאַר דער יונגפֿרוישאַפֿט און פֿאַר דערנידערונג, און ווײַל ער האָט זי ליב געהאַט, האָט ער דערפֿילט די דאָזיקע מורא און גלײַך זיך אָפּגעזאָגט פֿון זײַנע אַרגומענטן...

עס האָט אַרײַנגעטרעטן אַ שטילשווײַגן. זי האָט אַלץ געצײכנט מיטן קרײד איבערן טיש. אירע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט אַ שטילן גלאַנץ.

זיך אונטערגעבנדיק איר שטימונג, האָט ער געפילט אין זיין גאַנץ װעזן אַ געשפּאַנטקייט פון גליק, װאָס איז אַלץ שטאַרקער געװאָרן.

— אַך, איך האָב דעם גאַנצן טיש פאַרשריבן! — האָט זי געזאָגט און, אויפקלייגנדיק דאָס קרייד, געמאַכט אַ באַװעגונג, װי זי װאָלט געװאָלט אויפשטיין.

„װי אַזוי זשע װעל איך בלייבן אַליין אָן איר?“ האָט ער מיט שרעק אַ טראַכט געטון און גענומען דאָס שטיקל קרייד. — װאַרט-צו. — האָט ער געזאָגט, זעצנדיק זיך צום טיש. — איך האָב אייך שוין לאַנג געװאָלט פרעגן איין זאַך.

ער האָט איר געקוקט גלייך אין די ליבלעכע, הגם דערשראָקענע אויגן אַריין.

— ביטע, פרעגט.

— אָט, — האָט ער געזאָגט און אָנגעשריבן די איניציאַלן: װ, א, ה, מ, ג: ד, ק, ג, ז, צ, ה, ד, ב, ק, נ. א, ב, ד? דידאָזיקע איניציאַלן האָבן באַדייט: „װען איר האָט מיר געענטפערט: דאָס קאָן נישט זיין, צי האָט דאָס באַדייט — קיינמאָל נישט, אָדער בלויז דעמאָלט?“ עס איז נישט געװען קיין שום װאָרשיינלעכקייט, אַז זי זאָל קאָנען פאַרשטיין דידאָזיקע קאָמפּליצירטע פראַזע; אָבער ער האָט געקוקט אויף איר מיט אַזאַ מינע, אַז זיין לעבן הענגט אָפּ פון דעם, צי זי װעט פאַרשטיין דידאָזיקע װערטער.

זי האָט אַ בליק געטון אויף אים ערנסט, דערנאָך אָנגעשפּאַרט דעם אָנגעכמורעטן שטערן אויף דער האַנט און אָנגעהויבן לייענען. פון צייט-צו-צייט האָט זי געװאָרפן אַ בליק אויף אים, געפרעגט מיטן בליק בײַ אים: „צי איז דאָס אַזוי, װי איך מיין?“

— איך האָב פאַרשטאַנען, — האָט זי געזאָגט רויט װערנדיק.

— װאָסער װאָרט איז דאָס? — האָט ער געזאָגט, אָנװייזנדיק אויף דער „ק“, מיט װעלכער עס איז באַצייכנט געװען דאָס װאָרט: ק י י נ מ אָ ל.

— דאָסדאָזיקע װאָרט באַדייט ק יי נ מ אָ ל, — האָט זי געזאָגט, — אָבער דאָס איז נישט אמת!

ער האָט געשװינד אָפּגעװישט דאָס אָנגעשריבענע, דערלאַנגט איר דאָס קרייד און אויפגעשטאַנען. זי האָט אָנגעשריבן: „ד, ה, א, נ, ג, א, ע“.

דאָללי האָט זיך אינגאַנצן באַרויקט פונם עגמת נפש, וואָס דער שמועס מיט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן האָט איר פאַרשאַפט, ווען זי האָט דערזעען דידאַזיקע צוויי פיגורן: קיטין מיטן שטיקל קרייד אין דער האַנט און מיטן שעמעוודיקן און גליקלעכן שמייכל, וועלכע האָט אַרויפגעקוקט צו לעווינען, און זיין שיינע פיגור, אָנגעבויגן איבערן טיש, מיט ברענענדיקע אויגן, אָנגעשטעלטע דאָ אויפן טיש, דאָ אויף איר. ער האָט פלוצלינג אויפגעלויכטן: ער האָט פאַרשטאַנען. דאָס האָט באַדייט: „דעמאָלט האָב איך נישט געקאָנט אַנדערש ענטפערן".

ער האָט אַ קוק געטון אויף איר מיט אַ פראַגע, שרעקעוודיק:

— בלויז דעמאָלט?

— יאָ, — האָט געענטפערט איר שמייכל.

— און אַ... און אַצינד? — האָט ער געפרעגט.

— נו, איז לייענט-זשע איבער. איך וועל זאָגן דאָס, וואָס איך וואָלט געוואָלט. וואָלט זייער געוואָלט! — זי האָט אָנגעשריבן די איניציאַלן: א, א, ז, ק, פ, א, מ, ז, ו, ס, ג. דאָס האָט באַדייט: „אַז איר זאָלט קאָנען פאַרגעסן און מוחל זיין, וואָס ס'איז געווען".

ער האָט אַ כאַפּ געטון דאָס קרייד מיט אָנגעשטרענגטע, ציטערדיקע פינגער און, צעברעכנדיק עס, אָנגעשריבן די איניציאַלן פון פאָלגענדן: „איך האָב גאָרנישט וואָס צו פאַרגעסן און מוחל צו זיין, איך האָב נישט אויפגעהערט אייך ליב צו האָבן".

זי האָט אַ קוק געטון אויף אים מיט אַ שטאַרן שמייכל.

— איך האָב פאַרשטאַנען, — האָט זי פליסטערנדיק געזאָגט.

ער האָט זיך געזעצט און אָנגעשריבן אַ לאַנגע פראַזע. זי האָט אַלץ פאַרשטאַנען און, נישט פרעגנדיק אים צי דאָס איז אַזוי, האָט זי גענומען דאָס קרייד און גלייך געענטפערט.

ער האָט לאַנג נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס זי האָט אָנגעשריבן, און אַלע מאָל אַ קוק געטון אין אירע אויגן אַריין. זיין געדאַנק איז פאַרטונקלט געוואָרן פון גליק. ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט צופאַסן די ווערטער, וואָס זי האָט אין זינען געהאַט; אָבער פון אירע הערלעכע, גליקלעך שיינענדיקע אויגן האָט ער פאַרשטאַנען אַלץ, וואָס ער האָט געדאַרפט וויסן. און ער האָט אָנגעשריבן דריי בוכשטאַבן. אָבער נאָך איידער ער האָט געהאַט אָנגעשריבן, האָט זי שוין געלייענט פון אונטער זיין האַנט אַפער און אַליין פאַרענדיקט און אָנגעשריבן אַן ענטפער: יאָ.

— אין secretaire שפּילט איר? — האָט דער אַלטער פירשט געזאָגט צוקומענדיק. — נו, לאָמיר, פונדעסטוועגן, פאָרן, אויב דו ווילסט נישט פאַרשפּעטיקן אין טעאַטער אַריין.

לעווין איז אויפגעשטאַנען און האָט באַגלייט קיטין ביז צו דער טיר.

אין זייער געשפּרעך איז אַלץ געזאָגט געווען; עס איז געזאָגט געווען, אַז זי האָט אים ליב און אַז זי וועט זאָגן דעם פאָטער און דער מוטער, אַז ער וועט קומען מאָרגן אינדערפרי.

XIV.

ווען קיטי איז אַוועקגעפאָרן און לעווין איז געבליבן אַליין, האָט ער דערפילט אַזאַ אומרויקייט אָן איר און אַזאַ אומגעדולדיקן פאַרלאַנג וואָס שנעלער צוצולעבן ביז מאָרגן אינדערפרי, ווען ער וועט זי ווידער דערזען און אויף אייביק זיך פאַרייניקן מיט איר, אַז ער האָט זיך דערשראָקן, ווי פאַרן טויט, פאַר די דאָזיקע פערצן שעה, וועלכע זענען אים פאַרגעשטאַנען צו פאַרברענגען אָן איר. פאַר אים איז נייטיק געווען צו זיין און רעדן צו עמעצן, כדי נישט צו בלייבן אַליין, כדי אָפּצונאַרן די צייט. סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש איז געווען פאַר אים דער אָנגענעמסטער מיטשמועסער, נאָר ער איז געפאָרן, ווי ער האָט געזאָגט, אויף אַן אָוונט, אין אמתן אָבער אויפן באַליעט. לעווין האָט בלויז באַוויזן צו זאָגן אים, אַז ער איז גליקלעך און אַז ער האָט אים ליב און וועט קיינמאָל, קיינמאָל נישט פאַרגעסן דאָס, וואָס ער האָט געטון פאַר אים. סטעפאַן אַרקאַדיעוויטשס בליק און שמייכל האָבן געוויזן לעווינען, אַז ער האָט ריכטיק פאַרשטאַנען דאָסדאָזיקע געפיל.

— וואָס־זשע, נאָך נישט צייט צו שטאַרבן? — האָט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, האַרציק דריקנדיק לעווינס האַנט.

— נ־נ־ניין! — האָט לעווין געזאָגט.

ווען דאַריאַ אַלעקסאַנדראָווונאַ האָט זיך געזעגנט מיט אים, האָט זי אויך אַזוי ווי באַגריסט אים, זאָגנדיק: — עס פרייט מיך זייער, וואָס איר האָט זיך ווידער געטראָפן מיט קיטין, מען דאַרף טייער האַלטן אַלטע גוטע פריינט. — לעווינען זענען נישט אָנגענעם געווען די דאָזיקע ווער-

טער דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונעס. זי האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי־הוין און אומבאַגרייפלעך דאָס אַלץ איז פאַר איר, און זי האָט נישט געדאַרפט וואָגן צו דערמאָנען אָן דעם. לעווין האָט זיך געזעגנט מיט זיי, אָבער, כדי נישט צו בלייבן אַליין, האָט ער זיך צוגעטשעפּעט צו זיין ברודער.

— וווהין פאָרסטו?

— אויף אַ זיצונג.

— נו, פאָר איך מיט מיט דיר. מען קאָן?

— פאַרוואָס נישט, פאָר, — האָט שמייכלענדיק געזאָגט סערגיי איוואַנאָוויטש. — וואָס איז מיט דיר היינט?

— מיט מיר? איך בין גליקלעך! — האָט לעווין געזאָגט, אַראָפּלאָזנדיק דאָס פענצטער פון דער קאַטש, אין וועלכער זיי זענען געפאָרן. — עס אַרט דיך נישט? עס איז אפשר דומפּיק. איך בין גליקלעך! פאַרוואָס האָסטו קיינמאָל נישט חתונה געהאַט?

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט אַ שמייכל געטון.

— איך בין זייער צופרידן, זי איז, דאַכט זיך, אַ ווויל מיי... — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געוואָלט אָנהייבן.

— רעד נישט, רעד נישט, רעד נישט! — האָט לעווין אויסגעשריגן, אָנכאַפּנדיק אים מיט ביידע הענט באַם קאָלנער פון זיין פוטער און איינהילנדיק אים. „זי איז אַ ווויל מיידל" זענען געווען אַזעלכע פּשוטע, מגושמדיקע ווערטער, וואָס האָבן אַזוי נישט אַנטשפּראָכן זיין געפיל.

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט זיך צעלאַכט מיט אַ פריילעך געלעכטער, וואָס עס פלעגט זעלטן מיט אים טרעפן.

— נו, פונדעסטוועגן מעג איך זאָגן, אַז איך בין זייער צופרידן פון דעם.

— דאָס וועט מען קאָנען מאָרגן, מאָרגן, און מער גאָרנישט! גאָרנישט, גאָרנישט, שווייגן, — האָט לעווין געזאָגט און, איינהילנדיק אים נאָכאַמאָל אין פוטער, האָט ער צוגעגעבן: — איך האָב דיך זייער ליב! וואָס־זשע, מעג איך זיין אויף דער זיצונג?

— פאַרשטייט זיך, דו מעגסט.

— וועגן וואָס וועט היינט באַ אייך גערעדט ווערן? — האָט לעווין געפרעגט, נישט אויפהערנדיק צו שמייכלען.

זיי זענען געקומען אויף דער זיצונג. לעווין האָט געהערט, ווי־

אזוי דער סעקרעטאר האט, פארהאקנדיק זיך, געלייענט דעם פראטאקאל, וועלכן ער האט, משמעות, אליין נישט פארשטאנען; אבער לעוין האט געזען לויטן פנים פון דעמדאזיקן סעקרעטאר, וואס פאר א ליבער, גוטער און פיינער מענטש ער איז. דאס האט מען געזען פון דעם, ווי ער האט זיך געפלאנטערט און זשעבירט, לייענענדיק דעם פראטאקאל. דערנאך האבן זיך אנגעהויבן די רעדעס. זיי האבן דיספוטירט וועגן ארויפרעכענען עפעס סומעס און וועגן דורכפירן עפעס רערן, און סערגיי איוואנאוויטש האט אויסגעלאכט צוויי מיטגלידער און האט עפעס לאנג מיט נצחון גערעדט; און א צווייטער מיטגליד, וואס האט אנגעשריבן עפעס אויף א פאפיר, האט אין אנהייב זיך דערשראקן, נאר דערנאך אים געענטפערט זייער גיפטיק און באחנט.

און דערנאך האט סוויאזשסקי (ער איז אויך דא געווען) אויך עפעס געזאגט אזוי שיין און פיין. לעווין האט זיי געהערט און דייטלעך געזען, אז נישט דידאזיקע ארויפגערעכנטע סומעס, נישט די רערן, דאס אלץ איז נישטא און אז זיי זענען גארנישט בייז, נאר זיי זענען אלע אזעלכע גוטע, ווילע מענטשן און דאס אלץ ווערט אזוי שיין, אזוי ליב געפירט בא זיי. זיי שטערן קיינעם נישט, און אלעמען איז אנגענעם. מערקווירדיק איז געווען פאר לעווינען דאס, וואס ער האט זיי היינט אלע געזען דורך און דורך, און פון קליינע, פריער נישט באמערקטע סימנים האט ער דערקענט די נשמה פון איטלעכן און קלאר געזען, אז זיי אלע זענען גוטע. באזונדערס אים, לעווינען, האבן זיי אלע היינט אומגעווייגלעך ליב געהאט. דאס איז קענטיק געווען פון דעם, ווי אזוי זיי האבן גערעדט מיט אים, ווי צערטלעך, ליבלעך עס האבן געקוקט אויף אים אפילו אלע אומבאקאנטע.

— נו, וואס-זשע, דו ביסט צופרידן? — האט סערגיי איוואנאוויטש אים געפרעגט.

— זייער. איך האב גארנישט געוווסט, אז דאס איז אזוי אינטערע-סאנט, פיין, הערלעך!

סוויאזשסקי איז צוגעגאנגען צו לעווינען און אים איינגעלאדן צו זיך טיי טרינקען. לעווין האט בשום אופן נישט געקאנט פארשטיין און זיך דערמאנען, מיט וואס ער איז געווען נישט צופרידן אין סוויאזשסקין, וואס ער האט געוואלט פון אים. ער איז געווען א קלוגער און וווּנדער-באר גוטער מענטש.

— עס פרייט מיך זייער, - האט ער געזאגט און געפרעגט אויפן

ווייב און אויף דער שוועגערין. און לויט אַ מאָדנער געדאַנקען-פיליאַציע, ווייל אין זיין דמיון האָט דער געדאַנק וועגן סוויאַזשסקיס שוועגערין זיך צונויפגעבונדן מיט חתונה האָבן, האָט זיך אים פאָרגעשטעלט, אַז עס איז קיינעם נישט בעסער צו דערציילן וועגן זיין גליק, ווי סוויאַזשסקיס ווייב און דער שוועגערין, און עס האָט אים זייער געפרייט צו פאָרן צו זיי.

סוויאַזשסקי האָט אים אויסגעפרעגט וועגן זיינע ענינים אין דאָרף, ווי שטענדיק, נישט זעענדיק קיין שום מעגלעכקייט צו געפינען עפּעס אַזוינס, וואָס איז נאָך נישט געפונען געוואָרן אין אייראָפּע, און אַצינד איז דאָס לחלוטין נישט אומאָנגענעם געווען לעווינען. פאַרקערט, ער האָט געפילט, אַז סוויאַזשסקי איז גערעכט, אַז די אַלע ענינים זענען גאָרנישט ווערט, און געזען די וואונדערבאַרע ווייכקייט און צאַרטקייט, מיט וועלכע סוויאַזשסקי האָט אויסגעמיטן דאָס אַרויסזאָגן זיין גערעכטיקייט. סוויאַזשסקיס דאַמען זענען געווען באַזונדערס ליבנסווירדיק. לעווינען האָט זיך געדאַכט, אַז זיי ווייסן שוין אַלץ און פילן אים מיט, נאָר רעדן נישט בלויז אויס איידלקייט. ער איז אָפּגעזעסן בא זיי אַ שעה, צוויי, דריי, שמועסנדיק וועגן פאַרשידענע זאַכן, אָבער אין זינען געהאַט בלויז דאָס, מיט וואָס זיין נשמה איז פול געווען, און נישט באַמערקט, אַז ער איז זיי שרעקלעך דערעסן געוואָרן און אַז פאַר זיי איז שוין לאַנג צייט צו גיין שלאָפן. סוויאַזשסקי האָט אים באַגלייט ביזן פאָרצימער, גענעצנדיק און וואונדערנדיק זיך אויף דעם אויסטערלישן צושטאַנד, אין וועלכן זיין פריינט געפינט זיך. עס איז געווען צוויי אַ זייגער. לעווין האָט זיך אומגעקערט אין האָטעל אַריין און זיך דערשראָקן פאַרן געדאַנק וועגן דעם, ווי אַזוי ער וועט אַצינד אַליין מיט זיין אומגעדולד פאַרברענגען די צען שעה, וואָס זענען אים נאָך געבליבן. דער וואַכנדיקער לאָקיי האָט אים אָנגעצונדן די ליכט און געוואָלט אַוועקגיין, נאָר לעווין האָט אים פאַרהאַלטן. דערדאָזיקער לאָקיי, יעגאָר, וועלכן לעווין האָט פריער נישט באַמערקט, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער אַ קלוגן און שיינעם, און דער עיקר, גוטן מענטש.

— וואָס-זשע, עס איז שווער, יעגאָר, נישט צו שלאָפן?

— וואָס-זשע קאָן מען טון? אונזער אַרבעט איז אַזעלכע. בא די הערן לעבט מען רויקער; דערפאַר זענען דאָ די אויסזיכטן גרעסערע.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז יעגאָר האָט אַ פאַמיליע, דריי ייִנג-

לעך און אַ טאָכטער אַ נייטאָרין, וועלכע ער האָט געוואָלט חתונה מאַכן מיט אַן אָנגעשטעלטן פון אַ רימער-געווע לב.

לעווין האָט באַ דער געלעגנהייט איבערגעגעבן יעגאָרן זיין געדאַנק וועגן דעם, אַז באַ חתונה האָבן איז די הויפּט-זאַך ליבע און אַז מיט ליבע איז מען תמיד גליקלעך, ווייל גליק געפינט מען נאָר אין זיך אַליין.

יעגאָר האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט און משמעות גרינגלעך פאַרשטאַנען לעווינס געדאַנק, נאָר אויף צו באַשטעטיקן אים האָט ער געברענגט אַן אומדערוואַרטע פאַר לעווינען באַמערקונג וועגן דעם, אַז, ווען ער האָט געדינט באַ גוטע הערן, איז ער שטענדיק געווען מיט זיינע הערן צופרידן און איז אַצינד אויך זייער צופרידן מיט זיין באַלעבאַס, כאָטש ער איז אַ פראַנצויז.

„אַ ווונדערבאַר גוטער מענטש!“ האָט לעווין געקלערט.

— נו, און ווען דו, יעגאָר, האָסט חתונה געהאַט, האָסטו ליב געהאַט דיין פרוי?

— פאַרוואָס זשע האָב איך זי געוואָלט נישט ליב האָבן, — האָט יעגאָר געענטפערט.

און לעווין האָט געזען, אַז יעגאָר געפינט זיך אויך אין אַ באַגייסטערטן צושטאַנד און האָט בדעה אַרויסצוזאָגן אַלע זיינע אינטימע געפילן.

— מיין לעבן איז אויך ווונדערבאַר. איך האָב פון קליינווייז אויף... — האָט ער אָנגעהויבן, גלאָצנדיק מיט די אויגן, משמעות אָנגעשטעקט פון לעווינס התלהבות, פונקט אַזוי ווי מענטשן שטעקן זיך אָן מיט געגעצן.

נאָר אין דער צייט האָט זיך דערהערט אַ קלונג; יעגאָר איז אַוועקגעגאַנגען און לעווין איז געבליבן אַליין. ער האָט כמעט גאָרנישט געגעסן באַם מיטאָג, זיך אָפּגעזאָגט פון טיי און נאַכטעסן באַ סוויאַזשסקין, אָבער נישט געקאָנט קיין קלער טון וועגן נאַכטעסן. ער איז נישט געשלאָפן די פאַרגאַנגענע נאַכט, אָבער נישט געקאָנט אפילו קיין טראַכט טון וועגן שלאָפן. אין צימער איז געווען לופטיק, אָבער אים האָט געשטיקט אַ היץ. ער האָט געעפנט ביידע לופטשיקעס און זיך געזעצט קעגן די לופטשיקעס. פון אונטער דעם מיט שניי באַדעקטן דאַך אַפער האָט זיך געזען אַ דעסענירטער צלם מיט קייטן און העכער פון צלם — דער

אַרויפשטייגנדיקער דרייעק פון דער צפון-קאָנסטעלאַציע מיט דער געלבּ-לעך-העלער קאַפּעלאַ.

ער האָט געקוקט דאַ אויפן צלם, דאָ אויפן שטערן, אַריינגעאָטעמט אין זיך די פרישע פראָסטיקע לופט, וואָס האָט גלייכמעסיק אַריינגע-שטראָמט אין צימער, און, ווי אין חלום, נאָכגעפאָלגט די בילדער און דערינערונגען, וואָס זענען אויפגעקומען אין זיין דמיון. פיר אַ זייגער האָט ער דערהערט טריט איבערן קאָרידאָר און האָט אַרויסגעקוקט דורך דער טיר. דאָס האָט זיך צוריקגעקערט דער אים באַקאַנטער שפּילער מיאַסקין פון קלוב. ער איז געגאַנגען מרהשחורהדיק, אָנגעברוגזט און הוסטנדיק. „אָרימער, אומגליקלעכער!" האָט לעווין אַ טראַכט געטון, און טרערן זענען אים געקומען אין די אויגן אַריין פון ליבשאַפט און רחמנות צו דעמדאָזיקן מענטש. ער האָט געוואָלט רעדן אַ ביסל מיט אים, טרייסטן אים; אָבער, דערמאָנענדיק זיך, אַז ער איז אין בלויזן העמד, האָט ער זיך מישב געווען און ווידער זיך געזעצט באַם לופטשיק, כדי צו באָדן זיך אין דער קאַלטער לופט און קוקן אויף דעמדאָזיקן שווייגנדיקן, אָבער פאַר אים באַדייטונגספולן צלם פון אַ וווּנדע־באַרער פאָרם און אויף דעם זיך אויפהייבנדיקן ליכטיק-געלן שטערן. זיבן אַ זייגער האָבן אָנגעהויבן צו רוישן די פּראָטירערס, מ׳האָט אָנגעהויבן צו קלינגען אויף עפּעס אַ גאָטעס-דינסט, און לעווין האָט דערפילט, אַז ער הייבט אָן צו פרירן. ער האָט פאַרמאַכט דעם לופטשיק, זיך אָפּגעוואַשן, אָנגעטון און אַרויס-געגאַנגען אויף דער גאַס.

XV.

אויף די גאַסן איז נאָך געווען ליידיק. לעווין איז אַוועקגעגאַנגען צום הויז פון די שטשערבאַצקיס. די פאַראַדנע טירן זענען געווען פאַר-מאַכט, און אַלץ איז געשלאָפן. ער איז צוריקגעגאַנגען, ווידער אַריינגע-גאַנגען אין נומער און זיך געהייסן דערלאַנגען קאַווע. דער באַטאָגעדיקער לאַקיי, שוין נישט יעגאָר, האָט אים געבראַכט. לעווין האָט געוואָלט פאַרפירן מיט אים אַ שמועס, אָבער נאָך דעם לאַקיי האָט מען אָנגע-קלינגען, און ער איז אַוועקגעגאַנגען. לעווין האָט ווידער געפּרוּווט טרינ-קען די קאַווע און זיך אַריינגעלייגט אַ שטיקל זעמל אין מויל אַריין,

אָבער זיין מויל האָט לעווינען נישט געוואוסט, וואָס צו טון מיט דער זעמל. לעווין האָט אויסגעשפּיגן די זעמל, אָנגעטון דעם פּאַלטן און ווידער זיך געלאָזט גיין. עס איז געווען צען אַ זייגער, ווען ער איז צום צווייטן מאָל געקומען צום גאַנעק פון די שטשערבאַצקיס. אין הויז איז מען נאָר-וואָס געהאַט אויפגעשטאַנען, און דער קוכער איז געגאַנגען נאָך שפּייז-פּראָדוקטן. מען האָט געמוזט דורכלעבן, על כל פּנים, נאָך צוויי שעה.

די דאָזיקע גאַנצע נאַכט און דעם פרימאָרגן האָט לעווין געלעבט אינגאַנצן אומבאַוווסטזיניק און זיך געפילט פולשטענדיק אויסגעטון פון די באַדינגונגען פון מאַטעריעלן לעבן. ער האָט נישט געגעסן אַ גאַנצן טאָג, איז נישט געשלאָפן צוויי נעכט, האָט פאַרבראַכט עטלעכע שעה אויסגעטועטערהייט אויף דער פראָסט און זיך געפילט נישט בלויז פריש און געזונט, ווי קיינמאָל נישט, נאָר זיך געפילט אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון קערפּער: ער האָט זיך באַוועגט אָן אָנשטרענגונג פון די מוסקולן און געפילט, אַז ער קאָן אַלץ טון. ער איז געווען זיכער, אַז ער וואָלט אַרויפגעפלויגן אינדערהייך אָדער אַוועקגערוקט אַ ווינקל פון הויז, ווען דאָס זאָל נייטיק זיין. ער איז דורכגעגאַנגען די איבעריקע צייט איבער די גאַסן, כסדר קוקנדיק אויפן זייגער און אומקוקנדיק זיך אין די זייטן.

און דאָס, וואָס ער האָט דעמאָלט געזען, דאָס האָט ער שוין דערנאָך קיינמאָל נישט געזען. באַזונדערס האָבן אים גערירט די קינדער, וואָס זענען געגאַנגען אין שול אַריין, די פּיאָלעטע טויבן, וואָס זענען אַראָפּגעפלויגן פון אַ דאַך אויפן טראָטואַר, און די קוילעטשן, באַשאָטענע מיט מאָן, וועלכע אַן אומגעזעענע האַנט האָט אַרויסגעשטעלט. די דאָזיקע קוילעטשן, די טויבן און די צוויי ייִנגלעך זענען געווען נישט קיין ערדישע וועזנס. דאָס אַלץ איז געשען אין איין צייט: אַ ייִנגל איז צוגעלאָפן צו אַ טויב און מיט אַ שמייכל אַ קוק געטון אויף לעווינען; די טויב האָט אַ פּאַך געטון מיט די פליגל און איז אַוועקגעפלויגן, גלאַנצנדיק אויף דער זון צווישן די קליינע שנייעלעך, וואָס האָבן געפלאַטערט אין דער לופט, און פון אַ פענצטער אַרויס האָט געשמעקט מיט דעם ריח פון געבאַקן ברויט און ס'זענען אַרויסגעשטעלט געוואָרן קוילעטשן. דאָס אַלץ צוזאַמען איז געווען אַזוי אומגעוויינלעך שיין, אַז לעווין האָט זיך צעלאַכט און צעוויינט פון פרייד. מאַכנדיק אַ גרויסן קרייז איבערן גאַזעטנע געסל און קיסלאָווקע, האָט ער זיך ווידער אומגעקערט אין האָטעל אַריין, אַוועקגעלייגט פאַר זיך דעם זייגער און זיך געזעצט וואַרטן ביז צוועלף. אין שכנותדיקן צימער האָט מען גע-

רעדט עפּעס וועגן מאַשינען און וועגן אַ שווינדל און מען האָט געהוסט מיט אַ פרימאָרגנדיקן הוסט. דער ווייזער איז צוגעגאַנגען. לעווין איז אַרויסגעגאַנגען אויפן גאַנעק. די פורמאַנעס האָבן, משמעות, אַלץ געוווּסט. זיי האָבן מיט גליקלעכע פּנימער אַרומגערינגלט לעווינען, געקריגט זיך און פאָרגעלייגט זייער דינסט. באַמיענדיק זיך נישט צו באַליידיקן די איבעריקע באַלעגאָלעס און צוזאָגנדיק מיט זיי אויך צו פאָרן, האָט לעווין גענומען איינעם און געהייסן פאָרן צו די שטשערבאַצקיס. דער פורמאַן איז געווען פּרעכטיק אין דעם ווייסן קאָלנער פון העמד, וואָס איז געווען אַרויסגערוקט פון קאַפטן און אָנגעצויגן אויף דעם שטייפן, רויטן, פעסטן האַלז. דער שליטן איז באַ דעמדאָזיקן פורמאַן געווען אַ הויכער, אַ פלינקער, אַזעלכער, אויף וואָסערן לעווין איז שוין דערנאָך קיינמאָל נישט געפאָרן, און דאָס פערד איז געווען אַ גוטס און האָט זיך געפלייסט צו לויפן, אָבער זיך נישט גערירט פון אָרט. דער פורמאַן האָט געקענט די שטשערבאַצקיס הויז און, מיט באַזונדערן רעספּעקט צום פּאַסאַזשיר פאַררונדנדיק די הענט און זאָגנדיק „טפּרו“, האָט ער פאַרהאַלטן באַם טויער. דער שווייצער פון די שטערבאַצקיס האָט אוודאי אַלץ געוווּסט. דאָס איז קענטיק געווען לויטן שמייכל פון זיינע אויגן און לויט דעם ווי ער האָט געזאָגט:

— נו, שוין לאַנג נישט געווען, קאָנסטאַנטין דמיטריעוויטש!

נישט בלויז ער האָט אַלץ געוווּסט, נאָר ער האָט, משמעות, זיך געפרייט און אָנגעשטרענגט צו פאַרבאָרגן זיין שמחה. א בליק געבנדיק אין זיינע זקנישע ליבע אויגן אַריין, האָט לעווין פאַרשטאַנען אפילו נאָך עפּעס נייעס אין זיין גליק.

— אויפגעשטאַנען?

— ביטע! און דאָס לאָזט דאָ, — האָט ער שמייכלענדיק געזאָגט, ווען לעווין האָט זיך געוואָלט אומקערן נעמען דאָס היטל. דאָס האָט עפּעס באַדייט.

— וועמען באַפעלט איר צו מעלדן? — האָט דער לאָקיי געפרעגט.

הגם דער לאָקיי איז געווען אַ יונגער און פון די נייע לאָקייען, אַ פראַנט, איז ער דאָך געווען זייער אַ גוטער און פיינער מענטש און האָט אויך אַלץ פאַרשטאַנען.

— דער פירשטין... דעם פירשט... דער יינגער פירשטין... — האָט לעווין געזאָגט.

די ערשטע פּערזאָן, וועלכע ער האָט דערזעען, איז געווען די mademoiselle Linon. זי איז געגאַנגען איבערן זאַל, און די לעקצלעך און איר פּנים האָבן געשיינט. ער האָט נאָר-וואָס אָנגעהויבן צו רעדן מיט איר, ווי הינטער דער טיר האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ שאָרכן פון אַ קלייד. די mademoiselle Linon איז פאַרשוווּנדן פון לעווינס אויגן, און אַ פרייַדיקע שרעק פון דער נאָענטקייט פון זיין גליק האָט זיך אים איבערגעגעבן. די mademoiselle Linon האָט זיך אָנגעהויבן איילן און, איבערלאָזנדיק אים, האָט זי זיך געלאָזט גיין צו דער צווייטער טיר. ווי נאָר זי איז אַרויסגעגאַנגען, האָבן שנעלע-שנעלע, לייכטע טריט זיך דערהערט איבערן פּאַרקעט, און זיין גליק, זיין לעבן, ער אַליין, דאָס בעסטע פון אים אַליין, דאָס, וואָס ער האָט געזוכט און געוואָלט אַזוי לאַנג, האָט זיך שנעל-שנעל דערנענטערט צו אים. זי איז נישט געגאַנגען, נאָר דורך עפּעס אַן אומגעזעענער קראַפט זיך געטראָגן צו אים.

ער האָט געזען בלויז אירע ליכטיקע, ערלעכע אויגן, דערשראָקענע פון דער זעלבער ליבעס-פרייד, וואָס האָט אָנגעפילט זיין האַרץ. די דאָזיקע אויגן האָבן געלויכטן אַלץ נענטער און נענטער, פאַרבלענדנדיק אים מיט זייער ליבעס-שיין. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אַזוי נאָענט פון אים, אַז זי האָט אים אָנגערירט. אירע הענט האָבן זיך אויפגעהויבן און אַראָפּגעלאָזט אויף זיינע אַקסלען.

זי האָט געטון אַלץ, וואָס זי האָט געקאָנט: זי איז צוגעלאָפן צו אים און זיך אָפּגעגעבן אינגאַנצן, שרעקנדיק און פרייענדיק זיך. ער האָט זי אַרומגענומען און צוגעדריקט די ליפּן צו איר מויל, וואָס האָט געזוכט זיין קוש.

זי איז אויך נישט געשלאָפן די גאַנצע נאַכט און דעם גאַנצן פרימאָרגן געוואַרט אויף אים.

די מוטער און דער פאָטער זענען געווען אָן חלוקי-דעות איינשטימיק און גליקלעך מיט איר גליק. זי האָט געוואַרט אויף אים. זי האָט די ערשטע געוואָלט דערקלערן אים איר און זיין גליק. זי האָט זיך געגרייט אַליין אויפצונעמען אים און זיך געגרייט מיט דעם דאָזיקן געדאַנק, און זיך געשראָקן, און געשעמט, און אַליין נישט געוווּסט, וואָס זי וועט טון. זי האָט געהערט זיינע טריט און די שטימע און געוואַרט הינטער דער טיר ביז די mademoiselle Linon וועט אַוועקגיין. די mademoiselle Linon איז אַוועקגעגאַנגען. זי איז, נישט קלערנדיק, נישט פרעגנדיק

זיך װי אַזױ און װאָס, צוגעגאַנגען צו אים און געטון דאָס, װאָס זי האָט בעטון.

— קומט צו דער מאמע! — האָט זי געזאָגט, אָננעמענדיק אים בײַ דער האַנט. ער האָט לאַנג גאָרנישט געקאָנט זאָגן, נישט אַזױ פֿיל דערפֿאַר, װאָס ער זאָל מורא האָבן מיט אַ װאָרט קאַליע צו מאַכן זײַן געפֿיל, װיפֿיל דערפֿאַר, װאָס יעדעס מאָל, װאָס ער האָט געװאָלט זאָגן עפּעס, האָט ער געפֿילט, אַז אָנשטאָט װערטער װעלן זיך בײַ אים אַרױס־רײַסן טרערן פֿון גליק. ער האָט גענומען איר האַנט און זי אַ קוש געטון.

— צי איז דאָס אמת? — האָט ער, ענדלעך, געזאָגט מיט אַ דומפּ קול. — איך קאָן נישט גלײבן, אַז דו האָסט מיך ליב!

זי האָט אַ שמײכל געטון פֿון דעמדאָזיקן „דו" און פֿון דער נישט דרײסטקײט, מיט װעלכער ער האָט אַ קוק געטון אױף איר.

— יאָ! — האָט זי באַדײטנד, פּאַמעלעך אַ זאָג געטון. — איך בין אַזױ גליקלעך!

זי איז, נישט אַרױסלאָזנדיק זײַן האַנט, אַרײַנגעגאַנגען אין גאַסט־צימער. די פֿירשטין, דערזעענדיק זײ, האָט אָנגעהױבן שנעל צו אָטעמען און גלײך זיך צעװײנט, און גלײך זיך צעלאַכט, און צוגעלאָפֿן צו זײ מיט אַזאַ ענערגישן טריט, װאָסערן לעװין האָט נישט דערװאַרט, אַרומגע־נומען לעװינס קאָפּ, אים אַ קוש געטון און באַנעצט זײַנע באַקן מיט טרערן.

— איז אַלץ געענדיקט! איך בין צופֿרידן. האָב זי ליב. איך בין צופֿרידן... קיטי!

— גיך זיך אײַנגעאָרדנט! — האָט דער אַלטער פֿירשט געזאָגט, באַמיִענדיק זיך צו זײַן גלײַכגילטיק; אָבער לעװין האָט באַמערקט, אַז זײַנע אױגן זענען געװען פֿײכט, װען ער האָט זיך געװענדט צו אים. — איך האָב שױן לאַנג, שטענדיק אױף דעם געװאַרט! — האָט דער פֿירשט געזאָגט, אָננעמענדיק לעװינען בײַ דער האַנט און צוציִענדיק אים צו זיך. — איך האָב נאָך דעמאָלט, װען דעמדאָזיקן פֿלאַטערקאָפּ איז אײַנ־געפֿאַלן...

— פּאַפּאַ! — האָט קיטי אױסגעשריגן און פֿאַרמאַכט אים דאָס מױל מיט די הענט.

— נו, איך װעל נישט! — האָט ער געזאָגט. — איך בין זײער, זײער... צופֿ... אַך, װי נאַריש איך בין...

ער האָט אַרומגענומען קיטין, אַ קוש געטון איר פּנים, די הענט, ווידער דאָס פּנים און איבערגעצלמט זי.

און לעווינען איז באַפאַלן אַ נייַ געפיל פון ליבע צו דעמדאָזיקן אים פריער פרעמדן מענטש, דעם אַלטן פירשט, ווען ער האָט געזען, ווי קיטי האָט לאַנג און צאַרט אים געקושט די פליישיקע הענט.

XVI.

די פירשטין איז געזעסן אין פאָטעל שווייגנדיק און שמייכלענדיק; דער פירשט האָט זיך געזעצט לעבן איר. קיטי איז געשטאַנען באַם פאָ-טערס פאָטעל, אַלץ נישט אַרויסגעלאָזט זיין האַנט. אַלע האָבן געשוויגן.

די פירשטין האָט די ערשטע אַלץ אָנגערופן מיט ווערטער און פאַרוואַנדלט אַלע געדאַנקען און געפילן אין פראַגן פון לעבן. און דאָס האָט אַלעמען גלייך אין דער ערשטער מינוט אויסגעזען אויסטערליש און אפילו שמערצלעך.

— ווען-זשע? מען דאַרף מאַכן אַ קנסמאָל און באַקאַנט מאַכן. און ווען זאָל זיין די חתונה? ווי מיינסטו, אַלעקסאַנדער?

— אָט ער, — האָט דער אַלטער פירשט געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף לעווינען, — ער איז דאָ די הויפּט-פּערזאָן.

— ווען? — האָט לעווין געזאָגט רויטווערנדיק. — מאָרגן. אויב איר פרעגט מיך, דאַרף לויט מיר הייַנט זיין דאָס קנסמאָל און מאָרגן די חתונה.

— נו, הער אויף, mon cher, נאַרישקייטן.

— נו, איז אין אַ וואָך אַרום.

— ער איז ממש צעדולט.

— ניין, פאַרוואָס-זשע?

— אָבער לאָז דיר דיגען! — האָט די מוטער געזאָגט, פריידיק שמייכלענדיק פון דערדאָזיקער איילעניקייט. — און נדן?

„צי דען וועט זיין נדן און דאָס אַלץ? — האָט לעווין מיט שרעק אַ קלער געטון. — און אגב, צי קאָן דען דער נדן, און דאָס קנסמאָל, און דאָס אַלץ — צי קאָן דען דאָס צעשטערן מיין גליק! קיין זאַך קאָן נישט צעשטערן! — ער האָט אַ בליק געטון און באַמערקט, אַז זי האָט

לחלוטין, לחלוטין נישט באַליידיקט דער געדאַנק וועגן נדן. — בכן, דאַרף מען דאָך דאָס", האָט ער אַ קלער געטון.

— איך ווייס דאָך גאָרנישט, איך האָב בלויז געזאָגט מיין פאַרלאַנג, — האָט ער אַ זאָג געטון, אַנטשולדיקנדיק זיך.

— וועלן מיר זיך מישב זיין. אַצינד קאָן מען מאַכן דאָס קנסמאָל און באַקאַנט מאַכן. אַזוי בלייבט.

די פירשטין איז צוגעגאַנגען צום מאַן, אים אַ קוש געטון און גע־וואָלט אַוועקגיין, נאָר ער האָט זי פאַרהאַלטן, אַרומגענומען און צערטלעך, ווי אַ יונגער פאַרליבטער, עטלעכע מאָל, שמייכלענדיק, זי געקושט. די אַלטע האָבן זיך, משמעות, פאַרלוירן אויף אַ מינוט און נישט געוווסט אויף זיכער, צי דאָס זענען זיי ווידער פאַרליבט אָדער בלויז זייער טאָכטער. ווען דער פירשט מיט דער פירשטין זענען אַרויסגעגאַנגען, איז לעווין צוגעגאַנגען צו זיין כלה און זי אָנגענומען בײַ דער האַנט. ער האָט זיך אַצינד באַהערשט און געקאָנט רעדן, און ער האָט איר געהאַט אַ סך צו זאָגן. אָבער ער האָט געזאָגט גאָרנישט דאָס, וואָס ער האָט געדאַרפט.

— ווי איך האָב געוווסט, אַז דאָס וועט אַזוי זיין! איך האָב קיין־מאָל נישט געהאָפט; אָבער אין האַרץ בין איך שטענדיק געווען זיכער, — האָט ער געזאָגט. — איך גלייב, אַז דאָס איז געווען באַשערט.

— און איך? — האָט זי געזאָגט. — אַפילו דעמאָלט... — זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און ווידער פאַרגעזעצט, אַנטשלאָסן קוקנדיק אויף אים מיט אירע ערלעכע אויגן, — אפילו דעמאָלט, ווען איך האָב אָפּגעשטויסן פון מיר מיין גליק. איך האָב ליב געהאַט תמיד בלויז אייך אַליין, נאָר איך בין געווען עקזאַלטירט. איך מוז זאָגן... איר קאָנט דאָס פאַרגעסן?

— אפשר איז דאָס צום גוטן, איר דאַרפט מיר מוחל זיין אַ סך. איך מוז אייך זאָגן...

דאָס איז געווען איינס פון דעם, וואָס ער האָט איר באַשלאָסן צו זאָגן. ער האָט זיך אַנטשלאָסן איר צו זאָגן באַלד אין די ערשטע טעג צוויי זאַכן: דאָס, אַז ער איז נישט אַזוי ריין, ווי זי, און דאָס צווייטע — אַז ער איז נישט קיין גלויביקער. דאָס איז געווען פייגלעך, נאָר ער האָט געהאַלטן, אַז ער דאַרף איר זאָגן אי דאָס אי יענץ.

— ניין, נישט אַצינד, דערנאָך! — האָט ער געזאָגט.

— גוט, דערנאָך, אָבער איר זאָלט אומבאַדינגט זאָגן. איך האָב נישט מורא פאַר גאָרנישט. איך דאַרף אַלץ וויסן. אַצינד איז געענדיקט.

ער האָט דערזאָגט:

— געענדיקט דאָס, אַז איר וועט מיך נעמען, וואָסערער איך זאָל נישט זיין... איר וועט זיך נישט אָפּזאָגן פון מיר? יאָ?

— יאָ, יאָ.

דיער געשפּרעך איז איבערגעריסן געוואָרן דורך דער made-moiselle Linon, וועלכע איז, הגם געמאַכט, אָבער צאַרט שמייכלענדיק, געקומען באַגריסן איר געליבטע דערציונגס-טאָכטער. זי איז נאָך נישט געהאַט אַרויסגעגאַנגען, ווי עס זענען געקומען באַגריסן די דינער. דער-נאָך זענען געקומען קרובים, און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גליקלעכער האַרמידער, פון וועלכן לעווין איז נישט אַרויס ביז צומאָרגנס פון זיין חתונה. לעווינען איז געווען תמיד נישט באַקוועם, לאַנגווייליק, אָבער די געשפּאַנטקייט פון גליק איז געוואַקסן. ער האָט כסדר געפילט, אַז פון אים פאָדערט זיך אַ סך, וואָס ער ווייסט נישט, און ער האָט געטון אַלץ, וואָס מען האָט אים געהייסן, און דאָס אַלץ האָט אים פאַרשאַפט גליק. ער האָט געמיינט, אַז זיין שדכענען זיך וועט גאָרנישט ענלעך זיין צו אַנדערע, אַז די געוויינלעכע באַדינגונגען פון שדכענען זיך וועלן שטערן זיין באַזונדער גליק, אָבער עס האָט זיך געענדיקט מיט דעם, וואָס ער האָט געטון דאָס אייגענע, וואָס אַנדערע, און זיין גליק האָט זיך פון דעם בלויז פאַרגרעסערט און איז געוואָרן אַלץ אייגנאַרטיקער, אַזוי ווי עס האָט נישט אַצינד און קיינמאָל נישט געהאַט קיין גלייכן צו זיך.

— אַצינד וועלן מיר עסן קאָנפעקטן, — האָט די m-lle Linon געזאָגט, און לעווין איז געפאָרן קויפן קאָנפעקטן.

— נו, עס פרייט מיך זייער, — האָט סוויאַזשסקי געזאָגט. — איך ראָט אייך בוקעטן צו נעמען בא פאָמינען.

— מען דאַרף? — און ער איז געפאָרן צו פאָמינען.

דער ברודער האָט אים געזאָגט, אַז מען דאַרף באָרגן געלט, וואָ-רים עס וועלן זיין אַ סך הוצאות, מתנות...

— מען דאַרף מתנות? — און ער איז אַוועקגעלאָפן צו פולדע.

אי באַם צוקערבעקער, אי באַ פאָמינען, אי באַ פולדע האָט ער געזען, אַז זיי האָבן זיך געריכט אויף אים, אַז זיי פרייען זיך מיט אים און פייערן זיין גליק פונקט אַזוי ווי אַלע, מיט וועמען ער האָט זיך די טעג צונויפגעטראָפן. אומגעוויינלעך איז געווען דאָס, וואָס אַלע האָבן אים נישט בלויז ליב געהאַט, נאָר אויך אַלע פריער נישט סימפּאַטישע, קאַלטע, גלייכגילטיקע מענטשן, האָבן זיך אַנטציקט מיט אים, האָבן אים אַלץ נאָכ-

געגעבן, זענען צאַרט און איידל זיך באַגאַנגען מיט זיין געפיל און איינ־שוזימיק געווען מיט זיין איבערצייגונג, אַז ער איז דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט, ווייל זיין כלה איז די העכסטע פאָלקאָמענהייט. דאָס זעלבע האָט אויך געפילט*קיטי. ווען די גרעפין נאָרדסטאָן האָט זיך דערלויבט אָנצודייטן וועגן דעם, אַז זי האָט זיך געווונטשן עפּעס בעסערס, האָט קיטי זיך אַזוי צעהיצט און אַזוי איבערצייגנד אויפגעוויזן, אַז בעסערס פון לעווינען קאָן גאָרנישט זיין אויף דער וועלט, אַז די גרעפין נאָרד־סטאָן האָט דאָס געמוזט מודה זיין און האָט אין קיטיס קעגנוואַרט שוין אָן קיין שמייכל פון אַנטציקונג נישט באַגעגנט לעווינען.

די דערקלערונג, וואָס ער האָט איר צוגעזאָגט, איז געווען די איינ־ציקע שווערע געשעעניש אין יענער צייט. ער האָט זיך באַראַטן מיטן אַלטן פירשט און נאָכדעם ווי ער האָט באַקומען זיין דערלויבעניש, האָט ער איבערגעגעבן קיטין זיין טאָג־בוך, אין וועלכן עס איז פאַרשריבן געווען דאָס, וואָס אים האָט געפּייניקט. ער האָט באַלד דעמאָלט געשריבן דאָס טאָג־בוך פאַר זיין קינפטיקער כלה. אים האָבן געפּייניקט צוויי זאַכן: זיין נישט אומשולדיקייט און אומגלויביקייט. דאָס מודה זיין זיך אין אומגלויביקייט איז אַריבער אומבאַמערקט. זי איז געווען רעליגיעז, האָט קיינמאָל נישט געצווייפלט אין די אמתן פון דער רעליגיע, אָבער זיין אויסערלעכע אומגלויביקייט האָט זי לגמרי נישט געאַרט. זי האָט דורך דער ליבע געקאָנט זיין גאַנץ האַרץ, און אין זיין האַרץ האָט זי געזען דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט; און אַז אַזאַ צושטאַנד פון האַרץ הייסט זיין אומגלויביק, דאָס איז זי נישט אָנגעגאַנגען. אָבער דאָס צווייטע מודה זיין זיך האָט זי געגייט ביטער צו וויינען.

לעווין האָט נישט אָן אינערלעכן קאַמף איר איבערגעגעבן זיין טאָג־בוך. ער האָט געוווסט, אַז צווישן אים און איר קאָן נישט און טאָר נישט זיין קיין סודות, און דעריבער האָט ער באַשלאָסן, אַז אַזוי דאַרף זיין, אָבער ער האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון פון דעם, ווי אַזוי דאָס קאָן ווירקן, ער האָט זיך נישט אַריבערגעטראָגן אין איר. בלויז ווען ער איז דעם אָוונט פאַרן טעאַטער געקומען צו זיי, אַריינגעקומען אין איר צימער און דערזען איר פאַרווייינט, אומגליקלעך, נעבעכדיק און ליב פּנים און דעם צער, נישט צום אויסבעסערן, וואָס ער האָט איר פאַר־שאַפט, האָט ער ערשט פאַרשטאַנען דעם תהום, וואָס טיילט אָפּ זיין שענד־לעכע פאַרגאַנגענהייט פון איר טויבן־ריינקייט, און זיך דערשראָקן פאַר דעם, וואָס ער האָט געטון.

— נעמט צו, נעמט צו דידאָזיקע שרעקלעכע ביכער! — האָט זי געזאָגט, אוועקשאַרנדיק די העפטן, וואָס זענען געלעגן פאַר איר אויפן טיש. — צוואָס האָט איר זיי מיר געגעבן!... ניין, פונדעסטוועגן איז בעסער, — האָט זי צוגעגעבן, רחמנות קריגנדיק אויף זיין פאַרצווייפלט פנים. — נאָר דאָס איז שרעקלעך, שרעקלעך!

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן. ער האָט גאָרנישט געקאָנט זאָגן.

— איר וועט מיר נישט מוחל זיין, — האָט ער אַ פליסטער געטון.

— ניין, איך האָב מוחל געווען. נאָר דאָס איז שרעקלעך!

דאָך איז זיין גליק געווען אַזוי גרויס, אַז דאָסדאָזיקע מודה זיין זיך האָט עס נישט געמינערט, נאָר צוגעגעבן בלויז אַ נייע שאַטירונג. זי האָט אים מוחל געווען; נאָר פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך נאָך מער געהאַלטן פאַר אומווערדיק קעגן איר, האָט זיך נאָך נידעריקער מאָראַליש געבויגן פאַר איר און נאָך העכער געשעצט זיין נישט פאַרדינט גליק.

XVII.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט נישטווילנדיק איבערגעקליבן אין זיין זכרון די איינדרוקן פון די געשפּרעכן, וואָס זענען געפירט געוואָרן בעת דעם מיטאָג און נאָך דעם מיטאָג און זיך אומגעקערט אין זיין איינזאַמען נומער אַריין. דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונעס ווערטער וועגן פאַרצייונג האָבן אַרויסגערופן בא אים בלויז פאַרדראָס. דאָס יאָ אָנווענדן אָדער נישט אָנווענדן דאָס קריסטלעכע געזעץ אין זיין פאַל איז געווען אַ צו שווערע פראַגע, וועגן וועלכער מען האָט נישט געקאָנט רעדן לייכט, און דידאָזיקע פראַגע איז שוין לאַנג געלייזט געווען דורך אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן אין נעגאַטיוון זינען. פון אַלץ, וואָס איז גערעדט געוואָרן, זענען צומייסטן געבליבן שטעקן אין זיין דמיון די ווערטער פון דעם נאַרישן, גוטן טוראָווצינען: *ער האָט געהאַנדלט, ווי אַ כוואַט, אַרויסגערופן אויף אַ דועל און דערהרגעט.* אַלע

זינען, משמעות, איינשטימיק געווען מיט דעם. הגם קיינער האָט דאָס אויס העפלעכקייט נישט אַרויסגעזאָגט.

„איבעריקנס, די זאַך איז געענדיקט, עס איז נישטאָ וואָס צו טראַכטן וועגן דעם", האָט זיך אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געזאָגט, און, טראַכטנדיק בלויז וועגן דעם פאַרשטייענדיקן צַפּאָרן און וועגן דעם ענין פון דער רעוויזיע, איז ער אַריינגעגאַנגען אין זיין נומער און געפרעגט דעם באַגלייטנדיקן שווייצער, ווו זיין לאָקיי איז; דער שווייצער האָט געזאָגט, אַז דער לאָקיי איז נאָר-וואָס אַרויסגעגאַנגען. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך געהייסן דערלאַנגען טיי, זיך געזעצט צום טיש און, נעמענדיק פ ר ו מ ע ן, אָנגעהויבן זיך איבערלייגן דעם מאַרשרוט פון דער רייזע.

— צוויי טעלעגראַמען, — האָט געזאָגט דער צוריקגעקומענער לאָקיי, אַריינגייענדיק אין צימער. — אַנטשולדיקט, עקסעלענץ, איך בין נאָר-וואָס אַרויסגעגאַנגען.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט גענומען די טעלעגראַמעס און זיי אויפגעהתמעט. די ערשטע טעלעגראַמע איז געווען אַ ידיעה וועגן סטרעמאָווס באַשטימונג אויף דעם אָרט טאַקע, וועלכעס קאַרענין האָט פאַרלאַנגט פאַר זיך. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אַוועקגעוואָרפן די דעפּעשע און, אויפשטייענדיק, אָנגעהויבן גיין איבערן צימער: „Quos vult perdere dementat", האָט ער געזאָגט, פאַרשטייענדיק אונטער quos די מענטשן, וועלכע האָבן מיטגעווירקט צו דערדאָזיקער באַשטימונג. אים האָט אַזוי נישט פאַרדראָסן דאָס, וואָס ער האָט נישט באַקומען דאָסדאָזיקע אָרט, וואָס מען האָט אים משמעות אויסגעמיטן; נאָר אים איז אומפאַרשטענדלעך, וווּנדערלעך געווען, ווי אַזוי זיי האָבן נישט געזעען, אַז דער פּלוידערזאַק, דער פראַזן-דרעשער סטרעמאָוו איז ווינציקער פון יעדן אַנדערן פעיק צו דעם. ווי אַזוי האָבן זיי נישט געזעען, אַז זיי מאַכן אַ תּל פון זיך, פון זייער פּרעסטיזש מיט דערדאָזיקער באַשטימונג.

„נאָך אַזאַ שטייגער זאַך", האָט ער זיך גיפטיק געזאָגט, אויפעפענענדיק די צווייטע דעפּעשע. די טעלעגראַמע איז געווען פון ווייב. איר אונטערשריפט מיט אַ בלויען בליישטיפט „אַננאַ", האָט זיך אים דאָס ערשטע אַ וואָרף געטון אין די אויגן אַריין. „איך שטאַרב, איך בעט זיך צו דערבאַרעמען און קומען צו פאָרן. איך וועל מיט מחילה שטאַרבן רויקער", האָט ער איבערגעלייענט. ער האָט ביטולדיק אַ שמייכל געטון און אַוועקגעוואָרפן די טעלעגראַמע. אַז דאָס איז אַ שווינדל און אַ כיט-

רעקייט, אין דעם, ווי עס האָט זיך אים אין דער ערשטער מינוט געדאַכט, האָט נישט געקאָנט זיין דער מינדסטער ספק.

„עס איז נישטאָ קיין שווינדל. פאַר וועלכן זי וואָלט זיך אָפּגעשטעלט. זי דאַרף געלעגן ווערן. אפשר גייט זי צום קינד. אָבער וואָסזשע איז זייער ציל? געזעצלעך מאַכן דאָס קינד, קאָמפּראָמיטירן מיך און שטערן דעם גט, — האָט ער געטראַכט. — גאָר עפּעס איז דאָרט געזאָגט: „איך שטאַרב...” — ער האָט איבערגעלייענט די טעלעגראַמע, און פּלוצלינג האָט דער פּשוטער זינען פון דעם, וואָס אין איר איז געזאָגט געווען, אים איבערראַשט. — און אויב דאָס איז אמת? — האָט ער זיך געזאָגט. — אויב עס איז אמת, אַז אין דער מינוט פון ליידן און נאָענטקייט פון טויט האָט זי אויפריכטיק חרטה און איך, אָננעמענדיק דאָס פאַר אַ שווינדל, וועל מיך אָפּזאָגן צו קומען? דאָס וועט זיין נישט בלויז אכזריותדיק און אַלע וועלן מיך פאַראורטיילן, נאָר דאָס וועט זיין נאַריש פון מיין זייט”.

— פּיאָטר, פאַרהאַלט די קאַטש. איך פאָר קיין פּעטערבורג, — האָט ער געזאָגט דעם לאַקיי.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט פאָרן קיין פּעטערבורג און וועט זען דאָס ווייב. אויב איר קראַנקייט איז אַ שווינדל, וועט ער זיך נישט וויסן מאַכן און וועט אָפּפאָרן. אויב זי איז טאַקע שטערבלעך קראַנק און וויל אים זען פאַרן טויט, וועט ער איר מוחל זיין, אויב ער וועט זי נאָך טרעפן בײַם לעבן, און אָפּגעבן דעם לעצטן חוב, אויב ער וועט קומען צו שפּעט.

דעם גאַנצן וועג האָט ער מער נישט געקלערט וועגן דעם, וואָס ער זאָל טון.

מיט אַ געפיל פון מידעקייט און אומריינקייט, וואָס האָט זיך געשאַפן באַנאַכט אין וואַגאָן, איז אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אין פרימאָרגנדיקן נעפּל פון פּעטערבורג געפאָרן איבער דעם ליידיקן נ י ע ו ו ס ק י און געקוקט פאַר זיך, נישט טראַכטנדיק וועגן דעם, וואָס עס דערוואַרט אים. ער האָט נישט געקאָנט קלערן וועגן דעם, ווייל פאָרשטעלנדיק זיך דאָס, וואָס ס'וועט זיין, האָט ער נישט געקאָנט פאַרטרייבן די השערה, אַז איר טויט וועט מיט איין מאָל אויפפלאָנטערן די גאַנצע שווערקייט פון זיין לאַגע. בעקערס, פאַרמאַכטע קראָמען, נאַכט-פורמאַנעס הויז-וועכטערס, וואָס האָבן געקערט די טראָטואַרן, האָבן געשימערט אין זיינע אויגן, און ער האָט זיך צוגעקוקט צו דעם אַלעם, באַמיענדיק זיך צו פאַרטויבן

אין זיך דעם געדאַנק וועגן דעם, וואָס עס דערוואַרט אים און וואָס ער וואַגט נישט צו וועלן און וויל פונדעסטוועגן. ער איז צוגעפאָרן צום גאַנעק. א פור־מאַן און אַ קאָטש מיט אַ שלאָפנדיקן קוטשער איז געשטאַנען פאַרן טויער. אַריינקומענדיק אין קאָרידאָר, האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אַזוי ווי בּאַקומען פון אַ ווייטן ווינקל אין זיין מוח אַ באַשלוס און אים באַשטע־טיקט. ער האָט געלויטעט: „אויב אַ שווינדל, איז רויקע פאַראַכטונג און אָוועקפאָרן; אויב אמת, איז אָפּהיטן די אָנשטענדיקייט".

דער שווייצער האָט געעפנט די טיר נאָך פריער, איידער אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אָנגעקלונגען. דער שווייצער פּעטראָוו, אָדער קאַפּיטאָניטש, האָט אויסגעזעען מאָדנע אין אַלטן סורדוט, אָן שניפּס און אין לאַטשן.

— וואָס מאַכט די מאַדאַם?

— נעכטן בשלום איבערגעקומען.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך אָפּגעשטעלט און איז בלייך געוואָרן. ער האָט אַצינד קלאָר פאַרשטאַנען, ווי שטאַרק ער האָט געוואָלט איר טויט.

— און ווי פילט זי זיך אין געזונט?

קאָרנעי אין פרימאָרגן-פאַרטוך איז אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ.

— זייער שלעכט, — האָט ער געענטפערט. — נעכטן איז געווען אַ קאָנסיליום און אַצינד איז אויך דאָ דער דאָקטאָר.

— נעם די זאַכן, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געזאָגט און, פילנדיק אַ געוויסע דערלייכטערונג פון דער ידיעה, אַז עס איז דאָ פונ־דעסטוועגן אַ האָפענונג פון טויט, איז ער אַריינגעגאַנגען אין פאָרצימער.

אויף דעם מלבושים־הענגער איז געווען אַ מיליטערישער פּאַלטן. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט דאָס באַמערקט און געפרעגט:

— ווער איז דאָ?

— דער דאָקטאָר, די אַקושערקע און דער גראַף ווראָנסקי.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז אַריינגעגאַנגען אין די ווייטערע צימערן.

אין גאַסטצימער איז קיינער נישט געווען; אויפן קלאַנג פון זיינע טריט איז אַרויסגעקומען די אַקושערקע מיט אַ הייבל מיט ליליא־בענדער.

זי איז צוגעגאַנגען צו אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן און מיט דער

פאמיליארישקייט פון נאָענטן טויט האָט זי אים אָנגענומען בא דער האנט און אריינגעפירט אין שלאָפצימער.

— דאנקען גאָט, וואָס איר זענט געקומען! נאָר וועגן אייך און וועגן אייך, — האָט זי געזאָגט.

— גיט-זשע גיכער איין! — האָט פון שלאָפצימער געזאָגט דעם דאָקטאָרס באפעלערישע שטימע.

אַלעקסיי אַלעקסאנדראָוויטש איז אַריינגעגאנגען אין איר קאבינעט. בא איר טיש מיט א זייט צום אָנלען איז אויף א נידעריקער שטול געזעסן ווראָנסקי און, פארשטעלנדיק זיך דאָס פנים מיט די הענט, געוויינט. ער איז אויפגעשפרונגען אויפן דאָקטאָרס רוף, אראָפגענומען די הענט פון פנים און דערזעען אַלעקסיי אַלעקסאנדראָוויטשן. דערזעען דעם מאַן, האָט ער זיך אַזוי פארלוירן, אַז ער האָט זיך ווידער געזעצט, אריינגעצויגן דעם קאָפ צווישן די אַקסל, ווי ער וואָלט געוואָלט פארשווינדן ווערן ערגעץ-ווו; נאָר ער האָט געמאַכט אַן אָנשטרענגונג איבער זיך, זיך אויפגעהויבן און געזאָגט:

— זי שטאַרבט. די דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז ס'איז נישטאָ קיין האָפנונג. איך בין אינגאַנצן אין אייער מאַכט, נאָר דערלויבט מיר צו זיין דאָ... איבעריקנס, איך וואַרף מיך אונטער אייער ווילן, איך...

דערזעענדיק ווראָנסקיס טרערן, האָט אַלעקסיי אַלעקסאנדראָוויטש דערפילט דעם צופלוס פון יענער גייסטיקער צערודערטקייט, וועלכן עס פלעגט אין אים אַרויסרופן דאָס זעען ליידן אַנדערע מענטשן, און, אַוועקדרייענדיק דאָס פנים, האָט ער, נישט אויסהערנדיק זיינע רייד ביזן סוף, איילנדיק זיך געלאָזט גיין צו דער טיר. פון שלאָפצימער האָט זיך געהערט אַננעס קול, וואָס האָט עפעס גערעדט. איר שטימע איז געווען א פריילעכע, א לעבהאַפטע, מיט אומגעוויינלעך באַשטימטע אינטאָנאַציעס. אַלעקסיי אַלעקסאנדראָוויטש איז אַריינגעגאנגען אין שלאָפצימער און איז צוגעגאַנגען צום בעט. זי איז געלעגן אויסגעדרייט מיטן פנים צו אים. די באַקן זענען געווען פאַרראָיטלט, זיי האָבן געגלאַנצט, די קליינע ווייסע הענט, אַרויסגערוקט פון די מאַנקעטן פון דער בלוזע, האָבן זיך געשפּילט מיט אַן עק פון דער קאָלדרע, פארבייגנדיק אים. עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז נישט בלויז געזונט און פריש, נאָר אין בעסטן געמיטס-צושטאַנד. זי האָט גערעדט גיך, קלינגענדיק און מיט אומגעוויינלעך ריכטיקע און דורכגעפילטע אינטאָנאַציעס.

— דערפאַר וואָס אַלעקסיי, איך רעד וועגן אַלעקסיי אַלעקסאנדראָ-

הינזשן (וואָס פאַר אַן אויסטערלישער, שרעקלעכער גורל. וואָס ביידע הייסן אַלעקסיי, נישט אמת?), אַלעקסיי וואָלט מיר נישט אָפּגעזאָגט. איך וואָלט פאַרגעסן, ער וואָלט מוחל געווען... וואָס-זשע קומט ער נישט? ער איז גוט, ער אַליין ווייסט נישט, ווי גוט ער איז. אַך, גאָט מיינער, וואָס פאַר אַן אומעט! גיט מיר שנעלער וואַסער! אַך, דאָס וועט איר, דעם מיידעלע מיינעם, שאַטן! נו, גיט, נו גיט זי אַוועק צו אַן אַם. נו, איך בין מסכים, דאָס איז אפילו גלייכער. ער וועט קומען, אים וועט שווערצלעך זיין זי צו זעען. גיט זי אַוועק.

— אַננאַ אַרקאַדיעוונאַ, ער איז געקומען. אָט איז ער, — האָט די אַקושערקע געזאָגט, באַמיענדיק זיך צו ווענדן איר אויפמערקזאַמקייט אויף אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן.

— אַך, וואָס פאַר אַ נאַרישקייט! — האָט אַננאַ ווייטער גערעדט, נישט זעענדיק דעם מאַן. — גיט זי מיר, דאָס מיידעלע, גיט זי! ער איז נאָך נישט געקומען. איר זאָגט, אַז ער וועט נישט מוחל זיין, ווייל איר קענט אים נישט. קיינער האָט אים נישט געקענט. מיר אַליין איז אויך שווער געווען. זיינע אויגן דאַרף מען קענען, סעריאָזשע האָט אויך אַזעלכע, און איך קאָן זיי דערפאַר נישט זעען. צי האָט מען געגעבן סעריאָזשען מיטאָג צו עסן? איך ווייס דאָך. אַלע פאַרגעסן. ער וואָלט נישט פאַרגעסן. מען דאַרף סעריאָזשען איבערפירן אין ווינקלדיקן צימער אַריין און בעטן Mariette זיך צו לייגן מיט אים.

פלוצלינג האָט זי זיך איינגעקורטשעט, איז שטיל געבליבן און מיט שרעק, אַזוי ווי ריכטנדיק זיך אויף אַ קלאַפּ, אַזוי ווי פאַרטיידיקנדיק זיך, אויפגעהויבן די הענט צום פּנים. זי האָט דערזעען דעם מאַן.

— ניין, ניין! — האָט זי אַ זאָג געטון, — איך האָב נישט מורא פאַר אים, איך האָב מורא פאַרן טויט. אַלעקסיי, קום, קום אַהער. איך איל מיך, ווייל איך האָב נישט קיין צייט, מיר איז געבליבן צו לעבן נישט לאַנג, באַלד וועט זיך אָנהייבן היץ, און איך וועל שוין גאָרנישט פאַרשטיין. אַצינד פאַרשטיי איך און פאַרשטיי אַלץ, איך זע אַלץ.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס געראונצלט פּנים האָט אָנגענומען אַ ליידנדיקן אויסדרוק; ער האָט זי אָנגענומען בײַ דער האַנט און געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר בשום אופן נישט געקאָנט אַרויסרעדן; זיין אונטערשטע ליפּ האָט געציטערט, אָבער ער האָט אַלץ נאָך געקעמפּט מיט זיין אויפרעגונג און בלויז פון צייט-צו-צייט געוואָרפן אַ בליק אויף איר. און יעדעס מאָל, וואָס ער האָט אַ בליק געטון, האָט ער געזעען אירע אויגן,

װעלכע האָבן געקוקט אויף אים מיט אַזאַ האַרציקער און באַגײַסטערטער צערטלעכקייט, װאָס ער האָט קיינמאָל נישט געזעען אין זיי.

— װאַרט צו, דו װייסט נישט... שטייט נאָר, שטייט נאָר... — זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַזוי װי צונויפנעמענדיק די געדאַנקען. — יאָ. — האָט זי אָנגעהויבן. — יאָ, יאָ, יאָ. אָט װאָס איך האָב געװאָלט זאָגן, װוּנדער זיך נישט אויף מיר. איך בין אַלץ די זעלבע... נאָר אין מיר איז דאָ אַן אַנדערע, איך האָב מורא פאַר איר, זי האָט ליב געקריגן יענעם, און איך האָב געװאָלט דיך האַסן און נישט געקאָנט פאַרגעסן װעגן יענער, װעלכע איז געװען פריער. יענע איז נישט איך. אַצינד בין איך די אמתע, אינגאַנצן איך. אַצינד שטאַרב איך. איך װייס, אַז איך װעל שטאַרבן, פרעג בײַ אים. איך פיל אויך אַצינד, אָט זעענען זיי, די פודן אויף די הענט, אויף די פיס, אויף די פינגער. די פינגער — אָט װי אומגעהייער גרויס זיי זענען! נאָר דאָס אַלץ װעט זיך גיך ענדיקן... איינס איז מיר נייטיק: דו זיי מיר מוחל, זיי אינגאַנצן מוחל! איך בין שרעקלעך, נאָר מיר האָט די ניאַניע געזאָגט: די הייליקע מאַרטירערין — װי אַזוי האָט מען זי גערופן? — זי איז ערגער געװען. און איך װעל פאָרן קיין רוים, דאָרט זענען דאָ מדבריות, און דעמאָלט װעל איך קיינעם נישט שטערן, בלויז סעריאָזשען װעל איך נעמען און דאָס מיידעלע... ניין, דו קאָנסט נישט מוחל זײַן! ניין, ניין, גיי אַװעק, דו ביסט צו גוט! —זי האָט געהאַלטן מיט איין הייסער האַנט זײַן האַנט, מיט דער צװייטער האָט זי אים אָפּגעשטופּט.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָװיטש גייסטיקע צערודערטקייט האָט זיך אַלץ געשטאַרקט און האָט דערגרייכט אַזאַ שטופע, אַז ער האָט שוין אויפגעהערט צו קעמפן מיט איר; ער האָט פּלוצלינג דערפילט, אַז דאָס, װאָס ער האָט געהאַלטן פאַר גייסטיקער צערודערטקייט, איז געװען, פאַרקערט, אַ גליקזעליקער געמיטס-צושטאַנד, װאָס האָט אים פּלוצלינג געגעבן אַ נײַ, נאָך קיינמאָל דורך אים נישט איבערגעלעבט גליק. ער האָט נישט געטראַכט, אַז דער קריסטלעכער גלויבן, װעלכן ער האָט דאָס גאַנצע לעבן זײַנס געװאָלט נאָכפאָלגן, הייסט אים מוחל זײַן און ליב האָבן זײַנע שונאים; נאָר אַ פריידיק געפיל פון ליבע און מחילה צו די שונאים האָט אָנגעפילט זײַן האַרץ. ער איז געשטאַנען אויף די קניען און, אַרויפגעלייגט דעם קאָפּ אויפן געלענק פון איר האַנט, װעלכע האָט אים הייס געבריט דורך דער בלוזע, האָט ער געשלוכצט, װי אַ קינד. זי האָט אַרומגענומען זײַן קאָפּ, װאָס האָט שוין אָנגעהויבן פּליכיק װערן, זיך צוגע-

רוקט צו אים און מיט אַן אַרויספאָדערנדיקער שטאָלצקייט אויפגעהויבן די אויגן אינדערהייך.

— אָט איז ער, איך האָב געוווּסט! אַצינד זייט געזונט אַלע, זייט געזונט!... ווידער זענען זיי געקומען, פאַרוואָס גייען זיי נישט אַוועק?... נעמט־זשע אַראָפּ פון מיר דידאָזיקע פוטערס!

דער דאָקטאָר האָט אַוועקגענומען אירע הענט, פאָרזיכטיק זי אַרויפּגעלייגט אויפן קישן, און איבערגעדעקט איבער די אַקסלען. זי איז אונטערטעניק געלעגן אויפן רוקן און געקוקט פאַר זיך מיט אַ שיינענדיקן בליק.

— געדענק איינס, אַז מיר איז נייטיק געווען בלויז די פאַרצייאונג, און מער וויל איך גאָרנישט... פאַרוואָס־זשע קומט ער נישט אַריין? — האָט זי אַ זאָג געטון, ווענדנדיק זיך אין דער טיר אַריין צו ווראָנסקין. — קום אַהער, קום אַהער! דערלאַנג אים די האַנט.

ווראָנסקי איז צוגעגאַנגען צום ראַנד פון בעט און, דערזעענדיק אַננען, ווידער זיך באַדעקט דאָס פּנים מיט די הענט.

— דעק אויף דאָס פּנים, קוק אויף אים. ער איז אַ הייליקער, — האָט זי געזאָגט. — דעק זשע אויף, דעק אויף דאָס פּנים! — האָט זי ביז אַ זאָג געטון. — אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, דעק אים אויף דאָס פּנים! איך וויל אים זען.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אַנגענומען ווראָנסקיס הענט און זיי אַוועקגענומען פון פּנים, וואָס איז געווען שרעקלעך פונם אויסדרוק פון ליידן און בושה.

— דערלאַנג אים די האַנט, זיי אים מוחל.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אים דערלאַנגט די האַנט, נישט איינהאַלטנדיק די טרערן, וועלכע האָבן זיך געגאָסן פון זיינע אויגן.

— דאַנקען גאָט, דאַנקען גאָט, — האָט זי אַ זאָג געטון, אַצינד איז אַלץ גרייט. בלויז אַ ביסל אויסציען די פיס. אָט אַזוי, אָט איז אויסגעצייכנט. ווי דידאָזיקע בלומען זענען געמאַכט אָן געשמאַק, גאָרנישט ענלעך צו קיין פיאַלקעס, — האָט זי געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף די טאַפּעטן. — גאָט מיינער, גאָט מיינער! ווען וועט זיך דאָס ענדיקן? גיט מיר מאָרפין. דאָקטאָר! גיט־זשע מאָרפין. אָ גאָט מיינער, גאָט מיינער! און זי האָט זיך אָנגעהויבן צו וואַרפן אויפן בעט.

אַלע דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז די היץ שטאַמט פונם געבורט, בײַ וואָס פון הונדערט איז דאָ 99 שאַנסן, אַז עס וועט זיך ענדיקן מיט טויט. דעם גאַנצן טאָג האָט זי געהאַט היץ, גערעדט פון וועג און געווען אָן באַוואוסטזיין. אינמיטן דער נאַכט איז די קראַנקע געלעגן אָן באַוואוסטזיין און כמעט אָן דופק.

מען האָט זיך געריכט אויפן סוף יעדע מינוט.

ווראָנסקי איז אַוועקגעפאָרן אַהיים, נאָר אינדערפרי איז ער געקומען געוויר ווערן, און אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, וואָס האָט אים באַגעגנט אין פאָרצימער, האָט געזאָגט: „בלײַבט, אפשר וועט זי אײַך רופן”, און אַליין אים צוגעפירט אין ווײַבס קאַבינעט אַרײַן. פאַרטאָג איז זי ווידער געוואָרן אומרויִק, צעטראָגן, די געדאַנקען און דאָס רעדן האַסטיק און זי האָט ווידער פאַרלוירן דאָס באַוואוסטזיין. אויפן דריטן טאָג איז געווען דאָס זעלבע, און די דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז ס'איז דאָ אַ האָפענונג. דעם טאָג איז אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אַרויסגעגאַנגען אין קאַבינעט אַרײַן, וווּ ווראָנסקי איז געזעסן, און, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרמאַכט די טיר, האָט ער זיך געזעצט קעגן אים.

— אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, — האָט ווראָנסקי געזאָגט, פילנדיק, אַז עס דערנענטערט זיך אַ דערקלערונג. — איך קאָן נישט רעדן, קאָן נישט פאַרשטיין. האָט רחמנות אויף מיר! ווי שווער עס זאָל אײַך נישט זײַן, גלייבט, אַז מיר איז נאָך שרעקלעכער.

ער האָט געוואָלט אויפשטיין. נאָר אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אים אָנגענומען בײַ דער האַנט און געזאָגט:

— איך בעט אײַך מיך אויסצוהערן, דאָס איז נייטיק. איך בין אײַך מחויב צו דערקלערן מײַנע געפילן, די, לויט וועלכע איך האָב מיך געריכטעט און וועל מיך ריכטן, כּדי איר זאָלט נישט האָבן קיין טעות בנוגע מיר. איר ווייסט, אַז איך האָב מיך אַנטשלאָסן אויף גט און האָב אפילו שוין אָנגעהויבן דעם ענין. איך וועל נישט פאַרהוילן פון אײַך, אַז, אָנהייבנדיק דעם ענין, בין איך געווען נישט אַנטשלאָסן, איך האָב מיך געפּײַניקט; איך בין אײַך מודה, אַז מיך האָט פאַרפאָלגט אַ פאַרלאַנג נקמה צו נעמען אָן אײַך און אָן איר. ווען איך האָב דערהאַלטן די טעלעגראַמע, בין איך געפאָרן אַהער מיט די זעלבע געפילן, איך וועל זאָגן נאָך מער: איך האָב געוואָלט איר טויט. אָבער... — ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע אין ישוב-הדעת, אויפצודעקן אָדער נישט אויפדעקן אים זײַן געפיל. — אָבער איך האָב זי דערזעען און מוחל געווען. און דאָס גליק פון מוחל

זיין האָט מיר אַנטפּלעקט מיין פליכט. איך האָב מוחל געווען איינגאַנצן. איך וויל אונטערשטעלן די צווייטע באַק, איך וויל אַוועקגעבן דאָס העמד, ווען מען נעמט מיר צו דעם קאַפּטן. איך בעט גאָט בלויז וועגן דעם, אַז ער זאָל מיר נישט צונעמען דאָס גליק פון מוחל זיין!

טרערן זענען געשטאַנען אין זיינע אויגן, און זייער ליכטיקער, רויקער בליק האָט איבערראַשט ווראָנסקין.

— אָט איז מיין לאַגע. איר קאָנט מיך צעטרעטן אין דער בלאָטע, מאַכן צו שאַנד פאַר דער וועלט, איך וועל זי נישט אַוועקוואַרפן און וועל קיינמאָל קיין וואָרט פון פאָרוואורף נישט זאָגן אייך, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש פאָרגעזעצט. — מיין פליכט איז קלאָר אָנגעצייכנט פאַר מיר: איך בין מחויב צו זיין מיט איר און וועל זיין. אויב זי וועט אייך וועלן זען, וועל איך אייך געבן צו וויסן, נאָר אַצינד, מיין איך, איז גלייכער פאַר אייך אַוועקצוגיין.

ער איז אויפגעשטאַנען, און שלוכצן האָבן איבערגעריסן זיין רעדן. ווראָנסקי האָט זיך אויך אויפגעהויבן און אַן איינגעבויגענער, אין אַ נישט אויסגעגלייכטער פּאָזע, פון אונטערן שטערן אַפער געקוקט אויף אים. ער האָט נישט פאַרשטאַנען אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס געפילן, אָבער געפילט, אַז דאָס איז עפּעס העכערס און אפילו נישט צוטריטלעך פאַר זיין וועלטבאַנעמונג.

XVIII.

נאָך זיין געשפּרעך מיט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן איז ווראָנסקי אַרויסגעגאַנגען אויפן גאַנעק פון די קאַרענינס הויז און זיך אָפּגעשטעלט, קוים זיך דערמאַנענדיק, ווו ער איז און וווהין ער דאַרף גיין אָדער פאָרן. ער האָט זיך געפילט פאַרשעמט, דערנידעריקט, שולדיק און באַרויבט פון דער מעגלעכקייט אָפּצוּוואַשן זיין דערנידערונג. ער האָט זיך געפילט אַרויסגעשלאָגן פון דער קאָליע, איבער וועלכער ער איז אַזוי שטאָלץ און לייכט געגאַנגען ביז אַצינד. אַלע געוווינהייטן און כּללים פון זיין לעבן, וואָס האָבן אויסגעזען אַזוי פעסט, האָבן זיך פּלוצלינג אַרויסגעוויזן פאַר פאַלש און נישט צום אָנווענדן. דער אָפּגענאַרטער מאַן, וואָס האָט ביז אַצינד אויסגעזען ווי אַ נעבעכדיק וועזן, ווי אַ צופעליקע

און עטוואָס קאָמישע שטערונג פון זיין גליק, איז פלוצלינג דורך איר אַליין אַרויסגעריסן געוואָרן, דערהויבן געוואָרן צו אַ הייך, וואָס רופט אַרויס יראת-הכבוד. און דערדאָזיקער מאַן איז דערשינען אויף דערדאָזיקער הייך נישט ווי אַ שלעכטער, פאַלשער, קאָמישער, נאָר גוטער, פשוטער און ווירדיקער. דאָס האָט וורא‌נסקי נישט געקאָנט נישט דערפילן. די ראָלעס האָבן זיך פלוצלינג געביטן. וורא‌נסקי האָט געפילט זיין הויכקייט און די אייגענע נידעריקייט, זיין גערעכטיקייט און די אייגענע אומגערעכטיקייט. ער האָט דערפילט, אַז דער מאַן איז געווען גרויסמוטיק אויך אין זיין אומגליק, און ער נידעריק, קליינלעך אין זיין אָפּנאַרעריי. נאָר דאָסדאָזיקע אָנערקענען די אייגענע נידעריקייט קעגן דעם מענטש, וועלכן ער האָט אומגערעכטיק פאַראַכטעט, איז געווען בלויז אַ קליינער טייל פון זיין צער. ער האָט זיך אַצינד געפילט אָן אַ שיעור אומגליקלעך דערפאַר, וואָס זיין ליידנשאַפט צו אַננען, וועלכע איז די לעצטע צייט, ווי אים האָט זיך געדאַכט, אָפּגעקילט געוואָרן, איז אַצינד, ווען ער האָט געוווּסט, אַז ער האָט זי אויף אייביק פאַרלוירן, געוואָרן שטאַרקער, ווי זי איז ווען עס איז געווען. ער האָט זי דערזעען אינגאַנצן אין דער צייט פון איר קראַנקייט, האָט דערקענט איר נשמה, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט זי קיינמאָל ביז אַצינד נישט ליב געהאַט. און אַצינד ערשט, ווען ער האָט זי דערקענט, האָט ער זי ליב געקריגן, ווי ער האָט זי געדאַרפט ליב האָבן. ער איז געווען דערנידעריקט פאַר איר און האָט זי פאַרלוירן אויף אייביק, איבערלאָזנדיק בא איר בלויז אַ שענדלעכע דערינערונג וועגן זיך. אָבער שרעקלעכער פון אַלעם איז געווען די שענדלעכע לאַגע זיינע, ווען אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אים אַוועקגעריסן די הענט פון זיין פאַרשעמט פנים. ער איז געשטאַנען אויפן גאַנעק פון די קאַרעניגס הויז, ווי אַ פאַרלוירענער, און נישט געוווּסט, וואָס צו טון.

— אַ דראָזשקע וועט איר באַפעלן? — האָט דער שווייצער געפרעגט.

— יאָ, אַ דראָזשקע.

אומגעקערט זיך אַהיים נאָך דריי שלאָפלאָזע נעכט, האָט וורא‌נסקי זיך נישט אויסגעטון און זיך אַוועקגעלייגט מיטן פנים אַראָפּ אויף דער סאָפע. צונויפגעלייגט די הענט און אַרויפגעלייגט אויף זיי דעם קאָפּ. זיין קאָפּ איז געווען שווער. פאָרשטעלונגען, דערינערונגען און געדאַנקען די סאַמע משונהדיקסטע האָבן מיט אַן אומגעווייגלעכער שנעלקייט

און קלאָרקייט געביטן איינע די אַנדערע: דאָ איז דאָס געווען אַ רפואה, וועלכע ער האָט אָנגעגאָסן דער קראַנקער און איבערגעגאָסן דעם לעפל, דאָ די ווייסע הענט פון דער אַקושערקע, דאָ די אויסטערלישע פּאָזע פון אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן אויף דער פּאָדלאָגע פאַרן בעט.

„אַנטשלאָפן ווערן! פאַרגעסן!" האָט ער זיך געזאָגט מיט דער רויקער זיכערקייט פון אַ געזונטן מענטש אין דעם, אַז אויב ער איז מיד און וויל שלאָפן, וועט ער זיכער באַלד איינשלאָפן. און ווירקלעך, אין זעלבן אויגנבליק האָט אין קאָפּ זיך אָנגעהויבן צו פּלאָנטערן, און ער האָט אָנגעהויבן זינקען אין תהום פון פאַרגעסנקייט. די ים-כוואַליעס פון באַוווּסטלאָזן לעבן האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צונויפצוגיין איבער זיין קאָפּ, ווי פּלוצלינג האָט אַזוי ווי אַ שטאַרקער עלעקטרישער שטראָם אַ קלאַפּ געטון אויף אים. ער האָט אַזאַ ציטער געטון, אַז ער איז מיטן גאַנצן קערפּער אונטערגעשפּרונגען אויף די פּרוזשינעס פון דער סאָפע, און, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די הענט, איז ער מיט שרעק אויפגעשפּרונגען אויף די קניען. זיינע אויגן זענען געווען ברייט געעפנט, ווי ער וואָלט קיינמאָל נישט געשלאָפן, די שווערקייט פון קאָפּ און די שלעפּעריקייט פון די גלידער, וועלכע ער האָט געשפּירט מיט אַ מינוט צוריק, זענען פּלוצלינג פאַרשוווּנדן.

„איר קאָנט מיך אַריינטרעטן אין בלאָטע", האָט ער געהערט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס ווערטער און געזען אים פאַר זיך, און געזען אַנאַס פּנים מיט דער היץ-רויטקייט און בלישטשענדיקע אויגן, וואָס האָבן מיט צערטלעכקייט און ליבע געקוקט נישט אויף אים, נאָר אויף אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן; ער האָט געזען, ווי עס האָט זיך אים געדאַכט, זיין נאַרישע און קאָמישע פיגור, ווען אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אים אַוועקגענומען די הענט פון פּנים. ער האָט ווידער אויסגעצויגן די פיס און זיך געוואָרפן אויף דער סאָפע אין דער פריערדיקער פּאָזע און פאַרמאַכט די אויגן.

„אַנטשלאָפן ווערן! אַנטשלאָפן ווערן!" האָט ער זיך איבערגעחזרט, אָבער מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט ער נאָך דייטלעכער געזען אַנאַס פּנים אַזוי, ווי עס איז געווען אין דעם אָוונט פון די געיעגן, וואָס איז געבליבן בא אים אין זכרון.

— דאָס איז נישטאָ און וועט נישט זיין, און זי וויל דאָס אויסמעקן פון איר זכרון. און איך קאָן נישט לעבן אָן דעם. ווי אַזוי-זשע זאָלן מיר שלום שליסן? – האָט ער געזאָגט אויפן קול און באַוווּסטלאָז

אָנגעהויבן איבערצוחזרן דידאָזיקע ווערטער. דאָסדאָזיקע איבערחזרן די ווערטער האָט אָפּגעהאַלטן דאָס דערשיינען פון נייע בילדער און דערינערונגען, וועלכע, ער האָט געפילט, האָבן זיך מחנותווייז געזאַמלט אין זיין קאָפּ. אָבער דאָס איבערחזרן די ווערטער האָט אָפּגעהאַלטן די פאַנטאַזיע נישט אויף לאַנג. ווידער האָבן איינע נאָך דער צווייטער מיט אַן אומגעאיינלעכער שנעלקייט אָנגעהויבן דערשיינען די בעסטע מינוטן און צוזאַמען מיט זיי די נישט לאַנגסטיקע דערנידערונג. „נעם אַוועק די הענט“, האָט געזאָגט אַננעס קול. ער נעמט אַוועק די הענט און פילט דעם פאַרשעמטן און נאַרישן אויסדרוק פון זיין פנים.

ער איז אַלץ געלעגן, באַמיענדיק זיך אַנטשלאָפן צו ווערן, הגם ער האָט געפילט, אַז עס איז נישטאָ די מינדסטע האָפנונג, און האָט אַלץ פליסטערנדיק איבערגעחזרט די צופעליקע ווערטער פון עפעס אַ געדאַנק, וועלנדיק מיט דעם אָפּהאַלטן דאָס דערשיינען פון נייע בילדער. ער האָט זיך צוגעהערט — און דערהערט מיט אַן אויסטערלישן, משוגענעם פליסטער דאָס איבערחזרן פון די ווערטער: „נישט געקאָנט אָפּשאַצן, נישט געקאָנט אויסנוצן; נישט געקאָנט אָפּשאַצן, נישט געקאָנט אויסנוצן“.

„וואָס איז דאָס? צי ווער איך משוגע? — האָט ער זיך געזאָגט. — אפשר. פון וואָס זשע ווערט מען משוגע, פון וואָס זשע שיסט מען זיך?“ האָט ער זיך אַליין געענטפערט. און, געעפנט די אויגן, האָט ער מיט פאַרוואונדערונג דערזעען לעבן זיין קאָפּ דאָס געהאַפטענע קישעלע, וואָס וואַריע, דעם ברודערס ווייב, האָט אים געמאַכט. ער האָט אָנגערירט די טראָלב פון דעם קישעלע און געפרווט זיך דערמאָנען וועגן וואַריען, וועגן דעם, ווען ער האָט זי געזען דאָס לעצטע מאָל. נאָר טראַכטן וועגן עפעס זייטיקס איז געווען פיינלעך. „ניין, מען דאַרף אַנטשלאָפן ווערן!“ ער האָט צוגערוקט דאָס קישעלע און זיך צוגעדריקט דערצו מיטן קאָפּ, אָבער מען האָט געדאַרפט זיך אָנשטרענגען, כדי צו האַלטן די אויגן פאַרמאַכט. ער איז אויפגעשפרונגען און האָט זיך אַנידערגעזעצט. „דאָס איז געענדיקט פאַר מיר, — האָט ער זיך געזאָגט. — מען דאַרף באַקלערן, וואָס צו טון. וואָס ס'איז געבליבן?“ — זיין געדאַנק איז שנעל דורכגעלאָפן דאָס לעבן מחוץ זיין ליבע צו אַננען.

„כבוד־זוכעניש? סערפּוכאָווסקי? די הויכע געזעלשאַפט? דער הויף?“ ער האָט זיך אויף גאָרנישט געקאָנט אָפּשטעלן. דאָס אַלץ האָט געהאַט אַ זינען פריער, אָבער אַצינד איז דאָס אַלץ שוין נישט געווען. ער איז אויפגעשטאַנען פון דער סאָפע, האָט אויסגעטון דעם סורדוט-

אַרויסגעלאָזט דעם פּאַסיק און, צעעפֿנט די האַריקע ברוסט, כּדי פֿרייער צו אָטעמען, איז ער זיך דורכגעגאַנגען איבערן צימער. „אַזוי ווערט מען משוגע, — האָט ער איבערגעחזרט, — און אַזוי שיסט מען זיך... אַז עס זאָל נישט זיין קיין בושה", האָט ער פּאַמעלעך צוגעגעבן.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און זי פֿאַרמאַכט; דערנאָך איז ער מיט אַ שטאַרן בליק און מיט פֿעסט צונויפֿגעדריקטע ציין צוגעגאַנגען צום טיש, גענומען דעם רעוואָלווער, באַקוקט אים, איבערגעדרייט אויף דער געלאָדנטער לופֿע און זיך פֿאַרטראַכט. אַ מינוט צוויי, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ מיט אַן אויסדרוק פֿון געשפּאַנטער אָנשטרענגונג פֿון געדאַנק, איז ער געשטאַנען מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט אומבאַוועגלעך און געטראַכט. „פֿאַרשטייט זיך", האָט ער זיך געזאָגט, ווי דער לאָגישער, דויערנדיקער און קלאָרער גאַנג פֿון די רעיונות וואָלט אים געברענגט צו אַן אומצווייפֿלהאַפֿטן באַשלוס. אין דער אמתן אָבער איז דערדאָזיקער פֿאַר אים איבערצייגטער „פֿאַרשטייט זיך" געווען בלויז אַ פּועל יוצא פֿון אַן איבערגעחזרטן קרייז פֿון פּונקט אַזעלכע דערינערונגען און פֿאַרשטעלונ־גען, דורך וועלכע ער איז שוין געהאַט דורכגעגאַנגען צענדליקער מאָל אין דער שעה צייט. די זעלבע זענען געווען די דערינערונגען וועגן גליק, וואָס איז אויף אייביק פֿאַרלוירן געגאַנגען, די זעלבע פֿאַרשטעלונג וועגן דער זינלאָזקייט פֿון אַלעם פֿאַרשטייענדיקן אין לעבן, די זעלבע אָנערקענונג פֿון דער אייגענער דערנידעריקונג. דער זעלבער איז געווען דער סדר פֿון די דאָזיקע פֿאַרשטעלונגען און געפֿילן.

„פֿאַרשטייט זיך", האָט ער איבערגעחזרט, ווען זיין געדאַנק האָט צום דריטן מאָל זיך אַוועקגעלאָזט איבערן זעלבן פֿאַרכּישופֿטן קרייז פֿון דערינערונגען און געדאַנקען, און, צולייגנדיק דעם רעוואָלווער צו דער לינקער זייט ברוסט און שטאַרק אַ ציק טוענדיק מיט דער גאַנצער האַנט, ווי ער וואָלט זי פּלוצלינג צונויפֿגעדריקט אין אַ פֿויסט, האָט ער אַ ציי געטאָן באַם צינגל. ער האָט נישט געהערט דעם קלאַנג פֿון שאָס, נאָר אַ שטאַרקער קלאַפּ אין דער ברוסט האָט אים אומגעוואָרפֿן. ער האָט זיך געוואָלט אָנהאַלטן אָן עק טיש, האָט אַרויסגעלאָזט דעם רעוואָלווער, זיך אַ וואַקל געטאָן און אַוועקגעזעצט אויף דער ערד, פֿאַרווונדערט קוקנדיק אַרום זיך. ער האָט נישט דערקענט זיין צימער, קוקנדיק פֿון אונטן אַרויף אויף די אויסגעבויגענע פֿיסלעך פֿון טיש, אויף דעם פּאַפּיר־קיישל און אויף דער טיגער־פֿעל. די שנעלע סקריפּענדיקע טריט פֿון דינער, וואָס איז געגאַנגען איבערן גאַסטצימער, האָבן אים גענייט צו זיך צו קומע

ער האָט אָנגעשטרענגט דעם געדאַנק און פאַרשטאַנען, אַז ער איז אויף דער פאָדלאָגע, און, דערזעענדיק בלוט אויף דער טיגער-פעל און בײַ זיך אויף דער האַנט, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער האָט זיך געשאָסן...

„נאַריש! נישט געטראָפן", האָט ער אַ זאָג געטון, שאַרנדיק מיט דער האַנט נאָכן רעוואָלווער. דער רעוואָלווער איז געווען לעבן אים — ער האָט געזוכט ווייטער. זוכנדיק ווייטער, האָט ער זיך אַ צי געטון אין דער צווייטער זייט אַריין און, נישט זייענדיק בכוח צו דערהאַלטן דאָס גלייכגעוויכט, איז ער אַנידערגעפאַלן, אָפגייענדיק מיט בלוט.

דער עלעגאַנטער דינער מיט די באַקנבערד, וואָס האָט נישט איינ=מאָל זיך שוין געקלאָגט פאַר זיינע באַקאַנטע אויף דער שוואַכקייט פון זיינע נערוון, האָט זיך אַזוי דערשראָקן, דערזעענדיק ליגן דעם הער אויף דער פאָדלאָגע, אַז ער האָט אים איבערגעלאָזט אָפגיין מיט בלוט און איז אַוועקגעלאָפן נאָך הילף. אין אַ שעה אַרום איז וואַריאַ, דעם ברודערס פרוי, געקומען און מיט דער הילף פון דריי דערשינענע דאָקטוירים, נאָך וועלכע זי האָט געשיקט אין אַלע ריכטונגען און וועלכע זענען אַלע גלייך געקומען, האָט זי אַריינגעלייגט דעם פאַרוואונדעטן אין בעט און געבליבן בײַ אים אַכטונג צו געבן אויף אים.

XIX.

דער פעלער, וועלכן אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געמאַכט מיט דעם, וואָס ער האָט, גרייטנדיק זיך אויף דער זעונג מיטן ווייב, נישט דורכגעטראַכט די מעגלעכקייט, אַז איר חרטה וועט זיין אויפריכטיק און ער וועט מוחל זיין, נאָר זי וועט נישט שטאַרבן, — דער פעלער האָט אין צוויי חדשים אַרום נאָך זיין אומקערן זיך פון מאָסקווע זיך אַרויסגעוויזן אין זיין גאַנ=צער קראַפט. אָבער דער פעלער, וועלכן ער האָט געמאַכט, האָט געשטאַמט נישט בלויז דערפון, וואָס ער האָט נישט צוגעטראַכט די מעגלעכקייט, נאָר אויך דערפון, וואָס ער האָט ביז דעם טאָג פון זיין זעונג מיטן ווייב נישט געקענט זיין האַרץ. ער האָט באַם בעט פון קראַנקן ווייב צום ערשטן מאָל אין לעבן זיך אָפגעגעבן דעם געפיל פון האַרציקן מיטלייד, וואָס ס'האָבן אין אים אַרויסגערופן די ליידן פון אַנדערע מענטשן און פאַר וועלכן ער האָט זיך פריער געשעמט, ווי פאַר אַ שעדלעכער שוואַכ=

קייט; סיי דאָס רחמנות צו איר, סיי די חרטה אויף דעם, וואָס ער האָט געוואָלט איר טויט, און דער עיקר, די פרייד גופא פון מוחל זיין האָבן געמאַכט דאָס, אז ער האָט פלוצלינג דערפילט נישט בלויז א פאַרלייכטערונג אין זיינע ליידן, נאָר אויך א גייסטיקע רויקייט, וועלכע ער האָט קיינמאָל פריער נישט איבערגעלעבט. ער האָט פלוצלינג דערפילט, אז דאָס אייגענע, וואָס איז געווען דער קוואַל פון זיינע ליידן, איז געוואָרן דער קוואַל פון זיין גייסטיקער פרייד; דאָס, וואָס האָט אויסגעזעען נישט לייזבאַר, ווען ער האָט פאַראורטיילט, געטאַדלט און געהאַסט, איז געוואָרן איינפאַך און קלאָר, ווען ער האָט מוחל געווען און ליב געהאַט.

ער האָט מוחל געווען דעם ווייב און אויף איר רחמנות געהאַט פאַר אירע ליידן און חרטה. ער האָט מוחל געווען ווראָנסקין און אויך אים רחמנות געהאַט, באַזונדערס נאָך דעם, ווי ווי עס זענען דערגאַנגען צו אים די קלאַנגען וועגן זיין פאַרצווייפלטן שריט. ער האָט אויך רחמנות געהאַט אויפן זון מער, ווי פריער, און זיך געטאַדלט אצינד דערפאַר, וואָס ער האָט זיך צו ווייניק פאַרנומען מיט אים. אָבער צו דעם נייגעבוירענעם קליינעם מיידעלע האָט ער געהאַט עפּעס א באַזונדער געפיל נישט בלויז פון רחמנות, נאָר אויך פון צערטלעכקייט. אין אָנהייב האָט ער בלויז אויס רחמנות זיך פאַרנומען מיט דעם נייגעבוירענעם שוואַכינקן מיידעלע, וואָס איז נישט געווען זיין טאָכטער און וואָס איז פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן אין דער צייט פון דער מוטערס קראַנקייט און וואָלט זיכער געווען געשטאָרבן, ווען ער זאָל נישט געווען זאָרגן דערפאַר, — און ער האָט אַליין נישט באַמערקט, ווי ער האָט עס ליב געקריגן. ער פלעגט צי עטלעכע מאָל אין טאָג אריינגיין אין קינדער-צימער און זיצן לאַנג דאָרט, אַזוי אז די אַם און די ניאַניע, וואָס האָבן זיך פריער געשראָקן פאַר אים, זענען געוווינט געוואָרן צו אים. ער פלעגט טיילמאָל צו האַלבע שעהן שוויגנדיק קוקן אויף דעם שלאָפנדיקן שאַפיר-רויטן, האָריקן און גערינצלטן פּנימל פון דעם קינד און באַאָבאַכטן די באַוועגונגען פון דעם זיך כמורנדיקן שטערן און די פּוכיקע הענטעלעך מיט די פאַרבויגענע פינגער, וואָס האָבן מיט דער לינקער זייט פון די דלאָניעס זיך געריבן די אייגלעך און דאָס נעזל. אין אַזעלכע מינוטן האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש באַזונדערס זיך געפילט אינגאַנצן רויק און איינשטימיק מיט זיך און נישט געזעען אין זיין לאַגע קיין שום אומגעוויינלעכס, גאָרנישט אַזוינס, וואָס מען וואָלט געדאַרפט ענדערן.

נאָר וואָס מער צייט עס איז פאַרגאַנגען, אַלץ דייטלעכער האָט ער

געזעצ, אַז ווי נאַטירלעך עס איז נישט פאַר אים דידאָזיקע לאַגע, וועט מען אים נישט לאָזן בלייבן אין איר. ער האָט געפילט, אַז חוץ דעם גוטן גייסטיקן כוח, וואָס פירט אָן מיט זיין נשמה, איז דאָ אַ צווייטער, גראָבער, אויך אַזאַ מעכטיקערער אָדער נאָך מעכטיקערער כוח, וועלכער פירט אָן מיט זיין לעבן, און אַז דערדאָזיקער כוח וועט אים נישט געבן די שטילע רויקייט, וועלכע ער באַגערט. ער האָט געפילט, אַז אַלע קוקן אויף אים מיט אַ שטוינענדער פאַרווּנדערונג, אַז מען פאַרשטייט אים נישט און מען וואַרט פון אים עפּעס. באַזונדערס האָט ער געפילט די נישט שטאַנדהאַפטיקייט און אומנאַטירלעכקייט פון זיינע באַציוּנגען מיטן ווייב.

ווען ס'איז דורכגעגאַנגען יענע צעווייכטקייט, וואָס האָט זיך געשאַפן אין איר דורך דער נאָענטקייט פון טויט, האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אָנגעהויבן באַמערקן, אַז אַננאַ האָט מורא פאַר אים, לאַנגווײלט זיך מיט אים און קאָן אים נישט קוקן גלייך אין די אויגן אַריין. זי האָט אַזוי ווי עפּעס געוואָלט און זיך נישט אַנטשלאָסן צו זאָגן אים און אויך, אַזוי ווי פאָרפילנדיק, אַז זייערע באַציוּנגען קאָנען לאַנג נישט דויערן, האָט זי עפּעס געוואַרט פון אים.

סוף פעברואַר האָט זיך געמאַכט, אַז די נייגעבוירענע טאָכטער אַננעס, וועלכער מען האָט אויך אַ נאָמען געגעבן אַננאַ, איז קראַנק געוואָרן. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז געווען אינדערפרי אין קינדערצימער און, אַרויסגעבנדיק אַ פאַראָרדנונג צו שיקן נאָכן דאָקטאָר, איז ער געפאָרן אין מיניסטעריום אַריין. פאַרענדיקט זיינע ענינים, האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים פיר אַ זייגער. אַריינקומענדיק אין פאָרצימער, האָט ער דערזעען אַ שיינעם לאָקיי אין שליפּעס און אין אַ פעלערינקע פון בערן-פוטער, וואָס האָט געהאַלטן אַ ווייסע ראָטאָנדע פון אַמעריקאַנישן הונט-פוטער.

— ווער איז דאָ? — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געפרעגט.

— די פירשטין יעליזאַוועטאַ פעדאָראָוונאַ טווערסקאַיאַ. — האָט מיט אַ שמייכל, ווי עס האָט זיך געדאַכט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן, געענטפערט דער לאָקיי.

אין משך פון דערדאָזיקער גאַנצער שווערער צייט האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש באַמערקט, אַז די באַקאַנטע זיינע פון דער הויכער געזעלשאַפט, באַזונדערס די פרויען, האָבן זיך באַזונדערס אינטערעסירט

מיט אים און זיין ווייב. ער האָט באַמערקט בא די אַלע באַקאַנטע אַ קוים באַהאַלטענע פרייד פון עפּעס, — די זעלבע פרייד, וועלכע ער האָט געזעהן אין די אויגן פון דעם אַדוואָקאַט און אַצינד אין די אויגן פון דעם לאַקיי. אַלע זענען אַזוי ווי געווען באַגייסטערט, גלייך זיי וואָלטן עמעצן חתונה געמאַכט. ווען זיי האָבן אים באַגעגנט, האָבן זיי מיט אַ קוים פאַרבאָרגענער פרייד געפרעגט אויף איר געזונט.

די אַנוועזנהייט פון דער פירשטין טווערסקאַיאַ סיי לויט די זכרונות, וואָס זענען פאַרבונדן געווען מיט איר, סיי לויט דעם, וואָס ער האָט זי בכלל נישט ליב געהאַט, איז געווען נישט אָנגענעם אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן, און ער איז גלייך אַריינגעגאַנגען אין קינדערצימער. אין ערשטן קינדערצימער האָט סעריאָזשאַ, ליגנדיק מיט דער ברוסט אויפן טיש און אַרויפגעלייגט די פיס אויף דער שטול, עפּעס געצייכנט, פריילעך מורמלענדיק. די ענגלענדערין, וואָס האָט פאַרטרעטן אין דער צייט פון אַננעס קראַנקייט די פראַנצויזין און איז מיט אַ שטריקעכץ מיניאַרדיז געזעסן לעבן יינגל, איז איילִיק אויפגעשטאַנען, זיך צוריק געזעצט און אַ ציפּ געטון סעריאָזשען.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אַ גלעט געטון מיט דער האַנט איבערן זונס האָר, האָט געענטפערט אויף דער גוווערנאַנטינס פראַגע וועגן ווייבס געזונט און געפרעגט, וואָס דער דאָקטאָר האָט געזאָגט וועגן זיער baby.

— דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז עס איז נישטאָ קיין שום געפערלעכס, און האָט פאַרשריבן וואַנעס, הער.

— אָבער זי ליידט דאָך כסדר, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געזאָגט, צוהערנדיק זיך צום קינדס שרייען אין שכנותדיקן צימער.

— איך מיין, הער, אַז די אַם טויג נישט, — האָט אַנטשלאָסן געזאָגט די ענגלענדערין.

— פאַרוואָס מיינט איר אַזוי? — האָט ער אָפּשטעלנדיק זיך געפרעגט.

— אַזוי, הער, איז אויך געווען בא דער גרעפין פּאָל. דאָס קינד האָט מען געהיילט, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס קינד איז פּשוט הונגעריק: די אַם האָט נישט געהאַט קיין מילך, הער.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך פאַרטראַכט, בלייבנדיק שטיין עטלעכע סעקונדן, און איז אַריינגעגאַנגען אין דער צווייטער טיר. דאָס מיידעלע איז געלעגן, פאַרוואָרפן דאָס קעפּל, קאָרטשענדיק זיך אויף דער

אָטעם הענט, און נישט געהאַלטן אָנגענומען די ווייכע ברוסט, נישט שטיל געוואָרן, נישט געקוקט אויף דעם טאָפּלטן איינשטילן עס פון דער אַם און דער ניאַניע, וואָס האָט זיך דעריבער אָנגעבויגן.

— אַלץ נישט בעסער? — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געזאָגט.

— זייער אומרויק, — האָט די ניאַניע שעפּטשענדיק געענטפערט.

— מיס עדוואַרד זאָגט, אַז די אַם האָט אפשר נישט קיין מילך, — האָט ער געזאָגט.

— איך מיין אויך אַזוי, אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש.

— פאַרוואָס־זשע זאָגט איר נישט?

— וועמען־זשע זאָגן? אַננאַ אַרקאַדיעוונאַ איז אַלץ נישט געזונט, — האָט די ניאַניע אומצופרידן געזאָגט.

די ניאַניע איז געווען אַן אַלטע הויז־דינערין. און אין אירע פּשוטע ווערטער האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געפילט אַן אָנדייטונג אויף זיין לאַגע.

דאָס קינד האָט געשריגן נאָך העכער, פאַרקייקנדיק זיך און כריפּענדיק. די ניאַניע האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, איז צוגעגאַנגען דערצו, גענומען עס פון דער אַמס הענט און אָנגעהויבן גייענדיק איינצווויגן עס.

— מען דאַרף בעטן דעם דאָקטאָר צו באַטראַכטן די אַם, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געזאָגט.

די געזונטע לויטן אויסזען, אויסגעפּוצטע אַם, וואָס האָט מורא געקריגן, אַז מען וועט איר אָפּזאָגן, האָט עפּעס אַ מורמל געטון אונטער דער נאָז אין, באַהאַלטנדיק די גרויסע ברוסט, האָט זי ביטולדיק אַ שמייכל געטון איבער דעם צווייפלען וועגן איר מילך. אין דעם שמייכל האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אויך געזען איראָניע איבער זיין לאַגע.

— אַן אומגליקלעך קינד! — האָט די ניאַניע געזאָגט, איינשטילנדיק דאָס קינד און ווייטער גייענדיק.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך געזעצט אויף אַ שטול און מיט אַ ליידנדיק מידן פּנים געקוקט אויף דער ניאַניע, וואָס איז געגאַנגען הין און צוריק.

ווען מען האָט דאָס, ענדלעך, שטיל געוואָרענע קינד אַראָפּגעלאָזט אין דעם טיפן בעטעלע אַריין און די ניאַניע, גלייך מאַכנדיק דאָס קישעלע, איז אַוועקגעגאַנגען דערפון, איז אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש

אויפגעשטאַנען און, מיט אַנשטרענגונג טרעטנדיק אויף די שפּיץ פינגער, איז ער צוגעגאַנגען צום קינד. קעגן אַ מינוט האָט ער געשוויגן און מיטן זעלבן מידן פּנים געקוקט אויפן קינד; נאָר פּלוצלינג האָט אַ שמייכל, אַ באַוועג טוענדיק זיינע האָר און די הויט אויפן שטערן, זיך באַוויזן אויף זיין געזיכט, און ער איז אויך אַזוי שטיל אַרויסגעגאַנגען פון צימער.

אין עסצימער האָט ער אָנגעקלונגען און געהייסן דעם אַריינגעקומענעם דינער ווידער שיקן נאָכן דאָקטאָר. אים האָט פאַרדראָסן אויפן ווייב, פאַרוואָס זי אינטערעסירט זיך נישט מיט דעם הערלעכן קינד, און אין דעם צושטאַנד פון פאַרדראָס האָט זיך אים נישט געגלוסט צו גיין צו איר, האָט זיך נישט געגלוסט צו זען אויך די פירשטין בעטסי; אָבער דאָס ווייב האָט זיך געקאָנט וווּנדערן, פאַרוואָס ער איז ווי געוויינלעך נישט אַריינגעקומען צו איר, און דעריבער איז ער, מאַכנדיק אַן אָנשטרענגונג איבער זיך, אַריינגעגאַנגען אין שלאָפצימער. צוגייענדיק איבער דעם וויכן טעפּיך צו דער טיר, האָט ער נישט ווילנדיק דערהערט אַ שמועס, וועלכן ער האָט נישט געוואָלט הערן.

— ווען ער זאָל נישט אַוועקפאָרן, וואָלט איך פאַרשטאַנען אייער אָפּזאָג און זיינעם אויך. נאָר אייער מאַן דאַרף זיין העכער פון דעם, — האָט בעטסי געזאָגט.

— נישט פאַרן מאַן, נאָר פאַר מיר וויל איך נישט. רעדט נישט וועגן דעם! — האָט געענטפערט אַננעס אויפגערעגט קול.

— יאָ, נאָר איר קאָנט נישט נישט וועלן זיך געזעגענען מיט אַ מענטש, וועלכער האָט זיך געשאָסן איבער אייך...

— דערפאַר טאָקע וויל איך נישט.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט מיט אַ דערשראָקענעם און שולדיקן אויסדרוק זיך אָפּגעשטעלט און געוואָלט אומבאַמערקט זיך אומקערן צוריק. אָבער, איבערלייגנדיק זיך, אַז דאָס וואָלט געווען נישט ווירדיק, האָט ער זיך ווידער אויסגעדרייט און, אַ הוסט טוענדיק, זיך געלאָזט גיין צום שלאָפצימער. די שטימען זענען פאַרשוויגן געוואָרן, און ער איז אַריינגעגאַנגען.

אַננאַ אין אַ גרויען שלאָפראָק, מיט קורץ אָפּגעשוירענע, ווי מיט אַ געדיכט בערשטל אויסקריכנדיקע שוואַרצע האָר אויפן קיילעכיקן קאָפּ איז געזעסן אויף דער סאָפקע. ווי תמיד באַם דערזען דעם מאַן, איז די הייטערקייט פון איר פּנים פּלוצלינג פאַרשוווּנדן, — זי האָט אַראָפּגעלאָזט

דעם קאָפּ און אומרויִק זיך אומגעקוקט אויף בעטסין. בעטסי, אָנגעטון לויט גאָר דער לעצטער מאָדע, אין אַ היטעלע, וואָס האָט ערגעץ־ווו דאָרט געשוועבט איבער איר קאָפּ, ווי אַן אַבאַזשורל איבער אַ לאָמפּ, און אין אַ טונקל־בלויען קלייד מיט קרומע שאַרפע שטרייפן אויפן ליִף פון איין זייט און אויף דער ספּאָדניצע פון דער צווייטער זייט, איז געזעסן לעבן אַננען, האַלטנדיק גלייך איר פלאַכע הויכע פיגור, און, אָנבייגנדיק דעם קאָפּ, האָט זי מיט אַן איראָנישן שמייכל באַגעגנט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן.

— אַ! — האָט זי געזאָגט, אַזוי ווי פאַרוווּנדערט. — עס פרייט מיך זייער, וואָס איר זענט אינדערהיים. איר ווייזט זיך נישט אין ערגעץ, און איך האָב אייך נישט געזען פון אַננעס קראַנקייט אָן. איך האָב אַלץ געהערט — אייערע דאגות. יאָ, איר זענט אַ וווּנדערבאַרער מאַן! — האָט זי געזאָגט מיט אַ וויכטיקער און ליבלעכער מינע, ווי באַשענקענדיק אים מיט אַן אָרדן פון גרויסמוטיקייט פאַר זיין האַנדלונג מיטן ווייב.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך קאַלט פאַרנייגט און אַ קוש געבנדיק דעם ווייבס האַנט, האָט ער געפרעגט וועגן איר געזונט.

— מיר דאַכט זיך, בעסער! — האָט זי געזאָגט, אויסמיידנדיק זיין בליק.

— נאָר איר האָט עפּעס אַזוי ווי אַ פיבערהאַפטן קאָליר אויפן פּנים, — האָט ער געזאָגט, אַקצענטירנדיק דאָס וואָרט „פיבערהאַפטן“.

— מיר האָבן זיך צופיל צערעדט, — האָט בעטסי געזאָגט. — איך פיל, אַז דאָס איז עגאָיִזם פון מיין זייט און איך פאָר אַוועק.

זי איז אויפגעשטאַנען, נאָר אַננאַ, וואָס איז פּלוצלינג רויט געוואָרן, האָט זי אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט.

— ניין, זייט נאָך אַ ביסל, איך בעט אייך. איך דאַרף אייך זאָגן... ניין, אייך, — האָט זי זיך געווענדט צו אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן, און אַ רויטקייט האָט באַדעקט איר האַלז און דעם שטערן. — איך וויל נישט און קאָן נישט האָבן קיין שום פאַרבאָרגנס פאַר אייך, — האָט זי געזאָגט.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אַ קנאַק געטון מיט די פינגער און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— בעטסי האָט געזאָגט, אַז דער גראַף וווראָנסקי וויל זיין בײַ אונז, כדי זיך צו געזעגענען פאַר זיין אָפּפאָרן קיין טאַשקענט. — זי האָט נישט געקוקט אויפן מאַן און, משמעות, זיך געאיילט אַרויסצוזאָגן

אַלץ, ווי שווער דאָס איז איר נישט געווען. — איך האָב געזאָגט, אַז איך קאָן אים נישט אויפנעמען.

— איר, מיין פריינט, האָט געזאָגט, אַז דאָס וועט אָפּהענגיק זיין פון אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן, — האָט איר בעטסי פאַררעכטן.

— אָבער ניין, איך קאָן אים נישט אויפנעמען, און דאָס וועט צו גאָרנישט נישט... — זי האָט זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט און א בליק געטון פרעגנדיק אויפן מאַן (ער האָט נישט געקוקט אויף איר). — מיט איין וואָרט, איך וויל נישט...

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך דערנענטערט און געוואָלט נעמען איר האַנט.

מיט דער ערשטער באַוועגונג האָט זי אָפּגערוקט איר האַנט פון זיין פייכטער האַנט מיט די גרויסע אָנגעבלאָזענע אָדערן, וואָס האָט געזוכט אירע; נאָר, אפּנים, מאַכנדיק איבער זיך אַן אָנשטרענגונג, האָט זי א דריק געטון זיין האַנט.

— איך דאַנק אייך זייער פאַר אייער צוטרוי, אָבער... — האָט ער געזאָגט, מיט פאַרלעגנהייט און פאַרדראָס פילנדיק, אַז דאָס, וואָס ער האָט לייכט און קלאָר געקאָנט באַשליסן מיט זיך אַליין, קאָן ער נישט באַהאַנדלען אין דער אָנוועזנהייט פון דער פירשטין טווערסקאַיאַ, וואָס האָט אים אויסגעזעען, ווי די פאַרקערפּערונג פון דער גראָבער קראַפט, וועלכע האָט געדאַרפט אָנפירן מיט זיין לעבן אין די אויגן פון דער העכער געזעלשאַפט און האָט אים געשטערט זיך אָפּצוגעבן זיין געפיל פון ליבע און פאַרגעבונג. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, קוקנדיק אויף דער פירשטין טווערסקאַיאַ.

— נו, זייט געזונט, מיין אוצר! — האָט בעטסי געזאָגט אויפשטייענדיק. — זי האָט אַ קוש געטון אַננען און איז אַרויסגעגאַנגען. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זי באַגלייט.

— אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, איך קאָן אייך פאַר אַן אמת-גרויס-מוטיקן מענטש, — האָט בעטסי געזאָגט, אָפּשטעלנדיק זיך אין קליינעם סאַלאָן און באַזונדערס שטאַרק אים נאָכאַמאָל דריקנדיק די האַנט. — איך — בין אַ זייטיקער מענטש, נאָר איך האָב אַזוי ליב זי און שעץ אייך, אַז איך וועל מיר דערלויבן אַן עצה. נעמט אים אויף. אַלעקסיי וראָנסקי איז די פאַרקערפּערטע ערע, און ער פאָרט אַוועק קיין טאַשקענט.

— איך דאַנק אייך, פירשטין, פאַר אייער מיטגעפיל און פאַר די

עצות. נאָר וועגן דער פראַגע, צי די פרוי קאָן אָדער קאָן נישט אויפגע־מען עמעצן, וועט זי אַליין באַשליסן.

ער האָט דאָס געזאָגט, מיט חירדע אויפהייבנדיק די ברעמען, ווי זיין געוווינהייט איז געווען, און גלייך אַ קלער געטון, אַז, וואָסערע די ווערטער זאָלן נישט זיין, האָט שוין קיין ווירדיקייט נישט געקאָנט זיין אין זיין פּאָזע. און דאָכ האָט ער דערזעען לויט דעם איינגעהאַלטענעם, בייזן און שפּאָטישן שמייכל, מיט וועלכן בעטסי האָט אַ קוק געטון אויף אים נאָך זיין פראַזע.

XX.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך פאַרנייגט פאַר בעטסין אין זאַל און איז אַריינגעגאַנגען צו דער פרוי. זי איז געלעגן, אָבער, דער־הערנדיק זיינע טריט, האָט זי זיך איילִיק געזעצט אין דער פריערדיקער פּאָזע און דערשראָקן געקוקט אויף אים. ער האָט געזעען, אַז זי האָט געוויינט.

— איך בין זייער דאַנקבאַר פאַר דיין צוטרוי צו מיר, האָט ער מילד איבערגעחזרט אויף רוסיש די פראַזע, וואָס ער האָט אין בעטסיס אַנוועזנהייט געזאָגט אויף פראַנצויזיש און זיך געזעצט לעבן איר. ווען ער האָט גערעדט אויף רוסיש און איר געזאָגט „דו", האָט דערדאָזיקער „דו" שטענדיק אויפגערעגט אַננען. — איך בין זייער דאַנקבאַר פאַר דיין באַשלוס. איך מיין אויך, אַז אַזוי ווי ער פאָרט אַוועק, איז נישטאָ קיין שום נייטיקייט פאַרן גראַף ווראָנסקי צו קומען אַהער. איבעריקנס...

— איך האָב דאָך שוין געזאָגט, צוואָס־זשע איבערחזרן? — האָט אים פּלוצלינג אַננאַ איבערגעשלאָגן מיט אַ צערייצטקייט, וואָס זי האָט נישט באַוויזן איינצוהאַלטן. „קיין שום נייטיקייט, — האָט זי אַ קלער געטון, — איז נישטאָ פאַר אַ מענטש זיך צו געזעגענען מיט דער פרוי, וועלכע ער האָט ליב, צוליב וועלכער ער האָט זיך געוואָלט אומברענגען און האָט זיך אומגעברענגט און וועלכע קאָן נישט לעבן אָן אים. עס איז נישטאָ קיין שום נייטיקייט!" זי האָט צונויפגעדריקט די ליפּן און אַראָפּ־געלאָזט די גלאַנציקע אויגן אויף זיינע הענט מיט די אָנגעדראָלענע אָדערן,

וועלכע האָבן פאַמעלעך געריבן איינע די אַנדערע. — לאָמיר קיינמאָל נישט רעדן וועגן דעם. — האָט זי צוגעגעבן רויקער.

— איך האָב דיר איבערגעלאָזט צו אַנטשיידן דידאָזיקע פראַגע, און עס פרייט מיך זייער צו זען... — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש גע-וואָלט אָנהייבן.

— אַז מיין פאַרלאַנג האַרמאָנירט מיט אייערן, — האָט זי שנעל פאַרענדיקט, צערייצט פון דעם, וואָס ער רעדט אַזוי פאַמעלעך, בשעת זי ווייסט פאָרויס אַלץ, וואָס ער וועט זאָגן.

— יאָ, — האָט ער באַשטעטיקט, — און די פירשטין טווערסקאַיאַ מישט זיך איינגאַנצן נישט אויפן אָרט אַריין אין די סאַמע שווערסטע פאַ-מיליען-אָנגעלעגנהייטן. באַזונדערס איז זי...

— איך גלייב גאָרנישט, וואָס מען רעדט וועגן איר, — האָט אַננאַ שנעל געזאָגט, — איך ווייס, אַז זי האָט מיך אויפריכטיק ליב.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אַ זיפץ געטון און געשוויגן אַ ווײַלע. זי האָט אויפגערעגט זיך געשפּילט מיט די טראָלדן פון שלאָפ-ראָק, קוקנדיק אויף אים מיט דעם פּיינלעכן געפיל פון פיזישן עקל צו אים, פאַר וועלכן זי האָט זיך געטאַדלט, אָבער וועלכן זי האָט נישט געקאָנט בייקומען. זי האָט אַצינד געוואָלט בלויז איינס — פטור ווערן פון זיין איבלדיקער אָנוועזנהייט.

— און איך האָב נאָר-וואָס געשיקט נאָכן דאָקטאָר, — האָט אַלעק-סיי אַלעקסאַנדראָוויטש געזאָגט.

— איך בין געזונט; נאָכוואָס טויג מיר אַ דאָקטאָר?

— ניין, די קליינע שרייט, און זיי זאָגן, אַז די אַם האָט ווייניק מילך.

— פאַרוואָס-זשע האָסטו מיר נישט דערלויבט צו זייגן, ווען איך האָב דיך געבעטן וועגן דעם? אַלץ איינס (אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט פאַרשטאַנען, וואָס עס האָט באַדייט „אַלץ איינס״), זי איז אַ קינד און זיי וועלן זי פאַרפייניקן. — זי האָט אָנגעקלונגען און געהייסן ברענ-גען דאָס קינד. — איך האָב געבעטן מען זאָל מיך לאָזן זייגן, האָט מען מיר נישט דערלויבט, און אַצינד וואַרפט מען מיר פאָר.

— איך וואַרף נישט פאָר...

— ניין, איר וואַרפט פאָר! גאָט מיינער! פאַרוואָס בין איך נישט געשטאָרבן! — און זי האָט זיך צעוויינט. — זיי מיר מוחל, איך בין

דעבערווירט, איך בין נישט גערעכט, — האָט זי געזאָגט באהערשנדיק זיך. — נאָר גיי אוועק...

„ניין, דאָס קאָן אזוי נישט בלייבן”, האָט אַלעקסיי אַלעקסאנדראָוויטש זיך אנטשלאָסן געזאָגט, אַרויסגייענדיק פון ווייב.

קיינמאָל איז נאָך די אוממעגלעכקייט פון זיין לאָגע אין די אויגן פון דער הויכער געזעלשאַפט, דער האַס פון זיין ווייב צו אים און בכלל די מעכטיקייט פון דער גראָבער געהיימנישפולער קראַפט, וועלכע האָט אין קעגנזאַץ צו זיין גייסטיקן צושטאנד אָנגעפירט מיט זיין לעבן און געפאָדערט צו דערפילן איר ווילן און ענדערן זיינע באַציונגען צום ווייב, זיך אים נישט פאָרגעשטעלט מיט אזא באַשיינפערלעכקייט, ווי היינט. ער האָט דייטלעך געזעען, אז די גאַנצע הויכע געזעלשאַפט און די פרוי האָבן געפאָדערט פון אים עפעס, נאָר וואָס אייגנטלעך, האָט ער נישט געקאָנט פארשטיין. ער האָט געפילט, אז פאַר דעם האָט אין זיין האַרץ זיך כסדר אויפגעהויבן אַ געפיל פון כעס, וואָס האָט צעשטערט זיין רויקייט און דעם גאַנצן פארדינסט פון זיין טאַט. ער האָט געהאַלטן, אז פאַר אַננען וואָלט בעסער געווען איבערצורייסן די באַציונגען מיט ווראָנסקין, נאָר אויב זיי אַלע געפינען איין, אז דאָס איז אוממעגלעך, איז ער גרייט געווען אפילו אויפסניי צו דערלאָזן דידאָזיקע באַציונגען, אבי נישט צו שאַנד צו מאַכן די קינדער, נישט פארלירן זיי און נישט ענדערן זיין לאַגע. ווי שלעכט דאָס איז נישט געווען, איז עס דאָך געווען בעסער, ווי אַן איבעררייס, בא וועלכן זי איז געשטעלט געוואָרן אין אַן אומאויסגענגלעכער, שענדלעכער לאַגע, און ער אליין האָט פארלוירן אַלץ, וואָס ער האָט ליב געהאַט. אָבער ער האָט זיך געפילט מאַכטלאָז; ער האָט געוווסט פאָרויס, אז אַלע זענען קעגן אים און אז מען וועט אים נישט לאָזן טון דאָס, וואָס ס'האָט אים אַצינד אויסגעזעען אזוי נאַטירלעך און גוט, נאָר מ'וועט אים נייטן צו טון דאָס, וואָס ס'איז שלעכט, נאָר זעט זיי אויס נייטיק.

XXI.

בעטסי האָט נאָך נישט באַוויזן אַרויסצוגײן פון זאַל, ווי סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש, וואָס איז נאָר-וואָס געקומען פון עליסעיעוון, וווּ ס'זענען דערהאַלטן געוואָרן פרישע אוגערקעס, האָט זי באַגעגנט אין דער טיר.

— אַ! פירשטין! אָט אַן אָנגענעמע באַגעגעניש! — האָט ער אַ זאָג געטון. — און איך בין געווען בײַ אײַך.

— אַ באַגעגעניש אויף אַ מינוט, ווײַל איך פאָר אַוועק, — האָט בעטסי געזאָגט, שמײכלענדיק און אָנטוענדיק די הענטשקע.

— וואַרט צו, פירשטין, מיטן אָנטון די הענטשקע, לאָזט מיך קושן אײַער הענטל. איך בין פאַר גאָרנישט אַזוי דאַנקבאַר פאַרן צוריקקערן די אַלטע מאָדעס, ווי פאַרן קושן די הענט. — ער האָט אַ קוש געטון בעטסיס האַנט. — ווען-זשע וועלן מיר זיך זען?

— איר ווילט דאָס נישט אַזוי שטאַרק! — האָט בעטסי שמײכלענדיק געענטפערט.

— נײן, איך וויל דאָס זײער שטאַרק, ווײַל איך בין געוואָרן אַ העכסט ערנסטער מענטש. איך ברענג אין אָרדנונג נישט בלויז מײַנע, גאָר אויך פרעמדע פאַמיליען-אָנגעלעגנהײטן, — האָט ער געזאָגט מיט אַ וויכטיקן אויסדרוק פון פּנים.

— אָך, עס פרייט מיך זײער! — האָט בעטסי געענטפערט, גלײַך פאַרשטײענדיק, אַז ער רעדט וועגן אַננען. און, אומקערנדיק זיך אין זאַל אַרײַן, זענען זײ שטײן געבליבן אין ווינקל. — ער וועט זי פאַרמאַטערן, — האָט בעטסי מיט אַ באַדײַטונגספולן שושקען געזאָגט. — דאָס איז אוממעגלעך, אוממעגלעך...

— עס פרײט מיך זײער, וואָס איר מײנט אַזוי, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ מיט אַן ערנסטן און לײדנד-מיטפילנדיקן אויסדרוק פון פּנים. — איך בין צוליב דעם טאַקע געקומען קײן פּעטערבורג.

— די גאַנצע שטאָט רעדט וועגן דעם, — האָט זי געזאָגט. — דאָס איז אַן אוממעגלעכע לאַגע. זי גײט אײַן און גײט אײַן. ער פאַרשטײט נישט, אַז זי איז אײנע פון די פרויען, וועלכע קאָנען נישט שפּאַסן

מיט זייערע געפילן. איינס פון די ביידע: אָדער פיר זי אַוועק, האַנדל ענערגיש, אָדער גיב אַ גט. אָבער דאָס שטיקט זי.

— יאָ, יאָ... טאַקע אַזוי... — האָט מיט אַ זיפץ געזאָגט אָבלאָנסקי. — איך בין צוליב דעם טאַקע געקומען. דאָס הייסט נישט איינגאַנצען צוליב דעם... מיך האָט מען געמאַכט פאַר קאַמערהער, נו, דאַרף מען דאַנקען. אָבער, דער עיקר, דאַרף מען דאָס איינאָרדנען.

— נו, זאָל אייך גאָט העלפן! — האָט בעטסי געזאָגט.

באַגלייט די פירשטין בעטסי ביז צום פאַרהויז, נאָכאַמאָל געקושט איר האַנט העכער פון דער הענטשקע, דאָרט, ווו דער פולס קלאַפּט, און אָנגערעדט איר אַזוי פיל נישט אָנשטענדיקע נאַרישקייטן, אַז זי האָט שוין נישט געוווסט, צי זי דאַרף בייז זיין אָדער לאַכן, איז סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש אַרייגעגאַנגען צו דער שוועסטער. ער האָט זי געטראָפן אין טרערן.

נישט געקוקט אויף זיין פריילעך-שפרודלענדיקן געמיטס-צושטאַנד, אין וועלכן ער האָט זיך געפונען, איז סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש גלייך אַריבער אויף דעם מיטפילנדיקן, פּאָעטיש-אויפגערודערטן טאָן, וועלכער האָט זיך געפּאַסט צו איר שטימונג. ער האָט זי געפרעגט וועגן געזונט און ווי אַזוי זי האָט פאַרבראַכט דעם פרימאָרגן.

— זייער, זייער שלעכט. אי דעם טאָג, אי דעם פרימאָרגן, אי אַלע פאַרגאַנגענע און קינפטיקע טעג, — האָט זי געזאָגט.

— מיר דאַכט זיך, דו פאַלסט אַריין אין אַ מרה-שחורה. מען דאַרף זיך אויפרודערן, מען דאַרף גלייך אַ קוק טון אויפן לעבן. איך ווייס, אַז ס'איז שווער, אָבער...

— איך האָב געהערט, אַז פרויען האָבן ליב מענטשן אפילו פאַר זייערע חסרונות, — האָט פּלוצלינג אַננאַ אָנגעהויבן, — נאָר איך האַס אים פאַר זיין טוגנט. איך קאָן נישט לעבן מיט אים. דו פאַרשטיי, זיין אויסזעען ווירקט פיזיש אויף מיר, איך גיי אַרויס פון געדולד. איך קאָן נישט, קאָן נישט לעבן מיט אים. וואָס-זשע זאָל איך טון? איך בין געווען אומגליקלעך און האָב געמיינט, אַז מען קאָן נישט זיין נאָך אומגליקלעכער. נאָר דעם שרעקלעכן צושטאַנד, וועלכן איך לעב אַצינד איבער, האָב איך מיר נישט געקאָנט פאָרשטעלן. צי וועסטו גלייבן, אַז איך, וויסנדיק, אַז ער איז אַ גוטער, אויסגעצייכנטער מענטש, אַז איך בין זיין נאָגל נישט ווערט, האַס אים פונדעסטוועגן. איך האַס אים פאַר זיין גרויסמוטיקייט. און מיר בלייבט גאָרנישט, חוץ...

זי האָט געוואָלט זאָגן דעם טויט. נאָר סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט זי נישט געלאָזט פאַרענדיקן.

— דו ביסט קראַנק און דענערווירט, — האָט ער געזאָגט; — גלייב מיר, אַז דו טרייבסט שרעקלעך איבער. דאָ איז גאָרנישטאָ אַזאַ שרעקלעכס.

און סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט אַ שמייכל געטון. קיינער אויף סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשס אָרט, זעענדיק פאַר זיך אַזאַ פאַרצווייפלונג, וואָלט זיך נישט דערלויבט אַ שמייכל צו טון (דער שמייכל וואָלט אויסגעזען גראָב), אָבער אין זיין שמייכל איז געווען אַזוי פיל גוטסקייט און כמעט פרויאישע צערטלעכקייט, אַז זיין שמייכל האָט נישט באַליידיקט, נאָר לייכטער געמאַכט און באַרויקט. זיינע שטילע באַרויקנדיקע רייד און שמייכלען האָבן געווירקט ווייך-באַרויקנדיק, ווי בוימל.

און אַננאַ האָט דאָס גיך דערפילט.

— ניין, סטיוואַ, — האָט זי געזאָגט. — איך בין פאַרלוירן, פאַרלוירן! ערגער ווי פאַרלוירן! איך בין נאָך נישט פאַרלוירן, איך קאָן נישט זאָגן, אַז אַלץ איז שוין געענדיקט; פאַרקערט, איך פיל, אַז עס איז נישט געענדיקט. איך בין — ווי אַן אָנגעצויגענע סטרונע, וועלכע דאַרף פּלאַצן. אָבער עס איז נאָך נישט געענדיקט... און וועט זיך ענדיקן שרעקלעך.

— עס שאַדט נישט, מען קאָן פאַמעלעך באַכלאָזן די סטרונע. עס איז נישטאָ קיין לאַגע, פון וועלכער עס זאָל נישט זיין קיין אויסגאַנג.

— איך האָב געטראַכט און געטראַכט. בלויז איינער...

ווידער האָט ער לויט איר צעשראָקענעם בליק פאַרשטאַנען, אַז דער דאָזיקער איינציקער אויסגאַנג איז, לויט איר מיינונג, דער טויט, און ער האָט זי נישט געלאָזט פאַרענדיקן.

— לגמרי נישט, — האָט ער געזאָגט, — דערלויב. דו קאָנסט נישט זעען דיין לאַגע, ווי איך. דערלויב מיר אָפנהאַרציק אַרויסצוזאָגן מיין מיינונג. — ווידער האָט ער פאַרזיכטיק אַ שמייכל געטון מיט זיין בוימלדיקן שמייכל. — איך וועל אָנהייבן פון אָנהייב: דו האָסט חתונה געהאַט מיט אַ מענטש, וועלכער איז מיט צוואַנציק יאָר עלטער פון דיר. דו האָסט חתונה געהאַט אָן ליבע, אָדער נישט וויסנדיק וועגן ליבע. דאָס איז געווען אַ פעלער, לאָמיר אָננעמען.

— אַ שרעקלעכער פעלער! — האָט אַננאַ געזאָגט.

— אָבער איך חזר איבער: דאָס איז אַ געשעענער פאַקט. דערנאָך

האָסטו געהאַט דאָס אומגליק, לאָמיר זאָגן, ליב צו קריגן נישט דעם אייגענעם מאַן. דאָס איז אַן אומגליק; נאָר דאָס איז אויך אַ געשעענער פאַקט. און דיין מאַן האָט דאָס אָנערקענט און מוחל געווען. — ער האָט זיך אָפּגעשטעלט נאָך יעדער פראַזע, וואַרטנדיק אויף איר דערווידערונג, נאָר זי האָט גאָרנישט געענטפערט. — אַזוי איז עס. אַצינד באַשטייט די פראַגע אין דעם: צי קאָנסטו ווייטער לעבן מיט דיין מאַן? צי ווילסטו דאָס? צי וויל ער דאָס?

— איך ווייס גאָרנישט, גאָרנישט.

— אָבער דו האָסט דאָך אַליין געזאָגט, אַז דו קאָנסט אים נישט פאַרטראָגן.

— ניין, איך האָב נישט געזאָגט. איך זאָג מיך אָפּ. איך ווייס גאָרנישט און פאַרשטיי גאָרנישט.

— יאָ, אָבער דערלויב...

— דו קאָנסט נישט פאַרשטיין. איך פיל, אַז איך פלי מיטן קאָפּ אַראָפּ אין עפּעס אַ תהום אַריין, נאָר דאַרף מיך נישט ראַטעווען. און איך קאָן נישט.

— עס שאַדט נישט, מיר וועלן אונטערבעטן און דיך אונטערכאַפּן. איך פאַרשטיי דיך, פאַרשטיי, אַז דו קאָנסט נישט נעמען אויף זיך, אַרויסצוזאָגן דיין פאַרלאַנג, דיין געפיל.

— איך וויל גאָרנישט, גאָרנישט... נאָר אַז אַלץ זאָל זיך ענדיקן.

— אָבער ער זעט דאָס און ווייסט. און צי מיינסטו, אַז ער ליידט פון דעם ווייניקער ווי דו? דו פּייניקסט זיך, ער פּייניקט זיך, און וואָסזשע קאָן אַרויסקומען פון דעם? בעת אַ גט בינדט אויף אַלץ, — האָט נישט אָן אָנשטרענגונג סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש אַרויסגעזאָגט דעם הויפּטגעדאַנק און באַדייטונגספול אַ קוק געטון אויף איר.

זי האָט גאָרנישט געענטפערט און אויף ניין אַ שאָקל געטון מיט איר אָפּגעשוירענעם קאָפּ. אָבער לויטן אויסדרוק פון פּנים, וואָס האָט פּלוצלינג אַ שיין אויף געטון מיט דער פריערדיקער שיינקייט, האָט ער געזען, אַז דאָס וויל זי נישט בלויז דערפאַר, וואָס עס זעט איר אויס ווי אַן אוממעגלעך גליק.

— איך האָב שרעקלעך רחמנות אויף אייך! און ווי גליקלעך וואָלט איך געווען, ווען איך וואָלט דאָס דורכגעפירט! — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, שוין דרייסטער שמייכלענדיק. — רעד נישט, רעד

גאָרנישט! ווען גאָט זאָל מיר נאָר העלפן צו רעדן אַזוי, ווי איך פיל. איך וועל גיין צו אים.

אננא האָט מיט פאַרטראַכטע גלאַנציקע אויגן געקוקט אויף אים און גאָרנישט געזאָגט.

XXII.

סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש איז אַריינגעגאַנגען אין אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס קאַבינעט אַריין מיט אַזאַ עטוואָס פייערלעכן פּנים, מיט וואָסערן ער פלעגט זיך זעצן אויבנאָן אין פאָטעל אַריין אין זיין אַמט. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז, מיט פאַרלייגטע הענט אַהינטער, געגאַנגען איבערן צימער און געטראַכט וועגן זעלבן, וואָס סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש האָט גערעדט מיט זיין ווייב.

— איך שטער דיר נישט? — האָט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, פלוצלינג דערשפירנדיק אַן אומגעוויינלעך געפיל פון פאַרלעגנהייט באַם דערזעען דעם שוואָגער. כדי צו פאַרבאָרגן דיזאָזיקע פאַרלעגנהייט, האָט ער אַרויסגענומען דאָס נאָר-וואָס געקויפטע פאַפּיראָסן-טעשל מיט אַ ביי מיטל צו עפענען און, אַ שמעק טוענדיק צו דער לעדער, האָט ער אַרויסגענומען אַ פאַפּיראָס.

— ניין, דו דאַרפסט עפּעס? — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש נישט גערן געענטפערט.

— יאָ, איך האָב געוואָלט... איך דאַרף מיך דורכ... יאָ, דורכשמועסן, — האָט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, מיט פאַרוואונדערונג פילנדיק אַן אומגעוויינלעכע שרעקעוודיקייט.

דאָסדאָזיקע געפיל איז געווען אַזוי אומגעריכט און אויסטערליש, אַז סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש האָט נישט געגלייבט, אַז דאָס איז די שטימע פון געוויסן, וואָס האָט אים געזאָגט, אַז ס'איז שלעכט דאָס, וואָס ער האָט בדעה צו טון. סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש האָט געמאַכט אַן אָנשטרענגונג איבער זיך און גובר געווען די שרעקעוודיקייט, וואָס איז אים באַפאַלן.

— איך האָף, אַז דו גלייבסט אין מיין ליבע צו דער שוועסטער און

אין דער אויפריכטיקער צוגעבינדקייט און אכטונג צו דיר, — האט ער רויש ווערנדיק געזאגט.

אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האט זיך אפגעשטעלט און גארנישט געענטפערט, נאר זיין פנים האט איבערראשט סטעפאן ארקאדיעוויטשן מיט דעם אויסדרוק פון אומטערטעניקער קרבן-גרייטקייט, וואס איז געווען דערויף.

— איך האב בדעה געהאט, איך האב מיך געוואלט דורכשמועסן וועגן דער שוועסטער און וועגן אייער קעגנזייטיקער לאגע, — האט סטעפאן ארקאדיעוויטש געזאגט, נאך אלץ קעמפנדיק מיט דער נישט געוווינטער פארלעגנהייט.

אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האט טרויעריק א שמייכל געטון, א קוק געטון אויפן שוואגער און, נישט ענטפערנדיק, צוגעגאנגען צום טיש, גענומען פון אים אן אנגעהויבענעם בריוו און דערלאנגט דעם שוואגער.

— איך טראכט כסדר וועגן דעם זעלבן. און אט וואס איך האב אנגעהויבן צו שרייבן, מיינענדיק, אז איך וועל מיך בעסער אויסדריקן שריפטלעך און אז מיין אנוועזנהייט דענערווירט זי, — האט ער געזאגט, דערלאנגענדיק דעם בריוו.

סטעפאן ארקאדיעוויטש האט גענומען דעם בריוו, מיט שטוינענדער פארוואונדערונג א קוק געטון אויף די מאטע אויגן, וואס האבן זיך אומבאוועגלעך אפגעשטעלט אויף אים, און אנגעהויבן צו לייענען.

„איך זע, אז מיין אנוועזנהייט איז אייך צו לאסט. ווי שווער מיר איז נישט געווען זיך איבערצוצייגן אין דעם, זע איך, אז דאס איז אזוי און קאן נישט זיין אנדערש. איך באשולדיק אייך נישט, און גאט איז מיין עדות, אז איך, דערזעענדיק אייך אין דער צייט פון אייער קראנקייט, האב מיטן גאנצן הארץ באשלאסן צו פארגעסן אלץ, וואס איז געווען צווישן אונדז, און אנהייבן א נייע לעבן. איך האב נישט קיין חרטה און וועל קיינמאל קיין חרטה נישט האבן אויף דעם, וואס איך האב געטון; נאר איך האב געוואלט איינס — אייער גליק, דאס גליק פון אייער נשמה, און אצינד זע איך, אז איך האב דאס נישט דערגרייכט. זאגט איר אליין מיר, וואס עס וועט אייך געבן דאס אמתע גליק און רו פאר אייער נשמה. איך גיב מיך איינגאנצן איבער אייער ווילן און אייער געפיל פון גערעכטיקייט".

סטעפאן ארקאדיעוויטש האט צוריקגעגעבן דעם בריוו און מיט דער

זילבער שטוינונג ווייטער געקוקט אויפן שוואָגער. נישט ווּיסנדיק, וואָס צו זאָגן. דאָסדאָזיקע שווייגן איז געווען זיי ביידע אַזוי אומבאַקוועם, אַז סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשס ליפּן האָבן קרענקלעך געציטערט, בעת ער האָט געשוויגן, נישט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן פון קאַרענינס פּנים.

— אָט וואָס איך האָב איר געוואָלט זאָגן, — האָט אַלעקסיי אַלעק־סאַנדראָוויטש געזאָגט זיך אָוועקדרייענדיק.

— יאָ, יאָ... — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, נישט זיי־ענדיק בכוח צו ענטפערן, ווייל טרערן האָבן אים אָנגעהויבן צו שטיקן אין האַלז. — יאָ, יאָ. איך פאַרשטיי אייך, — האָט ער ענדלעך אַרויס־געזאָגט.

— איך וויל וויסן, וואָס זי וויל, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָ־וויטש געזאָגט.

— איך האָב מורא, אַז זי אַליין פאַרשטייט נישט איר לאַגע. זי קאָן נישט משפּטן, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט זיך באַהערשנ־דיק. — זי איז דערדריקט, טאַקע דערדריקט פון דיין גרויסמוטיקייט. אויב זי וועט איבערלייענען דעם בריוו, וועט זי נישט בכוח זיין גאָרנישט צו זאָגן, זי וועט בלויז נידעריקער אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ.

— יאָ, נאָר וואָס־זשע טוט מען אין אַזאַ פאַל ?... ווי אַזוי קלערט מען אויף... ווי אַזוי ווערט מען געוווּיר איר פאַרלאַנג ?

— אויב דו דערלויבסט מיר צו זאָגן מיין מיינונג, מיין איך, אַז דו ביסט מחויב אָפן אָנצווייזן די מיטלען, וועלכע דו האַלטסט פאַר נייטיק, כדי אַ סוף צו מאַכן צו דערדאָזיקער לאַגע.

— בכן, האַלטסטו, אַז מען דאַרף אַ סוף מאַכן צו איר ? — האָט אים אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איבערגעשלאָגן. — אָבער ווי אַזוי ? — האָט ער צוגעגעבן, מאַכנדיק אַן אומגעוויינלעכן זשעסט מיט די הענט פאַר די אויגן : — איך זע נישט קיין שום מעגלעכן אויסגאַנג.

— אין יעדער לאַגע איז דאָ אַן אויסגאַנג, — האָט סטעפּאַן אַר־קאַדיעוויטש געזאָגט, אויפשטייענדיק און הייטער ווערנדיק. — עס איז געווען אַ צייט, ווען דו האָסט געוואָלט איבעררייסן... אויב דו וועסט דיך איצינד איבערצייגן, אַז איר קאָנט נישט זיין צוזאַמען גליקלעך...

— גליק קאָן מען פאַרשידן פאַרשטיין. נאָר לאָמיר אָננעמען, אַז איך בין אויף אַלעם איינשטימיק, איך וויל גאָרנישט. וואָס־זשע פאַר אַן אויסגאַנג איז דאָ פון אונזער לאַגע ?

— אויב דו ווילסט וויסן מיין מיינונג, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיע־

וויטש געזאָגט מיטן זעלבן ווייכן בוימלדיק-צאַרטן שמייכל, מיט וועלכן ער האָט גערעדט מיט אַננען. דער גוטער שמייכל איז געווען אַזוי איבערצייגנד, אַז אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, פילנדיק זיין שוואַכקייט און אונטערגעבנדיק זיך אים, איז נישט ווילנדיק גרייט געווען צו גלייבן אין דעם, וואָס סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש וועט זאָגן. — זי וועט דאָס קיינמאָל נישט אַרויסזאָגן. אָבער איינס איז מעגלעך, איינס קאָן זי וועלן, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש פאָרגעזעצט, — דאָס איז איבעררייסן די באַציונגען און אַלע דערינערונגען, וואָס זענען מיט זיי פאַרבונדן. לויט מיין מיינונג, איז אין אייער לאַגע נייטיק אויפצוקלערן די נייע קעגנזייטיקע באַציונגען. און די דאָזיקע באַציונגען קאָנען זיך איינשטעלן בלויז בא דער פרייהייט פון ביידע צדדים.

— אַ גט, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש מיט פאַראַכטונג איבערגעשלאָגן.

— יאָ, איך מיין, אַז אַ גט, יאָ, אַ גט, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש רויט ווערנדיק איבערגעשלאָגן. — דאָס איז אין אַלע הינזיכטן דער קלוגסטער אויסגאַנג פאַר אַ פּאָר פאָלק, וואָס געפינט זיך אין אַזעלכע באַציונגען, ווי איר. וואָס זשע קאָן מען טון, אויב אַ פּאָר פאָלק האָט איינגעזעען, אַז דאָס לעבן איז פאַר זיי אוממעגלעך צוזאַמען? דאָס קאָן שטענדיק טרעפן.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט שווער אָפּגעזיפצט און פאַרמאַכט די אויגן.

— דאָ דאַרף בלויז איין זאַך גענומען ווערן אין אַכט: צי וויל ווער פון די מאַן און ווייב נאָכאַמאָל חתונה האָבן? אויב נישט, איז דאָס גאַנץ איינפאַך, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, אַלץ מער און מער באַפרייענדיק זיך פון דער פאַרלעגנהייט.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, וואָס האָט זיך פאַרקרימט פון אויפרעגונג, האָט עפּעס פאַר זיך אַ זאָג געטון און גאָרנישט געענטפערט. אַלץ, וואָס האָט פאַר סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן אויסגעזען אַזוי זייער איינפאַך, האָט שוין אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש טויזנטער מאָל דורכגעטראַכט. און דאָס אַלץ האָט אים אויסגעזען נישט בלויז נישט זייער איינפאַך, נאָר אינגאַנצן אוממעגלעך. אַ גט, וואָס ער האָט שוין געוווסט זיינע איינצלהייטן, האָט אים אַצינד אויסגעזען אוממעגלעך דערפאַר, וואָס דאָס געפיל פון אייגענער ווירדע און אַכטונג צו דער רעליגיע האָבן אים נישט

דערלויבט צו נעמען אויף זיך די באַשולדיקונג פון פיקטיווער אויסגע־לאַסנהייט און נאָך ווינציקער צו דערלאָזן, אַז דאָס ווייב, וועמען ער האָט פאַרגעבן און וועלכע ער האָט ליב, זאָל דורך אים באַשולדיקט ווערן און געמאַכט ווערן צו שאַנד. אַ גט האָט אויסגעזעען אוממעגלעך אויך איבער אַנדערע, נאָך וויכטיקערע טעמים.

וואָס וועט זיין מיטן זון אין פאַל פון אַ גט? איבערלאָזן בײַ דער מוטער איז געווען אוממעגלעך. די געגטע מוטער וועט האָבן אַן אייגענע אומגעזעצלעכע פאַמיליע, אין וועלכער די לאַגע פון דעם שטיפזון און זיין דערציונג וועלן, וואָרשיינלעך, זיין שלעכט. איבערלאָזן אים בײַ זיך? ער האָט געוווסט, אַז דאָס וואָלט געווען נקמה פון זיין זייט, און ער האָט דאָס נישט געוואָלט. נאָר, חוצדעם, האָט אַ גט אויס־געזעען אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן אוממעגלעכער פון אַלץ דערפאַר, וואָס, איינגייענדיק אויף אַ גט, האָט ער מיט דעם טאַקע אומגעברענגט אַננען. אים איז אַריין אין האַרץ דאָס וואָרט, וואָס דאַריאַ אַלעקסאַנ־דראָוונאַ האָט געזאָגט אין מאָסקווע, וועגן דעם, אַז, אַנטשליסנדיק זיך אויף אַ גט, טראַכט ער וועגן זיך, און קלערט נישט, אַז מיט דעם ברענגט ער אום אַננען אויף אייביק. און, צונויפבינדנדיק דאָסדאָזיקע וואָרט מיט זיין פאַרציַיונג, מיט זיין צוגעבינדנקייט צו די קינדער, האָט ער עס אַצינד אויף זיין שטייגער פאַרשטאַנען. איינגיין אויף אַ גט, געבן איר די פרייהייט האָט געהייסן בײַ אים זיך צונעמען די לעצטע פאַרבינדונג מיטן לעבן — די קינדער, וועלכע ער האָט ליב, און בײַ איר דעם לעצטן אָנשפאַר אויפן וועג פון גוטס און אויסשטעלן זי אויף אומקום. אויב זי וועט זיין געגט, האָט ער געוווסט, וועט זי זיך פאַרייניקן מיט ווראָנסקין, און דידאָזיקע פאַרבינדונג וועט זיין אַן אומגעזעצלעכע און פאַרברעכע־רישע, ווייל, לויט די געזעצן פון דער קירכע, קאָן אַ ווייב נישט חתונה האָבן, כל זמן דער מאַן לעבט. „זי וועט זיך פאַרייניקן מיט אים, און אין אַ יאָר, צוויי אַרום וועט אָדער ער זי אַוועקוואַרפן. אָדער זי וועט אַריינטרעטן אין אַ נייער פאַרבינדונג, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָ־וויטש געטראַכט. — און איך, איינגייענדיק אויף דעם אומגעזעצלעכן גט, וועל זיין דער שולדיקער פון איר אומקומען“. ער האָט דאָס אַלץ דורכ־געטראַכט הונדערטער מאָל און איז געווען איבערצייגט, אַז דער ענין פון גט איז נישט בלויז זייער איינפאַך, ווי זיין שוואָגער האָט געזאָגט, נאָר אינגאַנצן אוממעגלעך. ער האָט נישט געגלייבט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטשן קיין איין וואָרט, האָט אויף יעדן וואָרט זיינעם געהאַט טויזנטער אָפ־

ווענדונגען, אָבער ער האָט אים אויסגעהערט, פילנדיק, אַז דורך זיינע ווערטער דריקט זיך אויס יענער מעכטיקער גראָבער כוח, וועלכער פירט אָן מיט זיין לעבן און וועלכן ער וועט זיך מוזן אונטערגעבן.

— די פראַגע באַשטייט בלויז אין דעם, ווי אַזוי, אויף וואָסערע באַדינגונגען דו וועסט מסכים זיין דורכצופירן דעם גט. זי וויל גאָרנישט, האָט נישט צו בעטן דיך, זי פאַרלאָזט זיך אינגאַנצן אויף דיין גרויס-מוטיקייט.

„גאָט מיינער! גאָט מיינער! פאַרוואָס?" האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנ-דראָוויטש אַ קלער געטון, דערמאָנענדיק זיך די איינצלהייטן פון גט, באַ וועלכן דער מאַן נעמט די שולד אויף זיך, און מיטן זעלבן זשעסט, וואָס ווראָנסקי האָט זיך פאַרדעקט, האָט ער פאַר בושה זיך פאַרדעקט דאָס פנים מיט די הענט.

— דו ביסט דענערווירט, איך פאַרשטיי דאָס. נאָר אויב דו וועסט דורכקלערן...

„און דעם, וואָס האָט דיר אַ פאַטש געטון אין דער רעכטער באַק אַריין, שטעל אונטער די לינקע, און דעם, וואָס האָט דיר אויסגעטון דעם קאַפטן, גיב אַוועק דאָס העמד", האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אַ קלער געטון.

— יאָ, יאָ, — האָט ער אויסגעשריגן מיט אַ קוויטשעדיק קול, — איך נעם אויף מיר די שאַנד, גיב אַוועק אפילו דעם זון, נאָר... נאָר צי איז נישט גלייכער דאָס אינגאַנצן צו רו לאָזן? איבעריקנס, טו, וואָס דו ווילסט...

און, אַוועקדרייענדיק זיך פון שוואָגער, אַזוי אַז יענער זאָל אים נישט קאָנען זען, האָט ער זיך געזעצט אויף אַ שטול באַם פענצטער. אים איז געווען ביטער, אים איז געווען אַ בושה, נאָר ער האָט צוזאַמען מיט דער דאָזיקער ביטערקייט און שאַנד איבערגעלעבט אַ פרייד און גע-רירטקייט פאַר דער הויכקייט פון זיין הכנעה.

סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש איז געווען גערירט. ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע.

— אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, גלייב מיר, אַז זי וועט אָפשאַצן דיין גרויסמוטיקייט, — האָט ער געזאָגט. — נאָר, אַפנים, אַז אַזוי איז געווען גאָטס ווילן, — האָט ער צוגעגעבן און, זאָגנדיק דאָס, דערפילט, אַז דאָס איז נאַריש, און קוים זיך אָפגעהאַלטן פון אַ שמייכל איבער זיין נאַרישקייט.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן, נאָר טרערן האָבן אים אָפּגעהאַלטן.

— דאָס איז אַ פּאַטאַל אומגליק און מען מוז עס אָנערקענען. איך אָנערקען דאַסדאָזיקע אומגליק אַלס געשעענעם פאַקט און באַמי זיך צו העלפן סיי איר סיי דיר, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט.

ווען סטעפּאַן אַרקאַדייעוויטש איז אַרויסגעגאַנגען פון שוואָגערס צימער, איז ער געווען גערירט, אָבער דאָס האָט אים נישט געשטערט צו זיין צופרידן פון דעם, וואָס ער האָט די זאַך דורכגעפירט מיט דערפאָלג, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש וועט זיך נישט אָפּזאָגן פון זיינע ווערטער. צו דעם פאַרגעניגן האָט זיך צוגעמישט נאָך דאָס, וואָס אים איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז ווען די זאַך וועט אויסגעפירט ווערן, וועט ער דעם ווייב און די נאָענטע באַקאַנטע שטעלן אַ פראַגע: „וואָסער חילוק איז צווישן מיר און אַ פעלדמאַרשאַל? — אַ פעלדמאַרשאַל מאַכט אַ פונאַנדערגאַנג — און קיינעם ווערט פון דעם נישט בעסער, און איך האָב געמאַכט אַ פונאַנדערגאַנג — און דריי איז געוואָרן בעסער. אָדער, מיט וואָס בין איך גלייך צו אַ פעלדמאַרשאַל? ווען... איבעריקנס, איך וועל צוטראַכטן בעסער“, האָט ער זיך געזאָגט מיט אַ שמייכל.

XXIII.

וורָאָנסקיס ווונד איז געווען געפערלעך, הגם זי האָט געמיטן דאָס האַרץ. און עטלעכע טעג האָט ער זיך געפונען צווישן לעבן און טויט. ווען ער איז דאָס ערשטע מאָל אימשטאַנד געווען צו רעדן, איז בלויז וואַריאַ, דעם ברודערס ווייב, געווען אין זיין צימער.

— וואַריאַ, — האָט ער געזאָגט, שטרענג קוקנדיק אויף איר, — איך האָב אויסגעשאָסן אין מיר צופעליק. און, איך בעט דיך, רעד קיינמאָל נישט וועגן דעם און אַזוי זאָג יעדן. וואָרים אַנדערש איז דאָס צו נאַריש.

וואַריאַ האָט נישט געענטפערט אויף זיינע ווערטער, זיך אָנגעבויגן איבער אים און מיט אַ פריידיקן שמייכל אים אַ קוק געטון אין פּנים

אַריין. די אויגן זענען געווען ליכטיקע, נישט קיין פֿיבערהאַפֿטע, נאָר זייער אויסדרוק איז געווען אַ שטרענגער.

— נו, דאַנקען גאָט! — האָט זי געזאָגט. — עס טוט דיר נישט וויי?

— אַ ביסל דאָ. — ער האָט אָנגעוויזן אויף דער ברוסט.

— לאָז וועל איך דיר איבערבינדן.

ער האָט געשוויגן, צונויפֿגעדריקט זיינע ברייטע באַקנביינער און געקוקט אויף איר, ביז זי האָט אים איבערגעבונדן. ווען זי האָט געענדיקט, האָט ער געזאָגט:

— איך רעד נישט פֿון היץ, איך בעט דיך, מאַך אַזוי, אַז מען זאָל נישט רעדן וועגן דעם, אַז איך האָב אויסגעשאָסן אין מיר בכיוון.

— קיינער רעדט גאָרנישט. נאָר איך האָף, אַז דו וועסט שוין מער צופֿעליק נישט שיסן, — האָט זי געזאָגט מיט אַ פֿרעגנדיקן שמייכל.

— מסתמא וועל איך שוין נישט, נאָר עס וואָלט בעסער געווען...

און ער האָט אומעטיק אַ שמייכל געטאָן.

נישט געקוקט אויף די דאָזיקע ווערטער און אויף דעם שמייכל, וואָס האָבן אַזוי דערשראָקן וואַריען, האָט ער דערפֿילט, ווען די אָנטצינדונג איז אַריבערגעגאַנגען און ער האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַרבעסערן, אַז ער האָט זיך אינגאַנצן באַפֿרייט פֿון איין טייל פֿון זיין צרה. ער האָט מיט דעם דאָזיקן טאָט אַזוי ווי אָפּגעוואַשן פֿון זיך די בושה און די דערנידעריקונג, וועלכע ער האָט פֿריער געפֿילט. ער האָט אַצינד געקאָנט רויק טראַכטן וועגן אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן. ער האָט אָנערקענט זיין גאַנצע גרויסמוטיקייט און זיך שוין נישט געפֿילט דערנידעריקט. ער איז, חוץ דעם, ווידער אַריין אין דער פֿריערדיקער קאָליע פֿון לעבן. ער האָט געזען אַ מעגלעכקייט אָן בושה צו קוקן מענטשן אין די אויגן אַריין און געקאָנט לעבן, ריכטנדיק זיך לויט זיינע געוווינהייטן. דאָס איינציקע, וואָס ער האָט נישט געקאָנט אַרויסרייסן פֿון זיין האַרץ, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט אָן אויפֿהער געקעמפֿט מיט דעם געפֿיל, — דאָס איז געווען די באַדויערונג, וואָס איז דערגאַנגען ביז פֿאַרצווייפֿלונג, אַז ער האָט זי אויף אייביק פֿאַרלוירן. דאָס, וואָס ער האָט אַצינד, האָבנדיק אויסגעקויפֿט זיין שולד קעגן מאַן, געמוזט זיך אָפּזאָגן פֿון איר און קיינמאָל אין דער צוקונפֿט זיך שוין נישט שטעלן צווישן איר מיט איר חרטה און איר מאַן, איז געווען פֿעסט באַשלאָסן אין זיין האַרץ; נאָר ער האָט נישט געקאָנט אַרויסרייסן פֿון זיין האַרץ די באַדויערונג וועגן פֿאַרלוסט פֿון איר ליבע-

נישט געקאָנט אויסמעקן פון זיין זכרון די גליקלעכע מינוטן, וועלכע ער האָט איבערגעלעבט מיט איר, וועלכע זענען אַזוי ווייניק געשעצט געוואָרן דורך אים דעמאָלט און וועלכע האָבן מיט זייער גאַנצן צויבער אים פאַר־פאָלגט אַצינד.

סערפּוכאָווסקי האָט צוגעטראַכט פאַר אים אַ באַשטימונג קיין טאַש־קענט, און ווראָנסקי האָט אָן דער מינדסטער וואַקלעניש איינגעשטימט אויף דעמדאָזיקן פאָרשלאַג. אָבער וואָס מער עס האָט זיך דערנענטערט די צייט פון אַוועקפאָרן, אַלץ שווערער איז אים געוואָרן דער קרבן, וועלכן ער האָט געבראַנגט פאַר דעם, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר נייטיק.

זיין ווונד האָט זיך פאַרהיילט, און ער איז שוין אַרויסגעפאָרן, מאַכנדיק די צוגרייטונג צום אָפּפאָרן קיין טאַשקענט.

„איינמאָל זעען זי און דערנאָך באַגראָבן זיך, שטאַרבן“, האָט ער געטראַכט און, מאַכנדיק די געזעגנונגס־וויזיטן, האָט ער דעמדאָזיקן געדאַנק אַרויסגעזאָגט בעטסין. מיט דעמדאָזיקן שליחות זיינעם איז בעטסי גע־פאָרן צו אַננען און געבראַנגט אים אַ נעגאַטיוון ענטפער.

„גלייכער אַזוי, — האָט ווראָנסקי אַ קלער געטון, דערהאַלטנדיק דידאָזיקע ידיעה. — דאָס איז געווען אַ שוואַכקייט, וועלכע וואָלט אַ תּל געמאַכט פון מיינע לעצטע כּוחות“.

צומאָרגנס איז בעטסי אַליין אינדערפרי געקומען צו אים און דער־קלערט, אַז זי האָט באַקומען דורך אָבלאָנסקין אַ זיכערע ידיעה, אַז אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש גיט אַ גט און אַז דעריבער קאָן ווראָנסקי זעען אַננען.

נישט זאָרגנדיק אפילו וועגן אָפּפירן בעטסין, פאַרגעסנדיק אַלע זיינע באַשלוסן, נישט פרעגנדיק, ווען מען קאָן, ווו דער מאַן איז, איז ווראָנסקי גלייך געפאָרן צו די קאַרענינס. ער איז אַרויפגעלאָפן אויף די טרעפּ, קיינעם און גאָרנישט זעענדיק, און מיט שנעלע טריט, קוים זיך אָפּהאַלטנ־דיק פון לויפן, אַריינגעגאַנגען אין איר צימער. און נישט טראַכטנדיק און נישט באַמערקנדיק, צי עס איז דאָ ווער אין צימער אָדער נישט, האָט ער זי אַרומגענומען און אָנגעהויבן באַדעקן מיט קושן איר פּנים, די הענט און דעם האַלז.

אַננאַ האָט זיך געגרייט צו דערדאָזיקער זעונג, האָט געטראַכט וועגן דעם, וואָס זי וועט אים זאָגן, אָבער זי האָט פון דעם גאָרנישט באַ־וויזן צו זאָגן; זיין ליידנשאַפט האָט זי אַרומגעכאַפּט. זי האָט געוואָלט איינשטילן אים, איינשטילן זיך, אָבער עס איז שוין שפּעט געווען. זיין גע־

פיל האָט זיך איבערגעגעבן איר. אירע ליפּן האָבן געציטערט אַזוי, אַז זי האָט לאַנג גאָרנישט געקאָנט רעדן.

— יאָ, דו האָסט מיך באַזיגט, און איך בין דיינע, — האָט זי ענדלעך אַרויסגעזאָגט, צודריקנדיק זיינע הענט צו איר ברוסט.

— אַזוי האָט עס געמוזט זיין! — האָט ער געזאָגט. — כּל זמן מיר לעבן, מוז אַזוי זיין. איך ווייס דאָס אַצינד.

— דאָס איז אמת, — האָט זי געזאָגט, — אַלץ מער און מער בלייך ווערנדיק און אַרומנעמענדיק זיין קאָפּ. — פונדעסטוועגן איז דאָ עפּעס שרעקלעכס אין דעם, נאָך דעם, וואָס ס'איז פּערגעקומען.

— אַלץ וועט איבערגיין, אַלץ וועט איבערגיין, מיר וועלן זיין אַזוי גליקלעך! אונזער ליבע, אויב זי האָט זיך געקאָנט שטאַרקן, איז זי שטאַרקער געוואָרן דורך דעם, וואָס ס'איז דאָ אין איר עפּעס שרעקלעכס, — האָט ער געזאָגט, אויפהייבנדיק דעם קאָפּ און אויפדעקנדיק מיט אַ שמייכל זיינע פעסטע ציין.

און זי האָט נישט געקאָנט נישט ענטפערן מיט קיין שמייכל — נישט די ווערטער, נאָר די פאַרליבטע אויגן זיינע. זי האָט אים אָנגענומען בא דער האַנט און זיך געגלעט מיט איר איבער די קאַלט געוואָרענע באַקן און אָפּגעשוירענע האָר.

— איך דערקען דיך נישט מיט דיזאָזיקע קורצע האָר. דו ביסט אַזוי שיין געוואָרן. אַ יינגל. אָבער ווי בלייך דו ביסט!

— יאָ, איך בין זייער שוואַך, — האָט זי שמייכלענדיק געזאָגט. און אירע ליפּן האָבן ווידער אַ ציטער געטון.

— מיר וועלן פאָרן קיין איטאַליע, דו וועסט דיך פאַרבעסערן, — האָט ער געזאָגט.

— צי איז דאָס מעגלעך, אַז מיר זאָלן זיין ווי מאַן און ווייב, אַליין, מיט אַן אייגענער פאַמיליע? — האָט זי געזאָגט, נאָענט זיך איינקוקנדיק אין זיינע אויגן.

— מיך וואונדערט בלויז, ווי אַזוי דאָס האָט געקאָנט זיין אַמאָל אַנדערש.

— סטיווואַ זאָגט, אַז ע ר איז אויף אַלץ מסכּים, אָבער איך קאָן נישט אָננעמען ז י י ן גרויסמוטיקייט, — האָט זי געזאָגט, פאַרטראַכט קוקנדיק פאַרביי וראָנסקיס פּנים. — איך וויל נישט קיין גט, מיר איז אַצינד אַלץ איינס. איך ווייס בלויז נישט, וואָס ער וועט באַשליסן וועגן סעריאָזשען.

ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי זי האָט גע־קאָנט אין דער מינוט פון דער זעונג טראַכטן און געדענקען וועגן זון, וועגן גט. איז דען נישט אַלץ איינס ?

— רעד נישט וועגן דעם, טראַכט נישט, — האָט ער געזאָגט, דריייענדיק איר האַנט אין זיינער און באַמיענדיק זיך צוצוציען צו זיך איר אויפמערקזאַמקייט ; אָבער זי האָט אַלץ נישט געקוקט אויף אים.

— אַך, פאַרוואָס בין איך נישט געשטאָרבן, עס וואָלט בעסער געווען, — האָט זי געזאָגט, און שטומע טרערן האָבן גענומען לויפן אי־בער אירע ביידע באַקן ; נאָר זי האָט זיך באַמיט צו שמייכלען, כדי אים נישט מצער צו זיין.

אָפּזאָגן זיך פון דער שמייכלהאַפטער און געפערלעכער באַשטימונג קיין טאַשקענט וואָלט לויט ווראָנסקיס פריערדיקע באַגריפן געווען שענד־לעך און אוממעגלעך. אָבער אַצינד האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון איר, נישט פאַרטראַכטנדיק זיך אויף קיין מינוט, און, באַמערקנדיק אין די העכערע קרייזן אַן אומצופרידנקייט פון זיין טאַט, האָט ער זיך גלייך אַנ־געגעבן אין דעמיסיע.

אין אַ חודש אַרום איז אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געבליבן אַליין מיטן זון אין זיין וווינונג, און אַננאַ איז מיט ווראָנסקין אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד. זי האָט נישט באַקומען קיין גט און אַנטשלאָסן זיך אָפּ־צוזאָגן פון אים.

סוף פון ערשטן באַנד.